



ספר

חסדי אבות

פירוש על סדר

פרקי אבות

באור נפלא בלשון **עברי טייטש** מלוקט מגדולי המפרשים׳ ונוספו עליו ספורים ואגדות חז״ל מתלמוד ומדרשים׳ ומגאוני ארץ׳ ומשלים הרבה מהרב המגיד מדובנא המטיפים לקח ודבר ה׳ לבית ישראל:

חוברו ונאספו ונעתקו

על ידי חכמים משכילים. אשר קנינו מהם הזכות לצמיתות.

אִין דִיזֶען סֵפֶר **חסדי אבות** גִיפִינְט מֶען פִיל טַייעֶרֶע פְּרוּשִׁים אוֹיף פִּרְקֵי אָבוֹת. אוֹיךְ זֵייעֶר שֵׁיינֶע מַעֲשִׂיּוֹת׳ פוּן אוּנְזֶערֶע גְאוֹנִים׳ אוּנ אוֹיךְ שֵׁיינֶע מְשָׁלִים פוּן דִי גְרֶעסְטֶע אוּנ בֶּעסְטֶע מַגִּידִים׳ אוּנ אַלֶעם אוֹיף **עברי טייטש**. גוּט אוֹיס גִידְרִיקְט מִיט אַשֵׁיינֶעם לָשׁוֹן׳ בִּכְדֵי אַלֶע זָאלִין פַאר שְׁטֵיין:

אוֹיךְ הָאבִּין מִיר מוֹסִיף גִיוֶועֶן אוֹיף דֶעם מַאֲמַר כָּל יִשְׂרָאֵל אוּנ אוֹיף רַבִּי חֲנַנְיָא בֶּן עֲקַשְׁיָא זֵייעֶר אַגוּטִין פֵּירוּשׁ אוֹיף עִבְרִי טַייטְשׁ וָואס בִּיז אִיצְט אִיז נָאךְ נִיט גִידְרוּקְט גִיוֶועֶן.

ווילנא

בדפוס ראזענקראנץ ושריפטזעטצער.

שנת תרס״ח לפ״ק

ХАСДЕ АБОТЪ.

Благочествіе предковъ. Переводъ І. М. **Вольмана.**

Съ Виленскаго изданія 1893 года.

ВИЛЬНА. Типографія Розенкранца и Шрифтзетцера.
Лидскій переулокъ, домъ № 7. 1908 г.

הקדמה



דיזער ספר חסדי אבות איז געווען געווערט צו געשריבן זיין אין לשון קודש · נאר פיל ספרים פון גאונים אונ צדיקים · וואס ריידן אין די יסודות פון אידישקייט אחד פון גוטע מדות · האבן זייערע מחברים זיי מחבר געווען אין דעם לשון וואס זייער פאלק האט דענמאלס גערעט · בכדי דאס גאנצי פאלק זאלן דאס קענן אליין לערנן · אונ זאלין ניט בדארפן אנקומען צו איין אנדערן וואס ער זאל זיי דאס געבן צו פארשטיין · ווייל דאס וואס אמענטש ליינט אליין פארשטייט ער דאס בעסר אלס ער הערט עס פון איינעם אנדערין · צום בייא שפיל · רבינו סעדיה גאון האט מחבר געווען זיין ספר האמונות והדעות אין דעם אראבישען שפראך · אונ אויך רבינו בחיי האט דעם חובת הלבבות נאר אין דר אראבישע שפראך געשריבן · ווייל אין זייער צייט · האבן מיר יידען נאר אראביש גערעט · אונ דרום האבן זיי אויך מיט דעם לשון געשריבן בכדי דאס פאלק זאל עס לייענען · אונ די מדות אונ די עיקרים פון דר אמונה זאל זיך איינוואורצלען ביי זיי אין הארצן · לכן האבן מיר אויך גנומען דאס גלייכן צו שרייבן דעם פירוש פון פרקי אבות וואס אין זיי געפינען זיך אלע בעסטע מדות אונ מוסר נאר אין יודעשע שפראך · בכדי אלע זאלן עס לייענען אונ פארשטיין · אונ די מדות טובות וועט ביי זיי אין הארצן איין געווארצילט ווערן · אונ ווייל די גמרא זאגט אין מס׳ (ב״ק דף ל׳) ווער עס וויל זיין איין חסיד · דר זאל מקיים זיין די גוטע מדות רופט מען אים חסיד · דרום האבן מיר אנאמען געגעבן דעם ספר חסדי אבות · ווייל חסד איז אגוטע מדה ·

אונ אזוי וויא די חכמים לערנן אונז זייערע מדות · בדארפן מיר היטן דאס מיר זאלן ניט גורם היזק זיין צו אנדערע לייטן : לכן זאלן אלע וויסן דאס דעם זכות פון דיזען ספר האבן מיר אפ געקויפט · אונ מיר זיינען מזהיר דאס קיין אנדרר זאל עס ניט נאכדרוקן · סאיי וויא ער איז אדער אפי׳ מיט איין שינוי השם וועט אויך ניט העלפן · אונ מלבד וואש איז אסור עפ״י תורה אונ חז״ל וועט ער נאך בעשטראפט ווערן עפ״י חוקי הממשלה .

המדפיסים



פון דעם ערשטין שבת נאך פסח הייבט מען אן צו זאגין פרקי אבות ביז ראש השנה:

כָּל יִשְׂרָאֵל יֵשׁ לָהֶם חֵלֶק לָעוֹלָם הַבָּא · שֶׁנֶּאֱמַר וְעַמֵּךְ כֻּלָּם צַדִּיקִים לְעוֹלָם יִירְשׁוּ אָרֶץ נֵצֶר מַטָּעַי מַעֲשֵׂה יָדַי לְהִתְפָּאֵר:

חסדי אבות

כל ישראל יש להם חלק לעולם הבא · יעדער מענש וואס ער טראגט אויף זיך דעם נאמען ישראל · דר האט מיט אלעמען צו גלייך אחלק אין די אייביגע וועלט · דאס מיינט מען הין אין דעם עולם הנשמות וואו דיא נשמה לעבט אין גן עדן נאך דעם טויט פון גוף · הין אין דעם אייביגן לעבן נאך דעם אז די מתים וועלין ווידער לעבדיג ווערין (תחית המתים) · דער מדרש שמואל פרעגט אקשיא ווארום זאגט דיא משנה מיט דעם לשון יש להם חלק לעולם הבא · אזו וויא זייא האבין שוין פון לאנג אן אחלק אין די אייביגקייט · אונ זיא זאגט ניט זוכין לחיי עוה"ב · אונ דאס זאל בעדייטן אז זיי פערדינן דאס לעבן פון עוה"ב · אונ ווידער איז אקשיא פון דעם פסוק וואס דר תנא ברייננגט · ועמך כלם צדיקים גלייך וויא כל ישראל וואס האבן גלעבט אין זיין צייט אונ אין אונזערע צייטן זיינען אלע גוט אונ פרום · אונ באמת האט דאס דר נביא גיזאגט אויף לעתיד לבוא אז משיח וועט קומען וועלן דענסטמאל אלע יודן זיין צדיקים אונ זיי וועלן מעהר ניט זינדיגן ווייל דענמאלט וועט דער יצה"ר בטל ווערן וויא אלע נביאים האבן גזאגט והסירותי את לב האבן מבשרכם ועשיתי את אשר בחקי תלכו · השי"ת האט אונז מבטיח גיוועזן איך וועל דעם שטיינערנעם הערצן וועגשאפן פון אייער לייב · אונ איך וועל מאכן דאס איהר זאלט גיין אין מיינע גזעץ אונ איהר זאלט היטן מיינע מצות · אונ נאך שוועהרער פון אלע קשיות איז דאס דריטע קשיא · וויא באלד די משנה האט גזאגט בסתם כל ישראל יש להם חלק לעוה"ב · יעדר ישראל האט אחלק אין די אייביגקייט גאר אהן אויסנאמע נוא וויא אזוי וועט זיך דער ישראל וועלן משתדל זיין צו דינען גאט אונ היטן די תורה מיט די מצות אז ער איז דאך זיכר דאס ער וועט אהן דעם אויך האבן עוה"ב · דעם תירוץ שרייבט דער דובנר מגיד אין אהל יעקב · דאס עס איז אגרויסער אונטערשייד צווישן אכלל מענשין אונ צווישען אפרט · דאס הייסט אקהל מיט איחיד זיינען ניט גלייך · דען עס איז אפט דא אשטאט וואס מען זאגט אויף איהר אז יעדר פון איהרע בעלי הבתים אביוואטעלעם איז רייך אונ בכלל איז דיא שטאט זייער ארום · ווייל איהר גמיינדע (אבשציסטווע) האבן קיין שום הכנסה (איינטראג געלד) · דאס רופט מען דר כלל איז ארים אונ דער פרט איז רייך · אונ עס איז דא ווידער איינע אנדרע שטאדט וואס מען זאגט אויף איהר אז בכלל איז זיא רייך · דא קען זיך זיין אז נאר איהר גמיינדע איז רייך איהר אבשציסטווע) האבן אגרויסין אוצר מיט געלד ווייל איהר הכנסה (דאחאד) איז גרויס · אבער דער פרט יעדער בעה"ב איז ארים · אונ מיט דעם געלד פון כלל קענן שאפן נאר די גבאים פון דר קהלה · דער וואס ער איז זוכה צו זיין אגבאי דער האט איבר דעם געלד צו שאפן · אבער ניט יעדר בעל הבית פאר זיך קען עס אנגעבן פאר איין זאלאג אויף זיין גשעפט · דאס זעלביגע האט אויך גמיינט דר תנא פון דער משנה: כל ישראל יש להם חלק לעולם הבא אלע ישראל בכלל האבין פון לאנג אן אחלק אין דיא אייביגע וועלט · אונ יעדר האט רשות דאס ער זאל דורך זיינע מעשים טובים צו טרעטין אונ צו רעכינען זיך אין דעם כלל אונ מקבל זיין פון השי"ת די השגחה וואס איז בגרעניצט גוואורן נאר צו דיא גאטספארכטיגע לייט וואס זיי אכטן זיין נאמן · אונ דרום האט זיך דר תנא אויס געדריקט מיט דעם לשון יש להם אונ ניט יש לו · ווייל דאס הייסט אויפן כלל · אונ דער כלל ישראל

יזינען

זיינן געוויס רייך · אונ ער ברענגט דרום די ראיה פון דעם פסוק ועמך כלם צדיקים · נאך אבותה ליגט אין דר משנה צו בעווארינן יעדן איש ישראל אז ער זאל זעהן זיך משתדל זיין צו היטן די תורה ומצות · אונ דר תנא בעווייזט איהם פאקטיש אז ער קען זייער גרינג פערלירן זיין געוויסן קאפיטאל וואס ער האט · אונ דרום האט דער תנא ניט אויסגעדריקט מיט דעם לשון כל ישראל זוכה דאס הייסט יעדר ישראל זאל פערדינן עוה״ב · דען למשל אז מען זאל זאגן צו איינעם ארימען מענשן בדרך עצה · ער זאל זיך זעהן צו פערקארגן פון זיין הוצאה אונ אויסקומן מיט ווייניג · וויא וייט מעגליך איז ביז ער וועט מיט דר צייט צו זאמן קלייבן איין וויכטיגן קאפיטאל וואס ער וועט זיין אין שטאנד זיך איין טייערן מויער אוים צו בויאען · וועט ער עס געוויס ניט וועלן הערן · דען צו וואס איז איהם אזו נייטיג זיך אלאנגע צייט זיין לעבינסמיטל צו לאזן פעהלן · זיך פייניגן אונ קוועלן · ווייל ער וועט ווען עס איז האבין אמויער · ער וועט געוויס ענפערן : איי זאל איך ניט זיין קליגר פאר מיינע עלטערן · זייא האבן אויך גלעבט אהן אמויער צו האבן · אבר זאלן מיר פרובן זאגן צו איינעם ארימען מענשן וועלכר האט אמויער בירושה פון זיין פאטר · צו וואס דארפסט דו זיך אזו מוצען אונ שווער לעבן · דו קענסט דאך דיין לעבן פערבעסרן אונ פערגרינגערן · דו פערקויף דיין הויז אונ האב געלד צום לעבן · דיזער וועט עס געוויס ניט מרוצה ווערן · ער וועט ענטפרין גאט בעהיט מיך דאס איך זאל פערקויפן מיין נחלה וואס איך האב פון מיינע עלטערן בירושה · דאס זעלביגע איז אויך מיט דעם עולם הבא · ווען מען זאל ראטהן דעם מענשן אונ זאגן צו איהם : מענש זעה זיך משתדל צו זיין צו היטן די תורה מיט דיא מצות וועסט דו פערדינן צו האבן אגרויסן חלק לעוה״ב · וועט ער זיך גאר ניט אזוי איילן צו לערנען דיא תורה אונ צו היטן איהרע מצות · אבער אומגיקערט · ווען מען פערזיכערט איהם אויף גוויס אז ער האט עולם הבא · גאר ער מוז זיך זעהן צו בעווארינן אז איבר זיינע פיל חובות זאל מען זיין עוה״ב באיי איהם ניט אפנעמן · דאס איז פונקט וויא זיין מויער ליגט אין זאלאג · אונ איבר זיינע שולדן קען ער זיין פערלארן · אויף דעם אופן אז דער מענש ווייס דאס · וועט ער זיך משתדל זיין מיט אלע זיינע קרעפטן צו באצאלן זיינע שולדיגקייטן מיט תורה מצות אונ מעשים טובים · גאר צו פערהיטן דאס זיין עוה״ב זאל ניט גיין פערלארן פון אים · דרום האט זיך דער תנא אויסגעדריקט מיט דעם לשון : כל ישראל יש להם חלק לעוה״ב יעדער ישראל האט בעשטימט איין חלק אין דעם עולם הבא בכדי צו דר וועקן דאס הערץ פון יעדן מענשן אז ער זאל חס האבן אויף זיין חלק עוה״ב אונ היטען איהם אז ער זאל ח״ו ניט פערלירען איבר זיינע זינד · אונ ער האט גבראכט איין בעוויז (אין דאקאזאטעלסטווא) פון דעם פסוק וואס דער נביא האט גזאגט : ועמך כלם צדיקים לעולם יירשו ארץ אז דיין פאלק זיינן אלע צדיקים וועלן זיי דעם לאנד פון לעבן (ארץ החיים) ארבען אויף אייביג · דער תפארת ישראל שרייבט · דרום האט די משנה זיך אויסגעדריקט מיט דעם לשון כל ישראל איטליכער ישראל האט אחלק אין דעם אייביגן לעבן גאר אהן אויסנאמע · אום צו לאזן אונז וויסן אז אפילו די חוטאים ופושעים די זינדיגע אונ די שולדיגע פון ישראל דהיינו דיא וואס זיינן גוועזן חייב כרת אדער חייב מיתת בית דין נאך דעם אז זייא האבן שוין געליטען זייער שטראף (אונ זיי האבן אויף זיך מקבל גוועזן דעם דין שמים נאך דר דעה פון רמב״ם אונ אנדערע פוסקים) זיינען זיי גרעכינט צווישן אלע צדיקים · אונ עס ווערט פון זיי פערשניטן גאר דיא נפש הבהמית דיא ליידענשאפטליכע נפש דאס מיינט מען די כוחות וואס האבן

גֶעפִֿילְט דִי תַּאֲוֹת · אָבֶּר דִי הוֹיכֶע נְשָׁמָה וָואס זַיי הָאבֶּן זִיא אִיז אַיין פּוּנְק פֿוּן גָאט ב״ה · אוּנ זִיא קֶען נִיט כָּלֶה וָוערְן · נָאר אוֹיב דִיא תַּאֲוֹת פֿוּן גוּף מִיט זַיינֶע זִינְד הָאבֶּן אִין אִיהְר גְּווִירְקְט אַזוֹ אַיין שָׁאדְן אַז אִיהְרֶע פְלֶעקֶן הַאלְטְן אִיהְר אָפּ פֿוּן צוּ בֶּעלַייכְטְן זִיךְ מִיט דֶעם לִיכְט פֿוּן לֶעבֶּן · דֶעמָאלְט מָאל מוּז דִי נְשָׁמָה גְוַואשְׁן אוּנ גְלַייטֶערְט וָוערְן פֿוּן אִיהְרֶע פְלֶעקְן דוּרְךְ זֶייעֶר אַיין אַיידֶעלְן פַייעֶר · וָואס עֶס הֵייסְט אֵשׁ רוּחֲנִי אָדֶר אֵשׁ אֱלֹהִי · אוּנ דָאס אִיז נִיט בְּדֶרֶךְ נְקָמָה ח״ו · נָאר פֿוּן אִיר טוֹבָה וֶוענְן בִּכְדֵי זִיא זָאל רַיין צוּא מַאכֶּן · (אַזוֹ ווִיא מֶען בְּרֶענְט אוֹיס ווִילְדְפְלַייש פֿוּן אַוואוּנְד) · אוּנ נָאכְדֶעם קוּמְט זִיא אַרוֹיף אִין דֶעם גַן עֵדֶן הָעֶלְיוֹן זִיא אִיז נֶהֱנָה מִזִיו הַשְּׁכִינָה אוּנ גְלַאנְצְט מִיט דֶעם לִיכְטִיגֶען שַׁיין פֿוּן אַייבִּיגֶן לֶעבֶּן · אוּנ דָאס אִיז מְרוּמָז אִין דֶעם לָשׁוֹן פֿוּן דֶער מִשְׁנָה כָּל יִשְׂרָאֵל יֵשׁ לָהֶם חֵלֶק · ווייל צְווִישְׁן זַייא אִיז דָאךְ דָא לַייט וֶועלְכֶע זַיינֶען חַיָּיב כָּרֵת אוּנ מִיתַת בֵּית דִין אוּנ דָאךְ הָאבֶּן זַיי פָּארְט אַלֶע אַיין חֵלֶק אִין דִיא עֶרְהוֹיבֶּענֶע נְשָׁמָה וֶועלְכֶע גֶהֶער הֲנָאָה צוּ הָאבֶּן בעוה״ב · דֶען אִין דִיא זָאכֶע זַיינֶען דָאךְ כָּל יִשְׂרָאֵל גְלַייךְ · ווייל אַלֶע הָאבֶּן דָאךְ דִיזֶען שְׁטְרַאל פֿוּן גָאט ב״ה וֶועלְכֶר אִיז זוֹכֶה צוּ לֶעבֶּן אִין דִי אַייבִּיגְקֵייט וָואס מִיר הָאפֶּן · אוּנ דְרוּם זָאגְט מֶען דִיזֶע מִשְׁנָה אוּם זוּמֶער פַאר אִיטְלִיכְן פֶּרֶק · ווייל אוּם זוּמֶער גִיבְּט אוּנְטֶר דִי מֶענְשְׁן מֶעהְר גִיזֶעלְשַׁאפְט אוּנ דִי בְּלוּטְן פֿוּן מֶענְשְׁן זַיינֶען דֶענְסְטְמָאלְט נַאטִירְלִיךְ זֶייעֶר דֶער הִיצְט · אוּנ דָאס גִיבְּט אָפְט גְלֶעגֶנְהַייט צוּ שְׁלֶעכְטֶע מִדּוֹת צוּ קִנְאָה · צוּ תַּאֲוָה אוּנ צוּ כָּבוֹד וָואס מֶען קֶען דֶענְסְטְמָאל זִינְדִיגֶן צוּ גָאט אוּנ צוּ מֶענְשְׁן · דְרוּם הָאט מֶען אוּנְז צוּ דִיזֶע קְרַאנְקְהַייטֶען גִיגֶעבִּין אַיין רֶעצֶעפְּט פֿוּן דִיא פִּרְקֵי אָבוֹת אַז מִיר זָאלְן עֶס אַיינְנֶעהְמֶען יֶעדְן שַׁבָּת פֿוּן דִי זוּמֶערְדִיגֶע טֶעג · אוּנ מֶען זָאגְט דִיזֶע מִשְׁנָה פַר יֶעדֶן פֶּרֶק כָּל יִשְׂרָאֵל הָאבֶּן דָאךְ אַיין חֵלֶק לעוה״ב אוּנ צְווִישְׁן זַיי זַיינֶען דָאךְ אוֹיךְ פִיל עֶרְלִיכֶע לַייט · אוּנ דוּ בִּיסְט דָאךְ פֿוּן זַיי נִיט אָפְּגְעטֵיילְט ווייל דוּא קֶענְסְט דָאךְ אוֹיךְ נַאטִירְלִיךְ גוּט הַאנְדְלֶען · ע״כ זָאלְסְט דוּ זִיךְ זֶעהֶן אָפְּהִיטְן פֿוּן אַזוֹינְר גֶעגְן מֶענְשְׁן דֶען אוֹיבּ דוּ וֶועסְט בֶּעגֵיין אַזוֹינְר גֶעגְן מֶענְשְׁן · זִינְדִיגֶנְסְט דוּ ווִידֶער דַיין נַאטוּר אוּנ ווִידֶער דַיינֶע בֶּשַׁאפֶענְהַייט · אוּנ דֶערִיבֶּער וֶועט זַיין דַיין שְׁטְרָאף גְרֶעסֶר פֿוּן אַנְדֶערֶע הַטְמֵאִים · אוּנ דֶר פָּסוּק זָאגְט וְעַמֵּךְ כֻּלָּם צַדִּיקִים דֶענְסְטְמָאל אַז דַיין פָאלְק וֶועלְן זַיין בִּכְלַל אַלֶע צַדִּיקִים · דָאס הֵייסְט וֶוען אַלֶע פְלֶעקֶן פֿוּן זִינְד וֶועלְן גְרֵיינִיגְט וֶוערְן פֿוּן דֶעם גָאטְלִיכְן פוּנְק וָואס רוּהְט אִין זַייא · דֶענְסְטְמָאל וֶועלְין זַיי אוֹיף אַייבִּיג בֶּעזִיצֶן דֶעם לַאנְד פֿוּן דֶעם אַייבִּיגֶן לֶעבֶּן וָואס הַשי״ת הָאט בֶּעשְׁטִימְט פַר זַייעֶרֶע נְשָׁמוֹת אִין גַן עֵדֶן אוּנ אוֹיךְ אַלֶע וֶועלְטְלִיכֶע פֶערְגֶענִיגֶן נָאךְ תְּחִיַּת הַמֵּתִים · אוּנ דֶרִיבֶּער אִיז דָאס אַזוֹ ווייל נֵצֶר מַטָּעַי זַייעֶרֶע נְשָׁמוֹת זַיינֶען דִיא צְוַוייגֶן מַיינֶער פְלַאנְצוּנְג · דֶען אִיךְ הָאבּ דִי עֶרְהוֹיבֶּענֶע נְשָׁמָה פָאר פְלַאנְצְט אִין דֶעם עֶרְדִישְׁן גוּף · מַעֲשֵׂה יָדַי לְהִתְפָּאֵר בִּכְדֵי זִיא זָאל אוֹיךְ בֶּעשֵׁיינֶען אוּנ אוֹיס אַיידְלֶען דֶעם גוּף וָואס אִיךְ הָאבּ מִיט מַיינֶע הֶענְד בַּשַׁאפֶן דוּרְךְ דִי קְדוּשָׁה וָואס עֶר וֶועט אוֹיף אִים צִיהֶן דוּרְךְ דִי בַּעֲשִׂיַּת הַמִּצְוֹת וָואס זַיי קֶענֶען אָהְן דִי אֵבָרִים פֿוּן גוּף נִיט גְטָאן וֶוערְן · אוּנ אוֹיבּ דוּרְךְ דִי גְזֶעלְשַׁאפְט אוּנ פֶערְבִּינְדוּנְג פֿוּן דֶר נְשָׁמָה מִיט דֶעם גוּף אִיז מֶעגְלִיךְ אַז דִי נְשָׁמָה זָאל פֶערְדָארְבֶּן וֶוערְן אָדֶער גָאר אִין גַאנְצְן פֶערְלָארְן וֶוערְן · ווִיא אַזוֹ (זָאגְט הַשי״ת) וָואלְט אִיךְ אִיר גְשִׁיקְט אוֹיף אַזוֹ אַוֶועלְט וָואס אִיז מֶער קָרוֹב צוּם שָׁאדְן ווִיא צוּ דַיינֶעם פֶערְדִינְסְט · ווייל דֶער מֶענְשׁ אִיז דָאךְ מֶעהֶרֶער גֶענֵייגְט צוּ זִינְדִיגֶן אַלְס פְרוּם צוּ זַיין · אֶלָּא אִיז דָאס נָאר ווייל אִיךְ ווֵייס גִיווִיס אַז דִיזֶער הַיילִיגֶר פּוּנְק קֶען בְּשׁוּם אוֹפֶן נִיט כָּלֶה וֶוערְן · דֶען סוֹף סוֹף מוּז עֶר קוּמֶען צוּ זַיין אָרְט וָואס פַר אִיהְם אִיז בֶּעשְׁטִימְט גְוָוארְן · אוּנ בֶּעזִיצֶן זַיין חֵלֶק לעוה״ב וָואס עֶס אִיז פֿוּן לַאנְג אָן פַאר אִיהְם צוּ גֶעגְרֵייט גִיוָוארְן :

א משה קבל תורה מסיני ומסרה ליהושע ויהושע לזקנים וזקנים לנביאים

חסדי אבות

משה קבל תורה מסיני · משה רבינו ע"ה האט מקבל געווען די תורה פון השי"ת וואס ער האט זיך בעוויזן אויף דעם בארג סיני · דר עולם פרעגט · וויא קומט רבינו הקדוש וואס ער האט מסדר געווען די משניות · אנצופאנגן די משניות פון אבות · וואס זיי ריידן גאר ניט פון דינים אונ פון הלכות · נאר פון מוסר אונ פון מדות אונ דרך ארץ · מיט קבלת התורה · די קשיא איז אפילו זייער אוויכטיגע אבער די תירוצים וואס מען ענטפערט דרויף זיינן זייער שוואך דען עס איז אלץ איין תירוץ בדוחק אונ דר בעסטער תירוץ איז וואס דר ווילנר גאון זכרו לברכה האט געענטפערט · אז די בעסטע מדה פון אלע מדות איז די מדה פון שקידה על התורה אז אמענש איז פלייסיג צו לערנען די תורה · וויא תנאים זאגן דא ווייטער אין די פרקים פון דיזר מסכת · ר' אלעזר אומר הוי שקוד ללמוד תורה ר' אלעזר זאגט דו זאלסט זיין אימר פלייסיג צו לערנען תורה · בן בג בג אומר בן בג בג זאגט הפוך בה והפוך בה זיי זיך מתעסק · אונ זיי זיך ווידער מתעסק אין דר תורה דכולא בה וויל אין איהר איז אלע גוטע מדות וסיב ובלה בה · אונ זאלסט אין איר צו ברייינגן דיינע יארן ביז גרויען עלטר ומנה לא תזוע אונ פון איר זאלסט דו קיין מאל וויכן שאין לך מדה טובה הימנה · דען קיין בעסערע מדה פון איר ווערסט דו ניט בעקומן · אונ דרום וויל די תורה איז דר גרונד פון אלע גוטע מדות דריבר האט רבינו הקדוש אנגיפאנגען דיא מסכת אבות וואס זיא לערינט אונז גוטע מדות מיט קבלת התורה · צו בעווייזן דאס השי"ת וואס ער איז אליין דער הער פון אלע מדות טובות האט גיגעבין די תורה וואס זיא לערינט אונז די גוטע מדות צו משה רבינו ע"ה וואס ער האט אין זיך אלע מדות טובות גיהאט אונ איבער הויפט די מדה פון ענוה · דאס ער האט זיך גהאלטן פר קליין וויא די תורה זאגט אויף אים עדות ומשה היה עניו מכל האדם אשר על פני האדמה · דאס הייסט משה האט זיך גהאלטן קלענר פון אלע מענשן וואס אויף דר ערד · ער האט מקבל געווען די תורה פון השי"ת וואס ער איז געקומן צו געבן איר פון דעם בארג סיני וואס ער איז א"יך געווען דער קלייןסטער פון אלע בערג · בכדי יעדר מענטש זאל וויסן אז די תורה וואס ער וועט לערנען וועט ביי אים זיך אנדערש ניט ערהאלטן נאר ווען ער וועט זיין ביי זיך קליין אונ נידעריג · ער בדארף אין זיך האבן די מדה פון ענוה אזו · וויא משה אונ וויא דר בארג סיני · וויא אונזרע חכמים האבן גזאגט אין עירובין · עס שטייט אין פסוק וממדבר מתנה · די תורה איז פון דעם מדבר סיני איין מתנה צו ישראל ואין התורה מתקיימת אלא במי שמשים עצמו כמדבר · די תורה קען אנדערש ניט האבן אקיום נאר ביי אזו אמענשן וואס ער האלט זיך פר אפוסטן אזו וויא דר מדבר · אונ ער איז אויך פריי (הפקר) וואס אלע טרעטן אין אים · ומסרה ליהושע · אונ ער האט זיא איבער געגעבן צו יהושע · דא איז אגוויינליכע קשיא וואס מען פרעגט · פר וואס האט דר תנא משנה געווען דעם לשון · ביי משה דריקט ער זיך אויס מיט דעם לשון קבלה משה קבל תורה משה האט ערהאלטן · די תורה פון גאט ב"ה אונ ביי יהושע שרייבט ער ומסרה ליהושע ער האט איר איבער געגעבן צו יהושע פאר וואס שטייט ניט אויך דא ויהושע קבל תורה ממשה אונ יהושע האט די תורה ערהאלטן פון משה · אדר ער האט אויך ביי משה אזו בדארפט שרייבן : המקום ברוך הוא מסר תורה למשה מסיני השי"ת האט איבר געגעבן די תורה צו משה פון דעם בארג סיני · אבר דר תירוץ איז גאר פשוט · וויל איין נביא לתורה איז נאר משה דאס הייסט משה האט יוא געקענט זאגן צו די ישראל דינים אונ מצות על פי הנבואה וויא גאט ב"ה האט מיט אים גערעט אין דר נבואה · אבר נאך אים איז מער קיין נביא ניט אויפגישטאנען וואס ער זאל מאגין זאגן אנייעם דין אדר וועלכע הלכה צו דעם פאלק וויל ער האט עס מקבל געווען פון גאטס מויל אין די ערשיינונג פון זיין נבואה · דען נאך דעם טויט פון משה ווען עס זאל קומן צו אונז אנביא אונ

ונביאים מסרוה לאנשי כנסת הגדולה׃ הם אמרו שלשה דברים

חסדי

זאגן אונז אנייע הלכה אין דר תורה דען ער ווערט זאגן אז גאט האט אים גשיקט דאס ער זאל אונז איבר געבן דעם דין אויף אלע מאל לדורות׃ דארפן מיר אים ניט צו הערן׃ נאר וויל איין מאל האט אונז השי״ת געגעבן אתורה פון הימל וועלכע משה רבינו ע״ה האט איר מקבל גוועזן פר אונז׃ אונ פון יענע צייט אן שטייט גשריבן לא בשמים היא׃ די תורה איז שוין ניט מער אין הימל׃ אבר איין חכם (ניט איין נביא) דר קען אונ מאג מיט זיין חכמה מחדש זייך דינים אונ הלכות נאך די כללים אונ די מדות התורה וואס די חכמים האבין גהאט בקבלה איש מפי איש וואס זיי האבין גלערינט יעדר דור פון דעם פריהריגן דור ביז דעם דור וואס האט די זעלביגע כללים גלערנט פון משה רבינו ע״ה׃ די גמרא זאגט אין תמורה אז נאך דעם טויט פון משה אין דער צייט פון זיין טרויער זיינן פיר אונ אכציג דינים פערגעסן גווארן פון ישראל׃ האט עס יהושע גפרעגט ביי השי״ת׃ ער האט אים גבעטן דאס ער זאל אים נאר דר מאנן דאס זעלביגע זאך וואס ער האט גלערינט פון משה האט השי״י געענטפערט אז דאס קען ניט זיין דען אויסער משה קען ניט געבן אמענש אויף דר וועלט וואס ער זאל מאגין זאגן איין הלכה מן השמים׃ אונ אזו הט אויך יהושע געענטפערט צו די ישראל וואס האבן אים גהייסן פרעגן ביי גאט׃ האט ער צו זיי גזאגט לא בשמים היא׃ אין הימל האט מען שוין מער קיין יכולת צו זאגן אדעה אין דר תורה׃ אונ אזו האט אויך שמואל הנביא געענטפערט צו די ישראל׃ אז אנביא תרי״ג משה איז ניט ערלויבט גווארין דאס ער זאל עט וואס מחדש זיין אין דר תורה דורך נבואה׃ אבר צו די זקנים וועלכע זיינן גוועזין חכמים ניט נביאים׃ זיי האבן יוא גהאט רשות אויפצוקלערן אונז נייע דינים אונ הלכות׃ וואס מיר מוזין זיי אן נעהמען היטן אונ מקיים זיין פונקט וויא די מצות התורה וואס מיר האבן פון משה מסיני׃ אונ אזו זאגט די גמרא (יומא דף פ׳) דאס איינגע הלכות האט אונז מתקן גיוועזין

אבות

דער בית דין פון יעבץ׃ דאס איז דר שופט עתניאל בן קנז וויל ער איז גוועזן אחכם אונ האט עס דר קלערט מיט חכמה׃ ניט דורך נבואה מפי ה׳ אונ דרום וויל איין נביא וואס מפי ה׳ מן השמים איז נאר גיוועזן משה רבינו ע״ה דרום זאגט ער ביי אים דעם לשון קבל׃ ער האט עס מקבל גוועזן פון גאט אין גאנצין וואס ער האט ניט בדארפט דר ביי קלערן מיט זיין שכל אונ אויך ניט מסביר זיין מיט אסברא דרום הייסט משה איין מקבל דען ער האט עס צו גנומן אזו וויא דאס איז ארוים פון דעם מקור אבר צו יהושע האט ער איבר געגעבן כללים אונ מדות (פארמן) וויא די תורה זאל גדרשת ווערין אויף כמה אופנים וואס דורך זיי קענן די חכמים אויפמאן נייעס אונ מחדש זיין הלכות אונ דאס רופן מיר תורה שבעל פה דאס זיינן מדרש אונ גמרא׃ דרום רופן מיר אן תורת משה אונ נביאים וכתובים מיט דעם נאמן תורה הכתובה׃ אונ מדרשים אונ גמרא רופן מיר אן מיט דעם נאמן תורה המסורה וואס זיא איז איבר געגעבן גווארן פון משה מיט אירע כללים אויס ווייניג צו יהושע׃ דריבער זאגט דא דר תנא דעם לשון ומסרה ליהושע ער האט עס צו יהושע איבר גיגעבן בעל פה מיט זיין מויל וואס זיי זיינן אין דר תורה ניט גשריבן גווארן מפורש (דייטליך)׃ אונ יהושע האט עס איבר געגעבן צו די זקנים וועלכע האבן געלעבט אלנגע צייט נאך יהושע׃ אונ די זקנים (סנהדרין) האבן עס איבר געגעבן צו די נביאים׃ (וויל נביאים האבין אויך גיהאט רשות צו מחדש זיין אין דער תורה הלכות נאר מיט זייער שכל נאך די כללים אונ די פארמען וואס מען האט צו זיי מוסר גיוועזן׃ אבער ניט דורך נבואה מן השמים)׃ אונ די נביאים האבן זיא איבר געגעבן צו די לייט פון דר גרויסע יידישע זינארע (אנשי כנסת הגדולה) דיזע לייט זיינן גוועזין דניאל עזרא נחמיה מרדכי בלשן אונ נאך אנדרע גרויסע מענר וואס האבן געלעבט אין זייער צייט הם אמרו שלשה דברים די לייט וואס מיר רופן זיי אנשי כנסת הגדולה האבן גזאגט

דר

הֱווּ מְתוּנִים בַּדִּין וְהַעֲמִידוּ תַלְמִידִים הַרְבֵּה וַעֲשׂוּ סְיָג לַתּוֹרָה: ב שִׁמְעוֹן הַצַּדִּיק
הָיָה מִשְּׁיָרֵי כְנֶסֶת הַגְּדוֹלָה · הוּא הָיָה אוֹמֵר עַל שְׁלשָׁה דְבָרִים הָעוֹלָם עוֹמֵד

חסדי אבות

דריי בללים וואס זיי געהערן צו די ערהאלטונג
פון דער תורה הוו מתונים בדין · איר דינים האט
גערודלט אין אדין · ווען עס קומט צו אייך אדין
תורה חאטשע איר האט פיל גלערינט אונ איר
זייט אין דעם דין קלאר · דאך זאלט איר אייך
ניט איילן צו פסקנן איידר איר וועט אים גוט
איבר קלערן אונ רעכט בטראכטן דען פילייכט
זייט איר אין טעות · והעמידו תלמידים הרבה איר
זאלט אויפריכטן ישיבות מיט פיל תלמידים ·
חאטשע די תלמידים וועלן ניט זיין אזו פרום
וויא איר מיינט · דען אמענש מעג לערנן תורה
חאטשי ניט לשמה דאס הייסט ניט פון גאטס
וועגן · ווייל דורך דעם וואס ער וועט לערנען
תורה שלא לשמה ניט פון גאטס וועגן · וועט
ער דאך פארט אמאל קומן זיא צו לערנן לשמה
פון גאטס וועגן · רבי חיים וואלאזינר רב זכרו
לברכה שרייבט אין זיין ספר נפש החיים · אויף
דעם וואס די חכמים האבן גזאגט לעולם ילמוד
אדם תורה שלא לשמה שמתוך שלא לשמה בא
לשמה · איז אזו דר פשט · אמענש מאג אימר
לערנן תורה האטשי ניט פון גאטס וועגן · דען
אין מיטן זיין לערנן פאלט אים אריין אפרומר
גדאנקן אונ ער קומט צו לערנן די תורה לשם
שמים פון גאטס וועגן · ועשו סיג לתורה אונ איר
זאלט מאכן איין צוים צו דר תורה כלומר איר
זאלט פערצוימן פאר דעם מענשן בכדי ער זאל
ניט קומן צו טאן איין אסור דאורייתא · איינע
עבירה וואס די תורה האט פערבאטן אונ
האט גזאגט אז מען זאל עס ניט טאן · דאס
מיינט מען איין גדר דאס מען פערצאמט אים
די פרייע וועג וואס דורך איר קען ער קומן צו
טאן איין עבירה · דהיינו כן התורה מאג
אמענש אום שבת רייטן אויף אפערד פון
אישמעאל · נאר די חכמים האבן עס אונז
פערצוימט אונ האבן גזאגט אז עס איז אונז
אסור צו רייטן אויף אפערד אום שבת דען אז
אים וועט זיין ערלויבט צו רייטן אויף אפערד
אונ דר פערד וועט ניט אזוי שנעל גיין · וועט
ער אום שבת אפרייסן אצווייג פון אבוים

אבות

בכדי דעם פערד אנצוטרייבן אז ער זאל גיך
גיין · אונ רייסן אצווייג אום שבת איז אסור
מן התורה · דר תפארת ישראל שרייבט אז
דר מאמר פון דיזע משנה איז ניט גזאגט
געווארן דווקא צו דינים · ראשי ישיבות אונ
מורי הוראות אליין · נאר דאס איז אויך איין
קלוגר מוסר פר יעדן איינפאכן מענשן · אונ
אזו מיינט דר תנא צו זאגן הוו מתונים בדין איר
מענשין ווען אייך פאלט איין צו קלערן וועגין
אמענטשן אויב ער איז פרום אדר ניט זאלט
איר האבן געדולד אין אייער משפט · אונ איר
זאלט אייך ניט איילן צו בעשטימן אויף אים
אייער מיינונג · אונ דאס אליין איז נאך ניט
גינוג ווס איר מיט אייערע קינדר אונ אייערע
גאנצע הויז גזינד זייט ערליכע לייט · נאך
זאלט איר זעהען והעמידו תלמידים הרבה · צוא
בעלערנן פיל לייטן אנדערע דעם גוטן וועג ·
אונ מכל שכן אייערע קינדר וואס איר זייט
מחויב אויף זיי מדריך צו זיין בדרך הישר וויא
דר פסוק זאגט ושננתם לבניך דו זוסט עס שארף
אונ דייטליך איינלערנן צו דיינע קינדר · ועשו
סיג לתורה אונ יעדר פון אייך מוז זעהען צוא
מאכין פאר זיך איין צוים אונ איין גדר דאס
ער זאל ניט האבן אגילעגינהייט צו קומן טאן
איין עבירה דאס הייסט ער זאל זיך אפ שיידן
פון אזו איין תאוה וואס זיא איז מותר בכדי
ער זאל זיך גרינג קענן אפ שיידן פון דער זאך
וואס עס איז אסור · אונ מיט דעם אופן קען
זיך זיין יעדר מענש איין דין · איין ראש
ישיבה אונ איין מורה הוראה :

ב שמעון הצדיק היה משירי כנסת הגדולה שמעון
הצדיק ער וואר איין כהן גדול אונ ער איז
געוועזן דר לעצטר אונ דר איינציגר וואס ער
איז געבליבן פון דער גרויסע יידישע סינאדע
(כנסת הגדולה) הוא היה אומר · ער פלעגט זיין
גיוואוינט צוא זאגן על שלשה דברים העולם עומד
אויף דריי זאכן שטייט די וועלט · כלומר דורך
דיזע דריי זאכן האט די וועלט אקיום · על התורה
דורך לערנען תורה · ועל העבודה · דורך דיא

עַל הַתּוֹרָה וְעַל הָעֲבוֹדָה וְעַל גְּמִילוּת חֲסָדִים: ג אַנְטִיגְנוֹס אִישׁ סוֹכוֹ קִבֵּל מִשִּׁמְעוֹן הַצַּדִּיק הוּא הָיָה אוֹמֵר אַל תִּהְיוּ כַּעֲבָדִים הַמְשַׁמְּשִׁין אֶת הָרַב עַל מְנָת לְקַבֵּל פְּרָס אֶלָּא הֱווּ כַּעֲבָדִים הַמְשַׁמְּשִׁין אֶת הָרַב שֶׁלֹּא עַל מְנָת לְקַבֵּל

חסדי אבות

דינכט וואו מענשן דינן השי"ת מיט מצות מעשים טובים אונ מיט קרבנות · ועל גמילות חסדים · אונ דורך די טובות וואס דיא מענשין טוהען איינר מיט דעם אנדרין אונ די גמרא דרינגט עס פון דרייא פסוקים באיי דער תורה שטייט: אם לא בריתי יומם ולילה חקות שמים וארץ לא שמתי · ווען ניט מיין תורה וואס זיא ווערט אנגירופן ברית · וואלט איך דעם טאג מיט דר נאכט (וואס זיי זיינן די גזעץ פון הימיל אונ ערד) ניט בשאפן · ביי די קרבנות איז גזאגט גווארן דר פסוק לנטוע שמים וליסוד ארץ · אזוי האבן גזאגט אונזרע חכמים אז דש מיינט מען די קרבנות וואס השי"ת האט מבטיח גוועזן צו אברהם אבינו ע"ה · ווען זיינע קינדר וועלן אפילו נאר לייענן דעם סדר פון די קרבנות וועט עס גאט ב"ה רעכענן אויף זיי אז דאס זאל זיין גלייך וויא זיי האבן עס פר אים מקריב גוועזן · דען ווען ניט דיא מעמדות פון די קרבנות וואלטן די הימל מיט די ערד קיין קיום האבן אונ די מעשה הקרבנות רופט אן די תורה מיט דעם נאמען עבודה וויא דר פסוק זאגט (שמות י' כ"ה כ"ו) גם אתה תתן בידנו זבחים ועולות ועשינו לה' אלהינו וגם מקנינו ילך עמנו וגו' כי ממנו נקח לעבוד את ה' אלהינו · משה האט גיזאגט צו פרעה דו מוסט אונז אויך געבין פון דיינע בהמות מיר זאלין מקריב זיין קרבנות צוא אונזער גאט · אונ אונזערע פיה וועט מיט אונז גיין אוים דיין לאנד · ווייל פון אים (פון דעם פיה) מוזן מיר נעהמען צו דינען אונזר גאט · אויך איז דער נאמן עבודה כולל תפלה (דאווענן) וואס דיא אנשי כנסת הגדולה האבן אונז מתקן גוועזין אנשטאט דר עבודה פון די קרבנות · אונ בכלל עבודה איז גרעכינט צו היטן אלע מצות פון התורה שבכתב אונ תורה שבעל פה · ווייל אז מען איז זיי מקיים דינט מען השי"י · דער דריטע פוס וואס די וועלט שטייט אויף אים איז גמילות חסדים אז מענשן זאלן איינר מיט

דעם אנדרן גוטעס טאן · דען אזו שטייט גשריבן (תהלים פ"ט) כי אמרתי עולם חסד יבנה · השי"ת זאגט דען איך האב אזו גוזר גוועזן דאס די וועלט מוז דורך חסד גבויט זיין: ג אנטיגנוס איש סוכו קבל משמעון הצדיק אנטיגנוס דר וואר איין הער פון דר שטאט סוכו · ער האט מקבל גוועזן די מדות התורה פון שמעון הצדיק אונ ער פלעגט אימר זאגן אל תהיו כעבדים המשמשין את הרב על מנת לקבל פרס איר זאלט ניט זיין צו גאט ב"ה וויא די קנעכט וואס דינן זייער העררן מיט אפניה בכדי פון אים אמתנה צו בקומן · אבער איר זאלט אים דינן וויא קנעכט טרייע וועלכע דינן זייער העררן פון אגישאנק וועגן · ויהי מורא שמים עליכם זאל אויף אייך זיין די זעלביגע פארכט וואס די הימל פארכטן פר השי"ת אונ זיי טוען זיין ווילן גאר אן שום גצאלט דר פר צו נעמן · ר' מנשה אליעזר ז"ל שרייבט אין זיין ספר אלפי מנשה · דאס ביי איינם בעל מלאכה (אמייסטר) גיבט צווייערליי פועלים · איינר איז איין ארבייטר וואס ער נעמט ביי אים געצאלט פון שטיק · אונד דר אנדרר איז ביי אים איין לערן בחור וואס ער האט זיך ביי אים גשטעלט אויף זעקס יאר אום אוים צו לערנן זיך גוט די מלאכה · בכדי ער זאל דר נאך קענן זיין אליין אמייסטר · נון איין לערין בחור וואס ער איז שוין אפ גיוועזן ביי זיין בעה"ב דריי אדער פיר יאר · דער פערשטייט שוין אויך אליין צו ארבעטן גלייך מיט דעם ארבעטר וואס ער איז בעדונגן פון שטיק · אבער דער אונטערשייד פון זייערע ביידינס ארבייט איז · דאס די ארבייט פון בעדונגענעם פון שטיק איז גימאכט מיט פאלשקייט ווייל ער מאכט עס פארטיג אין געשווינד דען ער נעמט דאך גצאלט פון שטיק דרום איילט ער זיך צו מאכן וואס מעהרער בכדי ער זאל אלם מער געלד נעמן דרום ווען ער איז אשניידר מאכט ער גרויסע שטעך במעט וויא פאריגעוועט · אבי עס זאל זיך

האלטן

פְּרָס וִיהִי מוֹרָא שָׁמַיִם עֲלֵיכֶם: ד יוֹסֵי בֶּן יוֹעֶזֶר אִישׁ צְרֵדָה וְיוֹסֵי בֶּן יוֹחָנָן אִישׁ

חסדי אבות

הַאלְטְן · אָבֶּר דֶר לֶערִין בָּחוּר דֶר נֶעמְט קַיין גְצָאלְט פוּן זַיין בעה״ב נָאר עֶר דִינְט אִיהְם וַוייל עֶר ווִיל זִיךְ רֶעכְנְט דִי מְלָאכָה אוֹיסְלֶערְנֶען · עֶר טוּט זַיין אַרְבַּייט מִיט גְרוֹיס עֶרִינְסְט דֶען עֶר וִויל דֶרגַיין רֶעכְט דִי מְלָאכָה אוּנ זַיין פָאלְקָאמֶן אִין אִיר · פּוּנְקְט אוֹיף דֶעם אוֹפֶן הָאט גְזָאגְט דֶר תַּנָּא אַנְטִיגְנוֹס אִיר זָאלְט אִין אַייֶער גָאטְס דִינְסְט נִיט זַיין וְויא דִי אַרְבַּייטֶר וָואס נֶעמֶען גְצָאלְט פַאר זַייעֶר אַרְבַּייט · נָאר זַיין וְויא דִיא אַרְבַּייטֶר · וְויא דִי לֶערִין יוּנְגֶן ווֶעלְכֶע אַרְבַּייטְן בַּיי זַייעֶר הֶערִן נִיט וֶועגְן גְצָאלְט · אַזוֹ זָאלְט אִיר דִינֶען גָאט נָאר פוּן אַייֶער הַשְׁלָמָה וֶועגְן · דֶען וָואס מֶען דִינְט מֶער השי״ת וֶוערְט מֶען מֶער שָׁלֵם דֶען עֶר בֶּעקוּמְט פִיל שְׁלֵימוּת אִין נֶפֶשׁ רוּחַ וּנְשָׁמָה אוּנ דִיזֶע מַעֲלָה הָאט גִיהַאט יַעֲקֹב אָבִינוּ ע״ה וָואס בַּיי אִים שְׁטֵייט גְשְׁרִיבְּן וַיָּבֹא יעקב שלם עיר שכם · יַעֲקֹב אִיז מִיט שְׁלֵימוּת הַנֶּפֶשׁ אָן גְקוּמֶן אִין דֶר שְׁטָאדְט שְׁכֶם · דֶער דוּבְּנָר מַגִּיד בְּרֵיינְגְט דֶר צוּ אַמָשָׁל אַגְרוֹיסֶר שַׂר הָאט אַיינְגִיקֶערְט צוּ אַיין בַּעַל הַבַּיִת אוּם צוּ הַאלְטְן בַּיי אִים נַאכְטְלַאגֶער · דֶער בעה״ב הָאט אִים אָפּ גְגֶעבְּן אַיין בַּאזוּנְדֶר הוֹיז מִיט אַיינִיגֶע צִימֶערְן (חֲדָרִים) פַר זַיינֶע חֲפֵצִים אוּנ הָאט גְמַאכְט עֶרְטֶר פַר זַיינֶע קְנֶעכְט אוּנ פַאר זַיינֶע קוּטְשֶׁר מִיט דִי קַארֶעטֶע מִיט דִי פֶערְד · אוּנ הָאט אוֹיךְ אִים גִימַאכְט אַפַּארַאדְנֶע וֶועצֶערֶע מִיט פִיל עֶרְלֵייא גֶעריכְטְן אוּנ כִּיט אַלֶערְלֵייא גוּטֶע מַשְׁקָאוֹת וְויא עֶר הָאט לִיבּ · דֶר שַׂר הָאט גְגֶעסְן אוּנ גְטְרוּנְקֶן אוּנ אִיז גְוֶועזְן זַייעֶר צוּ פְרִידְן · צוּ מָארְגְן פְרִיא פְרֶעגְט עֶר דֶעם בעה״ב דִי רֶעכִינוּנְג וְויא פִיל אִים קוּמְט · הָאט עֶר אִים גְזָאגְט דִי רֶעכִינוּנְג · הָאט אִים דֶר שַׂר בַּצָאלְט אוּנ אִיז זִיךְ אַוֶועק גְפָארְן אוּנ דֶר בעה״ב אִיז אִים גָאר אִין זַיין גְדַאנְקֶן נִיט גְקוּמֶן (הָאטְשִׁי עֶר אִיז גְוֶועזְן פוּן דִי קְוַואטִיר אוּנ פוּן דֶר וֶועצֶערֶע גַאנְץ צוּפְרִידְן · אָבֶּר עֶר הָאט דָאךְ אִים גוּט בַּצָאלְט · הָאט אַיינֶר צוּם אַנְדְרִין גָאר נִיסְט · וַוייל דֶר בעה״ב הָאט עֶס גְטָאן פוּן זַיין אַיינִיגֶע טוֹבָה וֶועגְן · לְיָמִים אִיז דֶר זֶעלְבִּיגֶר שַׂר גְקוּמֶן צוּ הַאלְטְן נַאכְט לֶעגֶער בַּיי אַיין אַנְדֶרְן בעה״ב · דִיזֶער הָאט אִים אוֹיךְ מִיט פִיל עֶהְרֶע אוֹיפְגִינוּמֶען אוּנ הָאט אִים טְרַאקְטִירְט מִיט אַלֶעם גוּטְן · אָבֶּר עֶר הָאט עֶס נִיט גְמַיינְט פוּן גֶעלְד וֶועגְן · דֶען עֶר הָאט זִיךְ גְרֶעכִינְט פַר אַגְרוֹיסֶע עֶהְרֶע (כָּבוֹד) דָאס וָואס דֶר שַׂר אִיז צוּ אִים אַרַיין גְפָארְן אוּנ אִיז זוֹכֶה גְוֶועזְן עֶר זָאל בַּיי אִים עֶסְן אוּנ טְרִינְקֶען · אוּנ דָאס אִיז בַּיי אִים גְוֶועזְן טְהַייֶערֶער פַאר גִינְגָאלְד אוּנ פַר בְּרִילַאנְטְן · צוּ מָארְגְן פַר דֶעם אָפְּפַרֵייזְן הָאט דֶר שַׂר גְלָאזְן רוּפְן צוּ אִים דֶעם בעה״ב עֶר זָאל אִים זָאגְן דִי רֶעכֶענוּנְג פִיל עֶס קוּמְט פוּן אִים · הָאט דֶר ווִירְט גְזָאגְט לִיבֶּער הֶער אִיךְ קֶען אַייךְ מַיין גֶעפִיל נִיט אַרוֹיס זָאגְן וְויא וַוייט אִיךְ פְרֵייא מִיךְ מִיט דִי עֶהְרֶע וָואס אִיר הָאט מִיר גְמַאכְט מִיט דֶעם וָואס אִיר הָאט צוּ מִיר אַיינְגִיקֶערְט · אוּנ אִיךְ הָאבּ זוֹכֶה גְוֶועזְן צוּ שְׁטֵיין אַייךְ צוּ דִינְסְט · אוּנ וְויא זָאל אִיךְ פוּן אַייךְ נָאךְ פֶערְלַאנְגֶען גֶעצָאלְט ? אַלֶם דֶר שַׂר הָאט עֶס גְהֶערְט אִיז עֶר פוּן זַיינֶע רֵייד זַייעֶר פִיל גֶערִירְט גְוָוארְן · אַז עֶר הָאט אִיהְם גְקְרִיגְן לִיבּ אוּנ עֶר הָאט אִים שְׁטַארְק גְבֶּעטְן דָאס עֶר מוּז בַּיי אִים נֶעמֶן אַיין פְּרִיזֶענְט (מַתָּנָה) צוּם אָנְדֵיינְקֶן · אוּנ עֶר הָאט בַּיי אִים גְנוּמֶן מַתָּנוֹת ווֶעלְכֶע הָאבְּן פִיל מֶער בַּטְרָאפְן פוּן דֶעם ווֶערְדֶע וָואס עֶר הָאט אִים בַּדַארְפְט צוּ גֶעבְּן פַר דִי קְוַואטִיר מִיט דִי טְרַאקְטַאמֶענְטְן וָואס עֶר הָאט בַּיי אִים גְנָאסְן אוּנ פוּן יֶענֶע צַייט אָן אִיז בַּיי אִים דִיזֶער ווִירְט (בעה״ב) גְוָוארְן אִין הֶערְץ אַיינְגֶעבַּאקְן דֶס עֶר פְלֶעגְט אִים זַיין נַאנְצֶע לֶעבִּינְס צַייט אָפְטְלִיךְ בַּזוּכְן אוּנ בֶּעשֵׁיינְקֶן אִים מִיט זַיין הוֹיזְגִיזִינְד מִיט טְהַייֶערֶע מַתָּנוֹת · דָאס זֶעלְבִּיגֶע אִיז אוֹיךְ מִיט דִי צְווייעֶרְלֵייא צַדִּיקִים וָואס דִינֶען גָאט ב״ה · דֶר ווֶעלְכֶער דִינְט השי״ת צוּ לִיבּ דֶעם וָואס עֶר הָאפְט צוּ נֶעמֶן גְצָאלְט (שָׂכָר) · הָאטְשִׁי זַיין עֲבוֹדָה אִיז בַּיי גָאט ב״ה אָנְגִינוּמֶען · דָאךְ בֶּעצָאלְט אִים השי״ת זַיין שָׂכָר ווֶעדְלִיג עֶר אִיז ווֶערְט פַר זַיין עֲבוֹדָה · אָבֶּר דֶר טְרַייעֶר דִינֶר פוּן השי״ת אִיז נִיט גְלַייךְ צוּ דֶעם עֶרְשְׁטְן דִינֶר · דִיזֶער ווֶעלְכֶר עֶר פְרַייט זִיךְ אִיבֶּר דֶעם וָואס

עֶר

ירושלים קבלו מהם · יוסי בן יועזר איש צרדה אומר יהי ביתך בית ועד לחכמים והוי מתאבק בעפר רגליהם והוי שותה בצמא את דבריהם: ה יוסי בן יוחנן איש ירושלים אומר יהי ביתך פתוח לרוחה ויהיו עניים בני ביתך ואל תרבה שיחה עם האשה באשתו אמרו קל וחומר באשת חברו · מכאן אמרו חכמים כל המרבה שיחה עם האשה גורם רעה לעצמו ובוטל מדברי תורה

חסדי אבות

ער האט זוכה געוועזן צו דינן אונזר היילגען מלך · אונ ער ברימט זיך מיט דעם וואס גאט האט אים אויס דערוויילט דאס ער זאל פאר אים דינן אונ לויבן זיין נאמן · אונ מיינט ניט צו נעמן פון גאט ב"ה געצאלט פר זיין עבודה · אזו איין טרייער עובד השם איז זוכה צו מקבל זיין פון גאט ב"ה איין אייביגן גליק וואס קען העכער ניט געבן · אונ דאס האט דער תנא גיזאגט איר זאלט זיך ניט גלייכן צו די קנעכט וואס דינן זייער הערן וועגן מקבל זיין געצאלט · איר זייט בעסר וויא די טרייע קנעכט וועלכע דינן זייער הערן ניט פון געצאלט וועגן · דענמאל וועט איר טייערער אונ ליבר זיין אין די אויגן פון גאט ב"ה · אונ ער וועט אייך בשערן גוטס נאר מצד זיין ליבשאפט צו אייך ניט נאך אייער ווערטקייט אבער בדרך נדבה וחסד · דען דאס וואס השי"ת גיבט אמתנה איז פיל מער פון דעם שכר וואס ער גיט צו די צדיקים פר זייערע מעשים טובים: ד יוסי בן יועזר וכו' יוסי דר זון פון יועזר איין הער פון דר שטאט צרדה אונ יוסי דר זון פון יוחנן איין הער פון ירושלים האבן מקבל געוועזן די כללים פון דר תורה · פון שמעון הצדיק אונ פון אנטיגנוס דר הער פון סוכו· יוסי בן יועזר פון צרדה זאגט: יהי ביתך בית ועד לחכמים לאז דיין הויז זיין איין פערזאמלונג הויז פר גלערטע מענשן · והוי מתאבק בעפר רגליהם אונ לאז דיך שטויבין מיט דעם שטויב פון זייערע פיס · כלומר דו זאלסט מיט זיי איין אומגאנג האבן· והוי שותה בצמא את דבריהם אונ דו זאלסט מיט דארשט טרינקן זייערע רייד · כלומר דו זאלסט מיט גרויש חשק אריין נעמן זייערע רייד אין דיין הערצן אזו וויא דר דארשטיגר טרינקט דאס וואסר מיט אפעטיט אונ מיט פיל גערינגקייט · וויא מיר געפינן די מדה פון חכמים ב"י אונזרע היילגע תנאים ואמוראים אין דר גמרא · ווען איינר פון זיי האט געהערט פון זיין חבר איין נייעם דין אין דר תורה הט ער גזאגט אילו לא באתי אלא לשמוע דבר זה די · ווען מיין קומען וואלט זיין נישט מער נאר צו הערן דיזע זאך איז מיר אויך גענוג כדאי וואס איך בין גקומן אהער · אזו דארשטיג זיינן זיי געוועזן הערן די רייד פון דר תורה: ה יוסי בן יוחנן דר הער פון ירושלים זאגט: יהי ביתך פתוח לרוחה לאז דיין הויז זיין אפין אונ פריי פר אלעמן אריין צו טרעטן · ויהיו עניים בני ביתך זאלן ארימע לייט זיין איינגייער אין דיין הויז · ואל תרבה שיחה עם האשה אונ דו זאלסט ניט פיל ריידן מיט דר פרויא · באשתו אמרו קל וחומר באשת חברו דאס וואס דר תנא זאגט דו זאלסט ניט פיל ריידין מיט דר פרויא · האבן די חכמים גזאגט אז דאס מיינט ער מיט זיינע איגענע פרויא · זאל ער ניט פיל ריידן מכל שכן מיט די פרויא פון זיין חבר · מכאן אמרו פון דעם מאמר האבן אונזרע חכמים גלערינט כל המרבה שיחה עם האשה אז דר וואס רעט צו פיל מיט די פרויא גורם רעה לעצמו דער פער אורזאכט (ער פריטשינאייעט) אונגליק צו זיך אליין · אונ דרום האט זיך רבינו הקדוש אויס גדריקט מיט דעם לשון גורם רעה לעצמו אונ ניט גורם לו רעה · ווייל דאס ווארט לעצמו מיינט מען צוא זיין עצם צוא זיין וועזין · אונ דער עצם פון אמענשן איז זיין נשמה · אונ ער קומט אונז צו זאגן אז דר וואס בריינגט צו זיין צייט מיט איין פרויענצימער דר ברייננגט איין אונגליק צו זיין נשמה · ובוטל מדברי תורה אונ ער איז מבטל די צייט פון לערנן תורה · נאך אפשט איז ובוטל מדברי תורה · דורך דעם קומט ער צו שטערן אונ מאכן צו נישט פון די זאכן וואס די תורה האט אים פערבאטען

(מאפראסטשאַייעט) צו טאָן · ווייל דר יצה״ר בעוואַייזט. אים אַפּנים של היתר אין די זאַכין וואס די תורה האט עס באמת גאַסרת · אונ דרום וסופו יורש גיהנם איז זיין סוף צוא ירשנען דעם גיהנם · כלומר ער וועט יאָרין לאַנג בלייבן אין גיהנם וויא דר פסוק זאָגט אויף די פושעי ישראל ויצאו וראו בפגרי האנשים וכו׳ דיא צדיקים וועלן אויסגיין אונ זעהען אין די פגרים פון די לייט וואס זיינן פון מיר אָפּגעפאַלן · דאס זייער וואָרים וועט ניט טויט ווערן אונ זייער פייער וואס וועט זיי ברענן וועט ניט אויסגלאָשן ווערן · דר דובנר מגיד ז״ל זאָגט אויף דר משנה יהי ביתך פתוח לרווחה ויהיו עניים בני ביתך בדרך משל איין ארומאַן וואס זיין פרנסה איז פון דעם וואס ער האַלט אויפס צו פרקויפן · נאר ווייל ער וואונט אין אַפרשלאָגנעם ווינקיל פון שטאט אין איין אָפּגילעגענעם פערעאולק · גפינען זיך דאָרטן קיין קונים · וואס זאל ער נעביך טאָן · גייט ער אונ מאַכט זיך איין בעלגאַן (אבּיידעלע) לעבן דיא קראמען פון רייכע לייט · אונ ער האט זיך גישטעלט מיט זיינע אויפּס לעבן איין הויז פון איין עשיר וואס ער האַלט אַוויינהאַנדיל מיט אַרעסטעראַציע (טראַקטיר) וואס לייט קומען אַהין אַריין צו עסן אונ טרינקען · דאָרטן קען ער זייער לייכט (גרינג) פערקויפן זיינע ביכל אויבּס · נמצא אַז יענער עשיר וואס ער האַלט דעם וויינהאַנדיל מיט דעם טראַקטיר גיבט דעם ארומאַן גאר נישט פון זיינע · אָבר מיט דעם וואס ער האט ערלויבט דעם ארומאַן צו זיצען לעבן זיין הויז · טוהט ער אים אַטובה אין לעבן · ווייל ער האט מיט וואס צו מפרנס זיין זיינע פרויא אונ קינדר · אונ אומגיקערט ווען דר עשיר לאָזט איהם ניט זיצן לעבן זיין טויער · הגם ער האט דאך ביי דעם ארומאַן גאר נישט פארנומן דאך רויבט ער פון איהם זיין פרנסה אונ ער הרגת אים אַוועק מיט זיין וייב אונ קינדער · דר נמשל דר פון איז ידוע אז איין ארומאַן האט זייער אַשווערן מזל · אונ זיין פרנסה קומט אים אָן מיט צער אָבר דר עשיר האט אַגוטין מזל · דער הימל איז איהם משפיע גליק אונ צופרידענהייט · אונ אַז דר עשיר מאַכט ביי זיך איין רצון אונ ווילינגט זיך איין צו געבן דעם ארומאַן וואך אין וואך זיין שטיקל ברויט וואס ער באַדאַרף עסן מיט זיין ווייב אונ קינדער · דרענסטמאָל אַז עס קומט די צייט פון ראש השנה אונ יום כפור קומט דר עשיר אין שוהל אונ בעט פר השי״ת אבינו מלכנו כתבנו בספר פרנסה וכלכלה רבש״ע שרייב אונז אַריין מיך מיט מיין הויז גיזינד אין דעם רייסטער פון פרנסה אונ הויז האַלטונג · אונ גאָט ב״ה · וואס ער איז איין יודע מחשבות · ווייס אַז דר עשיר טראַכט בשעת מעשה ביי זיך אין האַרצן · ווער ווייס וואס פר אַיאָהר גאָט וועט מיר אָנשרייבן · דר ווילע בין איך יעצט אַבעל הוצאה אין הונדרט מיט פופציג רובּל אַוואך · גאָט ב״ה זאָגט פר בית דין של מעלה זיין גיבעט מיט זיין מחשבה וואס ער טראַכט · ב״ד של מעלה נעהמען איינזעהן אין דעם בוך פון עברדיגן יאָר פון זיינע הוצאות וואס ער האט גימאַכט האָבן זיי גיפונען אַז הונדרט מיט פופציג רובּל פלעגט ביי אים אַוועק גייהן אַוואך נאר אויף זיינע אייגענע פאַמיליע מיט די מענטשן וואס בעדינען זייא · חוץ צדקה וואס ער פלעגט אויס טיילן אָרימע לייט יעדר וואך ניט מינר פון צעהן רובּל אונ טרעפט נאך אויך אַנדרע וואכן וואס ער האט אויס געטיילט ביז פופצהן אונ צוואַנציג רובּל: ניין · זאָגט ב״ד של מעלה אים בדאַרפן אונטערשרייבן ער זאל האָבין פרנסה פיר הונדערט רובּל די וואך · ווייל אין דעם כלל פון זיין הויז גיזינד זיינען אויך די אָרימע לייט גירעכינט השי״ת איז דאך אומר ועושה גירעט אונ גיטאָן · מען האט איהם אונטער שריבין ער זאל האבין פון זיין גישעפט פערדינסט פיר הונדערט רובּל אין יעדר וואך אין וואך פון דעם גאַנצין יאָר · נמצא אַז דר עשיר גיבט דעם ארומאַן זיין בעדערפנים · גיבט ער פון זיינע גאר נישט · ווייל גאָט גיבט דעם עשיר אויך דעם חלק וואס גיהער צום ארומאַן · אַזוי הייסט עס די פרנסה פון דעם ארומאַן מוז איהם קומן דורך דעם הויז פון דעם עשיר · דאס האט גמיינט דר תנא מיט דעם מאמר וואס ער האט גזאָגט יהי ביתך פתוח לרווחה לאָז דיין הויז זיין אָפין אַז דורך איהם זאל קומן דער רוח פון דעם

ארימאן

וְסוֹפוֹ יוֹרֵשׁ גֵּיהִנֹּם: ו יְהוֹשֻׁעַ בֶּן פְּרַחְיָה וְנִתַּאי הָאַרְבֵּלִי קִבְּלוּ מֵהֶם׃ יְהוֹשֻׁעַ בֶּן פְּרַחְיָה אוֹמֵר עֲשֵׂה לְךָ רַב וּקְנֵה לְךָ חָבֵר וֶהֱוֵי דָן אֶת כָּל הָאָדָם לְכַף זְכוּת:

חסדי אבות

אָרוּמַאן · ויהיו עניים בני ביתך דֶען וָואס מַאכְט עֶס דִיר אוּים אַז דִיא אָרִימֶע לַייט וֶועלִין גִירֶעכִינְט וֶוערֶן צְוִוישִׁין דַיינֶע הוֹיז לַייט · דִיר וֶועט דָאךְ דוּרְךְ זֵיי נִיסְט פֶעלְן · אוּנ דוּ וֶועסְט צוּ זֵיי גָאר נִישְׁט צוּ לֵייגְן ואל תרבה שיחה עם האשה דוּ זָאלְסְט נִיט הָאבְּן צוּ פִיל גְשֶׁעפְט מִיט אַאִשָּׁה וכו׳ · אִין מִשְׁפָּט צֶדֶק וָואס אִיז גְדְרוּקְט מִיט דֶעם תְּהִלִּים · וָוערְט גִיבְּרַאבְט אַמַעֲשֶׂה אַפָּרוּשׁ אִיז אַמָאל גְקוּמֶן אִין אַזוֹ אַלַאנְד וָואס אִירֶע אַלֶע אַיינְוואוֹינֶער גַייעָן אִימֶר גְקְלֵיידֶעט אִין אַיין אוּבְּיָאר · זַייעָרֶע קְלֵיידֶר זַיינֶען גְמַאכְט אַיין פָארְמֶע אוּנ פוּן אַיינֶערְלַייא צַייג אוּנ פוּן אַיינֶערְלַייא פַארְבּ · יֶעדֶער פַאמִילְיֶע וואוֹנְט זִיךְ אִין אַבַּאזוּנְדֶר הוֹיז · אוּנ לֶעבְּן אִיר הוֹיז הָאט זִיא זִיךְ אוֹיךְ אִיר בֵּית הַקְּבָרוֹת · אוּנ קֵיין שׁוּם אִשָּׁה גִיפִינְט זִיךְ נִיט צְוִוישְׁן זֵיי · דֶר פָּרוּשׁ הָאט זִיךְ דְרִיבֶּער זֵייעֶר פִיל גְוואוּנְדֶערְט אוּנ הָאט זֵיי גְפְרֶעגְט וָואס זָאל עֶס בֶּעדַייטִין · הָאבִּין זֵיי אִים גִיעֶנְטְפֶערְט דָאס וָואס אוּנְזֶרֶע מַלְבּוּשִׁים זַיינֶען אַלֶע פוּן אַיין פָארְמֶע אוּנ פוּן אַיינֶערְלַייא פַארְבּ · אִיז בִּכְדֵי בַּייא אוּנְז זָאל נִיט זַיין אָפְּגִישַׁיידֶעט דֶער רַייכֶער פוּן דֶעם אָרִימַן · דֶר רַייכֶר זָאל נִיט שְׁטָאלְצִירְן · אוּנ דֶר אָרִימֶר זָאל זִיךְ פַר דֶעם רַייכְן נִיט שֶׁעמֶן · אוּנ דְרוּם מַאכְט בַּיי אוּנְז יֶעדֶע מִשְׁפָּחָה אִיר בֵּית הַקְּבָרוֹת לֶעבְּן אִיר הוֹיז · בִּכְדֵי מִיר זָאלְן זֶעהֶן דֶעם טוֹיט פַר אוּנְזֶרֶע אוֹיגְן · וֶועלְן מִיר זִיךְ אוּנְז מִשְׁתַּדֵּל זַיין אָנְצוּגְרֵייטְן שְׁפַּייז פַר אוּנְזֶרֶע נְשָׁמָה · אוּנ דָאס וָואס דוּ זֶעהְסְט בַּיי אוּנְז קֵיין אִשָּׁה · וַוייל מִיר הָאבְּן פַר אוּנְזֶרֶע וַוייבֶּר בֶּעשְׁטִימְט אַיינֶע בֶּעזוּנְדֶרֶע שְׁטָאט אַז זֵיי זָאלְן זִיךְ דָארְטְן וואוֹנֶען · בִּכְדֵי זַייא זָאלְין אוּנְז נִיט שְׁטֶערְן פוּן עֲבוֹדַת הַבּוֹרֵא · אוּנ וֶוען אֵיינֶער פוּן אוּנְז בַּדַארְף הָאבִּין צוּ זַיינֶר פְרוֹיא · גֵייט עֶר צוּ אִיר אִין יֶענֶע שְׁטָאט · אוּנ נָאךְ דֶעם אַז עֶר וָוערְט פַארְטִיג קוּמְט עֶר צוּ אוּנְז צוּרִיק · אוּנ דָאס אִיז אַלְץ נָאר בִּכְדֵי מִיר זָאלִין הָאבִּין פְרַייא דִי צַייט גָאט ב״ה צוּ דִינֶען אוּנ צוּ בַּזָארְגְן וָואס אוּנְז נֵייטִיג אִיז צוּ יֶענֶע וָועלְט · אוּנ צוּ פַארְהַאסְן דִי תַּאֲוֹת פוּן עוֹלָם הַזֶּה : ו יהושע בן פרחיה ונתאי הארבלי קבלו מהם · יְהוֹשֻׁעַ דֶער זוּן פוּן פְּרַחְיָה אוּנ נִתַּאי פוּן דֶער שְׁטָאט אַרְבֵּל הָאבְּן מְקַבֵּל גְוֶועזְן דִי כְּלָלִים פוּן דֶר תּוֹרָה פוּן יוֹסֵי הֶער פוּן צְרֵדָה אוּנ פוּן יוֹחָנָן הֶער פוּן יְרוּשָׁלַיִם · יְהוֹשֻׁעַ בֶּן פְּרַחְיָה זָאגְט : עשה לך רב וקנה לך חבר נֶעם אוֹיף אִיבֶּר דִיר אַיין רַבִּי דָאס דוּ זָאלְסְט פוּן אִים לֶערְנֶען תּוֹרָה · תָּאמְטְשֵׁי דוּ בִּיסְט אַלַיין אַגְרוֹיסֶער לַמְדָן דָאךְ זָאלְסְטוּ זִיךְ אוֹיף דַיין אֵייגֶענֶע סְבָרָא נִיט פַארְלָאזְן ; נָאךְ אַפְּשַׁט אִיז זוּךְ פַאר דִיר אוֹיס אַיין רַבִּי תָּאמְטְשֵׁי דוּ וֵוייסְט בַּיי זִיךְ אַז דוּ קֶענְסְט זֶעלְבְּסְט זַיין אַיין רַבִּי · דָאךְ זָאלְסְט דוּ נִיט דֵיינְקֶען אַז קֵיין גְרֶעסֶערְן פַאר דִיר אִיז נִיט פַארְהַאנְדִין דְרוּם מוּזְט דוּ זֶעהְן אַיין הֶעכֶערְן פַר דִיר צוּ זוּכִין אוּנ לֶערְנֶען פוּן אִים תּוֹרָה · אוּנ אַז דוּ בִּיסְט אַיין לַמְדָן אִין נִגְלֶה דָאס הֵייסְט אִין דֶר תּוֹרָה וּמִצְוֹת וָואס פִיל לַייט פֶערְשְׁטֵייעֶן זֵיי · זָאלְסְט אִיבֶּר דִיר אוֹיף נֶעמֶן אַרַבִּי וָואס עֶר זָאל דִיר לֶערְנֶען נִסְתָּר דִי סוֹדוֹת פוּן דֶר תּוֹרָה · אוּנ אַז דוּ וֵוייסְט אוֹיךְ אֲפִילוּ סוֹדוֹת הַתּוֹרָה אִיז נָאךְ דָא סוֹדוֹת אִין דִיא סוֹדוֹת וָואס מֶען רוּפְט עֶס אִין זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ רָזֵי דְרָזִין אוּנ דִיא הֶעכֶערֶע סוֹדוֹת הָאבִּין נָאךְ אַנְדֶרֶע סוֹדוֹת בִּיז גָאר אָן אַסוֹף · ע״כ מוּסְט דוּ סַייא וְסַייא אִיבֶּער דִיר אַרַבִּי אוֹיפְנֶעמֶן · וקנה לך חבר אוּנ בֶּעקוּם דִיר אַיין חָבֵר דוּרְךְ בֶּעקַאנְטְשַׁאפְט אוּנ לִיבְּשַׁאפְט וקנה הֵייסְט אָפְט עֶרְוֶוערְבְּן דוּרְךְ פְרַיינְדְשַׁאפְט אוּנ לִיבְּשַׁאפְט וִויא דֶר פָּסוּק זָאגְט · כי אתה קנית כליותי דוּא הָאסְט דִיר צוּ גֶעאַיינְגְט מַיינֶע נִירְן אוּנ מַיין הֶערְץ דָאס הֵייסְט אִיךְ הָאבּ דִיךְ בֶּעקוּמֶן לִיבּ דוּרְךְ דַיינֶע חֲסָדִים וָואס דוּ הָאסְט מִיר גְטָאן · הָרַב רַבִּי בֶּערוּשׁ פְלַאהְם שְׁרַייבְּט אִין זַיין סֵפֶר שֶׁמֶן הַמּוֹר אִין דֶר הֶעָרָה (מוֹר וַאֲהָלוֹת) אַז דֶר מַאֲמַר פוּן ר׳ יְהוֹשֻׁעַ בֶּן פְּרַחְיָה וָואס עֶר הָאט גְזָאגְט דוּ זָאלְסְט דִיר שַׁאפְן אַיין חָבֵר · הָאט אַיין יְסוֹד וְשֹׁרֶשׁ אִין דֶעם סֵפֶר חָכְמָה וּמוּסָר וָואס דֶער עֶרְשְׁטֶער נַאטוּר פָארְשֶׁער (שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ ע״ה) הָאט מְחַבֵּר

גוועזן

ז נִתַּאי הָאַרְבֵּלִי אוֹמֵר הַרְחֵק מִשָּׁכֵן רָע וְאַל תִּתְחַבֵּר לָרָשָׁע וְאַל תִּתְיָאֵשׁ מִ־

חסדי

גְוועזן · דָאס אִיז דֶר סֵפֶר קֹהֶלֶת דָען עֶר זָאגְט דָארְטְן · טובים השנים מן האחד · דָאס צְווייא זַיינֶן אִימֶר בֶּעסֶר פַאר אֵיינֶעם · אש־ יש להם שכר טוב בעמלם ווייל זיי הָאבְּן אַגוּטְן פַרְדִינְסְט בְּעֵת זַיי בַּמִיהֶן זִיךְ אִין לֶערְנֶן · וְויא דִי חַכְמֵי הַגְמָרָא הָאבְּן גְזָאגְט דִי מְלִיצָה אוֹיף דֶעם פָּסוּק ברזל בברזל יחד אַייזְן שַׁארְפְט מֶען מִיט אַייזְען דָאס מֵיינְט מֶען וֶוען צְווייא תַּלְמִידֵי חֲכָמִים לֶערְנֶן בַּיי זַאמֶען אֵיינֶע הֲלָכָה שַׁארְפְט אֵיינֶר דֶעם אַנְדֶרְן · וִוידֶער זָאגְט קֹהֶלֶת כי אם יפול האחד יקים את חברו · דָאס פֶערְשְׁטֵייט מֶען דָאךְ אַז אַמֶענְטְשׁ קֶען אוֹיף זִיךְ זֶעלְבְּסְט נִיט זֶעהֶן זַיינֶע אֵייגִינֶע פֶעלֶער · עֶר זֶעהְט נָאר דִי פֶעלֶר פוּן דֶעם אַנְדֶערִין · דְרוּם אִיז דִיא עֵצָה דָאס יֶעדֶער מֶענְשׁ זָאל זִיךְ שַׁאפִין אַחָבֵר אוּנ וֶוען אוֹיךְ בֵּיידֶע הָאבִּין אֵיין פֶעלֶער וֶועט אֵיינֶער זֶעהֶן דֶעם פֶעלֶער פוּן זַיין חָבֵר אוּנ עֶר וֶועט אִים עֶרְקְלֶערִין אַז דָאס אִיז אַפֶעלֶער אוּנ מִיט דֶעם אוֹפֶן וֶועט עֶר בֶּעמֶערְקְן אוֹיךְ זַיין אֵייגֶענֶעם פֶעלֶער אוּנ עֶר וֶועט זִיךְ אָפְּהִיטִין אַז עֶר זָאל דִיזֶן פֶעלֶער מֶער נִיט בֶּעגֵיין וְויא שְׁלֹמֹה הַמֶלֶךְ ע״ה זָאגְט אִין מִשְׁלֵי עיניך לנכח יביטו וֶוען דַיינֶע אוֹיגִין וֶועלִין קוּקִין דָאס וָואס אַנְקֶעגְן זַיי · דֶענְסְטְמָאל ועפעפיך יישירו נגדך · וֶועלְן דַיינֶע אוֹיגְן נֶעמֶן דֶעם זֶעלְבִּיגְן פְרִימֶער וָואס גִיהֶער גֶעגְן דִיר זֶעלְבְּסְט · דִי זֶעלְבִּיגֶע זַאכֶע זָאגְט עֶר אוֹיךְ אִין קֹהֶלֶת · כי אם יפולו וֶוען אֲפִילוּ זַיי בֵּיידֶע וֶועלְן פַאלְן פוּן דִי מַעֲלוֹת וָואס גְהֶערִן צוּ מֶענְשְׁן האחד יקים את חברו וֶועט דָאךְ אֵיינֶער דֶעם צְווייטְן ווִידֶער הֶערְשְׁטֶעלִין אוֹיף דֶר מֶענְשְׁלִיכֶע שְׁטוּפֶע (מַעֲלָה) · ואילו האחד שיפול ואין שני להקימו · אָבֶער וַוייא אִיז צוּ אֵיינֶעם אַז עֶר וֶועט פַאלְן אוּנ עֶר הָאט צוּ זִיךְ קֵיין צְווייטְן דֶר זָאל אִים אוֹיף זַיין מַעֲלָה צוּא רִיק שְׁטֶעלִין · נָאר פִילֵייכְט וֶועסְט דוּא זִיךְ חִאוּנְדֶערִין · וְויא אִיז דָאס מֶעגְלִיךְ אַז יֶעדֶער אַלֵיין פִיר זִיךְ טוֹיג נִיט · דֶען זַייא הָאבִּין בֵּיידֶע גְלֵייכֶע חֶסְרוֹנוֹת · אוּנ אַז זַיי בֵּיידֶע וֶועלְן זַיין בַּיי זַאמֶן קֶענֶן זַיי גְהָאלְפִין וֶוערִין דְרוּם זָאגְט קֹהֶלֶת הַגַם דֶר שֵׂכֶל לָאזְט עֶס נִיט גְלֵייבִּן · אָבֶּר

אבות

מִיר זֶעהֶן דָאךְ אַז דָאס לִיגְט אִין דֶר נַאטוּר (טֶבַע) · גם אם ישכבו שנים וחם להם ולאחד איך יחם צְווייא מֶענְשְׁן וָואס יֶעדֶערִן בַּזוּנְדֶר אִיז קַאלְט (הָאבְּן זַיי דָאךְ צְוויי גְלֵייכֶע חֶסְרוֹנוֹת) אוּנ דָאךְ וֶוען זַיי לִיגְן מִיט אֵיינְאַנְדֶער וֶוערְט זַיי וַוארֶם · חָאטְשְׁי וְויא צוּ אֵיינֶעם קֶען גִיט וַוארֶם זַיין · אוּנ ווייל מִיר וַוייסְן אַז דִי מִשְׁנַיוֹת גְמָרָא אוּנ מִדְרָשִׁים וָואס מִיר רוּפְן זַיי אָן תּוֹרָה שֶׁבְּעַל פֶּה אוּנ זִיא אִיז דֶר אָרוֹן הַקֹדֶשׁ וָואס זִיא אִיז אַכֵּלִי וָואס הַאלְט אִין זִיךְ אַיין דִיא תּוֹרָה שֶׁבִּכְתָב אוּנ דֶר אָרוֹן הַקֹדֶשׁ אִיז אַזוֹי הַיילִיג וְויא דִי תּוֹרָה אַלֵיין · עַל כֵּן הָאט רַבֵּינוּ הַקָדוֹשׁ אַרַיין גְשְׁטֶעלְט אִין דֶר מִשְׁנָה פוּן דִי מַסֶכֶת דֶעם מַאֲמַר פוּן רַבִּי יְהוֹשֻׁעַ בֶּן פְּרַחְיָה וָואס עֶר גִיט אַיין עֵצָה דָאס אַמֶענְשׁ זָאל זִיךְ מִשְׁתַּדֵל זַיין צוּ פֶערְשַׁאפְן צוּ אִים אַיין חָבֵר · אוּם צוּ מְחַזֵק זַיין דִי רֵייד פוּן קֹהֶלֶת טובים השנים מן האחד (אֶחָד דָאס אִיז תּוֹרָה שֶׁבִּכְתָב) דָאס אַלֶע מָאל אִיז צְווייא בֶּעסֶער וְויא אֵיינֶער · והוי דן את כל האדם לכף זכות אוּנ דוּא זָאלְסְט מִשְׁפְּטְן יֶעדְן מֶענְטְשְׁן צוּ רֶעכְטְן זַייט · כְּלוֹמַר דוּ זָאלְסְט אִימֶר קְלֶערְן אַמֶענְטְשְׁן צוּ גוּטֶען · אָבֶער דָאס אִיז נָאר גְזָאגְט אוֹיף סְתַם אַמֶענְשׁ וָואס עֶר אִיז נִיט בֶּעקַאנְט פַר אַרָשָׁע · אוּנ וֶוען אוֹיךְ מֶען וַוייס אַז עֶר הָאט אֲפִילוּ גִיטָאן אַיין עֲבֵירָה בַּדַארְף מֶען אִים דַן זַיין צוּם גוּטְן זַייט פִילֵייכְט הָאט עֶס אִים דֶר נוֹיט גְמַאכְט אָדֶער וֶועלְכֶע סִבָּה הָאט אִים דֶר צוּ גְצְוואוּנְגֶן · אָבֶר אַזוֹ אַמֶענְשִׁין וֶועלְכֶר אִיז שׁוֹין בֶּעקַאנְט פַר אַרָשָׁע · דֶעם בַּדַארְף מֶען נִיט דַן זַיין צוּם גוּטְן זַייט: ז נתאי הארבלי זָאגְט הרחק משכן רע דוּ זָאלְסְט זִיךְ דֶר וַוייטֶערְן פוּן צוּ וְואהְנֶען מִיט אַשְׁלֶעכְטְן שָׁכֵן חָאטְשִׁי אִין פִיל זַאכִין אִיז עֶר אַגוּטֶער מֶענְשׁ · נָאר עֶר אִיז שְׁלֶעכְט אִין שְׁכֵנוּת עֶר אִיז אַבַּעַל מַחֲלוֹקֶת · אָדֶער עֶר אִיז אַיין כַּעֲסָן מוּסְט דוּ זִיךְ פוּן אִים דֶר וַוייטֶערְן · ואל תתחבר לרשע אָבֶער צוּ אַיין רָשָׁע זָאלְסְט דוּ זִיךְ גָאר פוּן אָנְפַאנְג אָן נִיט בַּאהֶעפְטְן · אוּנ דָאס הָאט צְווייא טְעָמִים · עֶרְשְׁטְן אִיז ווייל דוּ קֶענְסְט זִיךְ פוּן אִים אָפְּלֶערְנֶן צוּ גֵיין אִין זַיין

ווענ

הפורענות: ח יהודה בן טבאי ושמעון בן שטח קבלו מהם · יהודה בן טבאי אומר אל תעש עצמך כעורכי הדיינין וכשיהיו בעלי הדין עומדים לפניך יהיו בעיניך כרשעים וכשנפטרים מלפניך יהיו בעיניך כזכאין כשקבלו עליהם

וועג · אונ צווייטינס איז · דען איין רשע מוז קומען זיין צייט · אונ ער מוז ענדליך אריין פאלן · אונ ווען דו וועסט מיט אים האבן איין שותפות וועסט דוא אויך גישטראפט ווערין איבער אים וויא דער נביא האט גיזאגט אויף יהושפט מלך יהודה · וואס ער האט גיהאט איין התחברות מיט דעם רשע אחאב מלך ישראל · (דה"ב כ') בהתחברך לרשע פרץ ה' מעשיך ווייל דוא האסט זיך בהעפט צוא דעם רשע (אחאב) דרום האט גאט צו בראכן דיינע גישעפטין · אונ אזו זאגין אונזרע חכמים · אז מען גיט פון הימיל רשות דעם משחית צוא פערדארבין · מאכט ער קיין אונטערשייד צווישן אצדיק אונ צווישן ארשע · ואל תתיאש מן הפורענות אונ דו זאלסט זיך ניט מיאש זיין פון די שטראף פון גאט · דאס הייסט אויב דו האסט זיך פון דעם בייזען שכן ניט מרחיק גוועזן · אדער האסט שותפות גמאכט מיט איין רשע · זאלסט דו זיך פון אשטראף ניט מיאש זיין · דען דו וועסט גיוויס דורך זיי גשטראפט ווערין · על דרך המוסר קען מען דא זאגין אפשט · דאס מיט דעם נאמען שכן רופט זיך אן השי"י · וויא עס שטייט גשריבן ושכנתי בתוך בני ישראל · דרום בדארף זיין דאס הערץ פון אמענשן ריין · אונ ער זאל ניט האבן עטוואס בייז אין דער מחשבה · דען אנדערש קען גאט ב"ה ביי אים ניט רוען · וויא דר פסוק זאגט: לא יגורך רע דאס בייז קען מיט דיר ניט וואונען · אונ אזו איז די כונה פון דעם מאמר הרחק משכן רע דו זאלסט פון השי"י דר שכן וואס רוהט ביי דיר · דר ווייטערן דאס בייז · אונ דו זאלסט זיך ניט בהעפטן צו איין רשע · כלומר דו זאלסט ניט נעמען דעם יצר הרע צו דיר פר איין חבר · וויא רבי בערוש פלאם זכרו לברכה האט גזאגט דעם פשט אויף דעם מאמר וואס די גמרא זאגט מאי דסני ליך לחברך לא תעביד · דעם וואס איז דיר אשונא (דאס מיינט מען דעם יצה"ר) זאלסט דו אים ניט מאכן צו דיר פר איין חבר · ואל תתיאש מן הפורענות · אונ בעת דוא ווערסט גישטראפט זאלסט דו זיך ניט מיאש זיין · אונ דו זאלסט דיך ניט האלטן פר איין פערלארענעם מענשן · דען דו האסט ביכולת צו טאן תשובה · דאן ביסט דו ווידער אין דיא מעלה פון צדיקים:

ח יהודה בן טבאי ושמעון בן שטח קבלו מהם יהודה בן טבאי אונ שמעון בן שטח האבין מקבל גוועזן די כללי התורה פון ר' יהושע בן פרחיה אונ פון נתאי הארבלי · יהודה בן טבאי זאגט · דוא זאלסט זיך ניט מאכין וויא דיא דיינים וואס בריייטן צו די טענות צו די בעלי דינים וואס קומן זיך משפטן · דאס הייסט דו זאלסט ניט לערנן איינעם פון די בעלי דינים וויא צו טענן · וכשיהיו בעלי הדין עומדים לפניך יהיו בעיניך כרשעים · אונ אז דיא בעלי דינים וואס קומן האבין איין דין תורה · וועלן שטיין פר דיר ביין דין זאלן זיי זיין אין דיינע אויגין ביידע וויא שולדיגע · כלומר דו זאלסט ניט נייגן צו איינעם פון זיי צו דיינקן אז ער איז גרעכט · וכשנפטרים מלפניך יהיו בעיניך כזכאין אונ אז זיי גייען אוועק פון דיר נאך דעם פסק דין זאלן זיי גרעכינט זיין אין דיינע אויגן וויא זיי זיינען ביידע גרעכטע כשקבלו עליהם את הדין נאך דעם אז זיי האבין אויף זיך מקבל גוועזין דעם דין וואס ב"ד האט זיי צו גפסקת · על צד המוסר קען מען זאגן אז דר תנא רעט דאס ניט צו איין דיין · נאר צוא יעדן מענשן אל תעש עצמך כעורכי הדיינין · אונ ער זאגט ניט כעורכי הדינין · דרום מיינט ער דוא זאלסט זיך ניט פארנעמען צו זיין וויא לייט וואס שאצין דיא ריכטער · אונ זיי קלערין וועגין זיי אויב זייא האבין עס גוט גימשפט · דהיינו זייא חינען אזעלכע מענשן וואס זעהן אויס ארינטליכע לייט אונ דאך זיינען זיי אונגליקליך · קלערן זיי נאך די דיינים פון ב"ד של מעלה וויא קומט עס אז זיי זאלן אזעלכע מענשין אזוי שלעכט פר משפטן · על כן האט דר תנא גזאגט אז דו זאלסט

את הדין: ט שמעון בן שטח אומר הוי מרבה לחקור את העדים והוי זהיר
בדבריך שמא מתוכם ילמדו לשקר: י שמעיה ואבטליון קבלו מהם שמעיה
אומר אהב את המלאכה ושנא את הרבנות ואל תתודע לרשות*): יא אבטליון

*) פי' לכות הטומדת מרכות עלמה נגד החק.

חסדי

זאלכסט ניט זיין אזו וויא זיי · וכשיהיו בעלי הדין
עומדים לפניך גאר ווען די לייט וואס האבן דעם
משפט שטייען נאך פר דיר · דאס הייסט כל
זמן זיי לעבן אונ זיי שטייען נאך צום משפט
פר דיינע אויגן יהיו בעיניך כרשעים זאלין זיי זיין
ביי דיר גרעכינט וויא שולדיגע אונ דו זאלכסט
ניט חושד זיין חלילה דעם ב"ד של מעלה אז
זיי האבן עס געמשפט אן אסבה · וכשנפטרים
מלפניך אונ ווען זיי גייען אוועק פון דיר · כלומר
אז זיי שטארבן אפ פון די וועלט · יהיו בעיניך
כזכאין זאלין זייא זיין אין דיינע אויגן וויא
צדיקים כשקבלו עליהם את הדין · אז זייא האבין
שוין מקבל געוועזין אויף זיך דעם דין שמים:
ט שמעון בן שטח זאגט הוי מרבה לחקור את
העדים דו דארפסט זייער פיל נאכפארשטן
די עדות והוי זהיר בדבריך אונ דו זאלכסט זיין
געווארינט מיט דיינע רייד. כלומר דו זאלכסט
פר די עדות בשעת דו פארשט זיי אויס ניט
אויס זאגן ווערטער וואס זיי קענען דורך זייא
לערנען זיך פילייכט צו זאגן פאלשע עדות ·
הגאון ר' יהושע העליר שרייבט אין זיין ספר
תולדות יהושע · דאס יהודה בן טבאי האט
גרעט וועגן דיני ממונות (געלד זאכן) ווייל ער
רעט נאר וועגן די בעלי דינים · דען אין דיני
נפשות איז זעלטן דא צוויי בעלי דינים וואס
זיי זאלן שטיין פר ב"ד · אונ שמעון בן שטח
רעט וועגן דיני נפשות וויל ער זאגט דאס
מען זאל זייער פיל אונטער זוכן די עדים · וואס
אין דיני ממונות בדארף מען די עדים אונטער
זוכין · אבער ניט זייער פיל · על צד המוסר
האט דר תנא געמיינט אויף יעדן מענשן אונ
ער זאגט אז עס איז רעכט דאס אמענש זאל
אונטער זוכן אונ ערגרינדן די נאטור פון הימל
אונ ערד וואס גאט ב"ה האט זיי גישטעלט פר
עדים דאס די ישראל האבן אויף זיך מקבל
גיוועזן צו היטן די תורה מיט די מצות · דרום
זאל אמענטש זיך משתדל זיין צוא וויסין דיא
ידיעות פון די גאנג פון דר זון אונ דיא לבנה

אבות

מיט די שטערין אונ אויך דיא ידיעות וואס
גיהערט אן די ערד מיט אירע לענדר אונ אירע
פערשיעדענע קלימאטין מיט דיא ימים אונ
טייכן בכדי ער זאל פערשטיין וויא פיל גרוים
זיינען די מעשים פון גאט ב"ה אז זייא אלע
היטן זייער עבודה (די שלוזבע) אויף וואס
גאט האט זיי גישטעלט והוי זהיר בדבריך שמא
מתוכם ילמדו לשקר · רש"י זכרו לברכה שרייבט
אויף דעם פסוק והארץ חנפה תחת יושביה כי עברו
תורות די ערד אונטר אירע איינוואנער האט
אירע לייט גחנפת דהיינו זיא האט אין אנפאנג
באלד נאך דעם איינזייהען ארוים גגעבן גוטע
פרוכט וואס מען האט זיך געריכט אז דיא
תבואות זאל אין דעם יאר זיין זייער גיראטן ·
אונ דר נאך בשעת שנידן האט מען געפונן
די זאנגן זיינן אלע לער אן קארן · ווייל דיא
ערד האט זיא גיחנפת · אונ די סבה דער פון
איז (כי עברו תורות) · ווייל זייא האבען זיך
אויך פאר לייטן גישטעלט זייער פרום אונ
באמת האבין זייא עובר גיוועזן אויף ביידע
תורות אויף תורה שבכתב אונ תורה שבעל
פה · אונ אזו שרייבט רש"י אויך דעם פשט
אויף דעם פסוק נשיאים ורוח וגשם אין איש מתהלל
במתת שקר דר פר וואס אמענש זאגט צו צדקה
צו געבין אונ ער איז פאלש דען ער האלט
קיין ווארט · דרום חנפת איהם אויך דר הימל
ער זעדט וואלקין אונ ווינד · דאס ער דיכט
זיך עס זאל גיין רעגין גייט דאך ניט · אזוא
משפטין אים די עדים די הימיל אונ די ערד
נאך זיינע מעשים מדה כנגד מדה · אונ דאס
זאגט אויך דר תנא והוי זהיר בדבריך דו זאלסט
זיין זייער פארזיכטיג אין דיינע זאכן כלומר
אין דיין תורה אונ מצות · אין לערנן אונ אין
מאן ווייל עס קען זיין אז דורך זיי (דורך דיינע
מעשים) וועלן זיי זיך אויך לערנען צו פאלשן
אין זייער עבודה: י שמעיה ואבטליון קבלו מהם
שמעיה אונ אבטליון האבן מקבל גיוועזן דיא
כללי התורה פון די פריהעדיגע · שמעיה זאגט

אומר חכמים הזהרו בדבריכם שמא תחובו חובת גלות ותגלו למקום מים הרעים וישתו התלמידים הבאים אחריכם וימותו ונמצא שם שמים מתחלל: יב הלל ושמאי קבלו מהם׳ הלל אומר הוי מתלמידיו של אהרן אוהב שלום ורודף שלום אוהב את הבריות ומקרבן לתורה: יג הוא היה אומר נגיד שמא

חסדי אבות

אהב את המלאכה ושנא את הרבנות האב ליב צו טאן איין מלאכה׳ אונ האב פיינט צו זיין ביי זיך גרוים ואל תתודע לרשות אונ אויב מען האט דיך שוין גימאכט פר איין רב זאלסט דו זיך ניט לאזן דר קענן צו הערשאפט׳ כלומר דו זאלסט ניט וועלין זיין הערשער איבער דיא געמיינדע׳ דען איין בעהערשר באדארף זיין נאר איין מלך אדער אנשיא׳ אבער איין רב באדארף ניט צו הערשן איבער דעם פאלק:
יא אבטליון זאגט חכמים הזהרו בדבריכם איהר חכמים זייט פארזיכטיג אין אייערע רייד׳ דאס האט ער גיזאגט צו זיינע תלמידים הלל אונ שמאי דען ער האט גיזעהן אז זיי וועלין זיין די גרעסטע ראשי ישיבות אונ יעדער פון זיי וועט האבן פיל תלמידים אונ נאך זייער טויט קען פאלין צווישן דיא תלמידים׳ פון ביידע פארטייען אגרויסע מחלוקת דענמאל וועט ח״ו די תורה ווערן וויא צוויי בעזונדרע תורות׳ דרום האט ער גיזאגט צו הלל אונ צו שמאי איר חכמים זייט פאר זיכטיג אין אייערע רייד׳ אז איר וועט זאגן איין דבר הלכה צוא אייערע תלמידים זאלט איר עס גוט אונ ספורש ארויס זאגן אז עס זאל ביא אייערע תלמידים קיין ספק ניט זיין׳ דען הלל׳ס תלמידים קענען זיך אויך אין צוויי פארטייען צו טהיילן איינינע וועלן זאגן אזו האט דער רבי געמיינט׳ אונ איינינע וועלן זאגן ניין דר רבי האט געמיינט נאר וויא מיר זאגין׳ אונ אזו וועלן אויך זיין צו טהיילט דיא תלמידים פון שמאי׳ וועט זיין דיא מחלוקת גרויס אן אשיעור׳ וועט עס זיין פאר ישראל זייער אשווערע צייט גלייך וויא די צייט ווען דיא ערב רב האבין דעם עגל גימאכט׳ דרום זאלט איר פאר אייערע תלמידים קלאר אונ דייטליך אייערע הלכות דר קלערן׳ שמא תחובו חובת גלות דען די זינד קענען אמאל גורם זיין דאס מען זאל אייך פערטרייבן אין אפגעשידע לאנד ותגלו למקום מים הרעים וועט איר נאך פערטריבין ווערן אין אזו איין ארט וואס זיינע וואסער איז שעדליך׳ כלומר צווישן אזעלכע מענשן וואס האבן פערדארבענע כאראקטערן אונ פאלשע מיינונגען׳ וואס זיי וועלן אייערע רייד גאר אין איין אנדערין זין איבער לייגן׳ וישתו התלמידים הבאים אחריכם׳ אונ די תלמידים וואס וועלין זיין נאך אייער טויט וועלין פון דעם וואסר טרינקן אונ וועלן שטארבן׳ אזו וועט דאך דער נאמן פון דעם וואס רוהט אין הימיל זיין חלילה פערשוועכט: יב הלל אונ שמאי האבן מקבל גיוועזן דיא מדות התורה פון שמעיה ואבטליון׳ הלל זאגט הוי מתלמידיו של אהרן דו זאלסט זיין פון אהרנס תלמידים׳ דו זאלסט זיך לערנן פון זיינע מדות אוהב שלום ורודף שלום אוהב את הבריות ומקרבן לתורה דוא זאלסט ליב האבן פריד׳ אונ זאלסט זיך יאגן צו מאכן שלום צווישן מענשן וואס זיינן מיט אנאנדער אין רוגז׳ אזו פלעגט אהרן טאן ער פלעגט גיין צו איינעם פון די פיינד אונ האט צו אים גיזאגט דיין חבר וואס דו האסט אויף אים ארוגז האט זיך פר מיר גיקלאגט אויף דעם וואס ער האט עס דיר אזו גטאן ער הט שטארק חרטה אז ער רייסט זיך דיא האר אונ ער וויל זייער מיט דיר גוטפריינד ווערן׳ נאר ער קען פאר דיר זיינע אויגן ניט ווייזן׳ אונ אזו האט ער גיזאגט צו דעם אנדערן׳ ביז זיי האבין אים גיבעטין אז ער זאל זיי צו זאמענברייננן׳ אזו האט ער זיי צו זאמען גיבראכט אונ זייא זיינן איינר דעם אנדערן אויפן האלדז גיפאלן אונ האבן זיך צו קושט מיט אנאנדר אונ האבן גישלאסין אייביגן פריד׳ אונ דו זאלסט ליב האבן לייטן אונ דו זאלסט זיי מאכן נאהענט צו דר תורה׳ כלומר דו זאלסט זיי צו ריידין אונ געבן אין זייער הארצן איין חשק צו לערנן תורה׳ דען אזו פלעגט אויך טאן אהרן אז ער האט גיוואוסט פון איינעם אז ער האט ניטאן

איין

אֲבַד שְׁמֵהּ וּדְלָא מוֹסִיף יָסֵף וּדְלָא יַלִּיף קְטָלָא חַיָּב וּדְאִשְׁתַּמֵּשׁ בְּתָגָא חֲלָף׃

יד הוּא הָיָה אוֹמֵר אִם אֵין אֲנִי לִי מִי לִי וּכְשֶׁאֲנִי לְעַצְמִי מָה אֲנִי וְאִם לֹא עַכְשָׁו

חסדי

אַין עֲבֵירָה׳ פְלֶעגְט זִיךְ אַהֲרן הַכֹּהֵן מִיט אִים אָפְּט זֶעהֶן אוּנ רֵיידְן מִיט אִים זֵייעֶר פְרֵיינְדְלִיךְ׳ אַז דֶר בַּעַל עֲבֵירָה פְלֶעגְט בַּיי זִיךְ טְרַאכְטִין אַז אַהֲרן וָואלְט וִויסְן פוּן מַיין מַעֲשֶׂה רַע וָואס אִיךְ הָאבּ גִיטָאן וָואלְט עֶר זִיךְ גָאר שֶׁעמֶן צוּ מִיר צוּ גֵיין נָאהֶינְט עֶר וָואלְט פוּן מִיר גְעוִוים וַוייכְן׳ אַזוֹ פְלֶעגְט עֶר פוּן דֶעְנְמָאלְט אָן גֵיין אִין בֵּית הַמִּדְרָשׁ אוּנ לֶערְנֶען תּוֹרָה בִּכְדֵי צוּ הָאבְּן חֵן בַּיי אַהֲרן הַכֹּהֵן׳ אוּנ דִי תוֹרָה הָאט אִים גִיבְּרַאכְט צוּא תְּשׁוּבָה׳ אוּנ דָאס הָאט גִיזָאגְט דֶר נָבִיא אִין דֶעם נָאמֶן פוּן הש״י אוֹיף אַהֲרן הַכֹּהֵן (מלאכי ב׳) בשלום ובמישור הלך אתי ורבים השיב מעון׳ אַהֲרן הַכֹּהֵן אִיז מִיט דֶר מִדָּה פוּן שָׁלוֹם אוּנ רֶעכְטְפַארְטִיגְקֵייט מִיט מִיר זִיךְ בֶּעגַאנְגֶען אוּנ עֶר הָאט פִיל לַייט בֶּעקֶעהְרְט פוּן זִינְד׳ דָאס הֵייסְט עֶר הָאט זֵיי גִיבְּרַאכְט צוּא תְּשׁוּבָה׃ יג הוא היה אומר הִלֵּל אִיז נָאךְ אַזַאךְ גֶעוָואהְנְט גִיוֶועזְן צוּ זָאגְן׳ נגד שמא אבד שמיה דֶר וָואס וִויל זַיין נָאמֶען זָאל זִיךְ צִיהֶען אִיבֶּר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט׳ עֶר מֵיינְט קוֹנֶה שֵׁם זַיין אַז אַלֶע זָאלִין הֶערִין פוּן אִים אַז עֶר אִיז אַגְרוֹיסֶר מֶענְשׁ אִין תּוֹרָה אָדֶר אִין חָכְמָה׳ דֶר פֶערְלִירְט זַיין נָאמֶען׳ כְּלוֹמַר אֲפִילוּ עֶר הָאט גִיהַאט אַיין גוּטֶען נָאמֶן וֶועט אוֹיךְ פֶערְלָארִין וֶוערְן׳ ודלא מוסיף יסף אוּנ דֶער וָואס וִויל מֶער נִיט לֶערְנֶען׳ וַוייל עֶר מֵיינְט אַז עֶר הָאט שׁוֹין גֶענוּג גִלֶערִינְט אַז עֶר בַּאדַארְף שׁוֹין מֶער נִיט לֶערְנֶען וֶועט עֶר שְׁטַארְבְּן פַר דִי צַייט׳ ודלא יליף אוּנ דֶר וָואס קֶען לֶערְנֶען אוּנ וִויל נִיט לֶערְנֶען תּוֹרָה דֶעם אַנְדֶערִין קטלא חייב אִיז עֶר זִיךְ אַלֵיין שׁוּלְדִיג דֶעם טוֹיט׳ ודאשתמש בתגא חלף אוּנ דֶר וָואס בֶּענוּצְט זִיךְ מִיט דֶעם קְרוֹן פוּן דֶער תּוֹרָה׳ כְּלוֹמַר עֶר לֶערִינְט דִי תּוֹרָה פוּן כָּבוֹד וֶועגְן דָאס מֶען זָאל אִים אָנְרוּפְן רַבִּי׳ גֵייט עֶר אַוֶועק פוּן דִיא וֶועלְט׳ מֶען קֶען אוֹיךְ זָאגִין אַז דָאס וָוארְט חֲלָף הֵייסְט אוּמְגֶעבִּיטִין׳ כְּלוֹמַר פַר דֶעם כָּבוֹד וָואס עֶר וִויל הָאבְּן׳ פֶערְלִירְט עֶר אוֹיךְ דֶעם כָּבוֹד וָואס עֶר הָאט גִיהַאט׳ וִויא דִי חֲכָמִים הָאבְּן גִיזָאגְט הרודף אחר הכבוד

אבות

הכבוד בורח ממנו׳ דֶער וָואס יָאגְט זִיךְ נָאךְ כָּבוֹד׳ אַנְטְלוֹיפְט פוּן אִים אוֹיךְ דֶר כָּבוֹד וָואס עֶר הָאט פוּן לַאנְג אָן׳ אִין עֵירוּבִין (דף י״ג ע״ב) זָאגְט דִיא גְמָרָא אַמָשָׁל אַז דֶער קַאמֶעל (וִוירֶעבְלוּד) הָאט אַמָאל בַּיי גָאט גִיבֶּעטְן עֶר זָאל אִים גֶעבְּן הֶערְנֶר׳ הָאט אִים דֶר פַר גָאט גִישְׁטְרָאפְט אַז דִי אוֹיעֶרְן וָואס עֶר הָאט גִיהַאט הָאט עֶר אוֹיךְ פֶערְלָארְן׳ אוּנ דְרוּם אִיז דִיזֶר מַאֲמַר פוּן הִלֵּל גִיזָאגְט גִיוָוארִין בִּלְשׁוֹן אֲרַמִּי (אִין תַּרְגּוּם לָשׁוֹן) וַוייל עֶר הָאט עֶס גִיזָאגְט אִין דֶר צַייט אַז עֶר אִיז גִיוֶועזְן אִין בָּבֶל׳ אוּנ דִיא קִינְדֶער פוּן בְּתֵירָא זַיינֶען אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל גִיוֶועזְן נְשִׂיאִים׳ דְרוּם הָאט עֶר דָאס גִיזָאגְט מִיט דֶעם לָשׁוֹן וִויא מֶען רֶעט אִין בָּבֶל׳ אָבֶּר דִי אַנְדֶערֶע מַאֲמָרִים וָואס הִלֵּל הָאט גִיזָאגְט זַיינֶען אִין רֵיינֶעם לְשׁוֹן הַקֹּדֶשׁ דֶען עֶר הָאט עֶס גִזָאגְט נָאכְדֶעם אַז עֶר אִיז פוּן בָּבֶל גְקוּמֶן אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אוּנ אִיז דָארְטְן אוֹיפְגֶענוּמֶען גִיוָוארְן פַר אַנָשִׂיא׃ יד הוא היה אומר נָאךְ אַזַאךְ אִיז עֶר גִיוֶועזְן גֶעוֵויינְלִיךְ צוּ זָאגְן אם אין אני לי מי לי׳ וֶוען אִיךְ וֶועל מִיר אַלֵיין נִיט הֶעלְפְן צוּ דִינֶען הַשִּׁי״ת׳ וֶוער וֶועט מִיר הֶעלְפְן וכשאני לעצמי אוּנ וֶוען אִיךְ טוּא שׁוֹין עֶט וָואס פַאר מִיר אַלֵיין׳ מה אני פַאר וָואס הָאבּ אִיךְ דֶען מָאל אַזוֹא זוֹכֶה גִיוֶועזְן׳ דֶען אִיךְ בִּין סֶעהְר שׁוּלְדִיג צוּא הש״י וִויא אִיךְ הָאבּ בִּיז אַהֶער גִיטָאן׳ ואם לא עכשו אוּנ וֶוען אִיךְ וֶועל נִיט יֶעצְט בְּעֵת אִיךְ לֶעבּ נָאךְ אוֹיף דִיזֶע וֶועלְט נִיט טָאן קֵיין מִצְוֹת אוּנ מַעֲשִׂים טוֹבִים׳ אימתי אַזוֹ וֶוען וֶועל אִיךְ עֶס קֶענֶן טָאן׳ דֶען נָאךְ דֶעם טוֹיט אִיז אוּנְמֶעגְלִיךְ צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה אוּנ מְקַיֵּים זַיין דִי מִצְוֹת׳ אוֹיךְ קֶען מֶען זָאגְן וֶוען נִיט יֶעצְט אִין דֶר יוּגֶענְד וֶועל אִיךְ לֶערְנֶען דִי תּוֹרָה אוּנ דִינֶען גָאט אימתי וֶוען דֶען קֶען עֶס זַיין אַז צוּ מַיין עֶלְטֶר וֶועל אִיךְ קֵיין כֹּחַ הָאבְּן׳ אָדֶער מֶען קֶען זָאגִין דֶעם פְּשַׁט דָאס וָוארְט אֲנִי הֵייסְט גָאט ב״ה׳ וִויא דֶר זֶעלְבִּיגֶער הִלֵּל פְלֶעגְט צוּ זָאגְן אִין שִׂמְחַת בֵּית הַשּׁוֹאֵבָה (סוכה נ״ג ע״א) אם אני כאן הכל כאן׳ ואם אין אני

כאן

אימתי: טו שמאי אומר עשה תורתך קבע אמור מעט ועשה הרבה והוי מקבל

חסדי אבות

באן מי כאן · דאס הייסט ווען גאט איז דא איז אלס דא · אונ ווען גאט איז ניט דא · אזו ווער קען דא זיין · דאס זעלביגע זאך האט הלל גיזאגט אויף זיך אליין אם אין אני לי ווען גאט ב״ה וועט ניט זיין מיר צו הילף אין זיין עבודה מי לי ווער וועט מיר דען העלפן · וכשאני לעצמי אונ ווען איך האלט השי״ת אין זין נאר פון מיין אייגענע טובה וועגן מה אני וואס פר אקנעכט בין איך אים · ואם לא עכשיו אימתי אונ אז יעצט וועל איך אים ניט דינן · ווען דען וועל איך אים דינן · דען עס קען זיין אז איך זאל באלד שטארבן · דר דובנער מגיד ברייננגט דערויף דעם מאמר פון זוהר הקדוש פרשה וישב דר מענטש ברויכט דאך צו האבן מערער מעלות פון אבהמה · אונ מען זעהט פערקערט דיא בהמות פון דר צייט אן וואס זיי זיינען גיבארן גיווארן היטן זיי זיך · זיי אנטלופן פון פייער אונ פון אנדרע סכנות · אונ דר מענש ווארפט זיך שטענדיג אין פייער · דען ער היט זיך ניט פון דעם יצר הרע · ער פאלגט איהם שטענדיג · דר הסבר איז מיט אמשל · אבעקר האט אמאל ארוים גיטראגן אויפין גאס איין קאשיק מיט מאנדיל ברויט · איז גיקומן איין לץ אונ האט צו אים גיזאגט וואס ווילסט דו פאר דעם גאנצן קאשיק מאנדיל ברויט · ניט מינער פון צוויי רובל · האט גיזאגט דר בעקר · איך גיב דיר צוויי רובל · זאגט דר לץ · אבר מיט אתנאי אז דו זאלסט זיך אן נעמען אלע מאנדיל ברויטליך אליין אויף עסן זיי אין איין מאל פר מיינע אויגן איך זאל עס זעהן · דר בעקר האט עס גיגעסן פר אים אין די אויגן מיט אפרייליכן הארצן · דר לץ האט גיזעהען אז עס האלט שוין באלד ביי די ענדע · האט ער גימאכט פיס אונ איז באלד פון דעם ארט אנטלאפן גיווארן · דר בעקר האט זיך געשעמט פר לייטן צו וויינן · וייל ער האט גיוואוסט אז מען וועט אים האלטן פאר אגרויסן נאר · דען ער האט עס דעם שאדין זיך אליין אן גיטאן · ע״כ האט ער געוויינט אין זיך · אונ זיין הערץ האט עס ניט אויס געהאלטן ביז ער איז דר פון גיווארן קראנק אונ איז גשטארבן ·

אזו איז מיט דעם מענשין וואס ער לאזט זיך איבר ריידן פון דעם יצר הרע ער זאל הנאה האבן פון די זיסע תאוות פון עוה״ז · וואס גאט ב״ה האט פערבאטן מען זאל עס ניט טאן אונ דר יצר הרע זאגט אים צוא אז ער וועט הנאה האבן אונ ער וועט נאך פון דעם פאר דינן · דר נאך זעט ער זיך ארום אז ער האט זיך נאר שאדן גמאכט · ער וואלט אפילו וועלן דעם יצר הרע תאטשי גוט אויס זידלען · אבר וואו געפינט ער אים · בעת ער האט צרות הט שוין דר יצה״ר גימאכט פיס ער איז שוין לאנג בטל · דעמאל מוז דר מענש וויינן אונ טענן נאר מיט זיך אליין · וויל ער האט עס זיך אליין גורם גיוועזן · אונ דאס האט גיזאגט דר תנא הלל אם אין אני לי ווען איך וועל מיר אליין קיין שאדן טאן · מי לי · ווער וועט מיר טאן אשאדן · היינט וכשאני לעצמי אז איך האב מיר אליין שאדן אנגיטאן מה אני וואס בין איך פר אנאר · היינו עס גיבט נאך קיין גרעסערר נאר פון מיר · ואם לא עכשיו אימתי אונ ווען איך וועל עס איצונד ניט מתקן זיין מיט תשובה · אזו ווען וועל איך עס קענן מתקן זיין:

טו שמאי זאגט · עשה תורתך קבע מאך דיין לערנן אין דר תורה פר אשטענדיגע זאך · דאס הייסט זאל זיין דיא גרעסטע טהייל פון דיין צייט אין תורה לערנען · אונ אז דוא וועסט ווערן מיד פון לערנן וועסט דוא זיך טאן אין דיין אייגענעם גשעפט אויך קען מען זאגן מאך דיין תורה פר אגעוויסע זאך · כלומר זאלסט ניט פסקענן אשאלה פר דיר מריוף · אונ פר איין אנדערין כשר · אדער אויך פרקערט פר דיר כשר אונ פר איין אנדערן טרפה · נאר דו זאלסט פסקענען וויא צוא דיר אזוי אויך צוא אנדרע · אמור מעט ועשה הרבה אונ אין דר מדה פון צדקה זאלסטו ווייניג צו זאגין אונ פיל טאן אזו וויא אברהם אבינו ע״ה ער האט גזאגט צו זיינע געסט ואקחה פת לחם איך וועל נעמען פר אייך נאר אלעביל ברויט איר זאלט עסן ווס איבר בייסן פר אייער אפ רייזן · אונ דר נאך האט ער פר זיי גמאכט אבראטין פון רינדער פליויש · והוי מקבל את כל האדם בסבר פנים יפות

את כל האדם בסבר פנים יפות: טז רבן גמליאל היה אומר עשה לך רב והסתלק

חסדי

אז דו נעמסט אויף געסט אין דיין הויז· זאלסט דו זיי אויפנעמן מיט אפריילך פנים אונ דוא זאלסט זיי ווייזן איין פריינדליכן געזיכט· דר תפארת ישראל שרייבט· דאסווארט קבע האט אויך די בדייטונג פון רוהיגקייט אונ דר תנא קומט צו זאגן דו זאלסט מאכן די לערנן אין איין רוהיגן ארט· דארטן וואו מענשן זאלן דיך ניט שטערין מיט זייערע רייד אדר מיט האמערן אונ העק וואו בעלי מלאכות ארבטן דרום איז רעכט אז ער זאל לערנען אין איין שיינעם אונ אגראמן חדר מיט פיל פענצטר· אונ אזוי אויך איז גוט צו לערנן אין אשיינעם ספר פון אגוטן דרוק מיט אשיינעם באנד· וייל דס וועט אים מאכן שמחה אונ חשק צום לערנען· אויך האט דאס ווארט קבע דיא בעדייטונג פון נאכאיינאנד דאס הייסט מען זאל ניט לערנן ביסלאך וויים אין מיטין אלע ווילע אפרוהען נאר מיט אהמשך כלומר נאכאיינאנד· ווייל אז ער וועט צווישן מפסיק זיין וועט ער פארגעסן די ענינים וואס ער האט ניט לאנג גלערינט· נאך אפשט איז קבע רויבן· כלומר מאך דיינע צייטין גערויב צוא דיין לערנן· דו זאלסט גזלנען צייט פון דיינע געשעפטן בכדי צו לערנן תורה· דאס האט דר תנא גיזאגט איין כלל וויא אמענש זאל זיך נוהג זיין מיט תורה· אונ זיין מנהג מיט עבודה צו דינען גאט האט ער גזאגט אמור מעט ועשה הרבה קלער ביי דיר אין הארצן ווייניג מצות צו טאן· אונ אז עס וועט קומן לידי מעשה זאלסט דו טאן פיל מצות· אונ זיין מנהג אין גמילות חסדים האט ער גזאגט: והוי מקבל את כל האדם בסבר פנים יפות דו זאלסט יעדן מענשן אויף נעמן מיט פריינדליכן געזיכט אונ ער זאגט כל האדם מיט הא הכללי אויף כלל מענשן ער זאל קיין אונטערשייד מאכן צווישן אדייכן אונ ארימן· צווישן אבעל מלאכה אונ צווישן ניט קיין בעל מלאכה צווישן איהודי אונ צווישען איין קריסט· דען אלע זיינן מענשן מיט גאטס בילד בעשאפן גווארן· דרום מוזסט דו צו אלע מענטשין פריינדליך זיין· אונ דאס איז דער גרעסטער גליק· ווייל דורך דעם וועלין פאר

אבות

מערט ווערן דיינע פריינד· אונ אמענטש וויא ער איז רייך אדער ארים· אן פריינד איז זיין לעבן גאר נישט ווערט וויא דיא גמרא זאגט (תענית כ״ג ע״א) או חברותא או מיתותא· אדער צו האבן גזעלשאפט מיט מענשן· אדער וען ניט איז בעסר שטארבן: טז רבן גמליאל אומר רבן גמליאל זאגט עשה לך רב נעם דיר אויף איין רב· אויב דו ווייסט ניט אליין קלאר דעם דין וויא צו פסקנן זאלסטו אויפנעמן איין רב ער זאל זיין ביי דיר איין מורה הוראה· והסתלק מן הספק· דאס זאגט שוין דר תנא צו דעם רב דו זאלסט זיך ארוים מאכין פון אספק· אויב דו ווייסט ניט קלאר דעם דין זאלסטו פרעגין בייא דיא לייט וואס זיינען אין דיזער זאך געניט· האטשי זיי זיינן ניט רבנים· וויא די גמרא דר ציילט פון רבא (הוריות ג׳ ע״ב) אז צו אים פלעגט קומען אשאלה פון אבהמה ספק טרפה· פלעגט ער צוא זיך לאזין קומען אלע קצבים פון שטאט בכדי פון זייערע געניטקייט ארוים נעמן אקלארע הלכה· ואל תרבה לעשר אומדות אונ דו זאלסט ניט געבן שאצינדיג פיל מעשר נאר ניט מער וויא איינע פון צעהן· דער עולם פרעגט דא אגוטע קשיא פאר וואס זאגט רבינו הקדוש בייא די פריערינע וואס זיינן דא דר מאנט גיווארן דעם לשון קבל אדר קבלו מהם· וויא ער האט גיזאגט אנטיגנוס פון סוכו האט מקבל גיוועזן פון שמעון הצדיק· אדער הלל ושמאי האבין מקבל גיוועזין פון שמעיה אונ אבטליון· אזוי האט ער דא אויך בעדארפט זאגן רבן גמליאל האט מקבל גוועזן פון הלל ושמאי· דער תירוץ איז· זאגט דר תפארת ישראל· ווייל דיזער רבן גמליאל איז גוועזן רבן גמליאל הזקן דר זון פון רבי שמעון בן הלל הבבלי· בכן איז דאך דר רבן גמליאל הללס איין אייניקיל פון אזון דרום בדארף ער ניט זאגן בייא אים קבל מהלל· ווייל געוויס האט עס אים זיין פאטער איבער גגעבן וואס ער האט אויך פון זיין פאטער הלל מקבל גיוועזין· דען איין זון וואס ער בטרעט דיא שטעלע פון זיין פאטער איז גלייך וויא דער פאטער אליין וואלט לעבין· איינע אנדערע

מִן הַסָּפֵק וְאַל תַּרְבֶּה לְעַשֵּׂר אֻמָּדוֹת ׃ יז שִׁמְעוֹן בְּנוֹ אוֹמֵר כָּל יָמַי גָּדַלְתִּי בֵּין הַחֲכָמִים וְלֹא מָצָאתִי לְגוּף טוֹב מִשְּׁתִיקָה ׃ וְלֹא הַמִּדְרָשׁ עִקָּר אֶלָּא הַמַּעֲשֶׂה ׃

חסדי אבות

קַשְׁיָא פְרֶעגְט דֶר תּוֹלְדוֹת יְהוֹשֻׁעַ דִיזֶע מַסֶּכְתָּא אָבוֹת קוּמְט דָאךְ אוּנְז צוּ לֶערְנֶען נָאר מוּסָר ׳ אוּנ מִדּוֹת טוֹבוֹת ׃ אָבֶּר נִיט דִינִים אוּנ הֲלָכוֹת נון וִויא קוּמְט דָא דֶר תַּנָּא אוּנְז צוּ לֶערְנֶן אַדִין פוּן מַעֲשֵׂר ׃ דוּ זָאלְסְט נִיט מֶערִין צוּא גֶעבִּין מַעֲשֵׂר שַׁאצִינְדִיג נָאר אֵיינֶע פוּן צֶעהֶען וָואס דָאס אִיז גָאר נִיט שַׁיָיךְ צוּ דִיזֶע מַסֶּכְתָּא ׃ דֶעם תֵּירוּץ עֶנְטְפֶערְט ר׳ יְהוֹשֻׁעַ הֶעלִיר ׃ דָאס וַוייל ר׳ גַמְלִיאֵל אִיז גְוֶועזְן דֶר לֶעצְטֶר פוּן דִי אַנְשֵׁי כְּנֶסֶת הַגְּדוֹלָה ׃ אוּנ אִין זַיינֶע צַייטְן ׃ וָואס עֶר אִיז גְוֶועזְן נָאךְ הִלֵּל וְשַׁמַּאי ׃ הָאט זִיךְ דֶעמָאל אָנְגֶיהוֹיבְּן דִי מַחֲלוֹקֶת צְווִישְׁן דִי חַכְמֵי יִשְׂרָאֵל וָואס זַיי הָאבְּן גְקְרִיגְט אִין הֲלָכוֹת ׃ אוּנ דִיא תּוֹרָה אִיז גְוָוארְן גְלַייךְ וִויא צְוַוייא בֶּעזוּנְדֶרֶע תּוֹרוֹת ׃ אוּנ רַבָּן גַמְלִיאֵל אַז עֶר הָאט גְזֶעהֶן דָאס פוּן אַזוֹא פִיל מַחֲלוֹקֶת וָועט מֶען זַיין מְסוּפָּק אִין אַסַךְ דִינִים ׃ אוּנ פוּן אַסָּפֵק וָועט אַרוֹיס קוּמֶן גְרוֹיסֶע מִכְשׁוֹלִים אִין דַת יִשְׂרָאֵל דְרוּם הָאט עֶר דָא גְזָאגְט אִין דֶער מִשְׁנָה דְרַייא גְדָרִים ׃ אוֹיף דֶעם אוֹפֶן וִויא דִיא אַנְשֵׁי כְּנֶסֶת הַגְּדוֹלָה אִיבֶּער דֶעם וָואס זַיי הָאבְּן גְזֶעהֶן עֶס שְׁטַייט אוֹיף אַנַאיְיעֶ וֶועלְט דֶען אִין זַייעֶרֶע צַייטֶען הָאט אוֹיפְגֶיהֶערְט בַּיי יִידְעֶן נְבוּאָה ׃ אוּנ דִי תּוֹרָה קוּים וָואס זִיא הַאלְט זִיךְ בַּייא זַיי ׃ זַיינֶען דִי אַנְשֵׁי כְּנֶסֶת הַגְּדוֹלָה אוֹיף גְשְׁטַאנֶן אוּנ הָאבִּין גְגֶעבְּן צוּ דִיא חַכְמֵי יִשְׂרָאֵל דְרַייא גְדָרִים (וָואס אוֹיבְּן אִיז גְשְׁטַאנֶן) הוו מתונים בדין והעמידו תלמידים הרבה ועשו סיג לתורה ׃ אַזוֹ הָאט אוֹיךְ רַבָּן גַמְלִיאֵל גְזֶעהֶן אַנַייֶע וֶועלְט מִיט פִיל מַחֲלוֹקֶת ׃ הָאט עֶר אוֹיךְ גְגֶעבְּן דְרַיי גְדָרִים ׃ עֶרְשְׁטְן עשה לך רב ׃ נֶעם דִיר אוֹיף אַרַבִּי אוּנ דוּ זָאלְסְט זִיךְ אוֹיף אִים פֶערְלָאזְן אִין הוֹרָאוֹת וִויא עֶר וָועט פַּסְקֶנֶן ׃ דֶען דִיא מַחֲלוֹקֶת וָואס צְווִישְׁן דִי חַכְמֵי יִשְׂרָאֵל אִיז גְוֶועזְן לְשֵׁם שָׁמַיִם ׃ חָאטְשְׁי דִי זָאגְן מוּתָּר ׃ אוּנ דִי זָאגְן אָסוּר ׃ דִי זָאגְן טָמֵא ׃ אוּנ דִי זָאגְן טָהוֹר דָאךְ זַיינֶען בֵּיידֶע פַר זִיךְ גִירֶעכְט אוּנ יֶעדֶערֶע פַּארְטַייא הָאט אַיין טַעַם פַר וָואס זַיי פַּסְקֶנֶן אַזוֹי אוּנ בֵּיידִינְס רֵייד זַיינֶען פוּן אַיין תּוֹרָה פוּן אַיין גָאט ׃ אוּנ

אבות

דָאס אִיז דִי רֵייד פוּן דֶעם לֶעבִּידִיגְן גָאט דֶר הֶער פוּן אַלֶע בֶּעשַׁאפִינֶע ׃ דְרוּם קֶענְסְט דוּא זִיךְ אוֹיף אַרַבִּי פֶערְלָאזְן אוּנ דוּ זָאלְסְט נִיט קְרִיגְן אוֹיף זַיין פְּסַק הֲלָכָה ׃ צְוַוייטְן והסתלק מן הספק אַנְטְלוֹיף פוּן אַסָּפֵק וֶוען דוּ זֶעהֶסְט צְוַוייא רַבָּנִים קְרִיגְן אִין אַדִין ׃ דֶר אִיז מֵיקֵל אוּנ דֶר אִיז מַחֲמִיר ׃ זָאלְסְטוּ בֶּעסֶער מַחֲמִיר זַיין ׃ אוּנ גֵייא נִיט צַרַיין אִין אַסָּפֵק ׃ דָאס דְרִיטֶע הָאט עֶר גִיזָאגְט נָעגִין דֶעם וָואס דִיא אַנְשֵׁי כְּנֶסֶת הַגְּדוֹלָה הָאבְּן גְזָאגְט מֶען זָאל מַאכְין אַצוֹים צוּ דֶר תּוֹרָה ואל תרבה לעשר אומדות חָאטְשְׁי אִין אַזוֹ אַזַאךְ וָואס דֶער דִין אִיז גְשְׁטֶעלְט גְוָוארִין אַז אַזוֹ מוּז דָאס זַיין דִי חוּמְרָא ׃ בַּדַארְפְן מִיר נִיט זָארְגִין וֶועגִין דִי קוּלָא וָואס וָועט פוּן דֶער חוּמְרָא אַרוֹיס קוּמֶען ׃ דָאס אִיז נָאר גִירֶעכְט גְוָוארְן בַּיי אַיין דִין ׃ אָבֶער בַּיי אַזוֹ אַיין זַאךְ וָואס דִי חֲכָמִים הָאבְּן דָאס גְמַאכְט אָסוּר פוּן אַיין סְיָיג אָדֶער אַגֶדֶר וֶועגִין דָאס הֵייסְט זַייא הָאבְּן עֶס גְמַאכְט וִויא אַצוֹים ׃ בִּכְדֵי מֶען זָאל נִיט צוּ טְרֶעטְן צוּ טָאן אַגִיוִויסְן אִסוּר דָא מוּז מֶען זֶעהֶן מַחֲמִיר זַיין פוּן אַלֶע זַייטְין אַז מֶען זָאל גָאר נִיט קוּמֶן בְּשׁוּם אוֹפֶן צוּ וֶועלְכֶע קוּלָא מֵיקֵל צוּ זַיין ׃ אוּנ דָאס אִיז דֶר מָשָׁל דֶר פוּן ׃ ואל תרבה לעשר אומדות ׃ דוּא זָאלְסְט נִיט אָפְט גֶעבִּין מַעֲשֵׂר שַׁאצִינְדִיג חָאטְשְׁי דוּ וֶועסְט אָפּ שַׁיידְן דֶעם מַעֲשֵׂר מֶעהֶר וִויא דוּ בַּדַארְפְסְט צוּ גֶעבִּין ׃ אוּנ דֶער טַעַם אִיז וַוייל אַז מֶען גִיבְּט מַעֲשֵׂר שַׁאצִינְדִיג ׃ נִיט גְמָאסְטֶענֶערְהֵייד ׃ קֶען מֶען אָפְט אַזוֹי פִיל מֵיקֵל זַיין בִּיז דֶער מַעֲשֵׂר וָועט אַמָאל קַיין שׁוּם וֶוערְדֶע הָאבְּן ׃ אוּנ דֶר נָאךְ וָועט מֶען גָאר קַיין מַעֲשֵׂר גֶעבְּן ׃ דֶר כְּלַל אִיז דֶר וָואס דֶר וֶועגְט זִיךְ עוֹבֵר צוּ זַיין אוֹיף אַיין סְיָיג אוּנ אַגֶדֶר וָואס דִיא חֲכָמִים הָאבִּין גְמַאכְט ׃ אִיז יֶענֶר נָאךְ מֶעהְר רָשָׁע וִויא דֶר וָואס אִיז עוֹבֵר אוֹיף אַיין אִסוּר מִן הַתּוֹרָה ׃

יז שמעון בנו אומר שִׁמְעוֹן דֶר זוּן פוּן רַבָּן גַמְלִיאֵל זָאגְט כל ימי גדלתי בין החכמים ולא מצאתי לגוף טוב משתיקה ׃ דִי גַאנְצֶע צַייט פוּן מַיין לֶעבְּן בִּין אִיךְ גֶעוואקְסְן גְוָוא׳ין צְווִישְׁן חֲכָמִים אוּנ אִיךְ

וְכָל הַמַּרְבֶּה דְבָרִים מֵבִיא חֵטְא: יח רַבָּן שִׁמְעוֹן בֶּן גַּמְלִיאֵל אוֹמֵר עַל שְׁלשָׁה

חסדי

הָאבּ צוּ אַיין קֶערְפֶּער נִיט גְפוּנֶן בֶּעסֶער וִויא שְׁוַויינְן · דָם הֵייסְט עֶר הֶערְט זַיין בֶּעלֵיידִינוּנְג אוּנ שְׁוַויינְט · אוּנ אַיין בֶּעוַויז דָאס שְׁוַויינְן אִיז גוּט · אַז אֲפִילוּ אִין דֶער תּוֹרָה אִיז אוֹיךְ ולא המדרש עקר אלא המעשה נִיט דָאס דַרְשֶׁנֶן אוּנ רֵיידְן אִיז דֶר עִקָר נָאר דָאס טָאן · כְּלוֹמַר דָאס וָואס עֶר אִיז מְקַיֵים דִי מִצְוֹת נָאךְ דִיא דִינִים וָואס עֶר הָאט גְלֶערִינְט דָם אַלֵיין אִיז דֶר עִקָר · אָבֶּער אַז עֶר לֶערִינְט עֶר רֶעט אִין דֶער תּוֹרָה אוּנ עֶר אִיז נִיט מְקַיֵים · אִיז פִיל בֶּעסֶער אַז עֶר וָואלְט גָאר גְשְׁוִויגְן אוּנ נִיט רֵיידְן אִין דֶר תּוֹרָה וכל המרבה דברים מביא חטא אוּנ דֶר וָואס עֶר פַר מֶערְט זַאכִין אִין דֶער תּוֹרָה · כְּלוֹמַר עֶר דֶער קְלֶערְט אוּנ וַוייזְט אוֹיף פוּן דֶר תּוֹרָה נַאיֶיע מִצְוֹת אוּנ מִנְהָגִים · וָואס דִיא חַכְמֵי הַמִשְׁנָה אוּנ גְמָרָא הָאבְּן דָאס גָאר נִיט דֶר מָאנְט מביא חטא דֶר בְּרֵיינְגְט אֲפֶעלֶר אוּנ עֶר מִינֶערְט פוּן דִי מִצְוֹת הַתּוֹרָה · אוּנ אַזוֹ הָאבְּן גְזָאגְט אוּנְזֶרֶע חֲכָמִים כל יתר כנטול דמי · וָואס מֶעהְרֶער אִיז גְלַייךְ וִויא אָפְּגְקוּמֶען · כל המוסיף גורע · וֶוער עָס גִיט עֶט וָואס צוּא נַאיֶיס אִין יוּדִישְׁקַייט מִינֶערְט עֶר נָאךְ דִי יוּדִישְׁקַייט · אוּנ עֶס אִיז אַיין אַלְטֶעס שְׁפְּרִיךְ וָוארְט · וָואס צוּ פִיל אִיז אוּנגְעֶזוּנְד: יח רבן שמעון בן גמליאל זָאגְט על שלשה דברים העולם קים אוֹיף דְרַייא זַאכִין הַאלְט זִיךְ דִי וָועלְט · על הדין אוֹיף דֶעם גִירִיכְט וָואס מֶען בְּפְרַייט דֶעם גְרֶעכְטְן אוּנ מֶען בֶּשְׁטְרָאפְט דֶעם אוּנְגִירֶעכְטִין ועל האמת אוּנ אוֹיף דִיא טְרַייהַייט דָאס מֶענְטְשְׁן זָאל אֵיינֶע דִי אַנְדֶרֶע זַיין טְרַייא אוּנ זָאלְן נִיט פַאלְשְׁן · ועל השלום אוּנ אוֹיף פְרִיד · דֶען וָוען עֶס אִיז שָׁלוֹם צְוִוישְׁן דִי מְלָכִים · אוּנ דָאס פָאלְק זַיינֶן אוֹיךְ שָׁלוֹם אֵיינֶער מִיט דֶעם אַנְדֶרְן · דֶענְסְטְמָאל אִיז דִי וָועלְט גְלִיקְלִיךְ · אוּנ דִיזֶער מַאֲמַר אִיז נִיט גְלַייךְ צוּ דֶעם מַאֲמַר וָואס שִׁמְעוֹן הַצַדִיק הָאט גְזָאגְט אוֹיבְּן אִין מִשְׁנֶה ב׳ פוּן דִיזְן פֶּרֶק · דֶען שִׁמְעוֹן הַצַדִיק וָואס עֶר הָאט גְלֶעבְּט בְּעֵת דֶר בֵּית הַמִקְדָשׁ אִיז גְשְׁטַאנֶען דֶען עֶר אִיז גְוָועזִין אַיין כֹּהֵן גָדוֹל · הָאט עֶר דֶר קְלֶערְט פַר דֶעם פָאלְק דִי דְרַיי פִּים אוּנ דִיא פוּנְדַאמֶענְטְן אוֹיף וָואס דִי וָועלְט אִיז גִיבּוֹיט אוּנ אִיז דוּרְךְ זַייא

אבות

גְלִיקְלִיךְ דְרוּם זָאגְט עֶר מִיט דֶעם לָשׁוֹן על שלשה דברים העולם עומד אוֹיף דְרַיי זַאכִין שְׁטֵייט דִיא וָועלְט כְּלוֹמַר זִיא אִיז גֶעבּוֹיט אוֹיף תּוֹרָה · עֲבוֹדָה אוּנ גְמִילוּת חֲסָדִים · אָבֶר דִיזֶע לֶעצְטֶע מִשְׁנָה י״ח פוּן דִיזֶען פֶּרֶק הָאט גִיזָאגְט רַבָּן שִׁמְעוֹן בֶּן גַמְלִיאֵל דָאס אִיז דֶער פָאטֶער פוּן רַבֵּינוּ הַקָדוֹשׁ וָואס דִי מִשְׁנָה רוּפְט אִים אָן סְתָם מִיט דֶעם נָאמֶען רַבִּי (דָאס אִיז רַבִּי יְהוּדָה הַנָשִׂיא) . אוּנ עֶר הָאט גְלֶעבְּט שׁוֹין נָאךְ דֶעם חוּרְבָּן אַז דִי וָועלְט הָאט גְהַאלְטְן נָאהֶנְט צוּם אַיינְפַאלֶען הָאט עֶר זִיךְ אוֹיסְגֶעדְרִיקְט · על שלשה דברים העולם קים אוֹיף דְרַיי זַאכִין הַאלְט זִיךְ נָאךְ דִי וָועלְט אוֹיף אַז זִיא זָאל נִיט פַאלִין אוּנ זַיי זַיינֶען דין · אמת אוּנ שלום · וִויא מִיר הָאבְּן פְרִיעֶר מְפוֹרָשׁ גִיוָועזִין שֶׁנֶאֱמַר דֶען אַזוֹ זָאגְט אוֹיךְ דֶער פָּסוּק אמת ומשפט שלום שפטו בשעריכם · וַוארְהַייט אוּנ פְרִידְלִיכֶעס גֶערִיכְט זָאלְט אִיר אִין אַייעֶרֶע טוֹיעֶרְן רִיכְטְן · עֶס אִיז קָשֶׁה אוֹיף דֶעם סֵדֶר פוּן דֶר מִשְׁנָה · דֶען נָאךְ דֶעם בֶּעוַויז פוּן פָּסוּק הָאט דֶר תַּנָא בַּדַארְפְט אִיבֶּר שְׁטֶעלְן דֶעם סֵדֶר אוּנ זָאגְן על האמת ועל הדין וכו׳ וַוייל דֶר פָּסוּק רֶעכִינְט פְרִיעֶר אמת אוּנ נַאכְהֶער משפט · אוּנ נָאךְ מֶעהְר קַשְׁיָא אִיז דָאס דֶר פָּסוּק אִיז גָאר קַיין בֶּעוַויז אוֹיף דְרַיי זַאכִין וָואס זָאלְן אוֹיף הַאלְטִין דִי וָועלְט נָאר צְוֵויי זַאכִין אמת אוּנ דין וַוייל אִין פָּסוּק רֶעכִינְט עֶר נִיט שלום פַאר אַיין בֶּעזוּנְדֶר פְרִימֶעט דֶען דֶר נָאמֶען משפט שְׁטֵייט נִיט אִין נִפְרַד · אָבָר עֶר אִיז נוֹטֶה אִין סְמִיכוּת וַוייל דִי פֵּא שְׁטֵייט מִיט אַפַּתַח אוּנ עֶס אִיז גִיבּוּנְדִין צוּ דֶעם שֵׁם שלום וָואס עֶס שְׁטֵייט נָאךְ אִים ומשפט־שלום · דְרוּם מֵיינְט עֶר צוּ זָאגְן אַפְרַיינְדְלִיכְן גֶערִיכְט דֶען אַז שָׁלוֹם וָואלְט זִיךְ אִין פָּסוּק גְרֶעכִינְט פַר אַדְרִיטְן פְרִימֶעט הָאט בַּדַארְפְט צוּ שְׁטֵיין מִשְׁפָּט מִיט אַקָמַץ דִי פֵּא · אוּנ פַר דָאס וָוארְט שָׁלוֹם הָאט גְדַארְפְט צוּ שְׁטֵיין אַיין וָואו · אמת משפט ושלום שפטו בשעריכם דָאס הֵייסְט וַוארְהַייט רִיכְט אוּנ פְרִידְן זָאלְט אִיר רִיכְטְן אִין אַייעֶרֶע טוֹיעֶרְן נָאר דָאס מַאכְט רֶעכְט דֶער יְרוּשַׁלְמִי (תענית פ״ד · מגילה פ״ג) על שלשה דברים העולם קים. על האמת ועל הדין ועל השלום אוֹיף דְרַייא

זאבין

דְּבָרִים הָעוֹלָם קַיָּם עַל הָאֱמֶת וְעַל הַדִּין וְעַל הַשָּׁלוֹם שֶׁנֶּאֱמַר אֱמֶת וּמִשְׁפַּט שָׁלוֹם שִׁפְטוּ בְּשַׁעֲרֵיכֶם :

חסדי אבות

זָאבְן הַאלְט זִיךְ אוֹיף דִּי וֶועלְט אוֹיף וַוארְהַייט אוֹיף גֶערִיכְט אוּנ אוֹיף שלום · ושלשתם דבר אחד אוּנ דִיזֶע דְרַיי זַיינֶן אֵיין זַאךְ דֶען וִויא בָּאלְד אַז עֶס הֶערְשְׁט אמת הֶערְשְׁן אוֹיךְ דין אוּנ שלום אוּנ דִי רַאֲיָה אִיז פוּן פָּסוּק אמת ומשפט שלום שפטו בשעריכם · זֶעט מֶען דָאס דֶער יְרוּשַׁלְמִי רֶעכִינְט דִי דְרַייא פַאר אֵיין זַאךְ · וָואס דֶער גְרוּנְד אִיז נָאר אֱמֶת! אוּנ מִשְׁפָּט מִיט שָׁלוֹם בֶּעדִינֶן בֵּיידֶע צוּ דִי אֱמֶת · אוּנ מֶען קֶען עֶס פַרְשְׁטֵיין מִיט דֶעם וָואס דֶער מֶדְרָשׁ שְׁרַייבְּט אוֹיף דֶעם פָּסוּק (תהלים צ״ט) אתה כוננת מישרים דוּ הָאסְט גֶעגְרִינְדֶעט דִי רֶעכְט פַּארְטִיגְקַייט צוּ דִי יִשְׂרָאֵל וָואס זֵיי הָאבְּן דִיךְ לִיבּ · וַוייל דוּרְךְ דִי מִשְׁפָּטִים וָואס דוּ הָאסְט צוּ זֵיי גֶגֶעבְּן קְרִיגְן זַיי זִיךְ מִיט אֵיינְאַנְדֶער אוּנ קוּמֶען צוּ בֵּית דִין · אוּנ דִי דַיָּנִים מַאכְן צְוִוישְׁן זֵיי שָׁלוֹם · דֶר פְּשַׁט פוּן דִיזֶען מֶדְרָשׁ · זָאגְט דֶר דוּבְּנֶער מַגִּיד אִיז אַזוֹי · דָאס רוֹב מִשְׁפָּטִים אוּנ דִין תּוֹרָה וָואס אֵיין יְהוּדִי הָאט מִיט דֶעם אַנְדֶערְן אִיז נִיט דִי סִבָּה וַוייל זֵיי הָאבְּן לִיבּ פְרֶעמְדֶע גֶעלְט · נָאר אוּמְגִיקֶערְט וַוייל זַייא הָאבִּין לִיבּ יוֹשֶׁר אוּנ גִירֶעכְטִיקַייט · אוּנ יֶעדֶערֶר צִיטֶערְט פַאר זִיךְ פִילַייכְט פַר נֶעמְט עֶר הָלִילָה אַפְרֶעמְדְן גְרָאשְׁן אוּנ אִיבֶּר דֶעם גֵייהֶען זֵיי צוּם בֵּית דִין · בִּיז דִי דַיָּינִים זַיינֶן מְבָרֵר זֵייעֶרֶע טַעֲנוֹת · אוּנ וִויא בֵּית דִין מַאכְט אָפּ צְוִוישְׁן זֵיי · אַזוֹ וֶוערְן זֵייא בַּאלְד שָׁלוֹם מִיט אֵיינְאַנְדֶער · אוּנ עֶס אִיז אַגְרוֹיסֶער אוּנְטֶערְשֵׁייד צְוִוישְׁן דִי וָואס קְרִיגְן זִיךְ וַוייל אֵיינֶער וִויל בַּיי דֶעם אַנְדֶערִין גֶעלְד אוֹיסְדְרֵייעֶן פוּן הַאנְד מִיט אַיין עַוְלָה · אוּנ צְוִוישְׁן דִי לַייט וָואס זֵיי קְרִיגִין זִיךְ וֶועגְן דִיא וָוארְהַייט · וַוייל אֵיינֶר וִויל נִיט פַארְנֶעמֶן זַיין חַבֵרִים גְרָאשְׁן · אוּנ זֵיי גֵייעֶן צוּ בֵּית דִין נָאר בִּכְדֵי דִיא דַיָּינִים זָאלִין זֵייא עֶרְקְלֶערִין דִיא רִיכְטִיקַייט צוּ וֶועמֶן דָאס גֶעלְד גִיעֶהֶרְט · וִויא דִי גְמָרָא זָאגְט: לאו כולי עלמא דינא גמירא · נִיט אַלֶע מֶענְטְשְׁן זַיינֶען גֶלֶערִינְט צוּ וִויסִין אַדִין · אוּנ דִי פְרָאבֶּע אִיז אַזוֹ · אַז דֶר וָואס קוּמְט צוּ בֵּית דִין מַחֲמַת עֶר אִיז אַיין חוֹמֵד מָמוֹן וַוייל

עֶר וִויל בַּיי זַיין חַבֵר פוּן הַאנְד אַרוֹיס דְרֵייעֶן · וָוען בֵּית דִין פַּסְקֶנְט אִים אָפּ עַל פִּי דִין תּוֹרָה אַז עֶר הָאט פֶערְשְׁפִּילְט · גֵייט עֶר אַוֶועק מִיט רוֹגֶז אוּנ אִיז אִין כַּעַס אוֹיף דִי דַיָּינִים פַר וָואס זֵיי הָאבִּין נִיט גִפַּסְקֶנְט נָאךְ זַיין וִוילִין · אָבֶּער דֶער וָואס גֵייט צוּם בֵּית דִין מַחֲמַת עֶר לִיבְּט דִי וַוארְהַייט · עֶר אִיז אַיין עֶרְלִיכֶער מַאן עֶר וִויל פְרֶעמְדֶע נִיט בֶּערִיהְרֶן · דֶר וִויא עֶר דֶער הֶערְט נָאר פוּן בֵּית דִין אַז עֶר הָאט אוּנְרֶעכְט · גִיט עֶר אָפּ וָואס ב״ד הָאט אִים צוּ גִפַּסְקֶנְט מִיט שִׂמְחָה · אוּנ עֶר לוֹיבְּט נָאךְ דֶעם דַיָּן וָואס עֶר הָאט אִים גִשְׁטֶעלְט אוֹיפְן יוֹשֶׁר · אוּנ עֶר בֶּעט נָאךְ זַיין חַבֵר מְחִילָה וָואס עֶר הָאט מִיט אִים אוּמְזִיסְט גֶעקְרִיגְט · אוּנ בַּאלְד נָאךְ דֶעם דִין תּוֹרָה וֶוערְט צְוִוישְׁן זֵיי בֵּיידִין גִישְׁלָאסִין שָׁלוֹם אוּנ פְרַיינְדְשַׁאפְט · אוּנ דָאס אִיז דִיא כַּוָּנָה פוּן דֶעם יְרוּשַׁלְמִי וָואס עֶר זָאגְט תמן תנינן דָארְטְן אִין דֶער מִשְׁנָה פוּן אָבוֹת הָאבִּין מִיר גְלֶערִינְט על שלשה דברים העולם קים אוֹיף דְרַיי זַאכִין הַאלְט זִיךְ דִיא וֶועלְט · מֵיינְט מֶען דָאךְ אַז יֶעדֶע פוּן דִי דְרַיי אִיז אַבַּאזוּנְדֶרֶע זַאךְ קוּמְט דֶר יְרוּשַׁלְמִי אוּנ זָאגְט ושלשתן דבר אחד · אַז דִי אַלֶע דְרַיי אִיז נָאר אֵיין זַאךְ · דָאס אִיז אֱמֶת אַלֵיין · וִויא בַּאלְד אַז דִיא סִבָּה וָואס בֶּעוֶועגְט יֶעדֶערִן פוּן דִי בַּעֲלֵי דִין (וָואס הָאבְּן אַדִין תּוֹרָה) אִיז דִי וַוארְהַייט · דִי זֶעלְבִּיגֶע זַאךְ אִיז דֶר דִין וָואס בֵּית דִין פַּסְקֶנְט · כְּלוֹמַר זֵייא עֶרְקְלֶערִן דִיא וַוארְהַייט · אוּנ דָאס זֶעלְבִּיגֶע זַאךְ אִיז דֶער שָׁלוֹם וָואס צְוִוישְׁן זֵייא וֶוערְט נַאכְהֶער גִשְׁלָאסִין אוּנ דְרוּם בְּרֵיינְגֶן זֵיי (דִיא מִשְׁנָה אוּנ דֶר יְרוּשַׁלְמִי) דֶעם פָּסוּק אמת ומשפט שלום שפטו בשעריכם דַוְקָא נָאר מִיט דֶעם סֵדֶר פְרִיעֶר אֱמֶת אוּנ נַאכְהֶר משפט שלום וַוייל דָאס אִיז נָאר אֵיין זַאךְ · דִיא אֱמֶת אַלֵיין · אוּנ דָאס אִיז אוֹיךְ דִיא כַּוָּנָה פוּן דֶעם מֶדְרָשׁ וָואס עֶר זָאגְט שעל ידי המשפטים וכו׳ וַוייל נָאר וֶועגִין דִי מִשְׁפָּטִים וָואס דוּ גָאט הָאסְט צוּא דַיין פָאלְק גֶגֶעבְּן · אִיבֶּער דֶעם קְרִיגְן זֵיי זִיךְ אֵיינֶר מִיט דֶעם אַנְדֶערִין · וַוייל יֶעדֶער וִויל וִויסֶען דֶעם

ריכטיגן

רַבִּי חֲנַנְיָא בֶּן עֲקַשְׁיָא אוֹמֵר רָצָה הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא לְזַכּוֹת אֶת יִשְׂרָאֵל לְפִיכָךְ

רִיכְטִיגְן דִין צוּ וֶועמֶען דָאס גֶעלְד גְהֶער · דְרוּם קוּמֶן זַיי צוּם בֵּית דִין · אוּנ זַיי מַאכְן עֶנְדְלִיךְ מִיט אֵיינְאַנְדֶער שָׁלוֹם :

(מכות פ"ג משנה ט"ז) רבי חנניא בן עקשיא זָאגְט רצה הקב"ה לזכות את ישראל וַוייל הקב"ה הָאט גְיוָועלְט דִיא יִשְׂרָאֵל מַאכְן גִירֶעכְט · כְּלוֹמַר זַיי זָאלִין זַיין צַדִיקִים · לפיכך הרבה להם דְרוּם הָט עֶר צוּ זַיי פֶערְמֶערְט תּוֹרָה מִיט מִצְוֹת דְהַיְינוּ הַשֵּׁי"ת הָאט גְשְׁרִיבְּן אִיבֶּרִיגֶע פַּרְשִׁיוֹת אִין דֶר תּוֹרָה מִיט אִיבֶּרִיגְע מִצְוֹת וָואס מֶען הָאט זַיי גָאר נִיט בֶּעדַארְפְט אִין דֶר תּוֹרָה אַרַיינְשְׁרַייבְּן וִויא דִי פַּרְשִׁיוֹת פוּן שְׁקָצִים אוּנ רְמָשִׂים וָואס דִי תּוֹרָה הָאט גְשְׁרִיבְּן דָאס אַיין יִשְׂרָאֵל זָאל זַיי נִיט עֶסְן את החלד ואת העכבר והצב למינהו את הלטאה וגו' אַיין יִשְׂרָאֵל זָאל נִיט עֶסִין דֶעם וִויזִל · דֶעם מוֹיז דִיא צֶערֶעפַּאחֶע אוּנ דִיא יַאשְׁצֶערִיצֶע · אַזֶעלְכֶע זַאכִין וֶוען דִיא תּוֹרָה וָואלְט עֶס נִיט שְׁרַייבִּין וָואלְטִין מִיר דָאס אוֹיךְ נִיט עֶסִין · נָאר דְרוּם הָאט עֶס הַשֵּׁ"י דִיזֶע אִיבֶּעְרִיגֶע מִצְוֹת אַרַיין גְשְׁרִיבְּן אִין דֶר תּוֹרָה בִּכְדֵי צוּ מַאכְן דִי יִשְׂרָאֵל פַר צַדִיקִים · כְּלוֹמַר דָאס זַיי עֶסְן דָאס נִיט וַוייל גָאט הָאט עֶס זַייא פֶערְבָּאטְן אוּנ זָאלִין זַיין וֶוערְט צוּ נֶעמֶן פַר דֶעם שָׂכָר · שנאמר דֶען עֶס שְׁטֵייט אַזוֹ אִין פָּסוּק ה' חפץ למען צדקו יגדיל תורה ויאדיר לֶערִינְט דֶר בַּרְטְנוּרָה ז"ל דֶעם פְּשַׁט פוּן פָּסוּק · גָאט הָאט גְעוָואלְט פוּן וֶועגִין דִיא יִשְׂרָאֵל גִירֶעכְט צוּ מַאכְן דְרוּם הָאט עֶר דִיא תּוֹרָה גִיזֶעהְן צוּא פַר גְרֶעסֶערִין אוּנ דִי מִצְוֹת צוּ פַר מֶערִין · אָבֶּר נָאךְ דֶעם פְּשַׁט הָאט אִין פָּסוּק בַּדַארְפְט שְׁטֵיין לְמַעַן צַדְקוֹ דִי צַדִיק מִיט אַפַּתַח אוּנ נִיט מִיט אַחִירִק וִויא מִיר גִיפִינֶען אִין אַיין אַנְדֶר אָרְט (איוב לג לב) דבר כי חפצתי צדקך אֱלִיהוּא הָאט גְיזָאגְט צוּ אִיוֹב רֵייר דַיינֶע טַעֲנוֹת וַוייל אִיךְ וִויל דִיךְ מַאכִין גִירֶעכְט · אָבֶּער צִדְקוֹ מִיט אַחִירִק אִיז דֶער טַייטְשׁ זַיין גְרֶעכְטִיגְקַייט · דְרוּם וַוייזְט אוֹיס דֶר פְּשַׁט פוּן פָּסוּק גָאר אֵיינְפַאךְ נָאךְ דֶר כַּוָונָה פוּן דֶעם תַּנָא גָאט הָאט בַּאגֶערְט אַזוֹא אַז וֶועגִין יִשְׂרָאֵלְס גִירֶעכְטִיגְקַייט זָאל עֶר (גָאט ב"ה) דִיא תּוֹרָה פַר גְרֶעסֶערְן אוּנ פַר מֶערְן · ר' בֶּערוּשׁ פְּלַאהֶם

ז"ל דֶעם דוּבְּנֶער מַגִידְס אַתַּלְמִיד בְּרֵיינְגְט אִין זַיין הַגָהָה אוֹיף דֶעם אֹהֶל יַעֲקֹב פַּרְשָׁה קְדוֹשִׁים אוֹיף דֶעם מַאֲמַר פוּן רַבִּי חֲנַנְיָא בֶּן עֲקַשְׁיָא אַשֵׁיינֶעם מָשָׁל · אַרַייכֶער יוּנְגֶער מַאן וָואס עֶר הָאט שׁוֹין בַּאלְד בֶּעדַארְפְט אַרוֹיס פוּן קֶעסְט · הָאט עֶר אַרוֹיס גֶענוּמֶן זַיינֶע עֶטְלִיכֶע טוֹיזִינְד רוּבְּל וָואס זַיינֶען גִילֶעגְן בִּיז אַהֶער בַּיי אֵיינֶם קַנְטָארִיכְט אוֹיף אַקְלֵיינֶם פְּרָאצֶענְט אוּנ אִיז מִיט זַיי גְפָארְן נָאךְ פַארִיז אֵיינְהַאנְדְלֶן סְחוֹרָה פוּן אַלֶערְלַיי סָארְטְן · אִין פַארִיז הָאט עֶר זִיךְ אִין גַאס גְטְרָאפְן מִיט זַיינֶעם אַפֶּעטֶר · אוּנ עֶר הָאט אִים דֶר צֵיילְט וֶועגְן וָואס עֶר אִיז אַהֶער גִיקוּמֶען · עֶר הָאט אִים גְיזָאגְט אַז עֶר הָאט בַּיי זִיךְ אִין הוֹיז גְמַאכְט אַגְרוֹיסְן סְקְלַאד אַיין אַגוּלְנֶיע פוּן אַלֶערְלַיי סְחוֹרוֹת אוֹיף כַּמָה אֲלָפִים רוּבְּל · נָאכְדֶעם אַז זַיי זַיינֶען זִיךְ פוּן אַנַאנְדֶער גִישֵׁיידְט אִיז זִיךְ דֶער יוּנְגֶער מַאן גִיגַאנְגֶען אִין זַיין סְטַאנְצְיֶע · אוּנ דֶר פֶּעטֶער אִיז זִיךְ אִין דֶר שְׁטִיל אַרוּם גִיגַאנְגֶן צוּא אַלֶע פַאבְּרִיקַאנְטְן אוּנ הָאט צוּ זַייא גִיזָאגְט · זַייט וִויסִין אַז אַהֶער אִיז גְקוּמֶן אַגְרוֹיסֶער סוֹחֵר אוּנ אִיר קֶענְט פוּן אִים גְשְׁמַאק לֵייזְן אוֹיךְ דַארְף עֶר קַיין קְרֶעדִיט הָאבִּין דֶען עֶר קֶען צָאלִין מִיט מְזוּמָנִים דִי פַאבְּרִיקַאנְטְן הָאבְּן עֶס דֶר הֶערְט הָאט יֶעדֶער פוּן זַייא צוּא אִים גֶעשִׁיקְט זַיינֶע מֶענְטְשְׁין מִיט סְחוֹרָה מֶען הָאט אִים אַרוּם גֶערִינְגֶעלְט פוּן אַלֶע זַייטִין אַז עֶר אִיז גְוֶועזִין מִיט זַיי בַּשֶׁעפְטִיגְט דֶעם גַאנְצְן טָאג · אוּנ אַלֶע טָאג זַיינֶען צוּא אִים גִיקוּמֶן אַנְדֶרֶע אַז עֶר הָאט קַיין צַייט גִיהַאט אוֹיף אַקְלֵיינֶע צַייט אָפּ צוּ רוּהֶען · נָאכְדֶעם אַז דֶר יוּנְגֶער מַאן הָאט שׁוֹין אַזוֹ פִיל אַיין גְהַאנְדִילְט אוּנ עֶר הָאט שׁוֹין מֶער קַיין גֶעלְד · נָאר דִיא הוֹצָאוֹת וָואס אִים אִיז נֵייטִיג אוֹיפְן וֶועג · אִיז עֶר גְגַאנְגֶן צוּם פֶּעטֶר נֶעמֶן בַּיי אִים אָפְּשֵׁייד (זִיךְ צוּ זֶעגִינֶן) · אוּנ עֶר הָאט דֶעם פֶּעטֶער דֶער צֵיילְט פוּן אַלֶר הַאנְדְ סְחוֹרוֹת וָואס עֶר הָאט גְקוֹיפְט פוּן דֶעם סָארְט אַזוֹ פִיל אוּנ אַזוֹ פִיל · אוּנ פוּן דֶעם סָארְט אַזוֹ פִיל · פַאר דִיא הָאט עֶר אַזוֹ פִיל בַּצָאלְט אוּנ פַאר דִי הָאט עֶר וִוידֶר אַזוֹ פִיל בַּצָאלְט · נָאךְ דֶעם הָאט עֶר זַייעֶר פִיל גֶעזִיפְצְט אוּנ הָאט

גזאגט

הִרְבָּה לָהֶם תּוֹרָה וּמִצְוֹת שֶׁנֶּאֱמַר יְיָ חָפֵץ לְמַעַן צִדְקוֹ יַגְדִּיל תּוֹרָה וְיַאְדִּיר

פרק שני

כל ישראל וכו׳

רַבִּי אוֹמֵר אֵיזוֹ הִיא דֶרֶךְ יְשָׁרָה שֶׁיָּבוֹר לוֹ הָאָדָם כָּל שֶׁהִיא תִּפְאֶרֶת לְעֹשֶׂה וְתִפְאֶרֶת לוֹ מִן הָאָדָם ׃ וֶהֱוֵי זָהִיר בְּמִצְוָה קַלָּה כְּבַחֲמוּרָה שֶׁאֵין אַתָּה

חסדי אבות

געזאגט מיט איין אומעטיקע מינע אבער וואס
ווייסט איר פעטער פון מיינע גרויסע הארי וואנע
וויא פיל איך האב געהארעוועט איך האב קיין
צייט געהאט אוויילע אפ צוא רוהען ׃ איך בין
גאר קראנק דען איך האב שוין פון וויפיל טעג
אונ נעכט ניט געשלאפן ׃ זיין פעטער האט עס
אויסגעהערט אונ האט שטארק אנגעפאנגען צו
לאכן ׃ פעטער וואס לאכט איר אזו ׃ האט אים
דער יונגער מאן געפרעגט מיט פערדרוס ׃ איך
לאך דריבער ׃ האט דר פעטער געזאגט אז מיין
עצה האט אפ געאלפן ׃ ווייל דיין גאנצן מורוד
האב איך דיר עס געמאכט ׃ ווייל איך האב מיר
געטראכט דאס פאריז איז קיין קליינע שטעטיל
אין איר איז אלערלייא מעאטערן ׃ אלערלייא
לוסט גארטן ׃ ווייןהאנדלען אונ שפאציר
גאנגע מיט פיל אנטיקן ׃ אונ דו ביסט דאך
איונגער מענש ׃ על כן האב איך פאר דיר
זייער מורא געהאט אז דו זאלסט זיך ניט איבער
געבן צו דיזע פרייליכע ערטר ׃ אונ דו זאלסט
דיין אייגנס ניט פערשווינדלען אויף
נארישקייטן ׃ דריבער האב איך גזעהען וואס
מער פאבריקאנטן אונ סוחרים פון סחורה
צו דיר איינקערן כדי דיך מטריד צו זיין מיט
וואס דיר איז נייטיג דעם גליק פון דיין הויז צו
בעשטעטיגען ׃ אז דיר זאל קיין שום צייט
בלייבן צו גיין אהנ צו בטראכטן די לוסטיקייטן
פון דר שטאט וויא אלע יונגע לייט וואס קומן
אהער יאגן זיך נאך דעם ׃ דער נמשל איז ׃
דאס הקב״ה האט גישיקט דעם מענטשן אויף
דיזען עולם אום דא איינהאנדלין תורה אונ
מצות ׃ ווייל נאר דיזע וועלט איז דר ארט פון
אזו אסחורה ׃ אבער אז דער מענטש קומט
אהער ׃ וויא ווייט מוז מען איבער אים זארגין
אז ער זאל זיך ניט איבער געבן צו אלערלייא
תאות ׃ דרום איז געוועזן די עצה פון השי״ת
צו פערשאפן אים זייער פיל פון דער סחורה

וואס ער בעדארף דא איינהאנדלן אונ האט
אים פערמערט תורה אונ מצות ׃ אונ איידר
ער טוט נאך אפ איין מצוה שטייט אים שוין
פר דר האנד איינע אנדרע מצוה ׃ אונ אדריטע
אונ אפירטע אונ אזו האט דר מענש קיין שום
צייט נאך צוא גיין ׃ נאך די נארישקייט פון
עולם הזה ׃ אונ דאס האט דער תנא געזאגט
רצה הקב״ה לזכות את ישראל גאט האט געוועלט
די ישראל בגליקן לפיכך הרבה להם תורה ומצות
דרום האט ער זיי בשעפטיגט מיט פיל תורה
אונ מצות ׃ דען אזו שטייט אויך אין פסוק ה׳
חפץ למען צדקו גאט וויל עס וועגן זיין גליק יגדיל
תורה ויאדיר דרום פאר גרעסערט ער די תורה
אונ ער שטארקט זיי מיט מצות ׃

א רבי אומר רבי זאגט איזו היא דרך ישרה שיבור
לו האדם ׃ וועלכע גלייכע וועג פון די וועגן
וואס גאט האט אים ערלויבט צו גיין זאל זיך
דר מענש בעסר אויסקלייבן ׃ כל שהיא תפארת
לעושיה יעדע וועלכע זיא איז אנשטענדיג צו
דעם וואס ער טוט עס ותפארת לו מן האדם אונ
אויך מענשן באשיינן אים ׃ למשל דיא מדה
פון קארגהייט איז זיא פר דעם קארגן מענשן
גיפעלן ווייל ער זאמלט געלד ׃ אבער מענשן
לויבן אים ניט פר אזו אמדה ׃ ווייל אמענש
בעדארף ניט נאר פאר זיך אליין לעבן ׃ אונ
ווען אמענש האט אין זיך די מדה פון פזרנות
צו פערשווענדין געלד איז דאס גיפעלין דעם
אנדערן ווייל ער האט פון אים גרויס הנאה
אבר פר אים אליין איז דאס ניט גוט ׃ ווייל
ער ווערט דורך דעם איין ארומאן ׃ אבר די
מדה פון נדיבות איידילקייט פרייא געביקייט
איז דאס אמיטעל וועג צווישן קארגהייט אונ
צווישן פזרנות ׃ ער פערשווענדט ניט איבריגע
געלט נאר ער גיט צדקה צו די נייטיגע ׃ אונ
לעבט צוא הויז עקאנאמיש מיט ארעכנונג ׃
דיזע מדה איז אנשטענדיג פאר אים אליין

אונ

יוֹדֵעַ מַתַּן שְׂכָרָן שֶׁל מִצְוֹת · וֶהֱוֵי מְחַשֵּׁב הֶפְסֵד מִצְוָה כְּנֶגֶד שְׂכָרָהּ וּשְׂכַר

חסדי אבות

אוּנ אוֹיךְ גֶעפֶעלְן צוּ אַנְדֶרֶע לַייטְן · אִין דֶעם זִין שְׁרַייבְּט אוֹיךְ גוּט דֶר בַּעַל הֶעָרָה אִין סֵפֶר כּוֹכָב מִיַּעֲקֹב אִין דֶר הַפְטָרָה פוּן סֵדֶר בְּרֵאשִׁית דִי עֶהְרֶע אוּנ דִי לוֹיבּ וָואס אַמֶענְשׁ בֶּעקוּמְט פַר זַיינֶע מַעֲשִׂים פוּן אַנְדֶרֶע לַייטְן אִיז אַיין בֶּעוַויז אַז דִיא סִבָּה וָואס מַאכְט זַיין וֶועג גִיפֶעלְן אִיז אַרִיכְטִיגֶע אוּנ נִיט קַיין פַאלְשֶׁע סִבָּה · והוי זהיר במצוה קלה כבחמורה אוּנ דוּא זָאלְסְט זַיין גְוָואָרִינְט אִין אַקְלֵיינֶע מִצְוָה · וָואס דוּ רִיכְטְסְט זִיךְ נִיט פַר אִיר פִיל שְׂכַר צוּ נֶעמֶען דָאךְ זָאלְסְטוּ אִיר מְקַיֵּם זַיין מִיט חֵשֶׁק אוּנ מִיט שִׂמְחָה אַזוֹ וִויא דוּ בִּיסְט זִיךְ מִתְעַסֵּק אִין אַיינֶע הַארְבֶּע מִצְוָה וָואס דוּ טוּסְט אִיר מִיט הִתְלַהֲבוּת וַוייל דוּא רִיכְטְסְט זִיךְ פַאר אִיר פִיל שְׂכַר צוּ מְקַבֵּל זַיין · שאין אתה יודע מתן שכרן של מצות דֶען דוּ וַוייסְט נִיט דֶעם גְשַׁאנְק וָואס גָאט וֶועט דִיר גֶעבִּין צוּא דֶעם שְׂכַר פוּן דִיא מִצְוֹת חָאטְשֵׁי פוּן פִיל מִצְוֹת וָואס אַמֶענְשׁ אִיז מְקַיֵּים הָאט גָאט ב"ה מוֹדִיעַ גִיוֶועזִין דֶעם שְׂכַר אִין דֶער תּוֹרָה · אָבֶער דֶעם גִישַׁאנְק וָואס השי"ת גִיט פַאר יֶעדֶער מִצְוָה לְבַד דֶעם שְׂכַר דָאס קֶענְסְטוּ נִיט וִויסִין · אוּנ עֶס קֶען זַייעֶר גוּט זַיין אַז פַאר אַקְלֵיינֶע מִצְוָה קֶען מֶען הָאבֶּען נָאךְ אַגְרֶעסֶערֶע מַתָּנָה וִויא פַר אַגְרוֹיסֶע אוּנ אַיין הַארְבֶּע מִצְוָה · וַוייל אוֹיף אַיין הַארְבֶּע מִצְוָה זַיינֶען דָא פִיל בַּעֲלָנִים וָואס חַאפִּין זִיךְ אָן אִיר זִיא צוּ טָאן וַוייל זֵיי רִיכְטְן זִיךְ צוּ נֶעמֶען פִיל שְׂכַר · אָבֶער אוֹיף אַקְלֵיינֶע מִצְוָה חַאפְּט מֶען זִיךְ נִיט אָן · וַוייל אִיר שְׂכַר אִיז קְלֵיין · אָבֶער עֶס אִיז דָאךְ מֶעגְלִיךְ אַז דִיא מַתָּנָה וָואס עֶר וֶועט פַר אִיר בֶּעקוּמֶען חוּץ דֶעם שְׂכַר · זָאל נָאךְ בֶּעטְרֶעפִין מֶעהֶער וִויא דֶער שְׂכַר פוּן אַהַארְבֶּע מִצְוָה · וַוייל גָאט ב"ה קוּקְט נִיט אוֹיף דֶעם קִיּוּם הַמִּצְוָה · נָאר אוֹיף דֶעם הֶערְצִין אוּנ אוֹיף דֶער מַחֲשָׁבָה פוּן דֶעם וָואס עֶר אִיז זִיא מְקַיֵּים · דְרִיבֶּער שְׁטֵייט נִיט שאין אתה יודע שכרן של מצות נָאר מתן שכרן דִי מַתָּנָה וָואס מֶען גִיט צוּ דֶעם שְׂכַר · דֶער דוּבְּנֶער מַגִּיד שְׁרַייבְּט אִין סֵפֶר הַמִּדּוֹת אַיין תִּירוּץ אוֹיף דִיא קַשְׁיָא וָואס דֶר עוֹלָם פְרֶעגְט פַר וָואס הָאט גָאט ב"ה אִין דֶר תּוֹרָה נִיט גֶעשְׁרִיבִּין פוּן דֶעם שְׂכַר וָואס מֶען גִיט אִידְן בְּעוה"ב · דָאס כִּמְעַט קֵיינֶער וֵוייס דֶר פוּן · נָאר דִי תּוֹרָה שֶׁבְּעַל פֶּה רֶעט דֶר פוּן · וִויא דִי בַּעֲלֵי הַמִּדְרָשׁ אוּנ דִי בַּעֲלֵי הַגְּמָרָא · זָאגְט דֶר דוּבְּנֶר אַז מִצַּד דֶרֶךְ אֶרֶץ הָאט עֶס דֶר בּוֹרֵא אוּנְז נִיט בֶּעדַארְפְט מוֹדִיעַ זַיין · מִיר וֶועלְן גֶעבִּן דֶר צוּ אַמָשָׁל · אַגְרוֹיסֶער גְבִיר הָאט גִיהַאט אַיין אֵיינְצִיגֶע טָאכְטֶער הָאט עֶר פַאר אִיר גִיזוּכְט אַחָתָן וָואס עֶר זָאל זַיין אַמְשׁוּלָּם בְּכָל הַמַּעֲלוֹת · אַיין מָאל הָאט גִיטְרָאפִין אַז עֶר הָאט בַּיי אַיין אָרִימֶען פָאטֶער דֶר זֶעהֶן אַיין בָּחוּר וָואס עֶר אִיז גְוֶועזְן זֵייעֶר גִיבִּילְדֶעט אוּנ פְרוּם · עֶר אִיז דֶעם סוֹחֵר גִיפֶעלְן גִיוָוארְן אוּנ עֶר הָאט אִים גִינוּמֶען פַר אַיין אֵיידִים וִויא עֶר שְׁטֵייט אוּנ גֵייט נוּן פְרֶעגְן מִיר אִיז דֶען דָאס רֶעכְט אַז דֶר גְבִיר זָאל זָאגְן צוּם חָתָן אֵיידֶר דִי תְּנָאִים · זַייא וִויסְן אַז דוּ וֶועסְט נֶעמֶען מַיין טָאכְטֶער פַר אַוַוייבּ וֶועל אִיךְ דִיר אָפְּגֶעבִּין פוּן מַיינֶע מַאיָאנְטְקֶס וָואס אִיךְ הָאבּ מֵעֵבֶר לַיָּם · אוּנ דִי מִילְין מִיט דִיא קְרֶעטְשְׁמֶעס וָואס אִיךְ הָאבּ דָא · אָדֶער אִיז רֶעכְט אַז עֶר זָאל אִים צוּ זָאגְן אַז עֶר וֶועט אִים אוֹיסְקְלֵיידְן בְּבִגְדֵי שַׁבָּת וְחוֹל · זוּמֶערְדִיגֶע אוּנ ווִינְטֶערְדִיגֶע בְּגָדִים · גְעוִוים בֶּעדַארְף עֶר אִים דָאס גָאר נִיט מוֹדִיעַ זַיין · וַוייל עֶר נֶעמְט אִים דָאךְ אַהֵיילִין אַיין נַאקֶעטְן פוּן זַיין פָאטֶערְס הוֹיז וָואס עֶר גֵייט בַּיי אִים אוֹיךְ בְּאָרְפִים אוּנ הוּנְגֶערִיג · אוּנ אַז עֶר נֶעמְט אִים אִין דֶעם צוּ שְׁטַאנְד פַאר אַיין אֵיידִים בְּוַודַּאי וֶועט עֶר אִים אַלְס גֶעבִּן · אַזוֹ אִיז אוֹיךְ מִיט אוּנְז · אַז מִיר זַיינֶען גִילֶעגִין אִין אַזוֹא אַיין גֶעפֵיינְקֶענִיס אִין מִצְרַיִם אוּנ מִיר זַיינֶען גִיוֶועזִין נַאקֶעט אוּנ מֶען הָאט אוּנְז דָארְטִין אַזוֹ פִיל גִימַאטֶערְט · אוּנ גָאט ב"ה הָאט זִיךְ מִיט אוּנְז מְשַׁדֵּךְ גְוֶועזְן · עֶר הָאט אוּנְז אַרוֹיס גֶענוּמֶען פוּן מִצְרַיִם עֶר הָאט אוּנְז גִיגֶעבִּן זִילְבֶּער גָאלְד אוּנ קְלֵיידֶר · אוּנ הָאט אוּנְז גֶעבְּרַאכְט צוּם בַּארְג סִינַי אוּנ הָאט אוּנְז גֶגֶעבִּן דִי תּוֹרָה זַיינֶע אֵיינְצִיגֶע טָאכְטֶער · נוּן דַארְף עֶר אוּנְז זָאגְן אַז אוֹיבּ אִיר וֶועט הַאלְטְן (מַיין טָאכְטֶער) דִיא תּוֹרָה וֶועל אִיךְ אַייךְ אַזוֹ אוּנ אַזוֹ אַשְׂכַר גֶעבִּן · גְעוִוים נִיט וֶועט אִיר זָאגְן · וַוייל דָאס בֶּעדַארְף יֶעדֶער פוּן אוּנְז אַלֵיין פַארְשְׁטֵיין ·

ידים האט גאט ניט מודיע געוועזן אונז פון דעם שכר פון עוה"ב · אבער דיא קשיא איז דאך אין דר משנה שטייט סתם שאין אתה יודע מתן שכרן של מצות · דו ווייסט דאך ניט וואס פאר איין שכר מען גיט פאר דיא מצות · עס שטייט דאך מפורש אין דר תורה אם בחוקתי תלכו ונתתי גשמיכם בעתם אויב איר וועט גיין מיט מיינע געזעץ וועל איך געבן אייער רעגין אין דר צייט די ערד וועט געבן אירע תבואה אונ די בוימר וועלן געבן זייער פרוכט · פאר די מצוה פון תורה תפלין אונ מזוזה שטייט למען ירבו ימיכם · איז דר שכר אז מיוועט לאנג לעבן : אט שטייט דאך יוא דר שכר פון מצות אין דר תורה · דרויף ענטפערט דר דובנער מגיד · אז מען זאל דאס גוט בטראכטן : איז דאס באמת ניט גזאגט געווארן וועגן דעם שכר פון די מצות · דען אין דר תורה איז פאר דיא מצות קיין שכר ניט דר מאנט געווארן גיט פון עוה"ב אונ אויך ניט פון עוה"ז · ווייל מען דארף דינען גאט ב"ה ניט פון שכר וועגן · נאר דאס וואס די תורה זאגט צו הצלחת עוה"ז פאר דעם קיום המצות האט עס גאר איין אנדערן זין · אבער ניט שכר פאר דיא מצות · אונ ער איז דאס ממתיק מיט אמשל : אסוחר איז גיפארן מיט איין בעל עגלה פון לייפציג · דר וואגן איז געוועזן גפאקט מיט אלערליי טייערע סחורות אין מיטן וועג האט זיך דר וואגן צו בראכן · דר סוחר הט גלאזין זיין משרת היטן אין פעלד די סחורה · אונ אליין איז ער גלאפן אין דר נאהינטר דארף · אונ האט בעשטעלט אדארפמאן מיט אפור אז ער זאל אים מיט די סחורה ברייננגן אויפן ארט · אלס דר דארפמאן האט שוין פול דעם וואגן אנגיפאקט מיט די סחורה · אונ דר סוחר זיצט שוין אין וואגין · נאר דר דארפמאן וויל ארויפגיין צו זעצן זיך אויף דיא קעלניא · זעט דער סוחר אז דעם דארפמאנס ווייב האלט אין האנד אטעפל מיט פוטר · אלעבל ברויט אונ אצענדליג הערינג מיט אגרויסן קעז אין אפאפיר אונ גיבט עס דעם דארפמאן ער זאל האבין צוא עסן אויפן וועג · דר דארפמאן האט ביי איר גנומן דעם גאנצן הארץ וואס זיא האט אים צו גיטראגן · אונ ער וויל עס אריינשטאפן אין וואגן צווישן די פעק סחורה · דר סוחר חאט עס אים ניט דר לאזן אזו צו טאן · ער האט צו אים גזאגט דאס קען איך דיר בשום אופן ניט ערלויבן · מיינע סארטין סחורה איז זייער איידעלע · אונ דר מיט ווערטו זיי פארדארבין · אונ דר היזיק קען אנטרעפין אויף עטליכע הונדערט רובל · דר דארפמאן האט אנגיפאנגען אויפין סוחר צו שרייען · איבר סחורה פיהן בדארף איך שוין ניט עסן אונ טרינקן אונ ניט לעבן · מיט וועלכן יושר וועט איר מיר דם ניט לאזן די נשמה קען איך ניט אוים שפייען · דרויף האט דר סוחר צו אים גאר גילאכין גיזאגט · זייא ניט קיין נאר אז דו פירסט מיינע סחורה איז מיר כדאי אז מיך זאל חאטשי טהייערער קאסטן · אונ פר דיין עסן אונ טרינקען וועל איך זארגן איך ווייס דאך אז אן עסן וועסט דו ניט לעבן · אונ ווער וועט פירן מיר די סחורה · זאיי רוהיג · אי דו וועסט עסן אי דיינע פערד וועלין עסן אונ אלם אויף מיינע קאסטן · איך בין געניג רייך · איך קען בשטיין · דר נמשל איז השי"ת הט ביי דעם יהודי גליען זיין הערץ אז זיא זאל אין זיך טראגין די דינסט פון זיין תורה אונ מצות · אונ יעדר ישראל בדארף עס אליין פארשטיין אז השי"ת וועט אים דר פאר בעלויניען אין דעם עולם הנשמות · דר ביזא שטייט אים אבר אנקעגן די חמדה די תאוה אונ טראגן אים אונטער אויך זייערע זאכן · אז ער זאל דאס אריינגעמן אין הערצן · אבער דר סוחר גאט ב"ה וויל עס אונז ניט ערלויבין · דען מיט אזעלכע עניינים וועלן מיר פערדרבין די איידעלע סחורות פון אונזער סוחר · ווייל דרום האט אונז גאט ב"ה פיל זאכן פון עוה"ז גאסרת ווייל זיי וועלן אונז שאדן צו די עבודות פון השי"י · אבער דער יהודי האט דאך דיא זעלביגע טענה פון דעם דארפמאן · איז דען מעגליך אז איבר די עבודות פון השי"ת זאל איך גאר ניט לעבין · דיא מצות פון גאט מוז איך דאך מקיים זיין בעולם הזה · אונ אז איך וועל דא נישט געניסין וויא וועל איך אים טראגן זיין עבודה · לכן הט אונזר גאט גזאגט אין זיין תורה · אויב דו וועסט צו הערין צוא מיינע מצות אונ וועסט מיך דינען מיט דיין לייב אונ זייל · מיטן גאנצן הערצן · וועל איך

זארגן

עֲבֵרָה כְּנֶגֶד הֶפְסֵדָהּ · הִסְתַּכֵּל בִּשְׁלשָׁה דְבָרִים וְאֵין אַתָּה בָא לִידֵי עֲבֵרָה · דַע מַה לְמַעְלָה מִמְּךָ עַיִן רוֹאָה וְאֹזֶן שׁוֹמַעַת וְכָל מַעֲשֶׂיךָ בַּסֵּפֶר נִכְתָּבִים : ב רַבָּן גַּמְלִיאֵל בְּנוֹ שֶׁל רַבִּי יְהוּדָה הַנָּשִׂיא אוֹמֵר יָפֶה תַּלְמוּד תּוֹרָה עִם דֶּרֶךְ אֶרֶץ שֶׁיְּגִיעַת שְׁנֵיהֶם מְשַׁכַּחַת עָוֹן וְכָל תּוֹרָה שֶׁאֵין עִמָּהּ מְלָאכָה סוֹפָהּ בְּטֵלָה

חסדי אבות

זארגן פר דיינע לעבענסמיטלן איך וועל געבן רעגן אין דר צייט · דו וועסט זיך פערזאמלען דיינע קארין · דיין ויין דיין בוימאייל · אונ אויך אפילו פר דיינע בהמות וועל איך זארגן ונתתי עשב בשדך לבהמתך איך וועל געבין אין דיין פעלד גראז פר דיינע בהמות אונ דו וועסט אויך עסן אונ זאט זיין זעט מען דרויס אז ניט דאס איז דר שכר פר די מצות · נאר ווייל אמענש מוז דאך מקיים זיין דיא מצות פון גאט בעת ער לעבט · על כן בדארף דאך אים גאט געבן לעבין אונ דאס וואס גיהערט צום לעבן · אבר פון דעם שכר המצות דר מאנט ניט די תורה ניט דעם שכר פון עולם הזה אונ ניט דעם שכר פון עולם הבא · בכן איז דר תנא גירעכט וואס ער זאגט שאין אתה יודע מתן שכרן של מצות דוא ווייסט ניט דעם גיצאלט וואס גאט גיט פר דיא מצות : והוי מחשב הפסד מצוה כנגד שכרה ושכר עבירה כנגד הפסדה אונ דו זאלסט בארעכענען דעם שאדין וואס דוא וועסט האבן פון דער מצוה בעוה"ז אנקעגן דעם שכר וואס דו וועסט פון איר נעמען בעוה"ב · וויא דר תנא זאגט ווייטר (פ"ד משנה כ"ב) יפה שעה אחת של קורת רוח בעוה"ב מכל חיי העוה"ז · אונ דעם פערדינסט וואס דו בעקומסט דורך איינע עבירה אויף דיזע וועלט זאלסטו בארעכינען אבער וויפיל וועסט דוא דורך איר פערלירן בעוה"ב · הסתכל בשלשה דברים ואין אתה בא לידי עבירה · בעטראכט זיך אין דיזע דריי זאכן · וועסט דו גיוויס ניט קומן צו טאן איין עבירה · דע מה למעלה ממך דו זאלסט דר קענן דעם וועלכר העכר פון דיר · כלומר דר וועלכר איז העכר פון דיין פערשטאנד דאס איז הש"י וואס דיין פערשטאנד קען אים ניט בעגרייפין עין רואה איין אויג וועלכם זעהט אלם וואס אין דיין טיפן הערצן איז פערשטעקט · ואזן שומעת אונ איין אויער וועלכעם הערט אלע דיינע רייד וואס דוא רעדסט זיך אויף צו זינדיגען · וכל מעשיך בספר נכתבים אונ אלע דיינע בייזע מעשים זיינען פערשריבן אין איין בוך פאר הש"י · אונ ווען אויך דוא ווערסט נאך יעצט ניט בעשטראפט פר דיינע זינד דאך איז דאס פון הש"י ניט פאר געסין · דען עס איז אלם פערשריבין אונ דוא וועסט נאך בעשטראפט ווערין · נאך אפשט איז דע מה למעלה ממך בעטראכט נאר וואס עס איז גיוועזן פריער פר דיינע צייטן · פריער איז גיוועזן נבואה דאס הייסט עין רואה דאס אויג פון דעם נביא האט גיזעהן אלם וואש מיט דיר וועט בעגעבן · דר נאך אז נבואה איז שוין אונטער גיגאנגן איז גוועזן בת קול דאס איז ואזן שומעת דם אויער פון מענשן הט גיהערט אקול פון הימל וואס האט זיי אן גזאגט אין יעדע צייט פון אונגליק וואס זייא זאלן טאן · אונ אין היינטיגע צייטן האבין מיר ניט עין רואה קיין נבואה איז שוין מער דא · אונ אויך ניט ואזן שומעת קיין בת קול פון הימל הערן מיר אויך ניט · נאר דאס איינע איז דיר געבליבן וכל מעשיך בספר נכתבים אלע דיינע בגעבענהייטן וואס מיט דיר האט זיך בעגעבין כלומר דיין גישיכטע וויא מיט דיר האט זיך צוא טאן זיינען אין דיא ספרים גישריבן אין דיא היילגע שריפטן פון תנ"ך אונ אין משנה גמרא אונ מדרשים : ב רבן גמליאל דר זון פון רבי יהודה הנשיא זאגט יפה תלמוד תורה עם דרך ארץ דם לערנן פון דר תורה איז גוט אז מען זאל אויך דער צו האבין דרך ארץ דאס הייסט גוטע מדות פון מוסר מיט ענוה · שיגיעת שניהם משכחת עון ווייל די מיהע פון דיזע ביידע זאכן מאכט אז דר מענש זאל פערגעסין זינדיגן וכל תורה שאין עמה מלאכה סופה בטלה וגוררת עון אונ אימער ווען אמענש לערינט תורה אונ ער טוט מיט איר אויך קיין מלאכה דאס ער זאל זיך קענען מפרנס זיין · וועט ער ענדליך מוזן מבטל זיין פון לערנן · ווייל ער וועט ליידן הונגר וועט ער ניט קענן

לערנן

ונגררת עון וכל העוסקים עם הצבור יהיו עוסקים עמהם לשם שמים שזכות אבותם מסייעתם וצדקתם עומדת לעד ואתם מעלה אני עליכם שכר הרבה כאלו עשיתם: ג הוו זהירין ברשות*) שאין מקרבין לו לאדם אלא לצורך עצמן נראין כאוהבין בשעת הנאתן ואין עומדין לו לאדם בשעת דחקו: ד הוא היה אומר עשה רצונו כרצונך כדי שיעשה רצונך כרצונו בטל רצונך מפני

*) פי' רכות כטומדת מרסות טלמס נגד סקק.

חסדי אבות

לערנן דיא תורה · אונ ער וועט נאך איבער זיינע ארומקיט קומן ח"ו צו טאן איין עברה· נאך אפשט קען מען זאגין יפה תלמוד תורה עם דרך ארץ· בעת דער מענש איז זיך עוסק אין דרך ארץ כלומר בעת ער בעשעפטיגט זיך אין האנדל איז רעכט אז ער זאל דערנסמאל האבן אין זין דאס וואס ער האט גלערנט אין דער תורה למשל בעת ער איז זיך עוסק אין קויפן אדער פר קויפין זאל ער האבן אין זין די רייד פון דער תורה לא תונו איש את עמיתו איר זאלט איינער דעם אנדערין ניט נארן · בעת ער מעסט אדער ער וועגט · זאל ער האבין אין זין לא תעשו עול במשפט במדה במשקל ובמשורה איר זאלט קיין אונרעכט טאן אין די ריכטיגקייט אין וואג אין מאס פון טרוקענע אונ אין דיא מאס פון פליסיגע זאכן וכו' · וכל תורה שאין עמה מלאכה אונ יעדע מאל וואס אמענטש לערינט תורה נאר פאר זיך אונ ער האט ניט מיט זיין תורה די מדה פון אמלאכה צו לערנען די תורה אויך דעם אנדערין · וועט ער ענדליך אליין אויך אויפהערן צו לערנען · אונ זיא ברייננט אים נאך צו אזינד דאס וואס ער פערמיידט חסד פון זיין חבר · ער לערינט מיט אים ניט · וכל העוסקים עם הצבור אונ אלע וועלכע זיינען זיך עוסק אין די בדערפנים פון כלל יהיו עוסקים עמהם לשם שמים זאלין זיי זיך וועגין זיי עוסק זיין נאר פון גאטס וועגן · אבער ניט פון כבוד וועגין שזכות אבותם מסייעתן דען דר זכות פון זייערע עלטערין כלומר די זכות אבות פון כלל ישראל וועט זייא העלפין אויספירין זייער ציעל וצדקתם עומדת לעד אונ זייער צדקה וואס זיי טוען · וועט זייא בייא שטיין אויף אייביג ואתם מעלה אני עליכם שכר הרבה כאלו עשיתם · דר רמב"ם ז"ל זאגט דעם פשט · אונ איר וואס איר נייט זיך עוסק וועגן צרכי צבור תאטשי איר הט מבטל גוועזן איבר זייא פון איין מצוה · זייט איך דריבער ניט מצער · דען אזו זאגט צו אייך גאט ב"ה איך וועל אויף אייך רעכנען צו באצאלן אייך פיל שכר · גלייך וויא איר האט די מצוה גטאן :

ג הוו זהירין ברשות איר זאלט אייך היטין אונ ניט האבן איין אומגאנג מיט די פרייע מענשן· כלומר איר זאלט גיווארינט זיין אונ ניט האבן גיזעלשאפט מיט לייט וואס גייען מיט זייער פרייען ווילן · אונ לעבין אויף דער וועלט אן אגאט אן אגיזעץ אן איין גלויבן · שאין מקרבין לו לאדם אלא לצורך עצמן דען אפילו ווען מען זעט פון זיי מענשן ליבע · זאיי דאך וויסן אז זייא זיינען אמענשין ניט מקרב נאר פון זייער אייגינע פאלשע וועגן מראין כאוהבין בשעת הנאתן זיי ווייזן זיך וויא גוטע פריינד בעת זיי האבן הנאה· כלומר בשעת זיי געניסן עטוואס גוטס פון אמענשן מאכן זייא זיך וויא מענשין פריינד · ואין עומדים לו לאדם בשעת דחקו אבער זיי העלפן ניט דעם מענשן אין דר צייט פון זיין נויט· זיי קענן אים ניט ביי שטיין בעת ער ווערט אום גליקליך · דרום זאלסט דוא זיך ניט לאזן פון זייא איבער ריידין :

ד הוא היה אומר ער פלעגט אימער זאגין עשה רצונו כרצונך דו מענש טוא דעם ווילן פון השי"ת מיט אזוי אחשק וויא דו טוסט דיין אייגענעם ווילן · כדי שיעשה רצונך כרצונו בכדי השי"ת זאל דיין ווילען ערפילין · וויא דו האסט זיין ווילן גטאן · בטל רצונך מפני רצונו דוא זאלסט שטערן דיין אייגענעם ווילן · פון זיין ווילן וועגן · כדי שיבטל רצון אחרים מפני רצונך בכדי השי"ת זאל שטערין דעם ווילין פון אנדערע מענשן וועלכע דיינקן דיר צו טאן בייז אונ דו זאלסט קענן אויספירען וואס דו ווילסט · דער דובנר מגיד זכרונו לברכה שרייבט אין ספר

המרות

הַמִּדּוֹת שַׁעַר אַהֲבָה · דָאס דֶר תַּנָא קוּמְט אוּנְז
צוּ לֶערְנֶן דֶעם בַּעַל תְּשׁוּבָה וִויא עֶר זָאל דִינֶן
הַשִּׁי"ת אוּנ עֶר זָאגְט אִים אַז מִיט דֶעם אוֹפֶן
זָאל עֶר אִים דִינֶען עשה רצונו כרצונך דוּ זָאלְסְט
טָאן זַיין ווילֶן מִיט אַזוֹ אַיין לוּסְט אוּנ מִיט
אַלֶערְלַייא מִיטְלֶן וִויא דוּ פְלֶעגְסְט טָאן דַיין
ווִילֶן אִין דִי תַּאֲוֹת פוּן עוה"ז · אוּנ עֶר אִיז דָאס
מַמְתִּיק מִיט אַמָשָׁל : אַגְבִיר הָאט גִיהַאט אִין
זַיין גְשֶׁעפְט אַפְרִיקַאשְׁצִיג וָואס אִיז גְוֶועזֶן אִים
זֵייעֶר טְרַייא אוּנ הָאט זֵייעֶר פְלַייסִיג אוּנ
גִישִׁיקְט גִיטָאן זַיין עֲבוֹדָה · בתוך כך הָאט
גִטְרָאפְן אַז אִין אַשְׁטָאט אִיז אַגְרוֹיסֶער סוֹחֵר
אָרוּם גְעוֶוארִין · בִּיז עֶר הָאט אַלֵיין גֶעמוּזְט
זִיךְ זוּכְן אַיין אָרְט צוּ שְׁטֶעלְן זִיךְ בַּא אַיין סוֹחֵר
פַר אַפְרִיקַאשְׁצִיג · דִיזֶער גְבִיר הָאט עֶס דֶער
דֶר הֶערְט · הָאט עֶר אִים גְלָאזְן צוּא זִיךְ רוּפְן
אוּנ הָאט אִים אַרַיינְגִינוּמֶען אִין גִישֶׁעפְט אוּנ
הָאט אִים גִיגֶעבִּין נָאךְ צְוַויא מָאל אַזוֹי פִיל
גְהַאלְט (שְׂכִירוּת) וִויא עֶר פְלֶעגְט צוּ גֶעבְּן זַיין
עֶרִינְסְטִין פְּרִיקַאשְׁצִיג דֶעם עֶרְשְׁטִין · לַייט
הָאבְּן אִים גְפְרֶעגְט עֶר זָאל זֵיי זָאגְן וָואס אִיז
דִיא סִבָּה דֶער פוּן וָואס עֶר גִיט אִים אַזוֹ פִיל
גְהַאלְט מֶעהר וִויא זַיין עֶרְשְׁטְן פְּרִיקַאשְׁצִיג ·
הָאט עֶר צוּא זֵייא גִיזָאגְט · עֶס אִיז אֶמֶת דֶער
עֶרְשְׁטֶער פְּרִיקַאשְׁצִיג דִינְט מִיךְ אוֹיךְ זֵייעֶר
טְרַייא · אָבֶער אִיר מוּסְט ווִיסְן אַז עֶס אִיז אַיין
גְרוֹיסֶער אוּנְטֶערְשֵׁייד צְווִישִׁין אַפְרִיקַאשְׁצִיג
וָואס דִינְט זַיינֶעם הֶערִין · אוּנ צְווִישִׁין אַבַּעַל
הַבַּיִת אַסוֹחֵר וָואס עֶר טוּט אִין זַיין אֵייגֶענֶעם
גְשֶׁעפְט · דֶר פְּרִיקַאשְׁצִיג חָאטְשֶׁי עֶר אִיז אִין
דֶעם גְשֶׁעפְט פוּן זַיין הֶערִין זֵייעֶר גְשִׁיקְט אוּנ
עֶר דִינְט אִים טְרַייא · דָאךְ וָועט עֶר אִיבֶּערִינְגֶעם
נִיט טָאן אוֹיף אַהָאר אוּנ וֶועט נִיט זוּכִין זִיךְ
אַנֶדֶרֶע סְפָּאסָאבְּן צוּ טְרַייבִּין דֶעם גְשֶׁעפְט אַז
עֶר זָאל גְלַאנְצְן · אוּנ עֶר אִיז דֶר צוּ גָאר נִיט
גִינֵייגְט מִיט זַיין אַייגֶענֶעם ווִילִין · דֶען עֶר
דִינְט נָאר מִצַּד הַהֶכְרֵחַ וַוייל עֶר אִיז גְצְווּאוּנְגֶן
צוּ טָאן · אָבֶער נִיט אוֹיף דֶעם אוֹפֶן דִינְט מִיךְ
דִיזֶער וָואס עֶר אִיז פְרִיעֶר אַלֵיין גְוֶועזְן אַסוֹחֵר
אוּנ אִיז גֶעוֶועזִין גְעוֶוינְט אִין זַיין אֵייגֶענֶעם
גֶעשֶׁעפְט פַאר זִיךְ אַלֵיין צוּא אַרְבַּייטִין · עֶר
הַרִיוֶועט פַר זִיךְ אַלֵיין זֵייעֶר גְשְׁמַאק עֶר טוּט
מִיט אַזוֹ אַלוּסְט אַז אִים אַרְט נִיט עֶסֶען אוּנ
טְרִינְקֶען · עֶר הֶערְט קֵיין הוּנְגֶער אוּנ דָארְשְׁט ·
קֵיין קֶעלְט קֵיין הִיץ אוּנ פְרָאסְט אוּנ שְׁנֵייא ·
אוּנ רֶעגְן · עֶר טוּט זִיךְ זַיין זַאךְ גְלַייכְגִילְטִיג ·
אוּנ אַזוֹ וִוי עֶר פְלֶעגְט צוּ טָאן אִין זַיין אַיינֶנֶעם
גְשֶׁעפְט אַזוֹ טוּט עֶר אוֹיךְ אִין מַיין גֶעשֶׁעפְט ·
אוּנ עֶר זוּכְט זִיךְ נָאךְ אוּיס · אוּנ בֶּעטְרַאכְט
זִיךְ אַלֶערְלֵייא מִיטְלֶען אוּנ אוֹפַנִים אוֹיף אַלֶע
זַייטְן וִויא דֶעם גְשֶׁעפְט הֶעכֶר צוּ שְׁטֶעלְן · סַאיי
עֶר רֶעט מִיט קוֹיפְלַייט · אוּנ סַייא עֶר אִיז פַר
זִיךְ אוּנ אַלֵיין · אֲפִילוּ בְּעֵת עֶר עֶסְט צוּא
מִיטָאג אִיז עֶר פֶערְקְלֶערְט אִין דֶעם גְשֶׁעפְט ·
פִילַייכְט מִיט דֶעם אוֹפֶן פִילַייכְט מִיט אַיין
אַנְדֶערֶ אוֹפֶן בִּיז עֶר פַאלְט אוֹיף אַיין פְּלַאן
דֶעם גְשֶׁעפְט צוּא פֶערְבֶּעסֶערְן אוּנ צוּא פַאר
גְרֶעסֶערְן · בְּכֵן דַארְפְט אִיר דָאךְ פַאר שְׁטֵיין
אַז אַזֶעלְכֶר וִויל מִיךְ דִינֶן טְרַייא · גְוִויס וָועט
זַיין דִינְסְט נִיט זַיין גְלַייךְ צוּא דִיא דִינְסְט פוּן
דֶעם פְּרִיקַאשְׁצִיג וָואס דִינְט אַיין הֶערִן · נָאר
עֶר וֶועט מִיךְ דִינֶן דִי זֶעלְבִּיגֶע דִינְסְט וִויא עֶר
פְלֶעגְט דִינֶן צוּ זִיךְ אַלֵיין · דֶען עֶר הָאט אִיבֶּער
זִיךְ קֵיין מָאל גְהַאט אַיין הֶערִן · דֶר נִמְשַׁל אִיז
דֶר צַדִּיק וָואס דִינְט הַשִּׁי"ת כָּל יָמָיו · חָאטְשֶׁי
עֶר דִינְט הַשִּׁי"ת זֵייעֶר טְרַייא · דָאךְ קֶען עֶר
אַזוֹ וַוייט נִיט דֶעם בּוֹרֵא מִיט דֶעם גְעפִיהֶעל
וִויא דֶר בַּעַל תַּאֲוָה דִינְט צוּ זִיךְ אַלֵיין זַיינֶע
תַּאֲוֹת צוּ דֶערְפִילְן אָבֶער דֶר רָשָׁע וָואס עֶר
הָאט זִיךְ בֶּעקֶערְט צוּא הַשִּׁי"ת אוּנ עֶר וִויל
אִים דִינֶן מִיט זַיין גַאנְצִין הֶערְצִין · דִינְט עֶר
אִים בֶּאֱמֶת מִיט דִי זֶעלְבִּיגֶע גֶעפִילֶען וָואס עֶר
הָאט פְרִיעֶר זִיךְ אַלֵיין גֶעדִינְט · עֶר אִיז דָאךְ
גִיוֶועזֶן פְרִיעֶר אַסוֹחֵר פַאר זִיךְ אַלֵיין · עֶר הָאט
דָאךְ גֶעהַאנְדִילְט מִיט זַיינֶע תַּאֲוֹת · דִיזֶען אַז
מֶען וָועט אִים זָאגְן עֶר זָאל אָפְּזִיצִין אַווִינְטֶער
נַאכְט אוּנ לֶערְנֶן וָועט אִים גְוִויס נִיט צוּ שְׁוֶוער
זַיין · דֶען עֶר ווֵייס בַּיי זִיךְ אַז עֶר הָאט כַּמָה
נֶעכְט נִיט גֶעשְׁלָאפִין אוּנ הָאט גֶעשְׁפִּילְט אִין
קָארְטִין · אוֹיךְ גֶעדֵיינְקְט עֶר נָאךְ אַלֶע זַיינֶע
לַיידֶענְשַׁפְטְן (דִי תַּאֲוֹת) וִויא וַוייט עֶר פְלֶעגְט
זוּכִין אוּנ טְרַאכְטִין מִיט פִיל פְלַייסִיקַייט וִויא
דָאס צוּא בֶּעקוּמֶען · עַל כֵּן נָאכְדֶעם אַז עֶר
בֶּעקֶעהְרְט זִיךְ צוּא הַשִּׁי"ת (עֶר טוּט תְּשׁוּבָה)
דוּרְךְ זַיין לִיבְּשַׁאפְט · אִיז עֶר זִיךְ מִתְנַדֵּב צוּ
דִינֶן אִים מִיט זַיין גַאנְצִין הַארְצִין · מִיט דִיא

רְצוֹנוֹ כְּדֵי שֶׁיְּבַטֵּל רְצוֹן אֲחֵרִים מִפְּנֵי רְצוֹנֶךָ: ה הִלֵּל אוֹמֵר אַל תִּפְרוֹשׁ מִן הַצִּבּוּר וְאַל תַּאֲמִין בְּעַצְמְךָ עַד יוֹם מוֹתְךָ וְאַל תָּדִין אֶת חֲבֵרְךָ עַד שֶׁתַּגִּיעַ לִמְקוֹמוֹ וְאַל תֹּאמַר דָּבָר שֶׁאִי אֶפְשַׁר לִשְׁמוֹעַ שֶׁסּוֹפוֹ לְהִשָּׁמַע וְאַל תֹּאמַר לִכְשֶׁאֶפְנֶה

זעלביגע חריצות אונ מיטלן וואס ער פלעגט דינן זיין יצר הרע׳ אונ דאס האט גמיינט דער תנא מיט זיין מאמר עשה רצונו כרצונך דו זאלסט טאן גאטס ווילן מיט די זעלביגע כוחות וויא דו האסט גטאן דיין אייגנעם ווילן ׳ אונ מיט דעם אופן איז דר בעל תשובה אין אהעכערע מדרגה פון דעם צדיק גמור וואס ער וויים ניט דעם טעם פון איינר עבירה: ה הלל זאגט אל תפרוש מן הצבור דו זאלסט זיך ניט אפשיידן פון דעם עולם ׳ כלומר אז דער כלל ישראל פון שטאט האבן גמאכט איין תקנה טובה אדער זיי האבן איינגעפירט אמנהג וואס דאס איז אגדר צו היטן יודישקייט ׳ זאלסטו זיך דער פון ניט אפזונדערן דו זאלסט ניט זאגן ביי זיך אין הארצן ׳ זאל זיך דר כלל עולם היטן די תקנה אדער דעם מנהג אונ איך וויל עס ניט היטן ׳ אדער דער כלל יודין פון שטאט האבן גוזר תענית גיוועזין זיי האבן גימאכט אז מען זאל אגעוויסן טאג פון וואך פאסטן אדר לייזען זיך מיט צדקה געבן (פדיון) זאלסטו זיך דער פון ניט אפ זאגן ׳ אונ דער וואס זונדערט זיך אפ פון דעם כלל׳ האט קיין חלק לעוה״ב ׳ (אונ ער איז כמעט וויא איין פערפלוכטער ׳ לדעת הרמב״ם) ׳ ואל תאמין בעצמך עד יום מותך אונ דו זאלסט אין זיך ביז אן דעם טאג פון דיין שטארבן ניט איין גלויבן אז דו ביסט אצדיק ׳ דער תפארת ישראל שרייבט אז דאס ווארט בעצמך האט דא דעם פשט אין דיין שטארקייט אונ אזוא מיינט דער תנא ׳ דוא זאלסט דיך ניט פערזיכערן אין דיין שטארקייט ביז אן דיין טויט דו זאלסט ביי זיך ניט דיינקען איך שטייא פעסט אין מיין הצלחה איך בין איין שטארקער עשיר עס וועט מיר זיין גענוג מיך צו מפרנס זיין ביז די ענדע פון מיין לעבין ׳ דען ער מוס זיך נעמן אביי שפיל פון שלמה המלך ע״ה וואס ער איז גישטאנען אזו פעסט אין זיין גליק ׳ אונ ענדליך האט אים דער אשמדאי פון זיין שטול אוועק גשטויסן ׳ אונ ער זאל אויך ניט זאגן איך שטייא גוט פעסט אין מיין אמונה אונ איך בין איין שטארקר צדיק מיין הערץ וועט זיך קיין מאל ניט אפ קערן פון גוטן וועג ׳ דען ער זאל זיך נעמן דעם ביי שפיל פון יוחנן כהן גדול וואס אכציג יאר האט ער גיטאן די עבודה אין בהמ״ק ביום הכפורים אין קדש הקדשים ׳ אונ ענדליך איז ער איין צדוקי גווארן אונ האט אויפגעהערט גלויבן אין תורה שבעל פה אונ האט גילייקנט אין עולם הבא ׳ ואל תדין את חברך עד שתגיע למקומו אונ דו זאלסט ניט דן זיין דיין חבר ׳ כלומר דו זאלסט אים ניט קלערן צו בייזן ביז דו וועסט ארין גיין אין זיין לאגע׳ ואל תאמר דבר שאי אפשר לשמוע שסופו להשמע אונ דו זאלסט ניט ריידן אזאך מיט אזוי איין אויסדרוק וואס מען קען אים מיט דעם ערשטין מאל ניט פרשטיין חאטשי ענדליך אז מען וועט אים נאכדיינקען וועט מען אים יוא פארשטיין ׳ ואל תאמר אונ דו זאלסט זיך ניט איין ריידן לכשאפנה אשנה אז איך וועל מיר גראמער ווערן פון מיינע טרדות דענמאל וועל איך לערנן ׳ שמא לא תפנה דען פילייכט וועסטו פון זייא קיין מאל ניט לויז ווערן דען עס קען זיין אז די טרדות הפרנסה וועלן דיך יאגן ביז אין דיין גרוב ׳ אונ אז דוא האסט קיין תורה גילערנט אין די צייטן פון דיין לעבן ׳ ווער וועט אויף דיר מגין זיין אז דוא וועסט ליגען אין קבר ׳ דער דובנר מגיד שרייבט אין אהל יעקב (סדר קרח) דיא כוונה פון דעם תנא וואס ער זאגט אל תדין את חברך עד שתגיע למקומו ׳ מיינט ער פשוט דו זאלסט דיינעם חבר ניט קלערן צו בייזן ביז דו וועסט קומן צו זיין ארט ׳ אין דר שטאט אונ אין דיא הייזער וואו ער איז דער צויגן גווארן אונ ער האט דארטן כמה שנים גלעבט אונ דו זאלסט אויף אים פרעגן ביי די מענשן וואס זיי האבין אים דארטן גקענט ׳ וועלין זיי דיר זאגן וואס ער איז פאר אמענש אויב ער איז גאנץ אין די גזעץ פון גאט אדר ניט ; ו הוא היה אומר ער

פלעגט

אֶשְׁנֶה שֶׁמָּא לֹא תִפָּנֶה: ו הוּא הָיָה אוֹמֵר אֵין בּוּר יְרֵא חֵטְא וְלֹא עַם הָאָרֶץ חָסִיד וְלֹא הַבַּיְשָׁן לָמֵד וְלֹא הַקַּפְּדָן מְלַמֵּד וְלֹא כָּל הַמַּרְבֶּה בִסְחוֹרָה מַחְכִּים וּבְמָקוֹם שֶׁאֵין אֲנָשִׁים הִשְׁתַּדֵּל לִהְיוֹת אִישׁ: ז אַף הוּא רָאָה גֻּלְגֹּלֶת אַחַת שֶׁצָּפָה עַל פְּנֵי הַמָּיִם אָמַר לָהּ עַל דְּאַטֵּפְתְּ אַטְפוּךְ וְסוֹף מְטַיְּפָיִךְ יְטוּפוּן: ח הוּא הָיָה

חסדי אבות

פלעגט שטענדיג זאגן דיזעם אויסשפרוך: אין בור ירא חטא · איין פוסטער מענש · וואס ער איז גלייך צוא אפוסטע פעלד · דען אין זיין הערצן איז קיין תורה אונ קיין דרך ארץ איין גזייט גוואָרן · דער האט ניט פארכט פאר איין עברה · ווייל ער האט ניט גילערינט תורה · אונ אויך ניט אויף גיטראגען מיט לייטן אין האנדיל דרום לייגט זיך אים ניט אויפן זין אז ער טוט איין עברה · ולא עם הארץ חסיד אונ איין עם הארץ דאס איז איין אייןפאכר מענש וועלכער האט קיין תורה גלערינט · אבער ער ווייס עטוואס איידילקייט ווייל ער האט אויף טראג מיט לייטן אין האנדיל דר קען אויך זיך זיין איין ירא חטא · אונ זיך פארכטן צוא טאן איין עברה · אבער ער קען ניט האבן די מדה פון חסידות דאס איז צו זיין גוט צו לייטן נאך מער וויא די רעכט וום די תורה האט גהייסן · אונ דיא סבה פון דעם איז ווייל ער האט קיין תורה גלערינט · ווייס ער ניט וואס איז רעכט אונ וואס איז ניט רעכט צוא טאן · ולא הבישן למד אונ דר וואס שעמט זיך צו פיל · דר קען נישט לערנן · ווייל זיין שעמען זיך איז וועגין זיין גאוה אונ אז לערינט אונ פר שטייט ניט פשט וועט ער זיך שעמן צוא פרעגין ווייל ער האט מורא מען זאל אים ניט האלטין פר איין עם הארץ · ולא הקפדן מלמד אונ ניט דר צארין זיכטיגר (כעסן) טויג צו זיין אלערער · ולא כל המרבה בסחורה מחכים אונ ניט דאס פיל האנדלן מאכט קלוג · ובמקום שאין אנשים אונ אין אזוא איין ארט וואו קיין מענער זיינען דא · כלומר ווען דו קומסט אין אזו איין ארט וואס דארטן געפינען זיך ניט אזעלכע מענשן וואס זיי זאלן זיין ווערט צו פסקנן שאלות השתדל להיות איש זאלסטו זיך סטארען צו זיין אמאן אונ פסקנן שאלות · חאטשי אין אגרויסער שטאט ביסטו ניט ראוי צו דעם · הרב הדרשן רבי בערוש פלאהם ז״ל שרייבט אין זיין ספר שמן המור אז

די כונה פון דעם מאמר ובמקום שאין אנשים השתדל להיות איש · דאס איז דוא זאלסט זיך משתדל זיין צו זיין אצדיק · אין אזוי איין ארט וואו מענטשן געפינען זיך דארטן ניט · אפילו דו ביסט גאר איינר אליין אין וואלד אדר אויפן פעלד · אונ אזוי האט אויך גזאגט דוד המלך ע״ה אתהלך בתם לבבי בקרב ביתי אפילו ווען איך זיץ מיר איינער אליין אין מיין הויז · גייא איך מיר אויך אום מיט איין פרומן הערצין: ז אף הוא ראה גלגולת אחת שצפה על פני המים אויך האט דר זעלביגר תנא (הלל) גזעהן אשייטיל פון איין ערמארדעטין מענשן האט גשוואומן אויפן וואסר · וום רויבר האבן איר אפגשניטן פון אלעבדיגן גוף אונ האבין איר אין די טייך געווארפן · אמר לה על דאטפת אטפוך האט ער צו איר גזאגט ווייל דוא האסט לייטן דר טרונקען דרום האט מען דיך אויך דר טרונקן · כלומר גאט האט דיר בצאלט מדה כנגד מדה · וסוף מטיפיך יטופון אונ די ענדע פון דיינע דר טרינקר איז דאס זיי וועט מען אויך דר טרינקן׳ דר שמן המור שרייבט · דאס הלל האט עס גרעט מיט דעם קאפ געגן די וועלט אום מודיע צו זיין אז דר שטראף וואס גאט האט אים געשטראפט איז געוועזן ניט בכדי צו נעמן פון אים נקמה · נאר אום צוא בעוויזין זיין שטראף פאר אנדערע רשעים אז זיי זאלן אזו ניט טאן · דען זיי וועלן זעהן אז גאט בעצאלט מדה כנגד מדה וועלן זיי זיך בעקעהרן צוא גאט ב״ה אונ ער וועט זיי לאזן לעבן · וויא דער נביא האט גזאגט: חי אני נאם ה׳ אלהים אם אחפץ במות הרשע כי אם בשוב רשע מדרכו וחיה · איך שווער בייא מיין לעבן · זאגט גאט דר הער · אויב איך בגער דעם טויט פון דעם רשע · וואס ער איז פר זיינע זינד געשטארבן · נאר דאס האב איך מיט דעם גוועלט אז איין רשע וואס ער האט עס גזעהן זאל זיך בקערין פון זיין בייזע וועג · אונ זאל בלייבן לעבן · אין דעם זין האט גירעט הלל

אוֹמֵר מַרְבֶּה בָשָׂר מַרְבֶּה רִמָּה מַרְבֶּה נְכָסִים מַרְבֶּה דְאָגָה מַרְבֶּה נָשִׁים מַרְבֶּה כְשָׁפִים מַרְבֶּה שְׁפָחוֹת מַרְבֶּה זִמָּה מַרְבֶּה עֲבָדִים מַרְבֶּה גָזֵל מַרְבֶּה תוֹרָה מַרְבֶּה

חסדי אבות

צוּ דֶעם קָאפּ · וַוייל דוּ הָאסְט אַנְדֶערֶע לַייט דֶר טְרוּנְקֶן · (דוּ הָאסְט גְמַאכְט מֶענְשְׁן זִינְדִיגְן אוּנ הָאסְט דֶר טְרוּנְקֶן זֵייעֶרֶע נְשָׁמוֹת) דְרוּם בִּיסְט דוּ אוֹיךְ דֶער טְרוּנְקֶען גִיוָוארִין דָאס הָאט עֶר גְזָאגְט אוּם צוּא בְּעוַוייזְן אַז גָאט בַּצָאלְט מִדָּה כְּנֶגֶד מִדָּה אוּנ נִיט בְּדֶרֶךְ נְקָמָה אִיז דָאס · וַוייל זַיינֶע דֶר טְרִינְקֶר וֶועלִין דָאךְ אוֹיךְ דֶר טְרוּנְקֶן וֶוערִין אוֹיבּ זֵיי וֶועלִין נִיט תְּשׁוּבָה טָאן · אוּנ דוּרְךְ אַזוֹא אַרֶערֶע וָואס הִלֵּל הָאט גְהַאלְטִין הָאבְּעְן בְּלִי סָפֵק פִיל לַייט תְּשׁוּבָה גִיטָאן :

ח הוא היה אומר נָאךְ אִיז עֶר גִיוואוֹנְט גִיוֶוען צוּ זָאגְן דָאס עֶס זַיינֶען דָא פִינְף זַאכְן וָואס אַמֶענְשׁ סַיינְט אַז זֵיי וֶועלְן אִים מַאכְן פֶערְגְנִיגְן · אוּנְד עֶנְדְלִיךְ לָאזְט זִיךְ אוֹיס פֶערְקֶערְט זֵיי שָׁאדִין אִים אוּנ מַאכְן אִים פִיל שְׁמֶערְץ אָן · אוּנ דָאס זַיינֶען דִי פִינְף זַאכְן (א) מרבה בשר אִין דֶר יוּגִינְד גִילוּסְט עֶר צוּא עֶסִין גוּטֶע מַאֲכָלִים [illegible] צוּא טְרִינְקֶן גוּטֶע מַשְׁקָאוֹת דוּרְךְ דֶעם [illegible]מֶערְט עֶר פְלֵיישׁ אוֹיף זַיין גוּף אוּנ עֶר וֶוערְט דִיק אוּנ שְׁטַארְק אָבֶּער דֶר סוֹף אִיז מרבה רמה מִיט דֶעם פֶערְמֶערְט עֶר וֶוערִים · אוּנ נִיט נָאר אִין קֶבֶר נָאךְ דֶעם טוֹיט זַיינֶען אִין אִים פוּל וֶוערִם · דֶען אוֹיךְ אַלְס עֶר לֶעבְּט נָאךְ בֶּעקוּמְט עֶר אִין זַיין גוּף פִיל וֶוערִים וֶועלְכֶע בְּרֵיינְגֶן אוֹיף אִים פִיל קְרַאנְקְהַייטְן · אוּנ וֶוען עֶס קוּמְט אַיין דֶבֶר רַחֲמָנָא לִצְלַן נֶעמְט עֶר עַל פִּי רוֹב דִיא דִיקֶע אוּנ גֶעזוּנְדֶע לַייט אַוֶועק פוּן דִי וֶועלְט · וִויא דִי גְרֶעסְטֶע דָאקְטוֹרִים שְׁרַייבְּן אִין זֵייעֶרֶע בִּיכֶער · (ב) מרבה נכסים דֶר נָאךְ גְלוּסְט עֶר צוּ רֵייכְקַייט אוּנ עֶר קוֹיפְט גִיטֶער אוּנ מַאכְט גְרוֹיסֶע גִישֶׁעפְטְן · אָבֶּר זַיין סוֹף אִיז מרבה דאגה עֶר מַאכְט זִיךְ מִיט דֶעם פִיל זָארְג אוּנ פָארְכְט עֶר אִיז טָאג אוּנ נַאכְט אִין זָארְג אַז פוּן זַיינֶע סְחוֹרָה זָאל נִיט פַאלְן דֶער פְּרַייז אוּנ עֶר זָאל אָן זֵיי נִיט אָנְוֶוערְן · אוּנ אַז עֶר הָאט גִיטֶער אוּנ אִיז מַצְלִיחַ אִין זַיינֶע גִישֶׁעפְטִין אִיז עֶר אוֹיךְ תָּמִיד אִין צִיטֶערְנִישׁ פַאר זַיינֶע פַיינְד וָואס זֵיי זַיינֶען אִים מְקַנֵּא אוּנ פְלִיהֶן אַרוּם אִים וִויא בִּינֶן אַרוּם דֶעם בִּינְשְׁטָאק אוּנ עֶר הָאט קֵיין נַחַת אוֹיף זַיין וֶועלְט · (ג) מרבה נשים עֶר הָאט לוּסְט צוּ אַוַוייבּ אוּנ עֶר לָאזְט זִיךְ נִיט בַּאנוּגֶענֶען מִיט אֵיינֶע · זוּכְט עֶר פֶערְגְנִיגְן אוּנ נִיצְט פִיל וַוייבֶּער עֶנְדְלִיךְ לָאזְט זִיךְ אוֹיס פֶערְקֶערְט דֶער כֹּחַ פוּן זַיין גוּף וֶוערְט שְׁלַאף · עֶר פֶערְלִירְט דוּרְךְ דֶעם זַיין זִכָּרוֹן מִיט דֶעם שֵׂכֶל קוּמְט דֶר נָאךְ אַרוֹיס מרבה כשפים אַז זַיינֶע נַארִישֶׁע גִידַאנְקֶען פֶערְפִירְן אִים צוּ זוּכִין פִיל מְכַשְּׁפִים אַז זֵייא זָאלִין אִים הֶעלְפִין צוּא זַיין שְׁלַאפְקַייט · אוּנ זָאלִין אִים זוּכִין אַמִיטִיל אַז וַוייבֶּער זָאלְן אִים לִיבּ הָאבְּן · (ד) מרבה שפחות וַוייל עֶר יָאגְט זִיךְ נָאךְ כָּבוֹד · דְרִיבֶּר נֶעמְט עֶר אִין זַיין הוֹיז שֵׁיינֶע מֶעדְכֶן · וֶועלְכֶע זָאלְן בֶּעדִינֶען אִים מִיט זַיינֶע פְרוֹיא · אוּם צוּ בַּוַוייזְן פַר לַייטְן זַיינֶע פִיל עֶהְרֶע וָואס זַיי גִיבְּן אִים · אָבֶּר דוּרְךְ דֶעם אִיז עֶר מרבה זמה · דִי זֶעלְבִּיגֶע פַּאקָאיוּקֶע וָואס עֶר הָאט אַרַיינְגִינוּמֶן אִין זַיין הוֹיז זַייא רֵייצְן אִין אִים דֶעם יֵצֶר הָרָע · אוּנ זַייא בְּרֵיינְגִין אִים עֶר זָאל מִיט זֵיי מְזַנֶּה זַיין · עֶנְדְלִיךְ וֶוערְן זֵיי מְעוּבֶּרֶת זַיי גִיבָּארִין קִינְדֶער אוּנ וַוארְפְן אִים צוּ · אוּנ זַיי זָאגְן פַר לַייטְן אַז דִיזֶע קִינְדֶער זַיינֶען פוּן אִים · אִיז אָנְשְׁטָאט דֶעם כָּבוֹד וָואס עֶר הָאט גֶעמֵיינְט צוּ הָאבְּן · הָאט עֶר צוּם סוֹף גְרוֹיס בִּזָיוֹן אוּנ עֶפֶענְטְלִיכֶע שַׁאנְדֶע · (ה) מרבה עבדים · אִיבֶּער דִיא תַּאֲוָה וָואס עֶר הָאט צוּ פֶערְמֶערִין זַיינֶע גוּטְץ דְרוּם פֶערְמֶערְט עֶר קְנֶעכְט · בִּכְדֵי צוּ בֶּעשֶׁעפְטִיגְן זִיךְ מִיט זַיינֶע סְחוֹרוֹת · אָבֶּר עֶס לָאזְט זִיךְ אוֹיס גָאר אַהֵיפֶךְ מרבה גזל עֶר פֶערְמֶערְט דֶר מִיט רוֹיבּ · דֶען דִיא זֶעלְבִּיגֶע מְשָׁרְתִים זַיינֶע מַאכִין צְוִוישִׁין זִיךְ אֵיין הַאנְד אִים בֶּערוֹיבִּין אוּנ זֵיי שְׁטֶעלְן אִים בְּדַלּוּת · דָא רֶעכִינְט אוֹיס דֶר תַּנָּא וִוידֶער פִינְף זַאכְן וָואס וַוייזְן אוֹיס פַר אַמֶענְשִׁין צוּם אָנְפַאנְג שְׁלֶעכְט · אָבֶּער דֶער תַּכְלִית פוּן־זֵייא אִיז עֶנְדְלִיךְ גוּט · וַוייל דוּרְךְ זֵייא קוּמְט עֶר צוּא גְרוֹיסֶע גְלִיקִין · אוּנ עֶר רֶעכִינְט עֶס אוֹיס כְּסֵדֶר (א) צוּם אָנְפַאנְג לֶערִינְט עֶר דִי תּוֹרָה אוּנ זַאמִילְט אַיין פִיל דִינִים פוּן דֶר תּוֹרָה · (ב) נָאכְהֶר קוּמְט עֶר אָן אִין אֵיינֶע

חַיִּים מַרְבֶּה יְשִׁיבָה מַרְבֶּה חָכְמָה מַרְבֶּה עֵצָה מַרְבֶּה תְבוּנָה מַרְבֶּה צְדָקָה מַרְבֶּה שָׁלוֹם קָנָה שֵׁם טוֹב קָנָה לְעַצְמוֹ קָנָה לוֹ דִּבְרֵי תוֹרָה קָנָה לוֹ חַיֵּי הָעוֹלָם

ישיבה צוא הערן וויא חכמים זיינען מפלפל אין הלכות אונ דורך דעם ווערט גישארפט זיין שכל · (ג) דער נאך אז ער האט שוין גיגרייכט צו דר מעלה פון הוראה ער וויס וויא צו פסקנן א דין · זוכט ער צו פרעגן ביי זיינע חברים איין עצה אין די זאכן וואס זיי זיינען הארב · כדי ער זאל אין פיל אנדרע זאכן זיין געשיקט אונ פערגלייכן איין זאך צוא דיא אנדרע · (ד) נאכהער אז ער האט שוין זוכה גיוועזן צו זיין איין אב בית דין · אדר איין רב הגליל · מוט ער פיל צדקה מיט דיא קהלות ישראל · (ה) נאך אלע דיזע זאכין האט ער זוכה גוועזן צו האבן אין די וועלט א גוטן נאמן אונ אלע קומן צו הערן פון אים דברי תורה איז ער זוכה צו דעם לעבין פון עוה״ב · אונ אזו זאגט דער תנא: (א) מרבה תורה דער וואס לערינט פיל די תורה · האטשי זיא קומט אים אן זייער שווער · ער ווערט דורך איר מאגר אויסגידארט אונ שוואך · אבער גיגען דעם מרבה חיים פערמעהרט ער זיין לעבין הין אויף דיזע וועלט ווייל אשוואכר מענש לעבט על פי רוב אויס זיינע יארן ער האט ניט אזו פיל מורא פר אפאפלעקציע אונ פר אדבר ר״ל וויא אגעזונדער אונ אדיקער מענש · אונ הין אויף יענעם עולם איז ער מחיה זיין נשמה · אונ דאס האט דער תנא גישטעלט פאר אלע אנקעגן דיא ערשטע פון דיא פריערינגע פינף זאכין אז דער וואס פערמערט זיין פלייש · בעקומט ער ווערם וואס זיי זיינען מכלה אונ פערדארבן דעם גוף · אבער די תורה מאכט אים אפילו מאגער אבער זיא גיבט לעבין צום גוף אונ צו דר נשמה · (ב) מרבה ישיבה דר וואס זיצט פיל צייטן צווישן חכמים דאמיט ער זאל רעכט פארשטיין די טיפע ענינים פון דר תורה בכדי ער זאל בעגרייפין דעם אמת וויא אפ צוא לערנען איין אונבעשטימטען דין פון אבעשטימטן אונ פון אדייטליכן דין · האטשי איבער דעם בעדארף ער ניט קלוג זיין אין וועלטליכע זאכן · ווייל ער האט ווייניג אומגנג מיט סוחרים · דאך מרבה חכמה פר שטייט ער צו זיין קלוג אין מילי דעלמא וויא די גרעסטע סוחרים · ווייל די תורה וואס ער האט גלערינט די משפטים פון דיני ממונות מאכט אים גנץ קלוג אז ער וועט זיך שוין קענען מפרנס זיין גאר אן שום זארג · אונ דאס איז אנקעגן די צווייטע פון די ערשטע פינף זאכין וואס ער האט גיזאגט אז דר וואס האט פיל גיטר אונ גישעפטן דר האט פיל זארג · אבר דער וואס בעשעפטיגט זיך מיט ישיבת חכמים דר איז קלוג אונ האט זיין פרנסה אן זארגן צו האבן · (ג) מרבה עצה דר וואס ער האלט זיך פיל מאל עצות מיט זיינע חברים אום צו פארשטיין די הארבע הלכות פון דר תורה מרבה תבונה קומט אים צו פערשטאנד · עס ערשיינן אים נאייע שטראלן אין חכמה אונ ער ווערט נאך מעהר קליגער · אונ דאס איז דר היפך פון דר דריטע זאך פון די ערשטע פינף זאכן אלס ער האט גיזאגט אז דר וואס האט פיל ווייבר ווערט ער נארישר אונ זוכט פיל כישוף · אבר דר וואס פערמערט די עצות התורה מיט זיינע חברים דר ווערט נאך אימר קליגער · (ד) מרבה צדקה אז ער האט שוין זוכה גיוועזן צו זיין איין רב אונ איין פרנס אין זיין קהלה אונ מערט פיל צדקה אונ טובות צו טאן מרבה שלום פערמערט ער פיל שלום אונ ער בעקומט פיל גוטע פריינד אונ האט פון אלימן גרויס כבוד · אונ דאס איז אויך אהיפך פון די פירטע וואס אין דעם ערשטן סארט · וואס ער האט גיזאגט אז דר וואס נעמט אריין אין זיין הויז פיל מעדכן זיי זאלן אים בעדינן · פערמערט ער מיט זיי זנות צו טרייבן אונ ער האט ענדליך בזיון · אבר דר וואס פערמערט צו טאן צדקה דער פערמערט שלום אונ האט גרויס כבוד · (ה) קנה שם טוב אז ער האט דורך דיזע פיר זאכן · בקומן אגוטן נאמן · קנה לעצמו האט ער עס באקומן פר זיך אליין אונ קיינר קען עס ביי אים רויבן · דר היפך פון דעם וואס ער איז זיך משתדל צו בעקומן פיל קנעכט אונ משרתים צוא זיין

הבא: ט רבן יוחנן בן זכאי קבל מהלל ומשמאי הוא היה אומר אם למדת תורה

גישעפט · וואס די בעטריגן אונ בערויבן אים אבר דעם גוטן נאמן וואס אמענש בעקומט קען עס קיינר ביי אים אוועק נעמען דען עס בלייבט אימר ביי אים · יעצט זאגט ער נאך דא איינע איבריגע מעלה · וואס איינער פון די ערשטע פינף סארטן איז דאס ניט זוכה · אונ דאס איז קנה לו דברי תורה דער וואס האט זיך גיקויפט די רייד פון דר תורה · כלומר דר וואס רעכינט זיך די רייד פון דער תורה פאר זיין איינגינס · וויא דוד המלך ע"ה האט גזאגט טוב לי תורת פיך מאלפי זהב וכסף · דיא תורה פון דיין מויל (דאס מיינט ער די תורה שבעל פה) איז צו מיר בעסר מער אלס איך וואלט האבן טויזינדר שטיקר גאלד אונ זילבר · דר וואס האלט דיא תורה פר אזו אקנין · קנה לו חיי עולם הבא דר האט זיך גקויפט דאס איביגן לעבן : ט רבן יוחנן בן זכאי האט מקבל גיוועזין די כללים פון דר תורה פון הלל אונ פון שמאי · ער פלעגט צו זאגן · אם למדת תורה הרבה ווען דו האסט פיל תורה גילערינט אל תחזיק טובה לעצמך זאלסטו זיך ניט רעכענן אז דוא האסט גוטס גטאן · כלומר דו זאלסט זיך דר מיט ניט בארימען · כי לכך נוצרת דען פון דעסט וועגין ביזט דו בעשאפן גיווארין · כלומר דאס איז דיין שולדיגקייט תורה צו לערנן · וויל דרויף ביזט דו בעשאפן גיווארן · וויא דר נביא האט גיזאגט פון גאטס וועגין (ישעי' מ"ג כ"א) עם זו יצרתי לי תהלתי יספרו דיזען פאלק ישראל האב איך מיר בעשאפן · דאמיט זיי זאלן ערציילן מיין לויב · דאס הייסט כדי זיי זאלין לערנן מיין תורה · וויל זיא איז דיא לויב פון גאט ב"ה · נאך אפשט אין אם למדת תורה הרבה אל תחזיק טובה לעצמך · אז דוא האסט פיל תורה גילערינט זאלסט דו ניט האלטין אז דיר זאל דר פון ארויס קומען אטובה · בכדי מען זאל דיר אפגעבין כבוד מען זאל דיך רופין רבי · אדר בכדי מען זאל אויף דיר זאגין דוא ביסט אגאון · כי לכך נוצרת וויל דו ביכט דאך פון אנפאנג אן דער צו בשאפן גיווארן · איז דאך דאס דיין נאטירליכע ספאסאבנאסט · אונ פונקט וויא מען דארף ניט אנרופין דיא זייד ווארים

אדר דעם שפין מיט דעם נאמן וועבר אדער דעם באבער צעסלער וויל ער בויט בנינים אין וואסר · אדר די בין אינזשינער וויל זיא מאכט אויס וואקס קאנטיגע חדרים · רופט מען דאך זיי ניט אן מיט די נעמען פון בעלי מלאכות · וויל זיי זיינן מיט דיזע ספאסאבן בשאפן גיווארן · איז דאס ביי זיי נאטירליך · אזו אויך בעדארפסט דו ניט פערלאנגן אז מען זאל דיך רופן רבי וויל דוא האסט פיל תורה גילערינט דען דו ביזט דר צו בשאפן גיווארן · דארף עס ליגן אין דיין נאטור צו לערנן דיא תורה · אונ דאך דארף זיין דיין כונה לשם שמים וויל דו ביסט בעשטימט גיווארן נאר צו די דינסט פון הש"י וויא עס האט גיטראפן אמעשה מיט דעם אלשיך הקדוש · הרב הגאון ר' משה אלשיך איז אין דער שטאדט צפת גיוועזין איין דרשן · אונ ר' יצחק לוריא וואס מען רופט אים האר"י ז"ל איז אין דר זעלביגע שטאט גוועזן ארב · זיין תלמיד איז גיוועזן ר' חיים וויטאל · אונ הרב ר' יוסף קארו ז"ל דר מחבר פון בית יוסף איז אין יענער צייט גיוועזן איין שוחט ובודק אין צפת · אלע שבת ווען דר אלשיך הקדוש האט גידרשת פלעגט דער אר"י הקדוש מיט זיין תלמיד ר' חיים וויטאל אונ דער בית יוסף קומען אין בית המדרש · אום צו הערן זיין דרשה · דענמאל פלעגט הגאון ר' משה אלשיך ז"ל זאגין דיא דרשה אויף צוויא אופנים נגלה אונ נסתר · אונ נאך דר דרשה נאך תפלת המנחה פלעגן אלע גיין גלייך צו דעם האר"י ז"ל נאך הויז אונ דארטן פלעגן זיי עסין שלש סעודות אונ פלעגן באיין טיש צו ברייננגן אין סתרי תורה ביז שפעט אין די נאכט · איין מאל אלס דר אלשיך הקדוש האט גידרשת אין בית המדרש אונ איז אין זיין דרשה גיוועזן זייער פערטיפט אין סתרי תורה · איז פלוצלינג דר ר"י הקדוש מיט דעם בית יוסף אוועק גיגאנגען פון בית המדרש אין מיטין דער דרשה · נאר ר' חיים וויטאל ז"ל איז פון בית המדרש ניט אוועק גיגאנגן · ער האט נאר זיין ארט משנה גיוועזן דען אלע מאל פלעגט ער צו שטיין לעבן בימה

אנקעגן

הַרְבֵּה אַל תַּחֲזִיק טוֹבָה לְעַצְמְךָ כִּי לְכָךְ נוֹצָרְתָּ: י חֲמִשָּׁה תַלְמִידִים הָיוּ לוֹ לְרַבָּן יוֹחָנָן בֶּן זַכַּאי וְאֵלּוּ הֵן רַבִּי אֱלִיעֶזֶר בֶּן הוֹרְקְנוֹס רַבִּי יְהוֹשֻׁעַ בֶּן חֲנַנְיָא רַבִּי יוֹסֵי הַכֹּהֵן רַבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן נְתַנְאֵל וְרַבִּי אֶלְעָזָר בֶּן עֲרָךְ: יא הוּא הָיָה מוֹנֶה שִׁבְחָם (רַבִּי) אֱלִיעֶזֶר בֶּן הוֹרְקְנוֹס בּוֹר סוּד שֶׁאֵינוֹ מְאַבֵּד טִפָּה (רַבִּי) יְהוֹשֻׁעַ בֶּן חֲנַנְיָא אַשְׁרֵי יוֹלַדְתּוֹ (רַבִּי) יוֹסֵי הַכֹּהֵן חָסִיד (רַבִּי) שִׁמְעוֹן בֶּן נְתַנְאֵל יְרֵא חֵטְא (רַבִּי) אֶלְעָזָר

אַנְקֶעגְן די מִיר · אוּנ דֶעמְסְמָאל אִיז עֶר אַרוֹיף הָעבֶר אוּנ אִיז גְשְׁטַאנֶען אוֹיף דֶעם בֵּית יוֹסֵפְס אָרְט · וְויא דֶר אַלְשִׁיךְ הָאט דֶר זֶעהְן אַז דֶר אר״י מִיט דֶעם בֵּית יוֹסֵף זַיינֶען אִין מִיטְן דִיא דְרָשָׁה אַוֶועק גְגַאנְגֶען פוּן ביהמ״ד אִיז עֶר בַּיי זִיךְ זַייעֶר אַרָאפּ גְפַאלְן · אוּנ הָט אוֹיף גְהֶערְט צוּ דַרְשֶׁנֶען אִין נִסְתָּר · אוּנ הָאט גֶעעֶנְדִיגְט זַיין דְרָשָׁה פַאר דֶעם פָאלְק נָאר אִין נִגְלֶה · נָאךְ תְּפִלַּת מִנְחָה אִיז עֶר גְלַייךְ גְגַאנְגֶען צוּם האר״י הַקָּדוֹשׁ מִיט זַיין תַּלְמִיד ר׳ חַיִּים וִויטַאל ז״ל · יֶענֶעם מָאל הָאט דֶער אַלְשִׁיךְ גִיבֶּעטְן אַז ר׳ חַיִּים וִויטַאל זָאל פְרִיעֶר צַריינְגֵיין אִין הוֹיז · אוּנ ר׳ מֹשֶׁה אַלְשִׁיךְ אִיז אַרַיין דֶר נָאךְ · אוּנ הָאט זִיךְ גְשְׁטֶעלְט בַּיי דִי שְׁוֶועל כְּעָנִי בַּפֶּתַח · אוּנ הָאט וַוייטֶער נִיט גְוָואלְט גֵיין · אַלְס עֶר אִיז אַיין הִיפְּשֶׁע צַייט גִישְׁטַאנֶען בַּאיי דִיא טִיר · הָאט אִים דֶר אר״י הַקָּדוֹשׁ צוּ גִירוּפְן צוּ זִיךְ · דֶר אַלְשִׁיךְ אִיז צוּ גִיטְרָאטְן אוּנ אִיז פַאר אִים גִישְׁטַאנֶען כעבדא קמא מריה · וְויא אַקְנֶעכְט שְׁטֵייט פַאר זַיינֶעם הֶערְן · אִיר זַייט בַּייא זִיךְ אַרָאפּ גְפַאלְן ר׳ מֹשֶׁה · הָאט דֶר אר״י הַקָּדוֹשׁ צוּ אִים גִיזָאגְט · אִיר מוּסְט וִויסְן אַז הַיינְטִיגְן מָאל הָאט אִיר אַייעֶר מִדָּה פַאר לָאזְן · דֶען יֶעדְען מָאל וֶוען אִיר פְלֶעגְט צוּ זָאגְן דִי דְרָשָׁה אָן שׁוּם גַאֲוָה · נָאר לְשֵׁם שָׁמַיִם · פְלֶעגְן מִיר זֶעהְן מִיכָאֵל הַמַּלְאָךְ דֶר כֹּהֵן גָדוֹל וָואס עֶר אִיז מְשַׁמֵּשׁ בִּכְהוּנָה גְדוֹלָה אִין בהמ״ק שֶׁל מַעְלָה · פְלֶעגְט אִימֶער צוּ רֶעכְט מַאכְן דִיא לִיכְט אִין אַפַּאיירֶעדִיגֶע מְנוֹרָה אוּנ דָאס פְלֶעגְט מַמְשִׁיךְ זַיין דֶעם אוֹר הַתּוֹרָה צוּ כְּלַל יִשְׂרָאֵל · אָבֶּער בַּייא הַיינְטִיגֶע דְרָשָׁה הָאבִּין מִיר דָאס נִיט גִיזֶעהֶען · וַוייל בְּשַׁעַת דְרָשָׁה אִיז אִין אַייךְ אַרַיינְגִיקוּמֶען אַרוּתַ גַאֲוָה · דְרוּם זַיינֶען מִיר בַּאלְד אַרוֹיס גִיגַאנְגֶען פוּן בֵּית הַמִּדְרָשׁ · בִּכְדֵי אִיר זָאלְט בַּייא זִיךְ אַרָאפּ פַאלְן אוּנ יֶעצְט אַז אִיר זַייט בַּייא זִיךְ אַרָאפּ גִיפַאלִין · אִיז דָאס אַיין הִרְהוּר תְּשׁוּבָה · זַייט אִיר אִיצוּנְד גְלַייךְ מִיט אוּנְז · עַל כֵּן מַאכְט קִדּוּשׁ מִיר וֶועלִין בַּייא זַאמֶען עֶסְן סְעוּדָה שְׁלִישִׁית אוּנ מִיר וֶועלְן אוּנְז לָאזְן ווידֶער זִיךְ בֶּעלוּסְטִיגְן אִין דִבְרֵי תּוֹרָה וְויא אַלֶע מָאל · אוּנ פַר וָואס הָאט אִיר מְשַׁנֶּה גִיוֶועזְן אַייעֶר אָרְט אוּנ אִיר זַייט אַרוֹיף גְגַאנְגֶען צוּ שְׁטֶעלְן זִיךְ אוֹיף דֶעם אָרְט פוּן בֵּית יוֹסֵף · הָאט דֶר אַלְשִׁיךְ גְפְרֶעגְט דֶעם ר׳ חַיִּים וִויטַאל דָאס אִיז דְרִיבֶּר זָאגְט ר׳ חַיִּים וִויטַאל · וַוייל אִיךְ הָאבּ גִיזֶעהְן אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא אִיז בַּייא דִיא טִיר גִישְׁטַאנֶען בִּין אִיךְ אַרוֹיף גִיגַאנְגֶען אוּנ הָאבּ אִים גִילָאזִין שְׁטֵיין אוֹיף מַיין אָרְט · פוּן דֶער מַעֲשֶׂה זֶעהֶען מִיר אַרוֹיס אַז אַמֶענְשׁ לֶערִינְט תּוֹרָה בֶּעדַארְף אִין אִים בְּשַׁעַת עֶר לֶערִינְט נִיט זַיין קֵיין שׁוּם פוּנְק פוּן גַאֲוָה · נָאר זַיין כַּוָּנָה דַארְף זַיין פוּן גָאטְס וֶועגִין אַלֵיין:

י חמשה תלמידים היו לו לרבי יוחנן בן זכאי ואלו הן

פִינְף תַּלְמִידִים הָאט גְהַאט ר׳ יוֹחָנָן בֶּן זַכַּאי · זַיי זַיינֶען גְוֶועזְן רבי אליעזר בן הורקנוס · רבי יהושע בן חנניא · רבי יוסי הכהן · רבי שמעון בן נתנאל אוּנ רבי אלעזר בן ערך: יא הוא היה מונה שבחם עֶר ר׳ יוחנן בן זכאי · פְלֶעגְט צוּ צֵיילְן זַייעֶרֶע מַעֲלוֹת רבי אליעזר בן הורקנוס בור סוד עֶר אִיז גְלַייךְ צוּא דִי גְרוּבּ פוּן קֶעלְטֶר וָואס דֶר גְרוּנְד פוּן אִיהְר דֶעק אִיז גוּט פֶערְשְׁמִירְט מִיט וַואפְּנֶע שאינו מאבד טפה פוּן דֶעם וַויין וָואס מֶען גִיסְט דְרִינֶען וֶוערְט אֲפִילוּ אֵיין טְרָאפִּין נִיט פֶערְלָארְן · דֶער סִפְרִי שְׁרַייבְּט אִין פָּרָשָׁה עֵקֶב · אַז מִיט דֶעם נָאמֶען בור סוד אַקֶעלְטֶר גְרוּבּ פוּן וַויין וָואס אִיר גְרוּנְד פוּן דֶעק אִיז פֶערְשְׁמִירְט מִיט וַואפְּנֶע · אַזוֹי רוּפְט מֶען אָן אַיין תַּלְמִיד וָואס עֶר אִיז אִין גַאנְצִין מְקַבֵּל דִיא תּוֹרָה פוּן זַיין רַבִּי · אוּנ עֶר פֶערְגֶעסְט אֲפִילוּ אֵיין זַאךְ נִיט פוּן דֶעם וָואס עֶר הָאט פוּן זַיין רַבִּי גִילֶערִינְט · ר׳ יהושע בן חנניא אשרי יולדתו וואוֹהְל אִיז צוּ זַיינֶע מוּטֶער וֶועלְכֶע הָאט אִיהְם גֶעבָּארִין · דֶער תּוֹלְדוֹת

יהושע

בן ערך כמעין המתגבר : יב הוא היה אומר אם יהיו כל חכמי ישראל בכף מאזנים ואליעזר בן הורקנוס בכף שניה מכריע את כלם : אבא שאול אומר משמו אם יהיו כל חכמי ישראל בכף מאזנים ואליעזר בן הורקנוס אף עמהם

חסדי אבות

יהושע שרייבט · ווייל רבי יהושע בן חנניא איז געוועזן א גרויסער חכם · אונ איז געוועזן אויף געטראגן מיט לייטין זיינע רייד מיט מענשין פלעגט אימער זיין בנחת · מיט גרויס פריינטליכקייט · ער איז געוועזן אויך זייער גיאכט בייא דעם רוימישן קיסר · אונ ער פלעגט זיך אויך אפט מתווכח זיין (האבן אויכוח) מיט די פילוסופים פון אתונא (דאס איז דיא אלטע שטאט אטהען אין גריכנלאנד וואס זיא איז געוועזן פול מיט חכמים) אונ ער האט זייא שטענדיג מנצח געוועזן אונ אלע לייט זיינן מיט זיינער געזעלשאפט געוועזן זייער צו פרידן · אונ מיר געפינן אז די גמרא זאגט אין (יומא דף פ"ו) אז ווען א מענטש לערינט מקרא משנה אונ גמרא אונ ער בהאנדילט זיך אויך בנחת מיט לייטין · זאגן די לייט אויף אים וואוהל איז צו זיינע עלטערין וואס זיי האבין אים געבארין · זעהט וויא אנשטענדיג זיינען זיינע פירונגען וויא איידיל זיינן זיינע בהאנדלונגן · אונ ווייל דער יהושע בן חנניא האט גיהאט אלע דיזע מעלות דרום האט זיין רבי ר' יוחנן בן זכאי אויף אים גזאגט · וואוהל איז צו זיינע מוטער וואס זיא האט אים געבארן · רבי יוסי הכהן הסיד ער האט די מדה פון חסידות ער טוט אימר לפנים משורת הדין דאס הייסט נאך פרימר וויא דר דין הייסט צו טאן · דיא גמרא אין שבת דער ציילט אונז אז קיין מאל האט זיך א כתיבת יד פון ר' יוסי הכהן גיפונען אין דר האנד פון איין עובד גילולים · ווייל ער האט מורא גהאט פיליכט וועט עס דר עובד גלולים טראגן אום שבת · רבי שמעון בן נתנאל ירא חטא ער האט פארכט פר זינד · דאס הייסט ער פראכטעט די זינד אליין · ניט ווייל ער האט פארכט דאס גאט זאל אים ניט שטראפין · נאר ווייל דיא זינד זעלבסט איז ביי אים גרעכינט פר מיאוס אז ער אנטלויפט פון איר · רבי אלעזר בן ערך במעין המתגבר · ער איז וויא איינע קוועלע וואסר וואס זיא לייפט זייער האפטיג · אין ספרי שטייט אז דער נאמען מעין מתגבר העפטיגע קוועלע איז א משל צו איינעם תלמיד חכם וועלכער בלערינט די תורה צו אנדרע לייט · אונ אזוי שטייט געשריבן אין (אבות דרבי נתן פרק י"ד) דאס רבי יוחנן בן זכאי האט גירופען דעם רבי אלעזר בן ערך מיט דעם נאמן נחל שוטף ומעין מתגבר פלייציגע טייך אונ העפטיגע קוועלע · שמימיו מתגברין ויוצאין לחוץ וואס זיינע וואסר שטארקן זיך אונ גייען ארויס פון זייער גרעניץ לקיים מה שנאמר יפוצו מעינותיך חוצה אום צו מקים זיין וואס דר פסוק זאגט דיינע קוועלן זאלן זיך אויס שפרייטין זייער וייט · כלומר דיין תורה וועסטו באלערנן צו די וועלט · צו פיל תלמידים : יב הוא היה אומר ער פלעגט זאגן אם יהיו כל חכמי ישראל בכף מאזנים ווען אלע חכמים פון ישראל וואלטן זיין אויף איין וואג שאל · ואליעזר בן הורקנוס בכף שניה אונ אליעזר בן הורקנוס זאל זיין אין די אנדרע שאל אונ מען זאל זיי וועגן איטע געגן די אנדרע מכריע את כלם · וועט די שאל פון אליעזר בן הורקנוס איבר וועגן זיי אלע · כלומר אזוי א תלמיד וואס ער האלט אין זיך איין אלע למודים וואס ער האט געהערט פון זיין רבי · אונ ער פערגעסט אפילו איין ווארט ניט · דר איז גרעסער פאר אלע חכמי ישראל · אבא שאול אומר משמו אבא שאול זאגט פון זיינט וועגן · אז אזוא האט גיזאגט רבי יוחנן בן זכאי · אם יהיו כל חכמי ישראל בכף מאזנים ואליעזר בן הורקנוס אף עמהם ווען אלע חכמי ישראל זאלן זיין אויף א וואגשאל אונ אליעזר בן הורקנוס זאל אויך מיט אלע חכמים זיין אין שאל ואלעזר בן ערך בכף שנית מכריע את כלם · אונ אלעזר בן ערך זאל זיין אין די אנדרע שאל אונ מען זאל זיי מיט איין אנדער וועגן וועט די שאל פון אלעזר בן ערך זיי אלעמן איבר וועגן · דען אזו א תלמיד וואס ער טרינקט אן אלע דארשטיגע מיט זיינע פרישע וואסר · וויא רבי אלעזר בן ערך לערינט זיינע הדרושים וואס ער טוט אויף אין דר תורה

וְאֶלְעָזָר בֶּן עֲרָךְ בְּכַף שְׁנִיָּה מַכְרִיעַ אֶת כֻּלָּם: יג אָמַר לָהֶם צְאוּ וּרְאוּ אֵיזוֹ הִיא דֶּרֶךְ טוֹבָה שֶׁיִּדְבַּק בָּהּ הָאָדָם · רַבִּי אֱלִיעֶזֶר אוֹמֵר עַיִן טוֹבָה רַבִּי יְהוֹשֻׁעַ אוֹמֵר חָבֵר טוֹב רַבִּי יוֹסֵי אוֹמֵר שָׁכֵן טוֹב רַבִּי שִׁמְעוֹן אוֹמֵר הָרוֹאֶה אֶת הַנּוֹלָד רַבִּי אֶלְעָזָר אוֹמֵר לֵב טוֹב · אָמַר לָהֶם רוֹאֶה אֲנִי אֶת דִּבְרֵי אֶלְעָזָר בֶּן עֲרָךְ מִדִּבְרֵיכֶם

חסדי אבות

צו פיל לייט · וויא איינע וואסער קוועלע וואס פיל לייט שעפן פון איר · דר איז פיל גרעסער פר אלע הכמי ישראל אונ אויך פר דעם וואס ער האלט איין אין זיך די דברי תורה וואס ער האט גיהערט פון זיין רבי: יג אמר להם רבי יוחנן האט גיזאגט צוא זיינע תלמידים צאו וראו גייט ארויס פון מענשין גערויש אין איין שטילן ארט אונ בעטראכט מיט שכל איזו היא דרך טובה שידבק בה האדם · וועלכע וועג איז אגוטע וואס אמענש זאל זיך אין איר בהעפטן · כלומר וועלכע מדה איז גוט פר אמענשין צוא בהעפטין זיך אין איר · דר תוספות יום טוב שרייבט חאטשי עס איז רעכט דאס אין אלע גוטע מדות זאל זיך אמענש בהעפטין · דאך איז דא איין גוטע מדה וואס אמענש קען זיא האבן גאר פאלקמען · אונ אז ער וועט זיך אין איר בהעפטין וועט אים זיין גרינג צו בעקומן דורך איר אלע אנדרע גוטע מדות · וואס אהן דר מדה · זיינן פון אלע מדות טובות וואס ער האט איינע אויך ניט אין גאנצין · דרום מוז אמענש אין איין גוטע מדה פאלקאמן זיין וואס זיא זאל אים צו פיהרן צו זיין פאלקאמן אין די איבריגע מדות טובות · דרום האט זיי גהייסן רבי יוחנן בן זכאי דר קלערן מיט זייער שכל · אן וועלכע גוטע מדה דארף איבר הויפט איין מענש זיך בהעפטן · רבי אליעזר אומר עין טובה רבי אליעזר בן הורקנוס זאגט איין גוטע אויג · דער וואס לאזט זיך בנוגן מיט דאס וואס ער האט · אונ ער פארגינט דעם חבר זיין גליק · ער איז קיינעם מקנא · ער זארגט ניט · אונ איז אויף קיין מענשן ניט אין כעס · ווער עס האט אין זיך די מדה · דר קען ערהאלטן אין זיך די תורה פון זיין רבי אונ איז גלייך צו איין קעלטר גרוב וואס זיין גרונט איז גוט איין געשמירט מיט וואפנע · וואס איין טראפן וויין וועט ניט גיין אין פערלארן · דאס איז די זעלביגע מדה וואס רבי יוחנן בן זכאי האט דעם זעלביגן ר׳ אליעזר גילויבט · רבי יהושע אומר חבר טוב רבי יהושע בן חנניה זאגט אז אמענש האט דיא מדה צו בהעפטין זיך מיט אגוטן חבר · וואס ער זאל אים געבען עצות וויא ער זאל פאר בעסערן זיינע פעלער · ער שעמט זיך ניט פר אים זיינע חסרונות צו דר ציילן · אונ ער איז אויף אים ניט אין כעס וויל ער ווייס אז זיין הערץ איז מיט אים גאנץ דרום פאלגט ער אימער צו זיין עצה · דר וואס האט אין זיך די מדה איז וואול צוא זיין מוטר וואס זיא האט אים גיבארין · רבי יוסי אומר שכן טוב רבי יוסי הכהן זאגט · אז אמענש זאל האבן דיא מדה צוא וואונען מיט אגוטין שכן · דען גוטע שכנים טוען טובות אונ גמילות חסדים איינער מיט דעם אנדרן · חאטשי איינר פון זיי האט אפט שאדן דען ער לאזט נאך זיינע איבר גיין · אונ דאס איז די מדה פון חסידות · אז איינר פון דעם אנדערן לערינט זיך אפ צוא זיין אחסיד · רבי שמעון אומר הרואה את הנולד · רבי שמעון בן נתנאל זאגט · אז אמענש זאל האבן די מדה וואס ער זעט פריער איידר ער טוט די זאך · וואס דר פון קען ארויס קומן · אונ אז אמענש האט אין זיך די מדה · וועט ער מורא האבן צוא זינדיגען · דען ער וועט בשעת מעשה בטראכטן אז די זינד קען אים ברייגגן אונגליק רבי אלעזר אומר לב טוב · רבי אלעזר בן ערך זאגט ווען אמענש האט די מדה · צוא האבין אגוטעם הערץ וואס ער זאל זיין צו פרידן אונ דינסט פערטיג מיט אלע מענשין גוטעם צוא טאן · דענסטמאל קען ער צייט האבין זיין שכל אוים צו שארפן · אונ זיין הערץ וועט זיין וויא איינע העפטיגע קוועלע · עס וועט פליסן תורה אונ חכמה וואס אלע וועלן קענן פון אים געניסען אונ לערנען פיל וויסענשאפטין אונ מדות ישרות · אמר להם האט רבי יוחנן צו זייא גזאגט רואה אני את דברי אלעזר בן ערך מדבריכם · די רייד פון אלעזר בן ערך גיפעלט מיר מער

שֶׁבִּכְלַל דְּבָרָיו דִּבְרֵיכֶם: יד אָמַר לָהֶם צְאוּ וּרְאוּ אֵיזוֹ הִיא דֶּרֶךְ רָעָה שֶׁיִּתְרַחֵק מִמֶּנָּה הָאָדָם · רַבִּי אֱלִיעֶזֶר אוֹמֵר עַיִן רָעָה רַבִּי יְהוֹשֻׁעַ אוֹמֵר חָבֵר רָע רַבִּי יוֹסֵי אוֹמֵר שָׁכֵן רָע רַבִּי שִׁמְעוֹן אוֹמֵר הַלֹּוֶה וְאֵינוֹ מְשַׁלֵּם אֶחָד הַלֹּוֶה מִן הָאָדָם כְּלֹוֶה מִן הַמָּקוֹם שֶׁנֶּאֱמַר לֹוֶה רָשָׁע וְלֹא יְשַׁלֵּם וְצַדִּיק חוֹנֵן וְנוֹתֵן · רַבִּי אֶלְעָזָר

חסדי

פון אַייעֶרֶע רֵייד שבכלל דבריו דבריכם דֶען זַיינֶע רֵייד הַאלְטְן אִין זִיךְ אַלֶע אַייעֶרֶע רֵייד · וַוייל אַיין גוּטֶעס הֶערְץ מַאכְט אִין דֶעם מֶענְשְׁן אוֹיךְ אַיין גוּטֶעס אוֹיג · עֶר זֶעהְט אָן יֶעדְן מֶענְשֶׁען פוּן דִי גוּטֶע זַייט · עֶר בֶּעקוּמְט גוּטֶע חֲבֵרִים וָואס הָאבִּין אִים לִיבּ · יֶעדֶר גוּטֶער מֶענְשׁ וִויל מִיט אִים זַיין אַשָׁכֵן · אוּנ דוּרְךְ דֶעם וָואס עֶר אִיז רוּהִיג אוּנ צוּפְרִידְן קֶען עֶר אוֹיךְ בַּטְרַאכְטְן דָאס וָואס עֶס קֶען אַרוֹיס קוּמֶן פוּן דֶעם וָואס עֶר טוּט · אוּנ עֶר וָועט נִיט זִינְדִיגְן · אוּנ עֶר דִינְט הש״י מֵאַהֲבָה מִיט זַיין הֶערְץ אוּנ זַייל: יד אמר להם דָר נָאךְ הָאט עֶר וִוידֶער צוּא זֵייא גִיזָאגְט צאו וראו איזו היא דרך רעה שיתרחק ממנה האדם · גֵייט אַרוֹיס מִיט אַייעֶער שֵׂכֶל אוּנ בֶּעטְרַאכְט וָועלְכֶע מִדָּה אִיז אַשְׁלֶעכְטֶע דָאס אַמֶענְשׁ בֶּעדַארְף זִיךְ פוּן אִיר דָר וַוייטֶערְן׳ דָא קֶען מֶען דָאךְ אֲפִילוּ פְרֶעגִין · אַז דָאס פַאר שְׁטֵייט מֶען דָאךְ פוּן דֶעם עֶרְשְׁטְן פַאל לְמָשָׁל עֶר הָאט גִיזָאגְט אַז דִי בֶּעסְטֶע מִדָּה אִיז אַיין גוּטֶעס הֶערְץ · אוּנ אַמֶענְשׁ בַּדַארְף זִיךְ אִין דֶעם בַּהֶעפְּטְן · פֶערְשְׁטֵייט מֶען דָאךְ אַז דִיא עֶרְגְסְטֶע מִדָּה אִיז אַשְׁלֶעכְטֶעס הֶערְץ אוּנ אַיין מֶענְשׁ בֶּדַארְף זִיךְ דָר פוּן דָר וַוייטֶערְן · נָאר דָר רמב״ם שְׁרַייבְּט אִין שְׁמוֹנָה פְּרָקִים אַז אִין דִיא מִדוֹת אִיז דָא צְוֵוייא עֶקְן · לְמָשָׁל דֶער עֶרְשְׁטֶר עֶק אִיז לב טוב אַגוּטֶעס הֶערְץ · אוּנ דֶר לֶעצְטֶע עֶק אִיז לב רע אַשְׁלֶעכְטֶעס הֶערְץ · אוּנ עֶס אִיז אוֹיךְ דָא אַיין מִיטֶען לֵב בֵּינוֹנִי אַיין מִיטֶעלֶעס הֶערְץ וָועלְכֶעס נִיט גוּט אוּנ נִיט שְׁלֶעכְט · דְרוּם אִיז דָא דִי פְרַאגֶע פוּן רַבָּן יוֹחָנָן אוֹיבּ עֶר דַארְף זִיךְ פוּן דֶער שְׁלֶעכְטֶע מִדָּה נָאר דָר וַוייטֶערְן צוּ דֶעם עֶק וָואס גוּט אִיז אוּנ נִיט צוּ שְׁטֶעלְן זִיךְ אוֹיף דֶעם מִיטִיל פוּנְקְט · זָאלְן זֵייא אִים זָאגִין פוּן וָועלְכֶע מִדָּה מוּז מֶען זִיךְ דָר וַוייטֶערִין מן הקצה אל הקצה · דֶען עֶס זַיינֶען אוֹיךְ דָא שְׁלֶעכְטֶע מִדוֹת וָואס מֶען בַּאדַארְף נָאר אַבִּיסְל אָפְּטְרֶעטְן פוּן זֵיי צוּ

אבות

דִי מִיטֶעלֶע מִדוֹת׳ רבי אליעזר אומר רַבִּי אֱלִיעֶזֶר בֶּן הוֹרְקְנוֹס זָאגְט עין רעה אַיין שְׁלֶעכְטֶע אוֹיג · פוּן דָר מִדָּה פוּן קַמְצָנוּת · פוּן קִנְאָה פוּן אַיין נִיט פֶערְגִינֶר בַּדַארְף זִיךְ אַמֶענְשׁ דָר וַוייטֶערְן מן הקצה אל הקצה · רבי יהושע אומר חבר רע רַבִּי יְהוֹשֻׁעַ בֶּן חֲנַנְיָא זָאגְט אַז פוּן אַשְׁלֶעכְטְן חָבֵר מוּז מֶען אַנְטְלוֹיפִין · רבי יוסי אומר שכן רע רַבִּי יוֹסֵי הַכֹּהֵן זָאגְט אַז מֶען מוּז אַנְטְלוֹיפִין פוּן אַשְׁלֶעכְטִין שָׁכֵן · רבי שמעון אומר הלוה ואינו משלם רַבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן נְתַנְאֵל זָאגְט פוּן דֶעם וָואס אַנְטְלַייט גֶעלְד אוּנ בַּאצָאלְט נִיט · דָאס אִיז דָר הֵיפֶּךְ פוּן דֶר גוּטֶע מִדָּה וָואס עֶר הָאט אִין עֶרְשְׁטִין פַאל גִיזָאגְט הרואה את הנולד אַז אַגוּטֶע מִדָּה אִיז וָוען מֶען זֶעט פְרִיעֶר פַר דָר מַעֲשֶׂה וָואשׂ עֶס קֶען דֶר פוּן אַרוֹיס קוּמֶן · אוּנ דִי שְׁלֶעכְטֶע מִדָּה אִיז צוּ טָאן אַזַאךְ אוּנ פְרִיעֶר נִיט בֶּעטְרַאכְטְן וָואס דֶר פוּן קֶען אַרוֹיס קוּמֶן לְמָשָׁל דָר וָואשׂ לַייט גֶעלְט אוּנ עֶר בַּאצָאלְט נִיט · דָר בֶּעטְרַאכְט נִיט דֶעם סוֹף אַז דִי גֶעלְד וָואס עֶר לַייט וָועט בַּייא אִים זִיךְ אֵייבִּיג נִיט הַאלְטְן · אוּנ אַז עֶר וָועט נִיט בַּצָאלְן וָועט מֶען אִים אִין זַיין נוֹיט מֶער נִיט וֶועלְן לַייהֶען אוּנ עֶר וָועט שְׁטַארְבְּן פַאר הוּנְגֶער · אחד הלוה מן האדם כלוה מן המקום וֶוען מֶען אַנְטְלַייט בַּיי אַיין מֶענְשְׁן אִיז גְלַייךְ וִויא עֶר אַנְטְלַייט בַּייא גָאט ב״ה · שנאמר דֶען אַזוֹ שְׁטֵייט אִין פָּסוּק לוה רשע ולא ישלם דָר רָשָׁע אַנְטְלַייט אוּנ עֶר מֵיינְט נִיט צוּ בַּצָאלְן וצדיק חונן ונותן אוּנ הש״י וָואס עֶר אִיז דָר גְרֶעכְטֶר עֶר בֶּגְנַאדִיגְט אוּנ עֶר גִיט אָפּ צוּם מַלְוֶה דָאס וָואס דָר רָשָׁע הָאט בַּיי אִים גְלַייעֶן · נִמְצָא · דֶער פוּן זֶעהְט מֶען אַז דֶער לֹוֶה אִיז גֶעבְּלִיבְּן שׁוּלְדִיג דֶעם חוֹב צוּ גָאט ב״ה · אוּנ דָאס אִיז גְרַאד דָר הֵיפֶּךְ פוּן דָר מַעֲלָה וָואס עֶר הָאט פְרִיעֶר גִיזָאגְט הרואה את הנולד · דָאס עֶס אִיז אַגוּטֶע מִדָּה וָוען אַמֶענְשׁ בַּטְרַאכְט אֵיידֶר עֶר טוּט אַמַעֲשֶׂה וָואס עֶס קֶען דֶר נָאךְ דָר פוּן אַרוֹיס קוּמֶן · אוּנ וָוען דָר לֹוֶה וָואלְט בַּטְרַאכְטְן

אומר לב רע׃ אמר להם רואה אני את דברי אלעזר בן ערך מדבריכם שבכלל דבריו דבריכם׃ טו הם אמרו שלשה דברים רבי אליעזר אומר יהי כבוד חברך חביב עליך כשלך ואל תהי נוח לכעום ושוב יום אחד לפני מיתתך והוי מתחמם כנגד אורן של חכמים והוי זהיר בגחלתן שלא תכוה שנשיכתן

פריער איידער ער אנטלייט אז ער וועט ניט קענן בצאלן׃ אדר ער וואלט פריער בטראכטן אז ער וועט צום טערמין ניט בצאלן וועט אים קיינר מעהר ניט לייהן׃ אונ ער וועט נאך אן גרופן ווערן ארשע פר גאט ב״ה׃ וואלט ער דאך די הלואה ניט גמאכט׃ רבי אלעזר אומר לב רע רבי אלעזר בן ערך זאגט אז די ערגסטע מדה איז אבייז הערץ׃ וואס פון איר בעדארף זיך אמענש דער ווייטערין מן הקצה אל הקצה׃ אונ צו לויפן צו דר גוטע מדה אונ מאכן זיך איין לב טוב צו האבן אגוטעם הערץ׃ אמר להם האט רבן יוחנן גזאגט צוא זיינע תלמידים רואה אני את דברי אלעזר בן ערך מדבריכם מיר געפעלט בעסר דיא רייד פון אלעזר בן ערך פון אייערע רייד שבכלל דבריו דבריכם דען זיינע רייד ענטהאלטן אלע אייערע רייד׃ וויל דאס הערץ איז דער שרש פון אלע מדות׃ אונ אז דר שרש׃ כלומר דר ווארציל פון דעם בוים איז צו פוילט׃ פר לירט דר בוים זיינע גאנצע שיינהייט׃ אזו איז אויך ווען דאס הערץ פון אמענשן ווערט פאר דארבין דענקט מאל שטארקין זיך דיא תאות הגוף איבר דעם שכל׃ אונ עם טשעפן זיך צו אים אלע שלעכטע זאכין׃ אשלעכטר חבר׃ אשלעכטר שכן׃ אונ ער מאכט זיך קיין צוים צו פערהיטן זיך פון איין עבירה ביז ער ווערט אין גאנצן פערדארבן מיט אזו פיל פעלר וואס ניט מעגליך צו פעריכטן׃ טו הם אמרו שלשה דברים יעדער פון דיזע פינף תלמידים האט גזאגט דרייא זאכן׃ דאס הייסט דרייא כללים׃ אין גוטע מדות׃ אין דעם ענין וויא מען זאל היטן די מצות אונ וויא מען זאל זיין גווארינט צוא לערנען דיא תורה׃ רבי אליעזר אומר רבי אליעזר בן הורקנוס זאגט׃ דר הויפט פון אלע גוטע מדות איז יהי כבוד חברך חביב עליך כשלך דר כבוד פון דיין חבר זאל בייא דיר זיין אזו ליב וויא דיין אייגענער כבוד איז דיר ליב׃ דריבר ואל תהי נוח לכעום ועסטו ניט זיין גרינג צוא ווערן אין כעס׃ וויל דורך כעס קענסטו אפט בליידיגן דיין חבר׃ אונ בכדי דו זאלסט זיין גווארינט צו היטן דיא מצות׃ ראט איך דיר ושוב יום אחד לפני מיתתך דוא זאלסט דיך בעקעהרין צוא גאט כלומר דוא זאלסט טאן תשובה איין טאג פר דיין טויט כלומר איידר דו ווילסט מקיים זיין די מצות מוסט דו טאן תשובה אונ זיין אפ גיהיט פון זינד׃ אונ תשובה אליין איז אויך איין מצוה פון די תרי״ג מצות׃ נאר וויל איין מענש וויים ניט ווען ער וועט שטארבין דרום מוסט דוא טאן תשובה היינט פילייכט שטארבסטו מארגין׃ אונ אזו זאלסטו טאן תשובה אלע טעג פון דיין לעבן׃ אונ בכדי דו זאלסט זוכה זיין צו לערנען דיא תורה והוי מתחמם כנגד אורן של חכמים מוסטו זיך ווארעמן געגען דעם ליכט פון דיא חכמים׃ כלומר דו מוסט זיך גנעהנן אנטקעגן די תורה וואס זיא ווערט אנגירופין אור׃ דאס ליכט וואס די חכמים האבן אנגיצונדין כלומר דוא זאלסט לערנן די חדושי תורה וואס די חכמים האבן מחדש גיוועזין׃ אונ ער זאגט מיט דעם לשון והוי מתחמם דו זאלסט זיך ווארימן דאמיט מיינט דר תנא צו זאגן אז דו זאלסט לערנן די תורה פון די חכמים מיט גרוים היץ אונ מיט התלהבות׃ והוי זהיר בגחלתן שלא תכוה דאך מוסטו אויך זיין געהיט פון איהרע קוהלין אז דו זאלסט זיך ניט פאר ברענן׃ כלומר דוא מוסט זיין פאר זיכטיג זייער כבוד ניט אן רירן׃ דען מיט זייער בליק קענן זיי דיך פר ברענן׃ שנשיכתן נשיכת שועל וויל זייער ביס איז אביס פון אפוקם׃ כלומר דיא רעה וואס זיי וועלן דיר טאן איז זייער גפערליך וויא דר ביס פון אפוקם איז אסכנה וויל זיינע ציינער זיינן דינע אונ קרומע אונ אז איין רופא וויל היילן מוז ער מאכן איין אפעראציע מיט איין לאנצעט אום די וואונד ברייט צו מאכין מען זאל קענן אריינטריפן איניגע טראפן באלזאם דאירן

נשיכת שועל ועקיצתן עקיצת עקרב ולחישתן לחישת שרף וכל דבריהם

חסדי

דארין • ועקיצתן עקיצת עקרב • אונ זייער שטעכן איז דאס שטעכן וויא דאס שטעכן פון איין עגדיש • ולחישתן לחישת שרף אונ זייער ציששען איז גלייך וויא עס ציששט די שלאנגען בעת זיא וויל פערגיפטן • אזו איז דער כעס פון די חכמים איידער זיי ווילן פון אמענשען נקמה נעמן • וכל דבריהם כגחלי אש אונ אלע זייערע רייד ברענן וויא פייערינגע קולן • אונ ווען אפילו זיי וועלין דיך ניט פלוכן • אז זיי וועלן זיך אזו ריידן מיט פערדראס • וועט עס דיר אויך שאדן • דער ספר המדות שרייבט אויף דעם מאמר ושוב יום אחד לפני מיתתך • די גמרא פרעגט וויא איז מיגליך צו טאן תשובה איין טאג פר דעם טויט • אז אמענש ווייס ניט ווען ער וועט שטארבן • נאר דער תירוץ איז אז אמענש בעדארף תשובה טאן היינט דען פיליכט שטארבט ער מארגן • אונ אזו מוז ער זיך אלע טאג גרייטן צום טויט אונ זיין פרטיג מיט תשובה אונ מע"ט • אונ דרויף זאגט דר פסוק (קהלת ט) בכל עת יהיו בגדיך לבנים אין יעדר צייט זאלין דיינע קליידער זיין ווייס • דען עס איז ידוע אז דער גרויסער גביר וואס ער האט איינגינע פערד מיט איין איינגינע קארעטע • דער האט זיך ניט צו אילין • דען ווען ער בדארף צו פארין דערנסט מאל הייסט ער זיינע משרתים צו שפאנן אים זיין וואגן • אבער ניט אזו איז אגימיינער בעל הבית ער האט קיין איינגינע קאריטע אונ האט קיין איינגינע פערד • ער מוז פארין מיט איין גלעגינהייט • דר מוז נעביך נעמן זיין פעקיל אויפן קארק אונ שטיין אויפין וועג אונ אפ וואַרטן פיליכט פארט אפור באלד פיליכט אין אשעה ארום • אונ ווען ניט היינט איז מארגן • אונ ווען דיא פור פארט אן • איז ער שוין פארטיג מיט זיין פעקיל אונ קען זיך גלייך פאהרן • דאס זעלביגע איז אויך מיט דעם מענשן • ער האט ניט אין דר האנד זיך אליין בוחר צוא זיין אצייט ווען ער זאל שטארבין • נאר ער איז געצוואונגן צוא מאכין זיינע רייזע ווען דר טויט וועט אנפארן • אם כן אויף דעם אופן מוז ער דאך נעהען צוא

אבות

בעזארגין אלס וואס ער בדארף האבין צו זיין נסיעה • דען פיליכט פארט אן דער טויט באלד פיליכט אין אשעה ארום • אונ ווען ניט היינט איז מארגן • וויא דער פסוק זאגט והחי יתן אל לבו דאס הייסט דער מענש זאל זיך געבען צוא הערץ תשובה צוא טאן בעת ער לעבט נאך • מיר ווייסן אז יעקב אבינו ע"ה האט מתפלל גיוועזן אז אמענש זאל פריהער זיין קראנק איידר ער וועט שטארבין • בכדי ער זאל האבן צייט צו מאכן איין חשבון מיט זיין נשמה אויף זיינע מעשים וואס ער האט גטאן אויף דר וועלט אונ זאל טאן תשובה• אבר אונזערע מענשן ביי היינטיגע צייט מוזין מיר זעהן צו מאכין אונז איין חשבון חאטשי מיר זיינן נאך שטארק אונ גזונט עס איז אמשל צו פיל געסט וואס זיינן אנגעפארן אין אקרעצמע • די רייכע לייט האבן זיך גנומן צו עסן אונ צו טרינקן • נאר דר ארימר אורח וואס איז דארטן גוועזן האט זיך גינומן בעסר צו זוכין פר זיך איין ארט וואו ער זאל זיך קענען לייגן בייא נאכט צוא אוים רוהען • אלס מען האט אים גיפרעגט ווארום זוכסטו דיר איין ארט צוא לייגן זיך רוהן פריער פר אלע סוחרים • האט ער גיענטפערט צוא זייא • דאס איז ווייל אלע סוחרים זיינען גענוג רייך • זייא האבין גענוג בעטגיוואנד אונ קאלדרעס מיט גינומן • אונ אויף דעם ארט וואו מען האט ארייין גיטראגין זייערע בעט גוואנט קענן זיי זיך דארטן באלד לייגן • אבער איך בין דאך איין ארומן • קיין בעט גוואנט האב איך אהער ניט גבראכט על כן מוז איך מיר זעהן באלד איין ארט אויף ווייכן דעם קאפ צו לייגן • דאס איז דר פשט פון פסוק והחי יתן אל לבו אלם דער מענש איז נאך לעבעדיג אונ פריש מוז ער זיך געבין צו זיין הערץ אן ווייטן פר זיך איין גוטן ארט פר זיין גוף אין קבר • אונ פאר זיין נשמה אין גן עדן • וויא די חכמים האבן אונז געזונגן דאס ליעד ווי לן דמיתנן ווי לן דמיתנן הי תורה והי מצוה דמגני עלן • ווייא צוא אונז דאס מיר דארפין שטארבן • אונ וואו איז די תורה וואו זיינן די מצות וואס זיי זאלן אויף אונז מגין זיין • דרום

מזן

בְּגַחֲלֵי אֵשׁ: טז רַבִּי יְהוֹשֻׁעַ אוֹמֵר עַיִן הָרָע וְיֵצֶר הָרָע וְשִׂנְאַת הַבְּרִיּוֹת מוֹצִיאִין אֶת הָאָדָם מִן הָעוֹלָם: יז רַבִּי יוֹסֵי אוֹמֵר יְהִי מָמוֹן חֲבֵרְךָ חָבִיב עָלֶיךָ כְּשֶׁלָּךְ וְהַתְקֵן עַצְמְךָ לִלְמוֹד תּוֹרָה שֶׁאֵינָהּ יְרֻשָּׁה לָךְ וְכָל מַעֲשֶׂיךָ יִהְיוּ לְשֵׁם שָׁמָיִם: יח רַבִּי שִׁמְעוֹן אוֹמֵר הֱוֵי זָהִיר בִּקְרִיאַת שְׁמַע וּבִתְפִלָּה וּכְשֶׁאַתָּה מִתְפַּלֵּל אַל תַּעַשׂ

מוזן מִיר אַלֶע אוּנְזֶרֶע טֶעג אִין תְּשׁוּבָה אוּנ אִין מַעֲשִׂים טוֹבִים צוּ בְּרֵיינְגֶן:

טז רבי יהושע אומר רַבִּי יְהוֹשֻׁעַ בֶּן חֲנַנְיָא זָאגְט עין הרע אַז אַמֶענְטְשׁ הָאט אַיין בֵּייזֶע אוֹיג׳ דָר תִּפְאֶרֶת יִשְׂרָאֵל שְׁרַייבְּט אַז דֶער מַאֲמַר פוּן רַבִּי יְהוֹשֻׁעַ אִיז כּוֹלֵל דִי דְרַייא חִיּוּבִים פוּן אַיוּדְן תּוֹרָה עֲבוֹדָה אוּנ גְמִילוּת חֲסָדִים׳ אוּנ אַזוֹ אִיז דִי כַּוָּנָה עין הרע אַז אַמֶענְטְשׁ קוּקְט מִיט אַשְׁלֶעכְטֶע אוֹיג אִין דֶער תּוֹרָה׳ עֶר אִיז אִין סָפֵק אִין דֶעם וָואס דִיא תּוֹרָה שְׁרַייבְּט׳ אוּנ עֶר אִיז אוֹיךְ אִין סָפֵק אוֹיבּ דִי תּוֹרָה אִיז גֶעגֶעבְּן גְוָוארְן מִן הַשָּׁמַיִם פוּן הַשֵּׁ״י׳ אוּנ אִיז אִין סָפֵק אִין דִי עִקָּרִים אוּנ אִין דִי יְסוֹדוֹת פוּן דֶעם דַת׳ דֶען עֶר הָאט אִין דִיזֶע זַאכְן אַשְׁלֶעכְטְן בְּלִיק׳ ויצר הרע אוּנ אַיין שְׁלֶעכְטֶע טְרַאכְטוּנְג וָואס עֶר טְרַאכְט נָאר וֶועגְן דִי תַּאֲוֹת פוּן עוֹלָם הַזֶּה׳ אוּנ דָאס פֶערְמַיידֶעט אִים פוּן צוּא דִינֶען דִיא עֲבוֹדָה פוּן הַשֵּׁ״י׳ ושנאת הבריות אוּנ דִיא פַיינְדְשַׁאפְט פוּן לַייטִין׳ עֶר הָאט פַיינְט צוּא טָאן טוֹבוֹת אוּנ גְמִילוּת חֲסָדִים מִיט לַייטִין מוציאין את האדם מן העולם דִיזֶע דְרַייא פֶעלֶער צִיהֶען אוֹיס אַמֶענְטְשְׁן פוּן דֶער וֶועלְט׳ כְּלוֹמַר דֶר וָואס הָאט דִי דְרַייא חֶסְרוֹנוֹת׳ הָאט עֶר נִיט דֶעם נָאמֶן מֶענְטְשׁ׳ דֶען עֶר הָאט גִילֶעבְּט אַלְס אַבְּהֵמָה אוֹיף דֶר וֶועלְט: יז רבי יוסי אומר רַבִּי יוֹסֵי הַכֹּהֵן זָאגְט׳ אַיין כְּלַל אִין גְמִילוּת חֲסָדִים אִיז יהי ממון חברך חביב עליך כשלך דָאס גֶעלְד פוּן דַיין חָבֵר זָאל זַיין בַּיי דִיר טַייעֶר אַזוֹ וִויא דַיין אֵייגֶענֶע גֶעלְד דְרוּם זָאלְסְט דוּ זִיךְ זֶעהְן מִשְׁתַּדֵּל זַיין דָאס גֶעלְד זַיינֶע צוּ פֶערְמֶערְן אָבֶּער נִיט וֶוויינִיגֶער צוּ מַאכְן׳ אוּנ אַז אִין גֶעלְד זַאכְן וָואס וֶוען מֶען פֶערְלִירְט עֶס׳ קֶען זִיךְ דָאךְ אַמָאל אוּמְקֶערְן׳ הָאבְּן דִי חֲכָמִים דְרוֹיף מַזְהִיר גִיוֶועזְן אַז מֶען זָאל אוֹיף זֵיי חַס הָאבְּן צוּ פֶערְמֶערְן׳ מִכָּל שֶׁכֵּן אַז אַמֶענְטְשׁ בֶּעדַארְף פֶערְהִיטְן דָאס גִיזוּנְד פוּן זַיין חָבֵר זַיין עָהְרֶע אוּנ זַיין פֶערְשְׁטַאנְד בֶּעדַארְפְסְט דוּ זֶעהְן צוּ פֶערְמֶערְן אוּנ צוּ פֶערְשְׁטַארְקִין וַוייל דָאס אִיז אַלְס שַׁייךְ צוּא גְמִילוּת חֲסָדִים׳ והתקן עצמך ללמוד תורה אוּנ גְרֵייט זִיךְ אָן צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה׳ כְּלוֹמַר דוּא זָאלְסְט פוּן זִיךְ וֶועגְשַׁאפְן אַלֶע מְנִיעוֹת וָואס שְׁטֶערְן דִיךְ צוּ לֶערְנֶען׳ דִי דַאֲגַת הַפַּרְנָסָה שְׁלַאפְקַייט אוּנ גְזוּנְד אָדֶר דַיין וֶוויינִיג הֲבָנָה׳ דִיזֶע אַלֶע זַאכִין זָאלְסְט דוּא פוּן קָאפּ אַרוֹיסְשְׁלָאגְן׳ אוּנ עוֹסֵק זַיין אִין לֶערְנֶען גְלַייךְ וִויא דוּ וָואלְסְט זַיין בַּיי אַלֶעם פַארְטִיגֶן פַאר זֶעהֶען מִיט פַּרְנָסָה מִיט גִיזוּנְד אוּנ מִיט שֵׂכֶל אוּנ דוּ הָאסְט קַיין שׁוּם צַער דָר בַּיי׳ שאינה ירושה לך דֶען דִי תּוֹרָה קֶענְסְט דוּא נִיט הָאבְּן אַיין יְרוּשָׁה פוּן עֶלְטֶערְן׳ אוּנ אַז דוּא וֶועסְט אִין אִיר נִיט לֶערְנֶען מִיט יְגִיעָה וֶועסְט דוּ בְּלַייבְּן אַיין עַם הָאָרֶץ׳ אוּנ אִין דֶעם עִנְיָן פוּן עֲבוֹדָה צוּ דִינֶען הַשֵּׁ״י הָאט דֶר תַּנָּא דֶעם כְּלַל גְזָאגְט וכל מעשיך יהיו לשם שמים אוּנ אַלֶע דַיינֶע וֶוערְק וָואס דוּ טוּסְט אֲפִילוּ דַיין עֶסִין אוּנ טְרִינְקֶען אוּנ שְׁלָאפְן אוּנ דַיינֶע עֲסָקִים אוּנ גִישֶׁעפְטִין זָאלְן אַלֶע זַיין פוּן גָאטְס וֶועגְן דָאס הֵייסְט דֶר תַּכְלִית דֶר פוּן זָאל זַיין אַז דוּ זָאלְסְט קֶענֶען דִינֶען הַשֵּׁ״י׳ דֶר מִשְׁפְּטֵי צֶדֶק שְׁרַייבְּט אַז עֶס אִיז גִיוֶועזְן אַמָאל אַגְרוֹיסֶער חָסִיד וָואס זַיין מִנְהָג פְלֶעגְט זַיין צוּ אוֹיפְשְׁטֵיין אִין מִיטְן נַאכְט אוּנ זָאגְן פַר הַשֵּׁ״י לִיבֶּר גָאט׳ דוּ הָאסְט מִיךְ נַאקֶט אוּנ הוּנְגֶרִיג גִמַאכְט אוּנ דוּ הָאסְט מִיךְ גִיזֶעצְט אִין פִינְצְטֶערֶע נַאכְט׳ דוּ הָאסְט מִיךְ גִילֶערִינְט צוּ דֶער קֶענֶען דַיין קְרַאפְט אוּנ דַיין מַאכְט׳ אוּנ וָואס דוּ וֶועסְט נָאךְ טָאן אִיבֶּער מִיר וֶועל אִיךְ מִיךְ אַלְס פְרֵייעֶן מִיט דִיר׳ אוּנ וֶוען דוּ וֶועסְט מִיךְ אֲפִילוּ בְּרֶענֶען אִין פַייעֶר וֶועסְט דוּ בַּיי מִיר אַלְס זַיין טַייעֶר׳ דֶען דִיא גוּטֶעס וָואס אִיךְ טוּא אִיז נִיט וֶועגִין מִיר׳ דָאס אִיז נָאר וַוייל מַיין לִיבְּשַׁאפְט צוּא דִיר: יח רבי שמעון אומר רַבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן נְתַנְאֵל זָאגְט הוה זהיר בקריאת שמע ובתפלה דוּא זָאלְסְט זַיין גְוָוארִינְט רֶעכְט מְכַוֵּין צוּ זַיין אִין קְרִיאַת שְׁמַע

אונ אין שמונה עשרה ווייל מיט דעם לייענן פון קריאת שמע איז אגרויסר תועלת וואס דר איש ישראל תורת איין פר זיך די גרונדן פון אונזר הייליגע אמונה · דהיינו אין דר ערשטע פרשה פון ק"ש געפינט זיך יחוד השם ב"ה דאס גלויבן אז הש"י איז איינר · אונ מען זאל אים ליב האבן אונ פארכטן פר אים אונ מען זאל לערנן די תורה · אין דער צווייטע פרשה פון ק"ש געפינט זיך דאס אמונה מען זאל גלויבין אז דיא תורה האט גיגעבין הש"י מן השמים · אונ מען מוז זיין גיווארינט צו היטן די מצות · וויא די פרשה פאנגט זיך אן והיה אם שמוע תשמעו אל מצותי אשר אנכי מצוה אתכם אויב איר וועט צוא הערין צוא מיינע מצות וועלכע איך פערזאג אייך · אויך איז אין דר פרשה דא דאס גלויבן פון השגחה אז הש"י איז אמשגיח אויפדער וועלט · אונ ער בצאלט שכר צוא דעם וואס היט זיינע מצות אונ ער באשטראפט צו די לייט וואס טרעטן איבער זיינע גיזעץ · אונ דאס בצאלן אונ בעשטראפן איז סאיי אויף דיזע וועלט · וויא דער פסוק זאגט ונתתי מטר ארצכם ואספת דגנך אויב איר וועט הערן צו מיינע מצות וועל איך געבן צו אייער לאנד רעגן אין דער צייט · דוא וועסט זאמלן דיינע קארן דיינע וויין אונ דיינע אייל אונ וועל געבן אויך גראז צו דיינע פיה אין דיין פעלד · דוא וועסט עסין אונ וועסט זאט זיין אונ איר זאלט זיך היטן אז אייער הארץ זאל ניט איבער גירעט ווערין אונ חלילה אפ קערן פון מיינעגיבאט דענמאל וועל איך אייך בעשטראפן איך וועל פערשליסן דעם הימיל אונ עס וועט קיין רעגן גיין · אונ די ערד וועט ניט געבן איר פרוכט · אונ די פערגעלטונג אונ די שטראף פון יענע וועלט איז אויך דא אין דר פרשה · וויא ער זאגט איר זאלט מקיים זיין מיינע מצות אונ לערנען תורה אויך מיט אייערע קינדר · אונ שרייבין אויף די מזוזות פון דיין הויז אונ טויער למען ירבו ימיכם בכדי עס זאלן זיך פערמערן אייערע טעג אונ דיא טעג פון אייערע קינדר אויף דעם לאנד וואס גאט האט צו גישווארן צו אייערע עלטרן זיא אפ צוא געבין צוא זייא דאס איר זאלט דא אזו פיל לעבין וויא לאנג דיא הימיל אונ ערד

וועלן שטיין · אונ אזו אזאך קען דאך בעולם הזה ניט זיין · איז דאס געוויס גירעט נאר פון עוה"ב · אין דר דריטע פרשה פון ק"ש קומט אגרויסע אזהרה אז מיר זאלן זיך אונז היטן ניט צו זיין פר אירט נאך דיא איבר ריידונג פון דעם יצר הרע אין די תאוות פון דר וועלט אונ אויך ניט ח"ו אין דיא מחשבות פון דיא אפיקורסים וויא דר פסוק זאגט ולא תתורו אחרי לבבכם איר זאלט ניט אוים זעהען וואהין עס ציט אייך די לוסט פון אייער הערצן ואחרי עיניכם אונ אויך ניט וואו אייערע אויגן זעהען · ווייל דאס הערץ מיט די אויגן זיינען צוויי מאקלארס פון די חטאים · אונ ווייל דיזע דריי פרשיות פון ק"ש זיינען די עקרים אונ דיא שרשים פון אמונת ישראל · דרום האט אונז הש"י גהייסן אז מיר זאלן זיי לייענן צוויי מאל אין יעדען טאג כל זמן מיר וועלן לעבן · אונ ווען אמענש לייענט עס אן כונה · איז אומזיסט זיין לייענן · אונ ווען ער איז מתפלל שמ"ע אן כונה איז נאך פיל ערגער · דען שמ"ע שטייט ער אונ בעט פאר דעם גרויסין בעהערשער המלך ה' צבאות אונ ער זאגט פיל מאל ברוך אתה ה' גילויבט ביסטו גאט · הוינט פר שטייט נאר וואס פר איין עזות האט דיזר מענש וואס ער רעדט צוא גאט אונ זאגט גילויבט ביסט דוא גאט · מיט זיין מויל · אונ זיין הערץ איז ניט דער ביי · אונ חוץ די אלע זאכן וויא רעכינט ער אז גאט זאל אן נעמען זיין גיבעט אז ער הט אים ניט אנגיבעטין מיט אונטר טעניקייט אונ בשעת דאווענען זיינען אים זיינע מחשבות אומגעפלוגן אין אלע זיינע נארישקייטין אונ עס קען אויך מעגליך זיין אז ער האט בשעת תפלה אויך גיטראכט וועגין איין דבר עברה ח"ו · אונ אויך וויא שעמט ער זיך ניט צוא זאגין · פאר הש"י וואס ער וייס אלע זיינע מחשבות · אין סוף שמ"ע יהיו לרצון אמרי פי והגיון לבי לפניך זאלין זיין פאר דיר צום ווילין דיא רייד פון מיין מויל אונ דאס טראכטין פון מיין הערצן · אונ וואס וועט ער ענטפערן אז גאט וועט אויף אים אנשרייען · וואס האסטו יעצט גיטראכט אין דיין הערצין · דרום זאגט דא דר תנא אז אמענש זאל זיין גיווארינט אז זיין ק"ש אונ זיין שמ"ע זאלין זיין מיט גרויס

כונה

תְּפִלָּתְךָ קֶבַע אֶלָּא רַחֲמִים וְתַחֲנוּנִים לִפְנֵי הַמָּקוֹם שֶׁנֶּאֱמַר כִּי חַנּוּן וְרַחוּם הוּא אֶרֶךְ אַפַּיִם וְרַב חֶסֶד וְנִחָם עַל הָרָעָה ׳ וְאַל תְּהִי רָשָׁע בִּפְנֵי עַצְמֶךָ: יט רַבִּי אֶלְעָזָר אוֹמֵר הֱוֵי שָׁקוּד לִלְמוֹד תּוֹרָה וְדַע מַה שֶּׁתָּשִׁיב לְאֶפִּיקוֹרוֹס וְדַע לִפְנֵי מִי אַתָּה

חסדי

כַּוָּנָה ׳ וכשאתה מתפלל אוּנ וֶוען אוֹיךְ אַז דוּא בִּיסְט שׁוֹין מִתְפַּלֵּל ׳ דָאס הֵייסְט אֲפִילוּ אַז דוּ בִּיסְט מְכַוֵּן דֶעם פֵּירוּשׁ הַמִּלּוֹת אל תעש תפלתך קבע זָאלְסְט דוּ נִיט מַאכְן דַיין גְבֶּעט גִיצְווּאוּנְגֶן דָאס הֵייסְט דַיין גִיבֶּעט זָאל נִיט זַיין נָאר בִּכְדֵי דוּ זָאלְסְט יוֹצֵא זַיין ׳ אַזוֹ וִויא אַמֶענְשׁ וָואלְט וָועלְן אָפּ קוּמֶען זַיין חוֹב ׳ אלא רחמים ותחנונים לפני המקום אָבֶּר דַיין תְּפִלָּה זָאל נָאר זַיין לוֹיטֶר גִיבֶּעט פַאר גָאט ב״ה אַז עֶר זָאל אוֹיף דִיר רַחֲמָנוּת הָאבִּין ׳ פוּנְקְט וִויא אַיין אָרוּמַן וָואס עֶר שְׁטֵייט בַּיי דֶעם טִיר פוּן אַיין מֶלֶךְ אוּנ עֶר בֶּעט פוּן אִים גְנַאדֶע מִיט אַיין צוּבְּרָאכֶענֶעם הֶערְצִין ׳ שנאמר דֶען אַזוֹ שְׁטֵייט אוֹיךְ אִין פָּסוּק כי חנון ורחום הוא ארך אפים ורב חסד ונחם על הרעה דֶען עֶר אִיז גְנַאדִיג אוּנ בַּארִימְהֶערְצִיג ׳ עֶר דֶר לַייְנְגְט דֶעם צָאֹרְן אוּנ עֶר אִיז גְנַאדִין פוּל אוּנ עֶר בֶּעדֶענְקְט זִיךְ אוֹיף דֶעם בֵּייז נִיט מֶער צוּ בֶּעשְׁטְרָאפְן ׳ אוּנ דִיזֶער פָּסוּק אִיז כּוֹלֵל דְרַיי אוֹפַנִים פוּן גִיבֶּעט ׳ דָאס עֶרְשְׁטֶע אִיז אַז גָאט זָאל אִים מַצִּיל זַיין פוּן אוּנְגְלִיק וָואס עֶר הָאט גֶעזִינְדִיגְט דָאךְ זָאל עֶר אוֹיף הַאלְטְן זַיין צָארִין אוּנ זָאל אִים נִיט שְׁטְרָאפְן ׳ אוּנ דֶער וַוייטֶע וָועט עֶר טָאן תְּשׁוּבָה ׳ דָאס צְוֵייטֶע אִיז ׳ עֶר זָאל מִיט אִים וִוירְקְלִיךְ גוּטֶעס טָאן וָואס מִיט זַיינֶע מַעֲשִׂים הָאט עֶר דָאס נִיט פֶערְדִינְט ׳ זָאל עֶר מִיט אִים טָאן גְנָאד וַוייל הַשי״ת אִיז דָאךְ אַיין רַב חֶסֶד ׳ דָאס דְרִיטֶע אִיז עֶר זָאל אִים הֶעלְפְן צוּ טָאן תְּשׁוּבָה אוּנ גָאט ב״ה זָאל אִים זַיינֶע זִינְד אִין גַאנְצִין פֶערְגֶעבִּין אוּנ עֶר זָאל זִיךְ בֶּעדֶענְקֶן אוֹיף דֶעם בֵּייז וָואס עֶר הָאט אִים גֶעוָועלְט טָאן ׳ אָבֶּר דִיזֶע דְרַיי עֶרְלַייא גִיבֶּעט קֶענֶן אַנְדֶרְס נִיט עֶרְפִילְט וֶוערִן נָאר דוּרְךְ דֶעם וָואס דוּ וֶועסְט בֶּעטְן צוּ הַשי״ת מִצַּד וַוייל עֶר אִיז חַנּוּן וְרַחוּם ׳ אַז דוּא וֶועסְט בֶּעטְן בְּדֶרֶךְ תַּחֲנוּנִים וְרַחֲמִים מִיט פִיל הַכְנָעָה ואל תהי רשע בפני עצמך ׳ אוּנ דוּא זָאלְסְט זִיךְ בַּיי זִיךְ אַלַיין נִיט הַאלְטְן פַר אַיין רָשָׁע ׳ דֶען אַז דוּ וֶועסְט זִיךְ הַאלְטְן פַאר אַיין רָשָׁע וֶועט

אבות

עֶס דִיר זַיין אַגְרוֹיסֶע שְׁטֶערוּנְג אִין דִי כַּוָּנָה פוּן דַיין תְּפִלָּה ׳ וַוייל דוּ וֶועסְט בַּיי זִיךְ זֵייעֶר אַרָאפּ פַאלִין אוּנ דוּא וֶועסְט מֵיינֶען אַז דַיינֶע תְּפִלּוֹת וֶועלִן בַּייא הַשי״ת נִיט אָנְגִינוּמֶען זַיין ׳ דְרִיבֶּר וֶועסְט דוּא זִיךְ גָאר אִין גַאנְצִין מְיָאֵשׁ זַיין פוּן צוּ בֶּעטְן צוּ הַשי״ת: יט רבי אלעזר אומר רַבִּי אֶלְעָזָר בֶּן עֲרָךְ זָאגְט דְרַייא זַאכִין זַיינֶען נֵייטִיג צוּ דִי הַצְלָחָה אִין לֶערְנֶן תּוֹרָה ׳ דָאס עֶרְשְׁטֶע אִיז שְׁקִידָה וְהַתְמָדָה ׳ דָאס אִיז פְלַייסִיגְקַייט ׳ דֶען אַז מֶען אִיז נִיט פְלַייסִיג צוּ לֶערְנֶן אוּנ צוּ אִיבֶּר חַזְרִין אִין יֶעדֶען טָאג דָאס וָואס עֶר הָאט נֶעכְטְן גְלֶערִינְט ׳ וֶועט עֶר מֶער פֶערְגֶעסְן אַלְס דִי נַאֲיֶיע וָואס עֶר וֶועט לֶערְנֶען ׳ אוּנ דֶער עִנְיָן וָואס עֶר לֶערְנְט וֶועט זִיךְ נִיט אַיינְוָוארְצְלָן בַּיי אִים אִין הֶערְצִין ׳ אוּנ דְרוּם זָאגְט עֶר הוי שקוד ללמוד תורה דוּא זָאלְסְט זַיין פְלַייסִיג צוּ לֶערְנֶן דִי תּוֹרָה ׳ דָאס צְווֵייטֶע אִיז עיון והתעמקות דָאס בֶּעטְרַאכְטְן אוּנ פֶערְטִיפְן זִיךְ דָאס הֵייסְט צוּ לֶערְנֶן דֶעם עִנְיָן גְרוּנְדִיג מִיט אַיין טִיפְן זִין עֶר זָאל זִיךְ נִיט לָאזְן נַארִן אִין זַיין לֶערְנֶן אַז עֶר זָאל קֶענֶן עֶנְפֶערִן אוֹיף יֶעדֶען עִנְיָן אוֹיף זִיבְּן שְׁאֵלוֹת מי ׳ מה ׳ למי ׳ מתי ׳ איה ׳ איך ׳ ולמה ׳ וֶוער ׳ וָואס ׳ פַר וֶועמֶען ׳ וֶוען ׳ וואוּ ׳ וִויא ׳ אוּנ וָוארוּם ׳ זָאלְסְט דוּ בַּיי זִיךְ פְּרוּבְן פְרֶעגְן ׳ אוּנ אוֹיבּ דוּ וֶועסְט וִויסְן דֶערוֹיף צוּא עֶנְטְפָערְן ׳ דֶענְמָאל וֶועסְט דוּא וִויסִין אוֹיף קְלָאר יֶעדִין שְׁוֶוערִין עִנְיָן ׳ אוֹיךְ גוּט בֶּעטְרַאכְטִין אוֹיבּ עֶס אִיז אִין אִים נִיט דָא אַיין וִוידֶר שְׁפְּרוּךְ וָואס אִיז סוֹתֵר דַיין פְּשַׁט וָואס דוּא לֶערְנְסְט ׳ אוֹיךְ מוּסְט דוּא פְרֶעגְן זִיךְ זֶעלְבְּסְט אוֹיבּ עֶס אִיז אִין דֶעם נִיט דָא אַיין אִיבֶּעריגֶעס וָוארְט ׳ אוּנ אוֹיבּ עֶס גֶעפִינְט זִיךְ אִין עִנְיָן אַיין אִיבֶּרִיגֶס וָוארְט צוּא וָואס אִיז דִיזֶעס וָוארְט גֶשְׁרִיבְּן גִיוָוארִן ׳ בִּיז דוּ וֶועסְט עֶס וִויסְן רִיכְטִיג אוּנ קְלָאר ׳ אוּנ דְרוֹיף זָאגְט דֶר תַּנָּא ודע מה שתשיב לאפיקרס עֶס אִיז נִיט גֶענוּג מִיט דֶעם וָואס דוּ וֶועסְט וִויסִין אִין דַיין לֶערְנֶען דֶעם טַעַם פוּן דֶעם עִנְיָן אוּנ דוּא

וועסט

עמל ומי הוא בעל מלאכתך שישלם לך שכר פעלתך: כ רבי טרפון אומר היום קצר והמלאכה מרבה והפועלים עצלים והשכר הרבה ובעל הבית דוחק: כא הוא

חסדי

וועסט קענן ענטפערין אויף דיא שאלות וואס איין ערליכער יהודי וועט דיך פרעגן · נאר דו טוסט אזו ווייט אונ טיף לערנן אז דו זאלסט פר שטיין צו ענפערן אויך אויף די שאלות ווס איין אפיקורס וועט דיך פרעגין וואס ער איז ניט מרוצה צו גלויבן אין קבלה וואס מען האט מקבל גיוועזן איש מפי איש איינר פון אנדערן ביז משה רבינו ע״ה · נאר ער נעמט אן די זאך וואס מען זאגט אים על פי שכל · דאס דריטע איז הסרת הדאגה אז בשעת לערנען זאל מען ארויס שלאגין אלע זארגין פון קאפ אונ אלע מחשבות פון וועלטליכע זאכן · אונ דרויף זאגט דר תנא ודע לפני מי אתה עמל דוא מוסט וויסין פר וועמן בעמיהסט דו זיך צו לערנן · אז דוא ביסט עוסק אין דיא מלאכה פון גאט · וויא שעמסט דו זיך ניט צו האבן אנדרע מחשבות בעת דו באשעפטיגסט זיך מיט זיין מלאכה · אונ בפרט דארפסט דו וויסן אז ונאמן הוא בעל מלאכתך דער הער פון דיין איינגענעם גישעפט דר וואס דיין פרנסה איז אין זיין האנד אונ ער שפייזט דיך שטענדיג · איז ער בעגלויבט שישלם לך שכר פעולתך אז ער וועט דיר בצאלן דעם שכר פון דיין האנדלונג וואס דוא ביסט זיך עוסק אין זיין תורה · דר דובנר מגיד ז״ל זאגט עס איז אונז גוט בעקאנט אז מיט דיא תורה אונ מצות וואס איין איש ישראל לערינט אונ איז מקיים · טוט ער נוטץ נאר צוא זיך אליין · וויא דר פסוק זאגט ויצונו ה׳ לעשות את כל החקים האלה לטוב לנו כל הימים · הש״י האט אונז גיהייסן צו טאן דיזע אלע גיזעטץ דאמיט אונז אליין זאל אימר גוט זיין צום ביי שפיל הש״י האט אונז גהייסן אז מיר זאלן שבת אונ יו״ט רוהען מיר זאלין קיין מלאכה ניט טאן · מיר זאלן שבת · אונ יו״ט האבן פערגניגן מיר זאלן אין דיא טעג אנציהען שיינע אונ ריינע קליידר אונ גוט עסן אונ טרינקן מיר זאלן זיך מתענג זיין מיט עסין פיש אונ פלייש אונ טרינקען גוטן וויין האבן מיר דאך אליין דער פון הנאה · אונ פר דעם וועט נאך אונז הש״י

אבות

געבן שכר לימות המשיח אונ בעוה״ב אונ דס גלייכן איז אז מען לערינט די תורה קוסט דאך צו דעם מענשן פיל וויסענשאפטן עס שארפט אים דעם קאפ אונ ער ווייס זיך וויא צוא בעהאנדלען מיט לייטן ער ווייס עקאנאמיע ווירט שאפט · וויא צוא בעהאנדלען זיינע פרויא וויא צו ערציהען זיינע קינדר · אונ דאס איז דאך די מענשהייט אליין צו וואס ער איז בעשטימט אויף די וועלט · אונ פר זיין איינגנע טובה באצאלט אים נאך גאט שכר בעוה״ב · איז דאס פונקט גלייך וויא איינר וואלט זעהן אנאקעטן שניידר אונ זאגן צוא אים הער מיך צו שניידר נעם דיר סחורה אויף מיין רעכנונג ביי ר׳ משה שאפירא אין קראם אונ נייא דיר אליין אויף בגדים נאך דיין מאס אונ איך וועל באצאלן דיר פר דיין מלאכה וויא דאנקבאר דארף זיין דיזער שניידר דעם בעל הבית וואס ער האט עס אים אזו גיהייסין טאן · אזוא איז מיט אונז הש״י האט אונז גיגעבין תורה אונ מצות וואס זיי אליין זיינן אונזרע גרעסטע אונ בעסטע מתנות ווייל מיר גיניסן דורך זיי פיל גוטעס אונ הש״י גיבט אונז דער פר נאך גוטין געצאלט אזוא וויא אפאטער הייסט זיין קינד עסין בראטן פלייש אונ דר פר באצאלט ער אים נאך מיט קאפיקעס· אונ דאס האט גזאגט דר תנא ונאמן הוא בעל מלאכתך דער הער וואס האט דיר גהייסין צו טאן דיין איגינע ארבייט וואס דו טוסט פר זיך אליין פון דיין אייגעגע טובה וועגן איז ער באגלויבט דיר צו באצאלן דעם שכר פאר דיין אייגענע פעולה וואס דו מוסט פאר זיך זעלבסט:

כ רבי טרפון זאגט היום קצר דער טאג איז קורץ· והמלאכה מרובה אונ די ארבייט איז פיל והפועלים עצלים אונ די ארבייטר זיינן פויל · והשכר הרבה אונ דאס גצאלט איז פיל · ובעל הבית דוחק אונ דר ווירט פון הויז קוועטשט צו צו דר ארבייט דאס האט דער תנא גזאגט אין אמשל אום צו מאכן איילן דעם מענשן צו דעם למוד התורה אונ צו מקיים זיין די מצות איבער דיזע פינף

זאכן

היה אומר לא עליך המלאכה לגמור ולא אתה בן חורין להבטל ממנה אם למדת תורה הרבה נותנין לך שכר הרבה ונאמן הוא בעל מלאכתך שישלם לך שכר פעולתך ודע שמתן שכרן של צדיקים לעתיד לבא: רבי חנניא וכו׳

פרק שלישי

כל ישראל וכו׳

א עקביא בן מהללאל אומר הסתכל בשלשה דברים ואין אתה בא

חסדי אבות

זאכן · וואס איינע פון זיי איז אויך גענוג צוא דר וועקן דעם מענשן לעבודת הבורא · בפרט אז די אלע פינף שטייען אים איבר קארק · דר טאג איז קליין דאס איז דיא קורצע צייט פון דאס מענשליכן לעבין · אונ דיא מלאכה איז זייער פיל · דאס איז דיא שולדיקייט פון דעם מענשן וואס ער בדארף טאן צו גאט אונ צוא לייטין · איז גרויס אונ פיל אן אשיעור · דיא ארבייטר זיינן פויל · דאס מיינט מען די כחות פון גוף אונ פון דר נשמה זיינן מעהר גענייגט צום פערגניגין אונ צו אום שפאצירין אין דיא לוסטיקייט פון עולם הזה אלס צוא ארבייטין אין דער עבודה פון דעם בשעפער · אונ דער גצאלט איז פיל · דען פיל מצות זיינן דא וואס דער מענש עסט פון זיי דיא פירות אויף דיזע וועלט אונ דער קרן בלייבט אים גאנץ אויף יענר וועלט · אונ חאטשי דר גצאלט איז גרויס · דאך דער ווירט פון הויז דאס איז השי״ת וואס ער איז דר הער פון דר וועלט שפארט צו דיא מענשן צו זיין ארבייט ווייל ער וויל די טובה פון דעם מענשן · וויא אפאטר גיט צו זיין קינד געלד אונ פריזענטן בכדי ער זאל זיך בעסער נעמען צום לערנען אונ צום שרייבין אונ ער שפארט אים נאך צו · מיט דעם וואס ער איז צו אים זייער שטראגע : כא הוא היה אומר דר זעלביגע רבי טרפון פלעגט אזוי זאגין · לא עליך המלאכה לגמור דו זאלסט ניט מיינן אז ווייל דאס גצאלט פון די ארבייט איז זייער פיל דרום מוסטו די גאנצע תורה אויס לערנן אונ אלע מצות מקיים זיין חאטשי דיין כח טראגט עס ניט · ניין אויף דיר איז ניט אן גווארפן גווארן אז דוא זאלסט די גאנצע מלאכה ענדיגין דען גאט וויל נאר דיין גוטעס הערץ האבן אז דו זאלסט עס וועלן ענדיגן · אבער אז דו קענסט עס ניט · אזו פרלאנגט ער עס ניט פון דיר · אונ פילייכט וועסטו מיינן אז די מלאכה איז פיל אונ דער גיצאלט איז גרויס מאגסטו זיך דריבר זיין גאר פרייא · אונ דו וועסט זאגן איך וויל ניט דעם שכר אונ וויל מיך אויך ניט בעמיהן אין דר תורה אונ אין די מצות · דרום זאג איך דיר ולא אתה בן חורין להבטל ממנה אז דו ביסט אויך ניט פרייא צו זיין בטל פון דר תורה · אם למדת תורה הרבה נותנין לך שכר הרבה אויב דו האסט פיל תורה גילערינט וועט מען דיר אויך פיל געצאלט געבין · ונאמן הוא בעל מלאכתך דר הער פון דיין איגינע ארבייט דר וואס שפייזט דיך פון דיין געבארינהייט ביז יעצט · איז דאך בעגלויבט · דאס הייסט דו מאגסט אים טרויען שישלם לך שכר פעולתך אז ער וועט דיר בצאלין דאס גיצאלט וואס דיר גיהער פר דיינע פארטיגע ארבייט · ודע שמתן שכרן של צדיקים לעתיד לבוא אונ דו בדארפסט וויסן · אז ווען דו האסט אויך די מצות מקיים גוועזין וויא געהעריג איז · אונ דו לעבסט אויף דר וועלט מיט פיל צער אונ בדוחק · לכן מוסט דו וויסן אז דיזע וועלט איז ניט דער עולם פון שכר ועונש דען דא איז נאר דר עולם המעשה והנסיון אויף דיזן עולם בדארף דר מענש נאר צוא טאן מצות אונ בייא שטיין ביי נסיון ער בדארף דא געפרובט ווערין · וויא אברהם אבינו ע״ה איז דא געפרובט גווארן מיט צעהן פרובונגען אונ איז ביי אלע אויס גשטאנען · אבר דעם שכר אונ דיא מתנה וואס גאט גיט נאך צוא דעם שכר איז אין דער צוקינפטיגע וועלט בעולם הבא אויף דר וועלט וואס דער מענש קומט אהין נאך דעם טויט :

א עקביא בן מהללאל אומר עקביא דער זון פון מהללאל זאגט הסתכל בשלשה דברים ואין אתה בא לידי עבירה בעטראכט זיך אין דרייא זאכין וועסטו ניט קומען צו די סבות וואס ברייגגען

אמענטשין

לִידֵי עֲבֵרָה׳ דַּע מֵאַיִן בָּאתָ וּלְאָן אַתָּה הוֹלֵךְ וְלִפְנֵי מִי אַתָּה עָתִיד לִתֵּן דִּין וְחֶשְׁבּוֹן · מֵאַיִן בָּאתָ מִטִּפָּה סְרוּחָה וּלְאָן אַתָּה הוֹלֵךְ לִמְקוֹם עָפָר רִמָּה וְתוֹלֵעָה · וְלִפְנֵי מִי אַתָּה עָתִיד לִתֵּן דִּין וְחֶשְׁבּוֹן לִפְנֵי מֶלֶךְ מַלְכֵי הַמְּלָכִים

חסדי אבות

אמענשן צו איין עבירה · אונ דאס זיינען דיא דריי זאכן: דע מאין באת נעם דיר אריין אין זינען פון וואנען דו ביסט אהער געקומען דאס הייסט פון וועלכע סבה ביסטו געבארן געווארין ולאן אתה הולך אונ וואו היין גייסטו · כלומר וואו היין וועסטו ענדליך קומען · ולפני מי אתה עתיד לתן דין וחשבון · אונ פאר וועמין וועסטו מוזן אפ געבין דאס רעכט וואס דו האסט גיהאט צוא לעבין אויף דר וועלט אונ די רעכנונג פון דיינע מעשים וואס דו האסט גיטאן אין דיין לעבן · איז דר תנא מפורש די כונה פון די דריי זאכן אז דו וועסט טראכטין מאין באת דורך וועלכע סבה ביסטו גקומן אויף דר וועלט מטפה סרוחה פון איין פערדארבינר טראפן וואס איז געוועזין אין די געבליטן פון דיינע עלטערן · ולאן אתה הולך אונ צו וועלכן ארט גייסטו למקום עפר רמה ותולעה צו איין ארט פון שטויב אונ פון מאדין אונ ווערים · ולפני מי אתה עתיד לתן דין וחשבון אונ פר וועמן וועסטו בדארפן געבן דאס רעכט אונ רעכענונג פון דיין לעבען · לפני מלך מלכי המלכים הקדוש ברוך הוא פאר דעם קעניג וואס איבר די הערן פון אלע קעניגין · דאס איז דר היילינגער גאט גילויבט איז זיין נאמען · דער תולדות יהושע פרעגט צוא וואס האט דער תנא בדארפט זאגן אין צוויא פאל די זעלביגע זאך · פריער האט ער גזאגט סתם · אונ אין דעם אנדער פאל האט ער מפורש געוועזין · ער האט דאך געקענט גליך זאגן דעם אנדר פאל אליין · נאר דר תירוץ איז · ווייל דר תנא האט גזאגט זיין מוסר צו חכמים · אונ אויך צוא פראסטע לייט פאר די חכמים וואס זיי פאר שטייען איין ענין איז גענוג דר ערשטר פאל סתם מאין באת ער זאל פרעגין ביי זיך אליין פון וואנען ביסטו בעשאפן געווארין · וועט ער שוין אויך ביי זיך ארויס פאלין · אונ דאס גלייכן אויך די אנדרע צוויי זאכן לאן אתה הולך ולפני מי אתה עתיד לתן דין וחשבון וואו היין גייסט דוא · דאן ווייס ער שוין דעם ארט פון דער אייביקייט · אונ ער ווייס אויך פר וועמין ער וועט בדארפן זיך עקזאמינירן אבר דעם אנדר פאל וואס ער האלט איין אין זיך די שאלה מיט דר תשובה האט ער גזאגט פאר דעם פראסטין מענשין וואס ער וועט ניט פארשטיין פון דער שאלה אליין וואס ער וועט זיך פרעגן מאין באת פון וואנען ביסטו גיקומען · דען ער קען זיך קלערן וואס דארף איך מיר פרעגן פון וואנען איך קום · איך וויים דאך אז איך קום ערשט פון לאנדאן · דרום האט מען פר אים בדארפט שטעלן דעם אנדר פאל מפורש · אז דר זין איז פון דער שאלה מאין באת מיינט מען פון וואס ביסטו בשאפן גווארן · אונ ער זאל וויסן דיא ריכטיגע תשובה אז ער קומט ארוים מטפה סרוחה פון איין פרדארבינעם טראפן געבליט · ווידער פרעגט דער גאון ר׳ יהושע העליר ז״ל וואס האט רבינו הקדוש געשריבן דא די דריי זאכן וואס עקביא האט גזאגט · אז רבי אליין האט דאך אויך גזאגט אויבן אין פרק ב׳ משנה א׳ אנדרע דרייא זאכין וואס אמענש זאל זייא בעטראכטן וועט ער ניט קומן צו איין עברה אונ ער האט אויך מיט דעם זעלביגען לשון גזאגט הסתכל בשלשה דברים ואין אתה בא לידי עברה בעטראכט דיזע דרייא זאכן וועסטו ניט קומן צו טאן איין עברה דע מה למעלה ממך דוא זאלסט דער קענן דעם וואס ער איז העכר פון דיר · דאס איז השי״ת · עין ראה ואזן שומעת · עס איז דא איין אויג וואס זעהט אלס אונ איין אויער וואס הערט אלע דבורים · וכל מעשיך בספר נכתבים · אונ אלע דיינע מעשים זיינען אין איין בוך פערשריבין · אונ גאט פערגעסט ניט אפילו איין זאך פון זיי · אונ צו וואס איז אים נייטהיג געוועזן צו זאגין ווידער דריי זאכין פון עקביא · דער תירוץ איז דאס מיר זעהן אפט צווייא מענשן וואס ביידע האבן צו גלייך איין קראנקהייט אונ איין דאקטר קורירט זיי · נאר די רפואות זייערע זיינען פערשידן דאס הייסט ער פערשרייבט ניט ביידין אגלייכע מעדיצין ·

דעם

הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא׃ ב רַבִּי חֲנִינָא סְגַן הַכֹּהֲנִים אוֹמֵר הֱוֵי מִתְפַּלֵּל בִּשְׁלוֹמָהּ שֶׁל מַלְכוּת שֶׁאִלְמָלֵא מוֹרָאָהּ אִישׁ אֶת רֵעֵהוּ חַיִּים בְּלָעוֹ׃ ג רַבִּי חֲנִינָא בֶּן תְּרַדְיוֹן

דֶעם פֶֿרְשְׁרַייבְּט עֶר אַיין רֶעצֶעפְּט פוּן אַזֶעלְכֶע
מִינִים רְפוּאוֹת׳ אוּנ דֶעם אַנְדֶערְן גִּיט עֶר אַיין
רֶעצֶעפְּט פוּן אַנְדֶערֶע מִינִים׳ אוּנ דָאס אִיז
דְרִיבֶּר וַוייל דֶר דָאקְטֶער בֶּעטְרַאכְט דִי סִבּוֹת
פוּן וַואנֶען דִיא קְרַאנְקְהַייט אִיז גְוָוארִין׳ אוּנ
תָּאטְשִׁי אֵיינֶר הָאט דִי זֶעלְבִּיגֶע קְרַאנְקַייט פוּן
זַיין חָבֵר׳ דָאךְ זַיינֶען דִיא סִבּוֹת פוּן זֵייעֶרֶע
קְרַאנְקַייטְן נִיט גְלַייךְ דְרוּם אִיז זֵייעֶרֶע רְפוּאוֹת
אוֹיךְ נִיט גְלַייכֶע׳ אַזוֹ אִיז אוֹיךְ מִיט דִי מֶענְשְׁן
וָואס זֵייעֶרֶע נְשָׁמוֹת זַיינֶען קְרַאנְק כְּלוֹמֶר זַייא
זִינְדִיגְן דֶען דִי זִינְד אִיז דִי קְרַאנְקְהַייט פוּן דֶר
נְשָׁמָה׳ קֶען דָאךְ זַיין אַז צְוַוייא מֶענְשְׁן זָאלִין
גְלַייךְ זִינְדִיגֶען אוּנ בֵּיידֶע טוּהֶען אֵיין עֲבֵרָה׳
לְמָשָׁל צְוַוייא יְהוּדִים הָאבְּן גְשְׁרִיבְּן אוּם שַׁבָּת׳
הָאבְּן זֵיי בֵּיידֶע אֵיינֶע גְלַייכֶע עֲבֵירָה גְטָאן׳
אָבֶּער עֶס קֶען דָאךְ זַיין אַז דִיא סִבּוֹת וָואס
הָאבְּן זֵיי גִיבְּרַאכְט צוּ טָאן דִי עֲבֵרָה זַיינֶען נִיט
גְלַייךְ׳ דֶען אֵיינֶר לֶעבְּט זֵייעֶר גְלִיקְלִיךְ מִיט
אַלֶע פֶערְגְנִיגֶן אוּנ עֶר שְׁרַייבְּט אַיין בְּרִיף אוּם
שַׁבָּת אִין פַּארִיז אַז מִיזָאל אִים שִׁיקְן בִּיכֶער פוּן
רָאמַאנֶען אוּנ קָאכְבִּיכֶער בִּכְדֵי מֶען זָאל אִים צוּ
בְּרֵייטְן אַלֶערְלֵייא גְרִיכְטְן אוּנ שְׁפַּייזְן׳ אָבֶּר דֶר
אַנְדֶערֶער שְׁרַייבְּט אוּם שַׁבָּת אַבְּרִיף צוּ זַיינֶעם
אַפְרַיינְד אַז עֶר זָאל אִים פַּאר הֶעלְפְן אִין זַיינֶע
נוֹיטְן דֶען שׁוֹין דְרַייא טֶעג. אַז עֶר לַיידֶט הוּנְגֶער
מִיט זַיין וַוייבּ אוּנ קְלֵיינֶע קִינְדֶער׳ דִי תַּנָאִים
אוּנְזֶרֶע וָואס זֵיי זַיינֶען דִי דָקְטוֹרִים פוּן אַזֶעלְכֶע
חוֹלִים דֶען זֵיי הֵיילִין דִיא לַייטְן וָואס זֵייעֶרֶע
נְשָׁמוֹת זַיינֶען קְרַאנְק׳ מִיט זֵייעֶר מוּסָר אוּנ
לֶערְנֶען דֶרֶךְ אֶרֶץ׳ הָאבִּין זַייא צוּא דִיזֶע בֵּיידֶע
בַּעֲלֵי עֲבֵירָה׳ נִיט אֵיינֶע גְלַייכֶע רְפוּאָה פַּאר
שְׁרִיבְּן וַוייל דִי סִבּוֹת פוּן דֶר עֲבֵרָה זַיינֶען נִיט
גְלַייכֶע׳ פַאר דִיזֶן וָואס עֶר זִינְדִיגְט אִיבֶּר זַיינֶע
אָרִימְקַייט אִיז פַּאר אִים גֶענוּג דִיזֶער גְרִינְגֶער
רֶעצֶעפְּט וָואס רַבֵּינוּ הַקָּדוֹשׁ הָאט אַלֵיין גְגֶעבְּן׳
דָאס עֶ׳ זָאל זִיךְ בֶּעדֵיינְקֶען אַז עֶס אִיז דָא אֵיינֶר
וֶועלְכֶער אִיז הֶעכֶר פוּן זַיין פֶערְשְׁטַאנְד׳ עֶס
אִיז דָא אַיין אוֹיג אוּנ אַיין אוֹיעֶר וָואס זֶעהֶעט
אַלֶע מַעֲשִׂים אוּנ הֶערְט אַלֶע דִבּוּרִים׳ אוּנ

וָואס עֶר טוּט וֶוערְט עֶס אַלֶעס אִין אַיין בּוּךְ
אַיין גֶעשְׁרִיבֶּען׳ אוּנ דָאס לַייכְטֶע מִיטִיל קֶען
אִים ווירְקֶן אַז עֶר זָאל נִיט זִינְדִיגְן מֶעהְר׳ אָבֶּר
דֶער וָואס הָאט זַיין קְרַאנְקְהַייט בֶּעקוּמֶען פוּן
רַאסְקָאשׁ דֶר אִיז דָאךְ זֵייעֶר פֶערְדָארְבְּן׳ דָאס
אִיז אֵיינֶע שְׁוֶוערֶע קְרַאנְקַייט׳ צוּ דֶעם הָאט
רַבֵּינוּ הַקָּדוֹשׁ גֶעמוּסְט גֶעבִּין דִי שְׁטַארְקֶע אוּנ
סְטְרֶענְגֶע רְפוּאוֹת וָואס דֶער דָאקְטֶר עֲקַבְיָא
הָאט מַמְצִיא גְוֶועזְן׳ דָאס עֶר מוּז בֶּעטְרַאכְטְן
וֶוער עֶר אִיז׳ אוּנ וָואס וֶועט פוּן אִים וֶוערִין׳
אוּנ מִיט וֶועמֶען וֶועט עֶר הָאבְּן אַמִשְׁפָּט׃

ב רבי חנינא סגן הכהנים אומר רַבִּי חֲנִינָא דֶער
קַאנְדִידַאט פוּן כֹּהֲנִים גְדוֹלִים פְּלֶעגְט זָאגְן׳
דָאס צוּ דִי עֲבֵרוֹת וָואס מֶענְשְׁן זִינְדִיגְן אֵיינֶר
צוּם אַנְדֶערִין (עבירות שבין אדם לחברו) הֶעלְפְט
נִיט דִי עֵצָה פוּן עֲקַבְיָא בֶּן מַהֲלַלְאֵל׳ נָאר אַיין
עֵצָה אִיז דָא׳ אוּנ דָאס אִיז הוי מתפלל בשלומה
של מלכות דוּ זָאלְסְט מִתְפַּלֵּל זַיין צוּ הַשֵּׁי״ אַז
דִי מְלוּכָה׳ וָואס דוּ בִּיסְט אִין אִיר לַאנְד׳ זָאל
זַיין שָׁלוֹם׳ אוּנ דְרוּם זָאגְט דֶר תַּנָא של מלכות
אוּנ זָאגְט נִיט בשלומו של מלך׳ וַוייל דָאס וָוארְט
מַלְכוּת אִיז כּוֹלֵל דֶעם מֶלֶךְ מִיט זַיינֶע אַלֶע
שָׂרִים אוּנ יוֹעֲצִים אוּנ אַלֶע זַיינֶע שָׂרֵי הַחֲיָלִים
אוּנ דִי פְּקִידֵי הַמְדִינוֹת פַר זֵיי אַלֶע דַארְפְן מִיר
בֶּעטְן גָאט אַז זֵיי זָאלְן לֶעבְּן בְּשָׁלוֹם אוּנ דָאס
אִיז נָאךְ נִיט גְנוּג וָואס מִיר דַארְפְן בֶּעטְן אַז דִי
רֶעגִירוּנְג זָאל זַיין רוּהִיג פוּן קְרִיג דָאס עֶס זָאל
נִיט זַיין חָלִילָה שְׁטֶערוּנְגֶען אִין דֶעם אִינְלַאנְד
אוּנ פוּן דֶעם אוֹיסְלַאנְד׳ אָבֶּר מִיר דַארְפְן נָאךְ
אוֹיךְ בֶּעטְן גָאט אַז דֶער בֶּעהֶערְשֶׁער מִיט זַיין
גַאנְצֶע פַאמִילְיֶע אוּנ זַיינֶע שָׂרִים וְיוֹעֲצִים זָאלִין
זַיין גֶעזוּנְט אִין זֵייעֶר גוּף וְנֶפֶשׁ׳ בִּכְדֵי דֶער
מֶלֶךְ זָאל רוּהִיג זַיין אוּנ זָאל הָאבְּן צַייט צוּא
גֶעבְּן הַשְׁגָחָה אוּנ צוּ בֶּעגְלִיקְן דִי פֶעלְקֶר וָואס
ווֹאוֹהְנֶען אִין זַיין לַאנְד דֶען פוּן זַיין גְלִיק הֵיינְגְט
אָפּ דָאס גְלִיק פוּן זַיינֶע פֶעלְקֶר שאלמלא מוראה
איש את רעהו חיים בלעו דֶען וֶוען נִיט אִיר פָארְכְט
פוּן דֶער רֶעגִירוּנְג׳ וָואלְט אַיין מֶענְשׁ דֶעם
אַנְדֶערְן אַיין לֶעבֶּדִיגְן אַיין גְשְׁלוּנְגֶען׳ אִיז נָאר

אוֹמֵר שְׁנַיִם שֶׁיּוֹשְׁבִין וְאֵין בֵּינֵיהֶם דִּבְרֵי תוֹרָה הֲרֵי זֶה מוֹשַׁב לֵצִים · שֶׁנֶּאֱמַר וּבְמוֹשַׁב לֵצִים לֹא יָשָׁב · אֲבָל שְׁנַיִם שֶׁיּוֹשְׁבִין וְיֵשׁ בֵּינֵיהֶם דִּבְרֵי תוֹרָה שְׁכִינָה שְׁרוּיָה בֵינֵיהֶם · שֶׁנֶּאֱמַר אָז נִדְבְּרוּ יִרְאֵי יְיָ אִישׁ אֶל רֵעֵהוּ וַיַּקְשֵׁב יְיָ וַיִּשְׁמָע וַיִּכָּתֵב סֵפֶר זִכָּרוֹן לְפָנָיו לְיִרְאֵי יְיָ וּלְחֹשְׁבֵי שְׁמוֹ · אֵין לִי אֶלָּא שְׁנַיִם מִנַּיִן אֲפִילוּ אֶחָד שֶׁיּוֹשֵׁב וְעוֹסֵק בַּתּוֹרָה שֶׁהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא קוֹבֵעַ לוֹ שָׂכָר · שֶׁנֶּאֱמַר

חסדי אבות

וַוייל מֶען הָאט מוֹרָא פַאר דִי רֶעגִירוּנְג אַז זִיא זָאל נִיט בֶּעשְׁטְרָאפְֿן דְרִיבֶּר קֶענֶן דִי לַייט מִיט אֵיין אַנְדֶער גוּט לֶעבְּן · דְרוּם בַּדַארְפְֿן מִיר פַר דֶעם גְלִיק פוּן דֶעם מֶלֶךְ גָאט בֶּעטִין : ג רבי חנינא בן תרדיון אוֹמר רַבִּי חֲנִינָא דֶער זוּן פוּן תְּרַדְיוֹן זָאגְט שנים שיושבין ואין ביניהם דברי תורה ווען צְוַויי מֶענְשִׁין זִיצִין רוּהִיג אוּנ רֵיידְן נִיט צְווִישְׁן זִיךְ אִין אֵיין עִנְיָן פוּן דֶער תּוֹרָה · דֶען זַיי רֵיידְן פוּן אַנְדֶרֶע עִנְיָנִים אָדֶר זַיי שְׁוַויגֶען נָאר הרי זה מושב לצים ווערט עס גֶערוּפִֿין אֵיין ·צוּזַמֶּנְקוּנְפְט פוּן שְׁפָּאטֶר שנאמר ובמושב לצים וגו׳ דֶען עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק אִין דִיא זִיצוּנְג פוּן שְׁפָּאטֶער אִיז ִ֗ט גִיזֶעסִין · דָא פְרֶעגְט מֶען אַקְשְׁיָא וָואס אִיז דִיא רַאְיָה פוּן פָּסוּק אַז דָאס אִיז גֶעמֵיינְט אוֹיף דֶעם מֶענְשִׁין וָואס עֶר זִיצְט אָן דִבְרֵי תוֹרָה · אַז אִין דֶעם פָּסוּק אִיז תוֹרָה גָאר נִיט דֶר מָאנְט גְוָוארְן · קֶען דָאךְ זַיין אַז מוֹשַׁב לֵצִים אִיז דִיא זִיצוּנְג פוּן מֶענְשִׁין וָואס רֵיידִין לֵצָנוּת · נָאר בֶּאֱמֶת אִיז אַזוֹ וַוייל דֶר פָּסוּק וָואס נָאךְ אִים רֶעט אוֹיס דֶעם תְּנַאי פוּן עֶרְשְׁטִין פָּסוּק אוּנ עֶר בַּצִיהְט זִיךְ אוֹיף אִים אוּנ אַזוֹ קוּמְט דִי הַמּוֹנָה פוּן דִי פְּסוּקִים ובמושב לצים לא ישב כי אם בתורת ה׳ חפצו אִין דִי זִיצוּנְג פוּן שְׁפָּאטֶר אִיז עֶר נִיט גְזֶעסְן · נָאר עֶר בַּגֶערְט אִין דֶער תּוֹרָה פוּן גָאט · זֶעהֶעט מֶען דָאךְ דֶערוֹיס אַז וָוען עֶר בֶּעגֶערְט נִיט אִין דֶער תּוֹרָה פוּן גָאט · הֵייסְט עֶס אַז עֶר זִיטְצְט אִין דִיא זִיצוּנְג פוּן שְׁפָּאטֶר · חָאטְשִׁי עֶר רֶעט קֵיין וָוארְט לֵצָנוּת · אבל שנים שיושבין ויש ביניהם דברי תורה שכינה שרויה ביניהם אָבֶּר וָוען צְוַוייא מֶענְשְׁן זִיצְן אוּנ עֶס אִיז יוֹא דָא צְווִישִׁין זַייא עִנְיָנִים פוּן תּוֹרָה דָאס הֵייסְט זַיי רֵיידְן צְווִישְׁן זִיךְ דִבְרֵי תוֹרָה · רוּהְט דִי שְׁכִינָה צְווִישִׁין זַיי · דֶר תּוֹסְפוֹת יוֹם טוֹב שְׁרַייבְּט אַז דָאס אִיז דֶער הֵיפֶּךְ פוּן דִיא לֵצִים · דֶען אוֹיף דִי לֵצִים זָאגְט דִי גְמָרָא אַז זֵיי זַייֶען נִיט זוֹכֶה צוּ זֶעהֶן דִי שְׁכִינָה אֲפִילוּ פַר

זַייעֶר טוֹיט וִויא יֶעדֶער אָדָם כָּשֵׁר זֶעהֶט אִין דִי שְׁכִינָה בְּשַׁעַת יְצִיאַת הַנֶּפֶשׁ · אָבֶּער דִיא צְוַויא וָואס רֵיידִין אִין דִבְרֵי תוֹרָה רוּהֶעט צְווִישִׁין זַיי דִי שְׁכִינָה אֲפִילוּ בְּעֵת זַיי לֶעבֶּען · שנאמר דֶען אַזוֹ שְׁטֵייט אִין פָּסוּק אז נדברו יראי ה׳ איש אל רעהו ויקשב ה׳ וישמע ויכתב ספר זכרון לפניו ליראי ה׳ ולחושבי שמו · דָאס וָוארְט אָז דֶענְמָאל בֶּעוַוייזְט אַז דִיזֶער פָּסוּק בֶּעצִיהְט זִיךְ צוּ דֶעם פְרִיהֶערִיגֶן פָּסוּק וָואס שְׁפָּאטְן פוּן דִי לַייט וָואס דִינֶען גָאט · אוּנ זַיי זָאגֶן עֶס אִיז גָאר אוּם זִיסְט דִיא יְגִיעָה וָואס מֶען דִינְט גָאט אוּנ ווֶעלְכֶע נוּצֶען הָאבִּין מִיר פוּן דֶעם וָואס מִיר הִיטְן זַיינֶע מִצְוֹת · מִיר זַיינֶען נָאךְ גְגַאנְגֶן פַאר שְׁוַוארְצְט אִיבֶּר דִי עֲבוֹדָה פוּן גָאט יֶעצְט שַׁאצְן מִיר גְלִיקְלִיךְ דִיא מוּטְווִילִיגֶע לַייט וַוייל אַלֶע וָואס מַיידְן נִיט אוּיס שְׁלֶעכְטֶס זַייֶנֶן דָאךְ אוֹיף גֶערִיכְטֶעט גְוָוארְן · חָאטְשִׁי זַיי הָאבְּן גְפְּרוּבְּט גָאט · דָאךְ זַייֶנֶן זַיי פוּן אוּנְגְלִיק נִיצוּל גְוָוארְן · אַזוֹ רֵיידִין דִי לֵצָנִים · זָאגְט דֶער נָבִיא אז דֶען מָאל וָוען דִי לֵצָנִים רֵיידְן אַזֶעלְכֶע רֵייד נדברו יראי ה׳ וגו׳ הָאבְּן מִיט אֵיין אַנְדֶרֶער גִירֶעט דִי גָאטְס פָארְכְטִיגֶע לַייט · אוּנ הָאבְּן גְזָאגְט ויקשב ה׳ וישמע אַז גָאט הָאט זִיךְ גֶעוִויס אֵיין גְהֶערְט דָאס וָואס דִי רְשָׁעִים הָאבִּין גְרֶעט · ויכתב ספר זכרון לפניו ליראי ה׳ ולחושבי שמו אוּנ דְרוּם אִיז בַּאלְד פֶערְשְׁרִיבִּין אִין סֵפֶר זִכָּרוֹן · דָאס זַיין גֶעזִיכְט זָאל אִימֶער לַייכְטֶען צוּא דִיא גָאטְס פָארְכְטִיגֶע אוּנ צוּ דִי וָואס דֵיינְקֶען אִין זַיינֶעם נָאמֶן · כְּלוֹמַר דִי וָואס דֵיינְקֶען אִין דֶר תּוֹרָה וָואס זִיא אִיז דֶר נָאמֶן פוּן הש״י אַז דִי שְׁכִינָה זָאל צְווִישְׁן זַיי רוּהֶען · אין לי אלא שנים פוּן דִיזֶן פָּסוּק וַויים אִיךְ מֶער נִיט אַז צְוַוייא מֶענְשֶׁען רֵיידְן דִבְרֵי תוֹרָה רוּהְט דִי שְׁכִינָה צְווִישְׁן זַיי · וַוייל עֶס שְׁטֵייט איש אל רעהו · מנין אפילו אחד שיושב ועוסק בתורה שהקדוש ברוך הוא קובע לו שכר פוּן וַואנֶן אִיז גִידְרוּנְגֶן דָאס אֲפִילוּ אֵיין מֶענְשׁ אַלֵיין

יֹשֵׁב בָּדָד וְיִדּוֹם כִּי נָטַל עָלָיו: ד רַבִּי שִׁמְעוֹן אוֹמֵר שְׁלֹשָׁה שֶׁאָכְלוּ עַל שֻׁלְחָן אֶחָד וְלֹא אָמְרוּ עָלָיו דִּבְרֵי תוֹרָה כְּאִלּוּ אָכְלוּ מִזִּבְחֵי מֵתִים שֶׁנֶּאֱמַר כִּי כָּל שֻׁלְחָנוֹת מָלְאוּ קִיא צוֹאָה בְּלִי מָקוֹם׃ אֲבָל שְׁלֹשָׁה שֶׁאָכְלוּ עַל שֻׁלְחָן אֶחָד וְאָמְרוּ עָלָיו דִּבְרֵי תוֹרָה כְּאִלּוּ אָכְלוּ מִשֻּׁלְחָנוֹ שֶׁל מָקוֹם שֶׁנֶּאֱמַר וַיְדַבֵּר אֵלַי זֶה הַשֻּׁלְחָן אֲשֶׁר לִפְנֵי יְיָ: ה רַבִּי חֲנִינָא בֶּן חֲכִינַאי אוֹמֵר הַנֵּעוֹר בַּלַּיְלָה וְהַמְהַלֵּךְ:

חסדי אבות

אַלֵיין וָואס עֶר זִיצְט אוּנ אִיז זִיךְ עוֹסֵק אִין דֶר תּוֹרָה׃ בֶּעשְׁטִימְט פַאר אִים הקב"ה גִיצָאלְט׃ שנאמר דֶען עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק ישב בדד וידום כי נטל עליו אַז עֶר וָועט זִיצְן אַלֵיין אוּנ עֶר וֶועט לֶערְנֶען שְׁטִילֶערְהֵייט (דָאס הֵייסְט פַאר זִיךְ וַוייל עֶר הָאט קֵיין חָבֵר צוּא זִיךְ) הָאט שׁוֹין גָאט ב"ה אוֹיף אִים גֶעוָוארְפְן אַיין גִצָאלְט׃ אוּנ דֶער פָּסוּק ישב בדד וידום׃ מֵיינְט צוּ זָאגִן נָאר אוֹיף אַיין מֶענְשֶׁען וָואס עֶר זִיצְט אַלֵיין אוּנ שְׁוַויגְט וַוייל עֶר טְרַאכְט אִין דֶר תּוֹרָה׃ דֶען עֶר בֶּעצִיהְט זִיךְ אוֹיף דֶעם פָּסוּק וָואס פְרִיעֶר וָואס עֶר זָאגְט טוב לגבר שישא עול בנעוריו׃ עֶס אִיזגוּט פַר דֶעם מֶענְשְׁן אַז עֶר זָאל טְרָאגְן דֶעם יָאךְ פוּן דֶר תּוֹרָה אִין זַיין יוּגֶענְד הָאטְשִׁי ישב בדד וידום עֶר וֶועט זִיצְן אַלֵיין אוּנ שְׁוַויגְן בְּשַׁעַת עֶר טְרָאגְט דֶעם יָאךְ פוּן דֶר תּוֹרָה אִיז עֶר אוֹיךְ גְלִיקְלִיךְ כי נטל עליו דֶען הקב"ה הָאט שׁוֹין אָפּ גְלֵייגְט אַגִיצָאלְט פוּן זַיינְט וֶועגְן: ד רבי שמעון אומר רַבִּי שִׁמְעוֹן זָאגְט שלשה שאכלו על שלחן אחד ולא אמרו עליו דברי תורה וֶוען דְרַיי מֶענְשְׁן הָאבְן גְגֶעסְן אוֹיף אַיין טִישׁ אוּנ זַיי הָאבְן בַּיין טִישׁ נִיט גִיזָאגְט דִּבְרֵי תּוֹרָה כאלו אכלו מזבחי מתים אִיז גְלַייךְ וִויא זַיי וָואלְטְן גְגֶעסְן פוּן דִי קָרְבָּנוֹת וָואס מֶען אִיז מַקְרִיב פַר דִי אָפְּגֶעטֶר׃ וָואס זַיינֶען נִיט לֶעבֶּדִיג נָאר טוֹיטֶע וַוייל זַייא זֶעהֶן נִיט אוּנ הֶערְן נִיט אוּנ שְׁמֶעקְן נִיט׃ זַיי קֶענֶן נִיט גֵיין אוּנ קֶענֶן נִיט רֵיידְן׃ אוּנ הָאבְּן קֵיין שׁוּם אָטְהֶעם אִין זִיךְ׃ שנאמר דֶען אַזוֹא שְׁטֵייט אִין פָּסוּק כי כל שלחנות מלאו קיא צואה בלי מקום דֶען אַלֶע טִישְׁן זַיינֶען פוּל מִיט שְׁמוּץ אוּנ אוֹיס ווארְף וַוייל קֵיין תּוֹרָה אִיז דֶר בַּייא גְרֶעט גֶעוָוארִין׃ וָואס זִיא (דִי תּוֹרָה) אִיז דֶער אָרְט פוּן דֶער וֶועלְט׃ דֶער תּוֹסְפוֹת יוֹם טוֹב שְׁרַייבְּט אַז דֶר פָּסוּק רֶעט דָא אוֹיךְ פוּן דְרַייא מֶענְשְׁן וַוייל פְרִיעֶר הָאט דֶר פָּסוּק דֶער מָאנְט דֶעם כֹּהֵן וָואס עֶר אִיז אִיבֶּר דֶעם מִשְׁפָּט׃ אוּנ

דֶעם כֹּהֵן אוּנ דֶעם נָבִיא׃ אוּנ דֶר טַעַם אִיז׃ וַוייל אַיין טִישׁ אִיז אִין אוּנְזֶערֶע צַייטְן גְרֶעכִינְט וִויא אַיין מִזְבֵּחַ׃ אוּנ אַז מֶען זָאגְט בְּשַׁעַת עֶסְן אוֹיף אִים דִּבְרֵי תּוֹרָה אִיז גְלַייךְ וִויא מֶען אִיז אוֹיף אִים מַקְרִיב אַקָרְבָּן חַטָּאת אוּנ אַיין אָשָׁם אוּנ דֶען מָאל אִיז דֶער טִישׁ אַיין מִזְבֵּחַ כַּפָּרָה אוּנ עֶר אִיז מְכַפֵּר אוֹיף דִי זִינְד פוּן דִיא לַייט וָואס עֶסִין אוֹיף אִים׃ אוּנ אַז עֶר זָאגְט אוֹיף אִים קֵיין דִּבְרֵי תּוֹרָה אִיז גְלַייךְ וִויא עֶר עֶסְט פוּן דִיא קָרְבָּנוֹת וָואס עֶר הָאט מַקְרִיב גִיוֶועזְן אוֹיף דִיא מִזְבְּחוֹת פוּן דִי אָפְּגֶעטֶר אבל שלשה שאכלו על שלחן אחד ואמרו עליו דברי תורה אָבֶּר וֶוען דְרַיי מֶענְשְׁן הָאבְּן גִיגֶעסְן אוֹיף אַיין טִישׁ אוּנ זַיי הָאבְּן בַּיי אִים גְזָאגְט דִּבְרֵי תּוֹרָה כאלו אכלו משלחנו של מקום אִיז גְלַייךְ וִויא זַייא וָואלְטְן גְגֶעסְן פוּן דֶעם טִישׁ פוּן גָאט׃ כְּלוֹמַר דָאס אִיז גְלַייךְ וִויא זַיי הָאבְּן גִיגֶעסִין פוּן דִיא קָרְבָּנוֹת וָואס אוֹיף דֶעם הֵיילִיגְן מִזְבֵּחַ פוּן גָאט ב"ה׃ שנאמר דֶען אַזוֹ שְׁטֵייט אִין פָּסוּק וידבר אלי זה השלחן אשר לפני ה׳ דֶער נָבִיא יְחֶזְקֵאל זָאגְט אַז דֶער מַלְאָךְ הָאט אִים גֶעוִויזֶען דֶעם גְשְׁטַאלְט פוּן דֶעם בֵּית הַמִּקְדָּשׁ וָואס עֶר וֶועט גֶעבּוֹיט וֶוערְן נָאכְדֶעם אַז מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען בִּמְהֵרָה בְיָמֵינוּ׃ הָאט עֶר אִים גֶעוִויזֶען דֶעם מִזְבֵּחַ שְׁטֵייט דָארְטִין אַזוֹ המזבח עץ שלש אמות גבה דֶר מִזְבֵּחַ אִיז אוֹיס הָאלְץ דְרַיי אֵיילְן הוֹיךְ׃ אוּנ דֶר מַלְאָךְ הָאט צוּא מִיר גְרֶעט׃ דָאס אִיז דֶר טִישׁ וָואס פַר גָאט׃ רש"י שְׁרַייבְּט אַז דִיא דְרַייא אֵיילְן הוֹיךְ פוּן דֶעם מִזְבֵּחַ׃ אִיז אַרְמָז צוּ דִיא דְרַייא חֲלָקִים פוּן תּוֹרָה שֶׁבִּכְתָב אוּנ דָאס זַיינֶען תורה נביאים וכתובים׃ אוּנ אַנְדֶערֶע זָאגְן אַז דָאס אִיז מְרַמֵּז אוֹיף תּוֹרָה שֶׁבִּכְתָב אוּנ תּוֹרָה שֶׁבְּעַל פֶּה וָואס אִיז אוֹיךְ אַיינְגֶעטֵיילְט אִין דְרַיי חֲלָקִים מקרא משנה אוּנ גמרא׃ אוּנ דֶר בַּיי שְׁטֵייט זה השלחן אשר לפני ה׳ אִיז אַיין בֶּעוַויז אַז וֶוען מֶען לֶערִינְט בַּיין טִישׁ תּוֹרָה

בַּדֶּרֶךְ יְחִידִי וּמְפַנֶּה לִבּוֹ לְבַטָּלָה הֲרֵי זֶה מִתְחַיֵּב בְּנַפְשׁוֹ׃ ו רַבִּי נְחוּנְיָא בֶּן הַקָּנָה אוֹמֵר כָּל הַמְקַבֵּל עָלָיו עוֹל תּוֹרָה מַעֲבִירִין מִמֶּנּוּ עוֹל מַלְכוּת*) וְעוֹל דֶּרֶךְ אֶרֶץ וְכָל הַפּוֹרֵק מִמֶּנּוּ עוֹל תּוֹרָה נוֹתְנִין עָלָיו עוֹל מַלְכוּת וְעוֹל דֶּרֶךְ אֶרֶץ׃ ז רַבִּי חֲלַפְתָּא בֶּן דּוֹסָא אִישׁ כְּפַר חֲנַנְיָא אוֹמֵר עֲשָׂרָה שֶׁיּוֹשְׁבִין וְעוֹסְקִין בַּתּוֹרָה שְׁכִינָה שְׁרוּיָה בֵינֵיהֶם שֶׁנֶּאֱמַר אֱלֹהִים נִצָּב בַּעֲדַת אֵל ׳ וּמִנַּיִן אֲפִילוּ

*) כממשלת ישראל היו מקילין עבודת הממשלה מת״ח חסדי

איז דָאס דֶער טִישׁ וָואס פַאר גָאט ׳ אֲמִזְבֵּחַ׃
ה רבי חנינא בן חכינאי אומר רַבִּי חֲנִינָא דֶער זוּן פוּן חֲכִינַאי זָאגְט הנעור בלילה והמהלך בדרך יחידי ומפנה לבו לבטלה דֶער מֶענְשׁ וָואס עֶר אִיז וַואךְ אֵיינֶער אַלֵיין בַּייא נַאכְט אוּנ דָער וָואס גֵייט אוּנְטֶער וֶועגִינְס אֵיינֶער אַלֵיין חָאטְשִׁי בַּיי טָאג אוּנ עֶר לָאזְט קֶערְן זַיין הַערְץ צוּ לֶערֶע זַאכֶען אוּנ דֶענְקְט נִיט וֶועגֶען דִבְרֵי תּוֹרָה, הרי זה מתחיב בנפשו ׳ אִיז דִיזֶער מֶענְשׁ שׁוּלְדִיג אִין זַיין לֶעבֶען כְּלוֹמַר עֶר בְּרֵיינְגְט זִיךְ זֶעלְבְּסְט אַרַיין אִין סַכָּנָה ׳ דֶען אַז עֶר אִיז וַואךְ אֵיינֶער אַלֵיין בַּייא נַאכְט קֶען דָאךְ אָפְט זַיין אַז עֶר זָאל שְׁלַאף וֶוערְן אוּנ בְּלַייבְּן אִין חֲלָשׁוּת אוּנ עֶשׁ וֶועט נִיט זַיין וֶוער זָאל אִים רַאטֶעוֶועֶן ׳ אוּנ אַז עֶר גֵייט אֵיינֶער אַלֵיין אִין אַוֶועג קֶען דָאךְ טְרֶעפְן אַז גַזְלָנִים זָאלְן אוֹיף אִים אִיבֶּר פַאלְן ׳ אוּנ עֶר אֵיינֶר אַלֵיין וֶועט זִיךְ נִיט קֶענֶן שְׁטֶעלְן אַנְקֶעגְן זֵיי ׳ אוּנ דָאס וָואלְט אַלֶס דָאךְ נִיט זַיין שְׁלֶעכְט אַז עֶר וָואלְט דֶענְקְט מָאל עוֹסֵק זַיין אִין דִבְרֵי תּוֹרָה וַוייל דִי תּוֹרָה אִיז אוֹיף אִים מֵגִין אוּנ אִיז אִים מַצִּיל פוּן אַלֶע אוּנְגְלִיקְן ׳ אָבֶּער אַז עֶר לָאזְט קֶערְן זַיין הַערְץ צוּ דִי הֲבָלִים פוּן דֶר וֶועלְט שְׁטֶעלְט עֶר אַיין זַיין לֶעבְּן אִין סַכָּנָה ׳ אוּנ מֶען קֶען אוֹיךְ זָאגִין אַז דֶער תַּנָּא הָאט עֶס גִיזָאגְט עַל דֶּרֶךְ הַמּוּסָר אוּנ עֶר רוּפְט אָן דָאס אוּנְגְלִיק פוּן מֶענְשְׁן מִיט דֶעם נָאמֶן נַאכְט אוּנ אַזוֹ מֵיינְט עֶר הנעור בלילה דֶער וָואס עֶר אִיז וַואךְ אוּנ שְׁרַייט (וְויא הַמּוֹר טַעַר) אִין דֶער צַייט פוּן זַיין אוּנְגְלִיק ׳ דָאס הֵייסְט עֶר אִיז מִתְרַעֵם אוֹיף גָאט ב״ה ׳ והמהלך בדרך יחידי אוּנ עֶר גֵייט אִין דֶר וֶועג פוּן לֶעבִּין נָאר אַלֵיין דָאס הֵייסְט עֶר פִירְט זִיךְ נִיט אוֹיף דֶער וֶועלְט גְלַייךְ וְויא אַלֶע לַייט ׳ והמפנה לבו לבטלה אוּנ דֶער וָואס מַאכְט אֵיין אָרְט אִין זַיין הַערְצְן צוּ טְרַאכְטְן אַז עֶס אִיז אַלֶס אוּמְזִיסְט ׳ דֶר מֶענְשׁ מִיט זַיין תּוֹרָה מִיט זַיין חָכְמָה מִיט

אבות

זַיין אֱמוּנָה מִיט דִי הָאפֶענוּנְג אִיז אַלֶס אוּמְזִיסְט ׳ דֶען עֶס אִיז גָאר נִישְׁט פֶערְהַאנְדְן הרי זה מתחיב בנפשו אַזוֹ אַמֶענְשׁ פַרְשְׁפִּילְט זַיין נְשָׁמָה ׳ דֶען דָאס זַיינֶען דֵעוֹת אַפִּיקוֹרְסִיּוּת רַחֲמָנָא לִיצְלַן׃
ו רבי נחוניא בן הקנה אומר רַבִּי נְחוּנְיָא בֶּן הַקָּנָה זָאגְט כל המקבל עליו עול תורה דֶר מֶענְטְשׁ וָוס עֶר נֶעמְט אוֹיף זִיךְ צוּ טְרָאגְן דֶעם יָאךְ פוּן דֶר תּוֹרָה מעבירין ממנו עול מלכות ועול דרך ארץ פִירְט מֶען אָפּ פוּן אִים דֶעם יָאךְ פוּן רֶעגִירוּנְג אוּנ דֶעם יָאךְ פוּן וֶועלְטְלִיכֶע אָנְפִירוּנְג ׳ כְּלוֹמַר דֶר וָואס בֶּעשֶׁעפְטִיגְט זִיךְ נָאר מִיט דִיא לֶערְנוּנְג פוּן דֶער תּוֹרָה דִיזֶען נֶעמְט מֶען נִיט אוֹיף פַר אֵיין מֶלֶךְ אוּנ אוֹיךְ נִיט פַאר אֵיין פִירֶער אִין אַשְׁטָאט ׳ וַוייל אֵיין מֶלֶךְ מוּז אִימֶר גֶעבְּן זַיין הַשְׁגָּחָה אוֹיף זַיינֶע לֶענְדֶר אוּנ אוֹיף דִי פֶעלְקֶר וָואס זַיינֶען אוּנְטֶר זַיין רֶעגִירוּנְג ׳ אוּנ אֵיין פַּרְנָס הָעִיר בֶּעדַארְף אוֹיךְ אִימֶר טְרַאכְטְן וֶועגְן צָרְכֵי רַבִּים עֶר מוּז בֶּעזָארְגְן אַלְס וָואס דִיא שְׁטָאט בֶּעדַארְף הָאבְּן ׳ אוֹיךְ וֶועגִין אָרִימֶע לַייט אוּנ צָרְכֵי הַקֹּדֶשׁ ׳ אוּנ דֶר וָואס טְרָאגְט אוֹיף זִיךְ דֶעם יָאךְ פוּן דֶר תּוֹרָה אִיז נָאר אִיבֶּר גִגֶעבִּין צוּם לֶערְנֶען וֶועט עֶר קַיין הַשְׁגָּחָה גֶעבְּן אוֹיף אַלְס וָואס נֵייטִיג אִיז פַר דֶעם פָאלְק ׳ וכל הפורק ממנו עול תורה אָבֶּער דֶער וָואס נֶעמְט פוּן זִיךְ אַרָאפּ דֶעם יָאךְ פוּן תּוֹרָה לֶערְנֶען נותנין עליו עול מלכות ועול דרך ארץ ׳ אוֹיף דִיזֶען קֶען מֶען אוֹיף לֵייגִין דֶעם יָאךְ פוּן רֶעגִירוּנְג ׳ אוּנ דֶעם יָאךְ פוּן וֶועלְטְלִיכֶע עִנְיָנִים אִים קֶען מֶען מַאכְן פַר אֵיין בֶּעהֶערְשֶׁער אוּנ פַר אַפַּרְנֵס אִיבֶּער דֶעם צִבּוּר ׳ אוֹיב עֶר אִיז נָאר רָאוּי צוּ דֶעם׃
ז רבי חלפתא בן דוסא איש כפר חנניא אומר רַבִּי חֲלַפְתָּא בֶּן דוֹסָא אֵיין הֶער פוּן דֶעם דָארְף חֲנַנְיָא זָאגְט עשרה שיושבין ועוסקין בתורה שכינה שרויה ביניהם וָוען צֶעהְן יוּדְן זִיצְן אוּנ זַיינֶען זִיךְ עוֹסֵק אִין דֶר תּוֹרָה ׳ רוּעַט דִי שְׁכִינָה צְוִוישְׁן זֵיי ׳ דָאס הֵייסְט גָאט ב״ה אִיז אוֹיף זֵיי מַשְׁפִּיעַ

אשיין

חֲמִשָּׁה שֶׁנֶּאֱמַר וַאֲגֻדָּתוֹ עַל אֶרֶץ יְסָדָהּ · וּמִנַּיִן אֲפִילוּ שְׁלֹשָׁה שֶׁנֶּאֱמַר בְּקֶרֶב אֱלֹהִים יִשְׁפֹּט · וּמִנַּיִן אֲפִילוּ שְׁנַיִם שֶׁנֶּאֱמַר אָז נִדְבְּרוּ יִרְאֵי יְיָ אִישׁ אֶל רֵעֵהוּ וַיַּקְשֵׁב יְיָ וַיִּשְׁמָע · וּמִנַּיִן אֲפִילוּ אֶחָד שֶׁנֶּאֱמַר בְּכָל הַמָּקוֹם אֲשֶׁר אַזְכִּיר אֶת שְׁמִי אָבֹא אֵלֶיךָ וּבֵרַכְתִּיךָ: ח רַבִּי אֶלְעָזָר אִישׁ בַּרְתּוֹתָא אוֹמֵר תֵּן לוֹ מִשֶּׁלּוֹ · שֶׁאַתָּה וְשֶׁלְּךָ

חסדי

אַשַׂיין אוּנ עֶר דֶער לַייבְּט זַייעֶר שֵׂכֶל · שנאמר דֶען אַזוֹ שְׁטֵייט אִין פָּסוּק אלהים נצב בעדת אל גָאט שְׁטֵייט צְווִישְׁן דֶער עֵדָה פוּן גָאט · אַיין עֵדָה וֶוערְן אָן גִירוּפְן אַגִיזֶעלְשַׁאפְט פוּן צֶעהֶן מֶענְשִׁין אוּנ אַז דִי צֶעהֶן מֶענְשְׁן בַּאשֶׁעפְטִיגְן זִיךְ מִיט דִבְרֵי תּוֹרָה רוּפְט מֶען זֵייא אָן מִיט דֶעם נָאמֶען עֲדַת אֵל · ומנין אפילו חמשה אוּנ פוּן וַואנֶען אִיז גִיזָ'רוּנְגֶען אַז אֲפִילוּ פִינְף יוּדִין וָואס זִיצְן אוּנ לֶערְנֶען רוּעֶט אוֹיךְ דִיא שְׁכִינָה צְווִישְׁן זֵיי · שנאמר דֶען עֶשׂ שְׁטֵייט אִין פָּסוּק ואגדתו על ארץ יסדה עֶר הָאט זַיינֶעם בּוּנְד גֶעגְרִינְדֶעט אוֹיף דֶער עֶרְד · אוּנ אַיין בּוּנְד רוּפְט מֶען אָן אַפוֹיסְט מִיט פִינְף פִינְגֶער · דָס וַוייזְט אַז צְווִישְׁן פִינְף רוּהְט אוֹיךְ דִי שְׁכִינָה · דָר תִּפְאֶרֶת יִשְׂרָאֵל שְׁרַייבְּט אוֹיף דֶעם פָּסוּק ואגדתו על ארץ יסדה גָאט הָאט זַיין בּוּנְד גִיגְרוּנְד אוֹיף דָר עֶרְד · וַוייל דִיא גְמָרָא זָאגְט אִין מְנָחוֹת אַז גָאט ב"ה הָאט בַּאשַׁאפְן דִי וֶועלְט מִיט דֶעם אוֹת ה' אוּנ דִיא צָאל פוּן ה' אִיז פִינְף אוּנ אַזוֹ זָאגְן דִי הַיינְטִיגֶע מְחַקְרִים אַז אַלֶע זַאכִין וָואס אוֹיף דִיזֶע וֶועלְט הָאבְּן פִינְף יְסוֹדוֹת אִין זֵיי זַיינֶען · שְׁוֶועבְל · זַאלְץ · קְוֶועקְזִילְבֶּר · וַואסֶר אוּנ עֶרְד · אוּנ דֶר מֶענְשׁ הָאט אוֹיךְ פִינְף חוּשִׁים · חוש הטעם חוש הריח חוש הראות דָאס זֶעהֶען · חוש השמע דָאס הֶערְן · חוש המשוש דָאס פִילְן · אוּנ גֶעגְן דֶעם הָאט דִי נְשָׁמָה פוּן מֶענְשְׁן אוֹיךְ פִינְף מַדְרֵגוֹת · נפש · רוח · נשמה · יחידה · חיה · אוּנ דִיא תּוֹרָה וָואס זִיא אִיז מְחַיָה דִי נְשָׁמָה · אִיז אִיר יְסוֹד דִי צְווֵיי לוּחוֹת אוֹיף זֵיי זַיינֶען גִישְׁרִיבְּן צֶעהֶען גִיבָּאט · אִין יֶעדְן לוּחַ פִינְף גִיבָּאט · דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה אִיז כּוֹלֵל פִינְף חוּמָשִׁים · דִיא לוֹיבּ פוּן גָאט ב"ה אִין תְּהִלִּים אִיז פִינְף סְפָרִים · בִּכְלָל זֶעהְט מֶען אַז פִינְף אִיז אַיין הֵיילִיגֶער צָאל וָואס מִיט אִים אִיז אַלְס פֶערְבּוּנְדְן · דְרוּם זָאגְט דֶר פָּסוּק ואגדתו זַיין בּוּנְד על ארץ יסדה אִיז גִגְרוּנְדֶעט גִיוָוארִין מִיט דִי עֶרְד · כְּלוֹמַר דֶער אוֹת ה' פוּן אִין הֵיילִיגְן נָאמֶען הוי"ה וָואס זַיין צָאל אִיז

אבות

פִינְף · אִיז צוּ גִיבּוּנְדְן צוּא דִי עֶרְד · בִּפְרַט אַז פִינְף יוּדִין זַיינֶען זִיךְ מִתְעַסֵק אִין זַיין תּוֹרָה · ומנין אפילו שלשה אוּנ פוּן וַואנֶען אִיז גִיזָ'רוּנְגֶען אַז אֲפִילוּ צְווִישְׁן דְרַייא מֶענְשְׁן וָואס לֶערְנֶען תּוֹרָה רוּהְט אוֹיךְ דִי שְׁכִינָה · שנאמר דֶען עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק בקרב אלהים ישפט צְווִישְׁן דַיינִים וָואס זֵיי זַיינֶען דְרַייא שְׁטֵייט גָאט אוּנ מִישְׁט זִיךְ אַרַיין אִין זֵייעֶר מִשְׁפָּט · ומנין אפילו שנים אוּנ פוּן וַואנֶען אִיז גִיזָ'רוּנְגֶען אַז אֲפִילוּ צְווִישְׁן צְווֵיי וָואס לֶערְנֶען תּוֹרָה אִיז אוֹיךְ דִי שְׁכִינָה · שנאמר דֶען עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק אז נדברו יראי ה' איש אל רעהו ויקשב ה' וישמע דֶענְסְטְמָאל וֶוען דִי גָאטְס פָארְכְטִיגֶע לַייט רֵייךְן מִיט אַיין אַנְדֶר אִין דֶר תּוֹרָה הָאט גָאט פַארְנוּמֶען אוּנ הָאט זִיךְ אַיין גִיהֶערְט · ומנין אפילו אחד אוּנ פוּן וַואנֶען דֶרִינְגְט מֶען אַז אֲפִילוּ אַיין מֶענְשׁ אַלֵיין לֶערִינְט תּוֹרָה אִיז אוֹיךְ דִיא שְׁכִינָה מִיט אִים שנאמר דֶען עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק בכל המקום אשר אזכיר את שמי אבא אליך וברכתיך אִין יֶעדְן אָרְט וואוּ אִיךְ וֶועל דִיךְ מַאכְן דֶר מָאנֶען מַיין נָאמֶען דָאשׁ הֵייסְט אַז אִיךְ וֶועל דִיר אַרַיין גֶעבְּן אַיין לוּסְט צוּ לֶערְנֶען דִי תּוֹרָה וָואס דָארְטְן וֶוערְט מַיין נָאמֶען דֶער מָאנְט · וֶועל אִיךְ קוּמֶען צוּ דִיר אוּנ וֶועל דִיךְ בֶּענְטְשְׁן: ח רבי אלעזר איש ברתותא אומר רַבִּי אֶלְעָזָר פוּן בַּרְתּוֹת זָאגְט תן לו משלו שאתה ושלך שלו גִיבּ צוּא גָאט דָאס זַיינִיגֶע וָואס אִים קוּמְט דְהַיְינוּ מַעֲשֵׂר אוּנ צְדָקָה · וַוייל דָאס וָואס דוּ הָאסְט אִיז נִיט דַיינֶע · דֶען דוּ אוּנ דַיין פֶערְמֶעגְן זַיינֶען אוֹיךְ זַיינֶע אוּנ אַז עֶר וִויל בֶּעשְׁטְרָאפְט עֶר דַיין גוּף אוּנ נֶעמְט אָפּ דַיין פֶערְמֶעגְן · וכן בדוד הוא אומר אוּנ אַזוֹ זָאגְט דֶר פָּסוּק בַּייא דָוִד · וָואס עֶר הָאט גִזָאגְט צוּ הש"י כי ממך הכל ומידך נתנו לך דֶען פוּן דִיר גָאט אִיז אַלֶעס אוּנ פוּן דַיין הַאנְד וָואס דוּא הָאסְט אוּנְז גִיגֶעבִּין הָאבְּן מִיר גִיגֶעבִּין צוּא דִיר: ט רבי יעקב אומר רַבִּי יַעֲקֹב זָאגְט המהלך בדרך ושונה ומפסיק ממשנתו ואומר מה נאה אילן זה מה נאה ניר זה וֶוען

שֶׁלּוֹ וְכֵן בְּדָוִד הוּא אוֹמֵר כִּי מִמְּךָ הַכֹּל וּמִיָּדְךָ נָתַנּוּ לָךְ: ט רַבִּי יַעֲקֹב אוֹמֵר הַמְהַלֵּךְ בַּדֶּרֶךְ וְשׁוֹנֶה וּמַפְסִיק מִמִּשְׁנָתוֹ וְאוֹמֵר מַה נָּאֶה אִילָן זֶה מַה נָּאֶה נִיר זֶה מַעֲלֶה עָלָיו הַכָּתוּב כְּאִלּוּ מִתְחַיֵּב בְּנַפְשׁוֹ: י רַבִּי דוֹסְתָּאִי בַּר יַנַּאי מִשּׁוּם רַבִּי מֵאִיר אוֹמֵר כָּל הַשּׁוֹכֵחַ דָּבָר אֶחָד מִמִּשְׁנָתוֹ מַעֲלֶה עָלָיו הַכָּתוּב כְּאִלּוּ מִתְחַיֵּב בְּנַפְשׁוֹ שֶׁנֶּאֱמַר רַק הִשָּׁמֶר לְךָ וּשְׁמֹר נַפְשְׁךָ מְאֹד פֶּן תִּשְׁכַּח אֶת הַדְּבָרִים אֲשֶׁר רָאוּ עֵינֶיךָ׳ יָכוֹל אֲפִילוּ תָקְפָה עָלָיו מִשְׁנָתוֹ תַּלְמוּד לוֹמַר וּפֶן יָסוּרוּ מִלְּבָבְךָ כֹּל יְמֵי חַיֶּיךָ הָא אֵינוֹ מִתְחַיֵּב בְּנַפְשׁוֹ עַד שֶׁיֵּשֵׁב וִיסִירֵם

הסדי

אַיינֶער גֵייט אִין וֶועג אוּנ לֶערִינְט כְּלוֹמַר עֶר חַזֶּרְת אִיבֶּר גֵייעֶנְדִיג וָואס עֶר הָאט גִילֶערִינְט בַּיי זִיךְ צוּ הויז אוּנ עֶר אִיז אִין מִיטֶן מַפְסִיק עֶר הָערְט אוֹיף צוּא לֶערְנֶען אוּנ זָאגְט מִיט בְּעוואוּנְדֶערוּנְג אָ׳ וויא שֵׁיין אִיז דִיזֶער בּוֹים אַךְ וויא שֵׁיין אִיז דִיזֶר אֶקֶער. דִיזֶע שְׁטִיק פֶעלְד דִי פָאזִיצְיֶע מעלה עליו הכתוב כאלו מתחיב בנפשו רֶעכִינְט אוֹיף אִים דֶר פָּסוּק פּאַר אַזוֹ אַזוֹי אַז גְלַייךְ וויא עֶר וָואלְט זִיךְ בֶּעשׁוּלְדִיגְן מִיט זַיין לֶעבְּן׳ אָבֶּר עֶס אִיז קָשֶׁה וָואס דֶר תַּנָּא זָאגְט מעלה עליו הכתוב דֶער פָּסוּק רֶעכִינְט אוֹיף אִים וִויא עֶר וָואלְט שׁוּלְדִיג זַיין׳ אוּנ עֶר בְּרֵיינְגְט דָא קֵיין פָּסוּק צוּם בֶּעוַוייז אַז דָאס אִיז אַזוֹא׳ דֶר תִּירוּץ אִיז וַוייל דברי תורה עניים במקום אחד עשירים במקום אחר׳ דָאס וָואס דִי רֵייד פוּן דֶר תּוֹרָה הָאבְּן אִין אֵיין אָרְט גִיפֶעלְט צוּ שְׁרַייבְּן׳ זָאגְן אוּנְז אוֹיס אִין אֵיין אַנְדֶער אָרְט׳ דְרוּם הָט דֶר תַּנָּא דָא גְפֶעלְט צוּ שְׁרֵייבְּן דֶעם פָּסוּק וַוייל עֶר הָאט זִיךְ פֶערְלָאזִין אוֹיף דֶעם מַאֲמַר וָואס דִי גְמָרָא זָאגְט אִין חֲגִיגָה (דף י״ב ע״ב) אמר רבי לוי׳ רַבִּי לֵוִי הָאט גִיזָאגְט כל הפוסק מדברי תורה ועוסק בדברי שיחה מאכילין אותו גחלי רתמים׳ דֶר וָואס אִיז מַפְסִיק פוּן לֶערְנֶען תּוֹרָה אוּנ אִיז זִיךְ עוֹסֵק מִיט רֵייד אַנְדֶרֶע זַאכְן׳ גִיבְּט מֶען אִים עֶסְן הֵייסֶע קוֹילִין פוּן וַואכְהָאלְדֶר הָאלְץ עֶס אִיז אַמָּשָׁל דָאס הֵייסְט עֶר בֶּעקוּמְט אַזוֹ אַקְרַאנְקְהַייט אַז אַלֶס וָואס עֶר עֶסְט בְּרֶענְט אִים אִין זַיינֶע גִידֶערִים וויא הֵייסֶע קוֹילִן׳ אוּנ עֶר בְּרֵיינְגְט דָארְטִין אוֹיךְ אַפָּסוּק צוּא אַרְאָיָה דֶערוֹיף׳ שנאמר (איוב ל׳ ד׳)׳ הקטפים מלוח עלי שיח ושרש רתמים לחמם דִי וָואס נֶעמְן אוֹיס דִי פֶערְדָארְבֶּענֶע גְרָאז׳ כְּלוֹמַר דִיא וָואס לֶערְנֶען תּוֹרָה׳ אוּם אוֹיס צוּ רַייסְן דִי שְׁלֶעכְטֶע מִדּוֹת

אבות

פוּן מֶענְשִׁין׳ עלי שיח׳ אִיבֶּער דֶעם וָואס זַייא זַיינֶען מַפְסִיק מִיט רֵיידְן אִין אַנְדֶרֶע זַאכְן׳ ושרש רתמים לחמם׳ בֶּעשְׁטְרָאפְט מֶען זַייא אַז זַייעֶר שְׁפַּייז זָאל זַיין דֶער שׁוֹרֶשׁ פוּן וַואכְהָאלְדֶער הָאלְץ׳ אוּנ דֶר תַּנָּא זָאגְט דָא מִיט דֶעם לָשׁוֹן כאלו מתחיב בנפשו׳ אַזוֹ וִויא עֶר וָואלְט שׁוּלְדִיג זַיין מִיט זַיין לֶעבְּן׳ אוּנ עֶר זָאגְט נִיט הרי זה מתחיב בנפשו׳ עֶר אִיז ווירְקְלִיךְ שׁוּלְדִיג מִיט זַיין לֶעבִּין׳ וַוייל דָארְטִין רֶעט עֶר וֶועגִין אַזוֹ אַמֶענְשִׁין וָואס עֶר לֶערִינְט גָאר נִיט׳ אָבֶּר דָא לֶערִינְט עֶר דָאךְ יוֹא׳ נָאר עֶר אִיז מַפְסִיק מִיט רֵיידְן דְרוּם אִיז דִיא תּוֹרָה מֵגִין אוֹיף אִים:

י רבי דוסתאי בר ינאי משום רבי מאיר אומר רַבִּי דוֹסְתָּאִי דֶר זוּן פוּן יַנַּאי זָאגְט פוּן רַבִּי מֵאִירְס וֶועגְן׳ כל השוכח דבר אחד ממשנתו דֶר וָועלְכֶער פֶערְגֶעסְט אֵיין וָוארְט פוּן דֶעם וָואס עֶר הָאט גְלֶערִינְט וַוייל עֶר הָאט נִיט גַחֲזֶרְת זַיין לֶערְנֶען׳ מעלה עליו הכתוב כאלו מתחיב בנפשו רֶעכִינְט אוֹיף אִים דֶער פָּסוּק גְלַייךְ וויא עֶר וָואלְט זִיךְ בַּשׁוּלְדִיגְן מִיט זַיין לֶעבְּן שנאמר דֶען אַזוֹ שְׁטֵייט גִישְׁרִיבִּין רק השמר לך ושמור נפשך מאד נָאר דוּא מוּסְט זִיךְ הִיטִין׳ אוּנ דוּא זָאלְסְט זַייעֶר פֶערְהִיטְן דַיין לֶעבְּן פן השכח את הדברים אשר ראו עיניך אַז דוּ זָאלְסְט נִיט פֶערְגֶעסִין דִי רֵייד פוּן דֶר תּוֹרָה וָואס דַיינֶע אוֹיגְן הָאבְּן גִיזֶעהְן׳ כְּלוֹמַר דוּ זָאלְסְט נִיט פֶערְגֶעסְן דִיא רֵייד פוּן תּוֹרָה וָואס דוּ הָאבְּט גְלֶערִינְט אוּנ דַיינֶע אוֹיגְן הָאבְּן עֶס גִיזֶעהְן אִין סֵפֶר׳ יכול קֶען מֶען דָאךְ מֵיינֶען אפילו תקפה עליו משנתו הָאמְּשִׁי עֶר הָאט פֶערְגֶעסְן מֵחֲמַת זַיין לֶערְנֶען אִיז אוֹיךְ אִים צוּ שְׁוֶוער גֶוֶועזֶן אִיז עֶר אוֹיךְ שׁוּלְדִיג׳ תלמוד לומר דְרוּם קוּמְט דֶר פָּסוּק אוּנ לֶערִינְט אוּנְז צוּ זָאגְן ופן יסורו מלבבך כל ימי חייך אוּנ זַייא זָאלִין נִיט

וועג

מִלִּבּוֹ: יא רַבִּי חֲנִינָא בֶּן דּוֹסָא אוֹמֵר כֹּל שֶׁיִּרְאַת חֶטְאוֹ קוֹדֶמֶת לְחָכְמָתוֹ חָכְמָתוֹ

חסדי

וועג געשאפט ווערן פון דיין הערצן אלע טעג פון דיין לעבין הא דאס בעווייזט אינו מתחיב בנפשו אז אנדרס בעשולדיגט ער זיך ניט מיט זיין לעבן עד שישב ויסירם מלבו ביז ער זיצט אומיסנע ליידיג אונ לערנט ניט דען ער שאפט עס אפ פון זיין הערצן ער וויל בכונה פר געסן אלס וואס ער האט גילערינט · דער דובנער מגיד פרעגט פר וואס קומט עס אים · ווייל ער פאר געסט אזאך פון זיין לערנן אז ער זאל זיך בעשולדיגן מיט זיין לעבין · אונ ער פאר ענטפערט עס מיט אמשל · אבעל הבית האט גינומען צו זיך אין הויז איין בעל מלאכה אונ ער האט אים אויך פערשאפט אלע זיינע גציייג וואס ער בדארף האבין צו זיין ארבייט · ער האט מיט אים אפ גמאכט אז מיט די פר דינסט פון דר ארבייט זאלן זיי זיך צו טיילין אויף די העלפט · לימים איז בייא דעם בעל מלאכה פר פאלן גיווארן איין כלי פון זיינע געצייג · דר בעל הבית איז דעריבער גיווארן אין כעס אויף דעם בעל מלאכה אונ האט אים אפגזאגט פון שותפות אונ האט ביי אים די איבריגע געצייג אויך אפ גינומן · דר בעל מלאכה האט אנגיפאנגן צו בעטן דעם בעל הבית אונ האט צו אים גיזאגט וויא איז דאס ביי אייך רעכט אז פון אזוא אדבר קל ווענין זאלט איר מיט מיר ווערן גאר אוים חבר · פר דער כלי וואס איז פר פאלן גיווארן קען איך אייך בצאלין · אדער איך וועל אפ קויפן איין אנדר כלי זאל זיין פונקט וויא די · ניין · האט גיענטפערט דר בעל הבית · ניט אויף דער כלי וואס איז פערלארן גיווארן בין איך אין כעס · נאר אויף דיר אליין · ווייל דאס איז דאך בייא מיר ארעכטער צייכן אז דו טוסט ניט די ארבייט · דען אבעל מלאכה וואס ער איז פלייסיג צוא טאן די מלאכה האלט ער איבער אלע זיינע גיצייג צעהן מאל אוויילע · אונ וויא אזו קען זיא פר לארן ווערן · גיוויס האסטו זיא אלאנגע צייט אין האנד ניט גינומען · טוסט דו דאך ניט די ארבייט · הייגט זאג מיר פר וואס זאל איך דיך האלטן · דען צו וואס נוצט דוא מיר ·

אבות

כך הדבר מיט דעם מענשן הקב"ה האט אים גיגעבן איין טייערע גיצייג די תורה וואס זיא איז איין כלי חמדה אז ער זאל טאן די מלאכה פון גאט ב"ה · ער זאל לערנן דיא תורה אונ צו טאן די מצות · השי"ת האט דער פון נחת · אונ דער מענטש נעמט אגוטין שכר בעוה"ז ובעוה"ב · היינט אז אמענטש פאר געסט איין זאך פון דר תורה · איז דאס איין בעווייז אז ער מיינט גאר ניט צו לערנן בכדי צו מקיים זיין די מצות · דען אז ער האט פאר געסן איז דאס אצייכן אז ער האט עס פון אלאנגע צייט אין זיין זין ניט גיהאט · אונ בייא דיא מצות שטייט דאך אלה המצות אשר יעשה האדם וחי בהם · דיזע מצות זיינן דאס וואס אז דר מענש זאל דאס טאן וועט ער דורך זייא לעבן · נמצא אז דר מענש טוט ניט די מלאכה פון גאט ב"ה פערשפילט ער זיין לעבן · דרום זאגט דר תנא אז ווען ער פר געסט איין זאך פון זיין לערנען בעשולדיגט ער זיך מיט זיין לעבין: יא רבי חנינא בן דוסא אומר רַבִּי חֲנִינָא בֶּן דּוֹסָא זאגט כל שיראת חטאו קודמת לחכמתו דער וואס זיין פארכט פר זינד איז ביי אים פריער פר דיא חכמה וואס ער לערינט חכמתו מתקימת וועט די חכמה וואס ער לערינט ביי אים בלייבן · וכל שחכמתו קודמת ליראת חטאו אונ דר וואס זיין לערנן די חכמה איז ביי אים פריער פאר זיין פארכט פר דיא זינד · אין חכמתו מתקימת וועט די חכמה וואס ער לערינט זיך ניט דר האלטן ביי אים · עס איז אמשל דר צו · ווען אמענש זאגט צוא זיין חבר איך האב טויזנד מאס תבואה · איך האב טויזנד טונען בוים איל · טויזנד טונען ויין · האט זיין חבר צוא אים גיזאגט האסט דוא דען אויך שפייכלערן וואו דו זאלסט דאס אלע בהאלטן · אויב דו האסט עס · זיינען דיזע אלע זאכין געוויס דיינע · אונ אויב דו האסט ניט אשפייכלער וואו דו זאלסט זיי בעהאלטן האסט דוא גאר נישט · אזו איז אויך מיט דעם מענשן וואס ער לערנט אפילו כל התורה כלה זאגט מען צוא אים · האסט דוא נאר יראת חטא · אויב דוא האסט

מִתְקַיֶּמֶת וְכֹל שֶׁחָכְמָתוֹ קוֹדֶמֶת לְיִרְאַת חֶטְאוֹ אֵין חָכְמָתוֹ מִתְקַיֶּמֶת׃ יב הוּא הָיָה אוֹמֵר כֹּל שֶׁמַּעֲשָׂיו מְרֻבִּין מֵחָכְמָתוֹ חָכְמָתוֹ מִתְקַיֶּמֶת ׳ וְכֹל שֶׁחָכְמָתוֹ מְרֻבָּה מִמַּעֲשָׂיו אֵין חָכְמָתוֹ מִתְקַיֶּמֶת׃ יג הוּא הָיָה אוֹמֵר כֹּל שֶׁרוּחַ הַבְּרִיּוֹת נוֹחָה

חסדי

פָארְכְט צוּא טָאן אַיין עֲבֵרָה ׳ אִיז דָאס וָואס דוּ הָאסְט גִילֶערִינְט אַלְס דַיינֶע אוּנ דָאס וָועט בַּיי דִיר אַקִיוּם הָאבְּן ׳ וַוייל דִי מִדָּה פוּן יִרְאַת חֵטְא אִיז דֶר שְׁפַּייכְלֶר וָואס עֶר הַאלְט אִין זִיךְ אַיין אַלֶעס וָואס דֶר מֶענְשׁ לֶערִינְט וִויא דֶער פָּסוּק זָאגְט (ישעיה ל״ג) והיה אמונת עתך חסן ישועות חכמת ודעת יראת ה׳ היא אוצרו דִי חֲכָמִים דַרְשְׁנֶן דֶעם פָּסוּק אוֹיף אַלֶע זֶעקְס סְדָרִים פוּן מִשְׁנַיוֹת אמונת מֵיינְט מֶען דָאס דִי מִשְׁנַיוֹת פוּן סֵדֶר זְרָעִים ׳ עִתְּךָ דָאס אִיז סֵדֶר מוֹעֵד ׳ חוֹסֶן אִיז סֵדֶר נָשִׁים׳ יְשׁוּעוֹת דָס אִיז סֵדֶר נְזִיקִין׳ חָכְמַת אִיז סֵדֶר קָדָשִׁים׳ וָדַעַת דָאס אִיז סֵדֶר טָהֳרוֹת׳ כְּלוֹמַר וָוען אַמֶענְטְשׁ זָאל אוֹיס לֶערְנֶען אֲפִילוּ גַאנְץ ש״ס דָאס הֵייסְט דִיא מִשְׁנַיוֹת מִיט דִיא גְמָרָא׳ פוּן אַלֶע שִׁשָּׁה סְדָרִים ׳ דָאךְ ׳ יראת ה׳ היא אוצרו ׳ אִיז דִיא פָארְכְט פַאר גָאט ׳ וָואס אַמֶענְשׁ הָאט מוֹרָא עֶר זָאל נִיט זִינְדִיגְן גֶעגֶען אִים ׳ אִיז דָאס זַיין שְׁפַּייכְלֶער וָואס דִיא תּוֹרָה קֶען בַּיי אִים אַקִיוּם הָאבְּן ׳ דֶער תּוֹסְפוֹת יוֹם טוֹב שְׁרַייבְּט דְרוּם הָאט גִיזָאגְט דֶר תַּנָא מִיט דֶעם לָשׁוֹן כל שיראת חטאו דֶר וָואס דִי פָארְכְט פוּן זַיינֶע זִינְד ׳ אוּנ הָאט נִיט גְזָאגְט מִיט דֶעם לָשׁוֹן כל שיראתו מהחטא דֶער וָואס זַיין פָארְכְט אִיז פַאר אַזִינְד ׳ וַוייל יֶעדֶער מֶענְטְשׁ אִיז נִיט בֶּעוָוארִינְט פוּן זִינְדִיגֶען וִויא דֶר פָּסוּק זָאגְט כי אדם אין צדיק בארץ אשר יעשה טוב ולא יחטא אוּנְטֶר מֶענְשִׁין גִיבְּט נִיט אַיינֶער דָאס עֶר זָאל זַיין דוּרְךְ אוֹיס אַצַדִיק אוּנ עֶר זָאל נִיט זִינְדִיגְן׳ דְרוּם זָאגְט עֶר כל שיראת חטאו דֶער וָואס דִיא פָארְכְט פַר זַיינֶע זִינְד אִיז בַּיי אִים פְרִיעֶר פַר דִי חָכְמָה ׳ וָועט דִי חָכְמָה בַּייא אִים בְּלַייבְּן חַייל עֶר הָאט אוֹיךְ דֶעם שְׁפַּייכְלֶער וָואס דִיא תּוֹרָה קֶען זִיךְ דוּרְךְ דֶעם בַּיי אִים דֶר הַאלְטְן׃ יב הוא היה אומר דֶער זֶעלְבִּיגֶר רַבִּי חֲנִינָא בֶּן דוֹסָא פְלֶעגְט זָאגְן כל שמעשיו מרובין מחכמתו דֶר וָואס זַיינֶע מַעֲשִׂים טוֹבִים זַיינֶען מֶעהְר וִויא דִי חָכְמָה ׳ כְּלוֹמַר מֶעהְר אַלְס דִי תּוֹרָה וָואס עֶר הָאט גֶעלֶערִינְט חכמתו מתקימת ׳ בַּיי דֶעם

אבות

וָועט זַיין חָכְמַת הַתּוֹרָה הָאבִּין אַיין קִיוּם דָא פְרֶעגְן דִי מְפָרְשִׁים אַקַשְׁיָא ׳ וִויא קֶען דָאס זַיין אַז אַמֶענְשׁ זָאל טָאן מַעֲשִׂים טוֹבִים נָאךְ אֵיידֶר עֶר הָט גְלֶערִינְט דֶען אַז עֶר הָאט נִיט גְלֶערִינְט וַוייס עֶר דָאךְ נִיט וָואס מַעֲשִׂים טוֹבִים זַיינֶען אוּנ עֶר וַוייס אוֹיךְ נִיט דִי אוֹפַנִים וִויא צוּ טָאן דִי מַעֲשִׂים טוֹבִים ׳ אַיין מְפוֹרָשׁ זָאגְט אַז דָאס מֵיינְט מֶען אַזוֹ אַמֶענְשׁ וָואס עֶר אִיז אִין סָפֵק אִין אֵיינִיגֶע דִינִים אוּנ עֶר אִיז אוֹיף זִיךְ מַחֲמִיר דֶר אַנְדֶערֶר זָאגְט אַז דָאס מֵיינְט מֶען אֲפִילוּ אַזוֹ אַמֶענְשׁ וָואס עֶר הָאט נִיט גִילֶערִינְט אוּנ עֶר נֶעמְט אוֹיף זִיךְ אַלֶעס צוּ טָאן וִויא דִי חַכְמֵי יִשְׂרָאֵל וֶועלְן אִים זָאגְן ׳ אָבֶּר דֶר תִּירוּץ פָּשׁוּט אִיז אַז דָאס וָוארְט מרובין הֵייסְט נִיט דַוְקָא מֶעהְרֶר ׳ נָאר עֶס הָאט אוֹיךְ דִי בֶּעדַייטוּנְג פוּן פִיל ׳ אוּנ דָאס מ״ם פוּן מחכמתו הָאט דָא נִיט דִי בֶּדַייטוּנְג אוֹיף דִי מֶערְהַייט דָאס מֶען זָאל זָאגִין מֶעהֶר אַלְס זַיין חָכְמַת הַתּוֹרָה נָאר דָאס מ״ם הָאט דָא דִי פְּשׁוּטָה בֶּעדַייטוּנְג ׳ וִויא דָאס וָוארְט מִן ׳ אוּנ אַזוֹ מֵיינְט דֶר תַּנָא צוּ זָאגְן אַזוֹ אַמֶענְשׁ וָואס עֶר הָאט שׁוֹין גִילֶערִינְט חָכְמַת הַתּוֹרָה אוּנ דוּרְךְ דֶעם טוּט עֶר פִיל מַעֲשִׂים טוֹבִים ׳ כל שמעשיו מרובין מחכמתו דֶער מֶענְשׁ וָואס זַיינֶע מַעֲשִׂים טוֹבִים זַיינֶען פִיל ׳ פוּן זַיין חָכְמַת הַתּוֹרָה וָואס עֶר הָאט גִילֶערִינְט ׳ מִיט דֶעם אוֹפָן חכמתו מתקימת וֶועט דִי חָכְמַת הַתּוֹרָה זַיינֶע בַּיי אִים הָאבִּין אַקִיוּם׳ וכל שהכמתו מרבה ממעשיו ׳ אָבֶּער דֶער וָואס לֶערִינְט דִיא תּוֹרָה פְרַאקְטִישׁ עֶר וִויל פוּן אִיר פִיל מַשִּׂיג זַיין נָאר מִצַּד הַמַּעֲשֶׂה וְהַמִּנְהָג ׳ אין חכמתו מתקימת אוֹיף דֶעם אוֹפָן וָועט בַּיי אִים דִי חָכְמַת הַתּוֹרָה קַיין שׁוּם קִיוּם הָאבִּין ׳ וַוייל פִיל מָאל טְהוּט מֶען דָאס אַזוֹ נִיט וַוייל אַזוֹ אִיז דֶר דִין פוּן דֶר תּוֹרָה נָאר וַוייל דִי צַייט פָאדֶערְט עֶס אַזוֹ צוּא טָאן׃ יג הוא היה אומר דֶר זֶעלְבִּיגֶר תַּנָא פְלֶעגְט זָאגְן כל שרוח הבריות נוחה הימנו ׳ דֶער מֶענְשׁ וָואס לַייט זַיינֶען פוּן אִים צוּ פְרִידֶען ׳ כְּלוֹמַר דֶר וָואס בֶּעגֵייט זִיךְ עֶרְלִיךְ מִיט לַייטְן אַז לַייט שֶׁעצִין

אים

הימנו רוח המקום נוחה הימנו וכל שאין רוח הבריות נוחה הימנו אין רוח המקום נוחה הימנו: יד רבי דוסא בן הרכינס אומר שנה של שחרית ויין של צהרים ושיחת הילדים וישיבת בתי כנסיות של עמי הארץ מוציאין את

חסדי אבות

אים · רוח המקום נוחה הימנו · איז גאט ב"ה פון אים אויך צו פרידן · אונ דער תנא גייהט אין דער זעלביגע שיטה פון דעם תנא הלל וואס ער האט גיזאגט אז דער עיקר פון דער גאנצע תורה איז ואהבת לרעך כמוך · דו זאלסט ליב האבין דיינעם חבר וויא זיך אליין · דאס הייסט אז מען זאל היטן תורת האדם אונ ניט גענוג וואס איינר דעם אנדערן זאל ניט טאן איין עולה · נאך פערקערט איינער בעדארף נאך טאן גוץ מיט דעם אנדערן וויא ווייט מיגליך איז · אונ ווייל דאס גליק פון מענטשין בעשטייט אין דריי זאכן · אין חכמת התורה. אין מעשה המצות אונ אין דרך ארץ · דרום האט דער תנא אונז גילערינט וויא אזו דיזע דריי זאכן זאלן ביי אונז האבן אקיום · חכמת התורה קען אנדערש ביי אונז קיין קיום האבן נאר דורך יראת חטא. ווייל דאס איז דער שפייכלער איהרער · די מעשה המצות האבן ביי אונז איין קיום נאר מיט דעם אופן אז מיר זאלן זיי פאר מערין דורך די חכמה וואס מיר וועלן לערנען פון דר תורה · אונ דרך ארץ קען ניט אנדערש זיין נאר ווען מיר ווייסין אז דיא לייט זיינען פון אונז צו פרידין : יד רבי דוסא בן הרכינס אומר רבי דוסא בן הרכינס זאגט שנה של שחרית דר שלאף פון פריא מארגן ויין של צהרים אונ דער וויין גיטראנק פון מיטאג צייט ושיחת הילדים אונ דיא אונטר האלטונג וואס אמענש ברייגגט צוא מיט קינדר וישיבת בתי כנסיות של עמי הארץ אונ דאס זיצען אין דיא פערזאמלונג הייזער פון ניט גלערטע מענשן מוציאין את האדם מן העולם דיזע פיר זאכן יאגן ארויס דעם מענשן פון דער איביגע וועלט · דר תולדות יהושע שרייבט אז דיזע דרייא משניות · דהיינו דיא משנה פון רבי דוסא בן הרכינס די משנה פון רבי אלעזר המודעי אונ דיא משנה פון רבי ישמעאל האט זיי רבינו הקדוש מסדר גוועזן נאהינט איינע לעבן די אנדרע ווייל זיי ריידין אויך וועגן די דריי זאכין וואס רבי חנינא בן דוסא האט דער מאנט תורה · מעשה המצות אונ דרך ארץ · רבי דוסא בן הרכינס רעדט וועגן די זאכן וואס זיי זיינען מבטל דעם מענשן פון לערנען דיא תורה · אונ רעכינט אוים דא פיר זאכן · דר שלאף פון פריא מארגן שטייט אין אבות דרבי נתן אז דר תנא קומט אונז צו לערנען אז אמענש זאל ניט מיינען צוא שלאפין שפעט אויפן טאג ביז עס וועט איבער גיין די צייט פון קריאת שמע · אונ אויב ער וועט אזו טאן שטערט ער זיך פון לערנען די תורה · ווייל דעם גאנצן טאג איז דאך אמענש טרוד אין זיין פרנסה · לערינט ער דאך ניט · נאר מיט דעם וואס ער לייענט קריאת שמע אין דר צייט · איז ער על פי הדחק יוצא מיט לערנען תורה · אונ אז ער פערשלאפט דיא צייט פון קריאת שמע בלייבט ער אן תורה צו לערנען · דרום איז ער ביי השי"ת גפאלן פון דער מעלה וואס גיהער צו אמענשן וויא דער מדרש זאגט אויף דעם פסוק ויפל ה' אלהים תרדמה על האדם ויישן · זאגט רבי יהושע דסכנין פון וועגן רבי לוי אז דאס שלאפען פון איין מענשין איז זיין ערשטע מפלה דען אז ער שלאפט בעמיהט ער זיך ניט אין דר תורה אונ ער טוט אויך דענסט מאל ניט זיין ארבייט · אונ דאס וויין טרינקן פון מיטאג צייט זאגט אויך דער תנא אז איין מענטש זאל דער פון זיך אפ היטן דען אז ער איז שכור איז ער דענמאל בטל פון די גאנצע תורה אונ דענמאל שטייט אים צו פערלירען זיין חלק לעולם הבא · וויא די גמרא זאגט אין סנהדרין (דף ע' ע"ב) עס איז ניט פערהאנדין אזו אזאך וואס זאל ברייגגען קלאגן אויף דער וועלט וויא דר וויין · אונ אין ברכות (דף כ"ט ע"א) זאגט דיא גמרא בדרך עצה לא תרוי ולא תחטא · ניט זאיי שכור וועסטו ניט זינדיגן · אונ שיחת הילדים שטייט אין אבות דרבי נתן אז דר תנא קומט צו לערנען דאס אמענש בשעת ער דארף לערנען תורה זאל ניט געוואוינט זיין דענמאל זיך צו אונטערהאלטן אין רייד מיט

אין

הָאָדָם מִן הָעוֹלָם: טו רַבִּי אֶלְעָזָר הַמּוֹדָעִי אוֹמֵר הַמְחַלֵּל אֶת הַקֳּדָשִׁים וְהַמְבַזֶּה אֶת הַמּוֹעֲדוֹת וְהַמַּלְבִּין פְּנֵי חֲבֵרוֹ בָּרַבִּים וְהַמֵּפֵר בְּרִיתוֹ שֶׁל אַבְרָהָם אָבִינוּ וְהַמְגַלֶּה פָנִים בַּתּוֹרָה שֶׁלֹּא כַהֲלָכָה אַף עַל פִּי שֶׁיֵּשׁ בְּיָדוֹ תּוֹרָה וּמַעֲשִׂים טוֹבִים

חסדי אבות

זיין ווייב און קינדער דען עס איז ניט כדאי איבער זיי צו פערלירן די צייט פון זיין עסק אין דר תורה מיט זיין שכר וואס ער וועט פערדינען בעולם הבא׳ און דאס זיצן אין די געזעלשאפטן פון עמי הארץ מיינט אויך דר תנא אז ער זאל דורך זיי ניט זיין בטל פון דר תורה וויא דער פסוק זאגט ובמושב לצים לא ישב כי אם בתורת ה׳ חפצו׳ דר מענש וואס זיין בגער איז צו לערנען די תורה פון גאט ב״ה דר דארף ניט זיצן אין די זיצונג פון שפאטר׳ און אזו זאגט אויך די גמרא אין ברכות (דף מ״ג ע״ב) דאס אמענש זאל ניט זיצן אין דיא געזעלשאפט פון ניט געלערנטע לייט׳ דען פיליייכט וועט ער זיך איבער געבן צו זייערע דעות און וועט פערלאזן די תורה (און וועט פערלירן זיין חלק לעולם הבא): טו רבי אלעזר המודעי אומר רבי אלעזר המודעי זאגט וועגן דעם גדר וואס אמענש זאל זיך מאכן איין צוים צו די מעשה המצות אז ער זאל חלילה אויף זיי ניט עובר זיין דען זיי זיינען זייער הארב׳ און ווען ער איז אויף זיי עובר׳ אזו פערלירט ער זיין חלק לעולם הבא׳ דר יין לבנון שרייבט אז דער תנא פון דר משנה רעט דא פון פינף סארטן אפיקורסים (א) המחלל את הקדשים דר וואס פערשוועכט די היילקייטין דאס איז דר מין אפיקורסים גאר דיא ערגסטע לייט וואס זאגען אז עס איז גאר קיין גאט דא׳ און דרום האלטין זיי פר גרינג אלע היילגקייט׳ דען נאך זייער מיינונג איז קיין שום היילקייט דא אויף דער וועלט׳ דען אז עס איז ניט דא אגאט׳ איז דאך קיין עבודה דא׳ און קיין קרבנות און עס איז אויך ניט דא ווענען מען זאל דאנקען דאנקן און לויבען׳ וויל דיא וועלט האט גאר קיין שום פיהרער נאך זייער פאלשע מיינונג׳ (ב) דער אנדער סארט אפיקורס והמבזה את המועדות ער גלויבט אפילו אז עס איז יוא דא אגאט׳ נאר ער גלויבט ניט אז גאט האט די וועלט בשאפן׳ דען ער מיינט אז די וועלט איז אקדמון חלילה׳ און דרום איז ער מבזה דיא ימים טובים וואס גאט האט געגעבן צו זיין פאלק וויל זיי זיינען איין עדות אז גאט האט די וועלט בשאפן וויא שבת ווייזט אונז׳ און אויך אנדרע יו״ט וואס זיינען איין זכר ליציאת מצרים איז דאס איין בעוויז אז גאט ב״ה האט משנה געוועזן דיא טבע׳ ממילא איז דאס איין עדות אז גאט האט בעשאפן די וועלט׳ דען ווער עס מאכט אזאך פון דאס נאיי׳ דער קען דאס אויך ענדערן׳ און דער וואס לייקנט עס׳ דר איז אויך מבזה די ימים טובים וואס זיי זיינען דיא עדות אויף אים׳ (ג) דר דריטער סארט איז אז איין אפיקורס וואס ער גלויבט אפילו אז גאט האט די וועלט בשאפין׳ נאר ער לייקנט אם דעם צלם אלהים׳ דען ער זאגט אז אמענש איז גאר ניט בשאפין געווארין מיט דעם בילד פון גאט׳ און אמענש האט קיין שום נשמה׳ דרום ארט אים ניט פאר גאטס כבוד און ער פערשעמט זיין חבר והמלבין פני חברו ברבים ער מאכט בלאס דעם גזיכט פון זיין חבר׳ כלומר ער איז אים מבייש פר לייטן׳ און דרום זאגט ער פני חברו׳ דעם פנים פון זיין חבר׳ דווקא זיין חבר וואס ער לעבט מיט אים גוט דעם איז ער מבייש׳ וויל ער האלט עס פר גאר ניטש׳ דען ביא אים איז אמענש און איינע בהמה גלייך׳ (דען אויב ער איז מבייש זיין שונא מחמת כעס איז ער ניט גערעכנט פאר איין אפיקורס׳ וויל זיין יצר הרע האט אים דאס אן גירעט וויא אלע אנדרע זינדיגע מענשן׳ אבער אז ער איז מבזה זיין חבר וואס ער האט אים קיין שום בייז געטאן׳ דער הייסט איין אפיקורס׳ דען ער טוט עס אומיסנע בכדי צו בעוויזן אז ער לייקנט אם דעם צלם אלהים וואס אויף מענשן דען ער איז אים מבזה׳ (ד) דער פירטער סארט איז והמפר בריתו של אברהם אבינו עליו השלום ער גלויבט אפילו אז אמענש איז בעשאפן געווארין מיט דעם צלם אלהים׳ און ער איז מקבל שכר פאר זיינע

מצות

אֵין לוֹ חֵלֶק לָעוֹלָם הַבָּא: טז רַבִּי יִשְׁמָעֵאל אוֹמֵר הֱוֵי קַל לָרֹאשׁ וְנוֹחַ לְתִשְׁחוֹרֶת וֶהֱוֵי מְקַבֵּל אֶת כָּל הָאָדָם בְּשִׂמְחָה: יז רַבִּי עֲקִיבָא אוֹמֵר שְׂחוֹק וְקַלּוּת רֹאשׁ מַרְגִּילִין אֶת הָאָדָם לְעֶרְוָה׃ מַסּוֹרֶת סְיָג לַתּוֹרָה מַעַשְׂרוֹת סְיָג לָעֹשֶׁר נְדָרִים

חסדי

מִצְוֹת אוּנ אַיין שְׁטְרָאף פַר זַיינֶע עֲבֵרוֹת׃ נָאר עֶר לַייקִינְט אָפּ אוּנ פֶערְשְׁטֶערְט דֶעם בּוּנְד וָואס גָאט ב״ה הָאט כּוֹרֵת בְּרִית גִיוָועזִין מִיט אַבְרָהָם אָבִינוּ ע״ה אַז עֶר זָאל זַיין אַגָאט צוּא אִים אוּנ צוּ זַיינֶע קִינְדֶער דָאס הֵייסְט עֶר זָאל אוֹיף זֵיי גְעבֶּען זַיין הַשְׁגָחָה מֶעהר וִויא אוֹיף אַלֶע מֶענְשֶׁען׃ דָאס עֶר זָאל צוּ זַיי גֶעבִּין זַיין תּוֹרָה אוּנ מִצְוֹת אוּנ זֵיי זָאלִן זַיין צוּא אִים אַיין עם קדוש אַהֵיילִיגֶע פָאלְק וִויא זַיי וָואלְטִין זַיין וִויא כֹּהֲנִים צוּ דִיא וֶועלְט דָאס זַיי זָאלְן אַלִיכֶן בֶּעלֶעהְרְנֶן צוּ דֶער קֶענֶן דֶעם בַּשֶׁעפֶר פוּן דֶר וֶועלְט׃ וִויא זַייעֶר פָאטֶר אַבְרָהָם הָאט גְטָאן אוּנ אוֹיף דֶעם בְּרִית וָואס גָאט הָאט פֶערְשְׁנִיטְן מִיט אַבְרָהָם׃ הָאט אִים הַשׁ״י גֶעהֵייסְן דָאס עֶר זָאל זִיךְ מַל זַיין׃ אוּנ אַלֶע זַיינֶע קִינְדֶר דִי זְכָרִים צוּ אֵייבִּיגֶע דוֹרוֹת זָאל מֶען זֵיי מַל זַיין אַז זֵיי וֶועלֶען אַלְט זַיין אַכְט טֶעג נָאךְ זַייעֶר גֶעבָּארֶען וֶוערִין׃ אָבֶער דֶער סָארְט אַפִּיקוֹרֶס לַייקִינְט עֶס אָפּ דִי מִצְוָה פוּן מִילָה אוּנ זָאגְט אַז דָאס אִיז קַיין מִצְוָה׃ אָדֶער אֲפִילוּ אַז עֶר הַאלְט פוּן מִצְוֹת מִילָה נָאר עֶר אִיז מַכְחִישׁ אִין דֶער מִצְוָה פוּן פְּרִיעָה דִיזֶען רוּפְט מֶען אָן עֶר שְׁטָערְט דֶעם בְּרִית וָואס הַשׁ״י הָאט פֶערְשְׁנִיטְן מִיט אַבְרָהָם אָבִינוּ ע״ה׃ אוּנ עֶר הָאט קַיין חֵלֶק לעוה״ב׃ (ה) דֶר פִינְפְטֶער סָארְט אַפִּיקוֹרֶס אִיז והמגלה פנים בתורה שלא כהלכה עֶר גְלוֹיבְּט אֲפִילוּ אַז דִי תּוֹרָה הָאט הַשׁ״י גִיגֶעבְּן אוּנְז מִן הַשָּׁמַיִם׃ נָאר עֶר בֶּעוַוייזְט אִין דֶער תּוֹרָה אַזֶעלְכֶע פְּשָׁטִים וָואס זֵיי זַיינֶען נִיט אַזוֹ וִויא דִי קַבָּלָה פוּן אוּנְזֶערֶע חֲכָמִים׃ דְהַיינוּ עֶר לַייקִינְט אָפּ דִי תּוֹרָה שֶׁבְּעַל פֶּה וָואס דִיא תַּנָּאִים אוּנ אֲמוֹרָאִים דִי בַּעֲלֵי הַגְּמָרָא הָאבִּין גִיזָאגְט׃ אוּנ עֶר הַאלְט נִיט פוּן זַייעֶרֶע הֲלָכוֹת אוּנ דִינִים וָואס זֵיי הָאבְּן אוּנְז מוּסַר גִוֶועזְן׃ אַזוֹ אַיין מִין אַפִּיקוֹרֶס אף על פי שיש בידו תורה ומעשים טובים חָאטְשֶׁי עֶר הָאט בַּייא זִיךְ תּוֹרָה אוּנ גוּטֶע מַעֲשִׂים׃ וָואס עֶר הָאט גֶעלֶערִינְט אוּנ גְטָאן נָאךְ אַיידֶר עֶר אִיז גִיוָוארִין אַיין אַפִּיקוֹרֶס׃ פוּן

אבות

דֶעסְט וֶועגְן אין לו הלק לעולם הבא הָאט עֶר קַיין שׁוּם חֵלֶק אִין דֶער אֵייבִּיגֶע וֶועלְט: טז רבי ישמעאל אומר רַבִּי יִשְׁמָעֵאל זָאגְט הוי קל לראש דוּ זָאלְסְט זִיךְ הַאלְטְן גְרִינְג צוּ אֵיינֶעם עֶלְסְטְן רַבִּי יִשְׁמָעֵאל קוּמְט דָא אִין דֶער מִשְׁנָה צוּא לֶערְנֶען דֶעם טֶענְשִׁין דֶעם עִנְיָן פוּן דֶרֶךְ אֶרֶץ אוּנ זָאגְט אַז אַמֶענְשׁ דַארְף מִיט אַלֶע סָארְטִין לַייט צוּ לֶעבֶּען אִין פְרִידֶען׃ דֶען אַמֶענְשׁ קֶען אָפְּט זִיךְ צוּ זַאמֶען טְרֶעפְן מִיט אֵיינֶעם הֶעכֶערִן פוּן אִים׃ אוּנ אָפְט מִיט אֵיינֶעם נִידֶרִיגֶן פוּן אִים׃ אוּנ אָפְט אוֹיךְ מִיט זַיינֶעם גְלַייכְן׃ דְרוּם אוֹיבּ עֶר וִויל זַיין דֶר גְלִיקְלִיכְסְטֶער אוֹיף דֶער וֶועלְט׃ אוּנ זַיין בַּיי אַלִימֶען גֶעלִיבְּט בַּדַארְף עֶר מִיט זֵיי אַלִיכֶן לֶעבְן מִיט שָׁלוֹם׃ דְרִיבֶּער זָאגְט דֶר תַּנָּא אוֹיבּ דוּ הָאסְט זִיךְ צוּא זַאמֶען גְטְרָאפִין מִיט אַיין הֶעכֶערִין כוּן דִיר׃ זָאלְסְטוּ זִיךְ נִיט רֶעכִינֶן גֶעגִין אִים פַר אַגְרוֹיסְן מֶענְשֶׁען נָאר הוי קל לראש דוּ זָאלְסְט זַיין בַּיי זִיךְ גְרִינְג גֶעשֶׁעצְט גֶעגְן אֵיינֶעם הוֹיפְּט מַאן׃ דַאן וֶועט עֶר דִיךְ לִיבּ הָאבְּן וִויא דוּא וָואלְכְט אִים זַיין אַזוֹ׃ אוּנ אוֹיבּ דוּא הָאסְט זִיךְ צוּא זַאמֶען גְטְרָאפְן מִיט אֵיינֶעם נִידֶערִיגֶערֶען פוּן דִיר׃ וָואס עֶר בַּאדַארְף זַיין צוּא דִיר אוּנְטֶער טֶענִיג ונוח לתשחורת זָאלְסְטוּ דָאךְ מִילְד זַיין צוּ דֶעם צִינְזְבַּארְן מֶענְשְׁן׃ וָואס צָאלְט דִיר צִינְז׃ אוּנ דַאן וֶועט עֶר דִיךְ הָאבְּן לִיבּ אַלְס זַיין פָאטֶער׃ אוּנ אוֹיבּ דוּ בִּיסְט מִיט דַיינֶעם גְלַייכְן צוּ זַאמֶן גְקוּמֶן והוי מקבל את כל האדם בשמחה זָאלְסְטוּ אוֹיף נֶעמֶן יֶעדִין מֶענְשְׁן מִיט פְרֵייד אוּנ מִיט כָּבוֹד׃ דַאן וֶועט עֶר דִיךְ לִיבּ הָאבְּן אַלְס אַיין בְּרוּדֶר׃ יז רבי עקיבא אומר רַבִּי עֲקִיבָא זָאגְט דָאס עֶס זַיינֶען דָא פִינְף צוֹימֶען וָוס זֵיי זַיינֶען צוּ אַמֶענְשְׁן אִים אָפּ צוּ הִיטְן אַז עֶר זָאל נִיט קוּמֶען צוּ אַיין עֲבֵירָה׃ אִיבֶּר פִינְף סִבּוֹת׃ דִי עֶרְשְׁטֶע סִבָּה אִיז וָואס אַמֶענְשׁ הִיט נִיט שְׁטַאט עֶר אִיז מְזַלְזֵל זַיין כָּבוֹד דְהַיינוּ שחוק וקלות ראש גִילֶעכְטֶר אוּנ צוּ פִיל פְרֵייליכְקַייט מרגילין את האדם לערוה זַיי גֶעוָואהְנֶען אַמֶענְשְׁן צוּ זְנוּת׃ וַוייל זְנוּת אִיז אַזוֹ

סְיָג לַפְּרִישׁוּת סְיָג לַחָכְמָה שְׁתִיקָה: יח הוּא הָיָה אוֹמֵר חָבִיב אָדָם שֶׁנִּבְרָא בְצֶלֶם

אַזִינְד וָואס דָאס קֶען נִיט גֶעבִּן אָן אַשׁוּתְּפוּת פוּן צְוַויי פֶּערְזָאנֶן · וִויא גְרִינְג אִיז אַמֶענְשְׁן צוּ נִיצוּל וֶוערִן פוּן דֶר עֲבֵרָה וֶוען עֶר זָאל הָאבִּין בּוּשָׁה · אָדֶר דוּרְךְ דֶעם וָואס עֶר זָאל קְלֶערִין אוֹיף דֶעם סוֹף וָואס וֶועט זַיין אַז לַייט וֶועלְן זִיךְ דֶר וִויסְן · וֶועט עֶר הָאבִּין שַׁאנְד אוּנ בִּפְרַט אַז עֶר זָאל זִיךְ פָאַרְשְׁטֶעלִין דִי גְרוֹיסֶע שַׁאנְד וָואס עֶר וֶועט הָאבִּין אִין דֶר אֵייבִּיגֶע וֶועלְט · אָבֶּער דָאס לַאכְן אוּנ דִי לֵיצָנוּת מַאכִין דֶעם זָכָר מִיט דֶר נְקֵבָה זַייעֶר בֶּעפְרַיינְדֶעט בִּיז זַיי וֶוערִן מִיט אַנַאנְדֶער בֶּעהֶעפְט אוּנ שֶׁעמְן זִיךְ נִיט · דִיא צְוַוייטֶע סִבָּה וָואס אַמֶענְטְשׁ קֶען אַמָאל זִינְדִיגְן דוּרְךְ זַיין שֵׂכֶל דֶען עֶר קֶען ח״ו טְרַאכְטִן אַז אִין דֶער תּוֹרָה שֶׁבִּכְתַב הָאבִּין אֶפְשָׁר פִיל מֶענְשְׁן אַנְדֶערֶע זַאכְן אָפּ גִימֶעקְט אוּנ אַנְדֶרֶע זַאכְן צוּ גִישְׁרִיבְּן · דְרוּם זָאגְט אוּנְז דֶער תַּנָא מסורת סיג לתורה דִי אִיבֶּער עֶנְטְפֶערוּנְג וִויא דִי תּוֹרָה אִיז צוּ אוּנְז שְׁרִיפְטְלִיךְ אִיבֶּער גִיעֶנְטְפֶרְט גִיוָוארִין מִיט אִירֶע גֶעצֵיילְטֶע אוֹתִיוֹת · דָאס הָאט מֶען גִימַאכְט אַיין צוֹים צוּ דֶער תּוֹרָה אַז קֵיינֶר זָאל זִיךְ נִיט דֶער וֶועגְן אִין אִיר עֶטְוָואס צוּ אִיבֶּער מַאכְן · וַוייל אִיר שְׁרִיפְט הָאבְּן מִיר בְּקַבָּלָה אַז אַזוֹ וִויא זִיא אִיז בַּיי אוּנְז יֶעצְט אַזוֹ אִיז אִין מִדְבַּר סִינַי גִיגֶעבִּין גִיוָוארִין דֶען מִיר זֶעהֶען אִין אִיר פִיל וָואוִין אוּנ יוּדִין וָואס זַיינֶען אִיבֶּעריג אִין אַוָוארְט · אוּנ אַנְדֶרֶע וָואוִין אוּנ יוּדִן וָואס בֶּעדַארְפְן צוּא זַיין פֶעלְן זַיי דַוְקָא · דֶען דָאס אִיז אַלְץ לְפִי הַקַּבָּלָה וִויא מִיר הָאבְּן זִיא גָאר אִין אָנְפַאנְג אַזוֹא מְקַבֵּל גִיוֶועזִין · אוּנ דִי תּוֹרָה שֶׁבְּעַל פֶּה נֶעמְט דֶער פוּן פִיל דִינִים אַרוֹיס · לְמָשָׁל דִיא תּוֹרָה הָאט גִישְׁרִיבְּן בסכת תשבו שבעת ימים · כל האזרח בישראל ישבו בסכת · למען ידעו דורתיכם כי בסכות הושבתי את בני ישראל בהוציאי אותם מארץ מצרים · שְׁטֵייט אִין דֶעם עֶרְשְׁטְן פָּסוּק צְוַויי מָאל בַּסֻּכֹּת אָן אַוָאו · אוּנ אִין דֶעם אַנְדֶרְן פָּסוּק שְׁטֵייט כי בסכות הושבתי מִיט אַוָאו · וַוייל דִי צְוַויי מָאל בַּסֻּכֹּת וָואס אָן אַוָאו דַארְף מֶען לֵייעֶנֶען דָאס כָּף מִיט אַפַּתַח בְּסֻכַּת אִין לָשׁוֹן יָחִיד אִין אַיין סֻכָּה אִין אַיין צוֹים · אוּנ אִין דֶעם אַנְדֶרְן פָּסוּק שְׁטֵייט בַּסֻּכּוֹת אִין צְוַויי צוֹימֶן · לֶערִינְט דֶר פוּן דִי גְמָרָא אַז דָאס עֶרְשְׁטֶע מָאל בַּסֻּכַּת אָן אַוָאו מֵיינְט סָעְן בֶּעדֶעקוּנְג דָאס אַסֻכָּה מוּז הָאבְּן סְכָךְ בַּדֶעקוּנְג · פוּן אוֹיבִּין דָאס אַנְדֶערֶע מָאל בַּסֻּכַּת אָן אַוָאו מֵיינְט מֶען אַיין צוֹים דָאס אִיז אַיין וַואנְד דָאס דְרִיטֶע מָאל וָואס אִין דֶעם אַנְדֶרְן פָּסוּק שְׁטֵייט בַּסֻּכּוֹת מִיט אַוָאו דָאס אִיז לָשׁוֹן רַבִּים צְוַוייא צוֹימֶן כְּלוֹמַר צְוַויי וֶוענְד · דֶר פוּן אִיז גִידְרוּנְגֶן אַז אַסֻכָּה מוּז הָאבְּן דְרַיי וֶוענְד נִיט וַוייניגֶער · דַארוּיס זֶעהְט מֶען אַז דִי מְסוֹרָה וִויא דִי תּוֹרָה אִיז צוּא אוּנְז אִיבֶּער גִיעֶנְטְפֶערְט גִיוָוארִין מִיט אִירֶע גֶעצֵיילְטֶע אוֹתִיוֹת אִיז אַיין צוֹים צוּ דֶער תּוֹרָה וָואס זִיא לֶערִינְט אוּנְז וִויא מִיר זָאלִין מְקַיֵּים זַיין אִירֶע מִצְוֹת · אוּנ וִויא קֶען מֶען גָאר מֵיינֶען אַז מֶענְשְׁן הָאבְּן אִין אִיר עֶטְוָואס אִיבֶּער גִימַאכְט חָלִילָה · דִי דְרִיטֶע סִבָּה קֶען זַיין אַז דָס גֶעלְד אוּנ דִי רַייכְקַייט זָאל בְּרֵיינְגֶען אַמֶענְשְׁן צוּ זִינְד דֶען עֶר שְׁטָאלְצִירְט אוּנ זָאגְט אִיךְ בִּין דֶר גְרוֹיסֶר בְּרִיָּה דָאס זִילְבֶּער אוּנ דָאס גָאלְד הָאבּ אִיךְ מִיר אַלַיין פֶערְשַׁאפְט אוּנ וֶוער אִיז גְלַייךְ צוּ מִיר · דְרוּם זָאגְט דֶר תַּנָא מעשרות סיג לעשר דָאס מַעֲשֵׂר וָואס אַמֶענְשׁ גִיבְּט פוּן זַיינֶע תְּבוּאָה אוּנ פוּן זַיין גֶעלְד צוּ דִי לְוִיִּם אוּנ צוּא אָרִימֶע לַייט · אִיז דָאס אַצוֹים פַר אַמֶענְשְׁן אַז עֶר זָאל זִיךְ נִיט אִיבֶּער נֶעמֶען מִיט רַייכְקַייט · דֶען מִיט דֶעם וָואס עֶר גִיבְּט מַעֲשֵׂר בֶּעוַויזְט עֶר אַז גָאט ב״ה אִיז דֶער הֶער אִיבֶּער זַיין אֵייגִינְס · אוּנ עֶר אִיז נִישְׁט מֶער וִויא אַיין אַרֶענְדַאר וָואס זִיצְט אוֹיף אַגוּט עֶר צָאלְט אַיין זַיין רַאטֶע אוּנ זִיצְט זִיךְ וַוייטֶר · דִיא פֶערְטֶע סִבָּה קֶען זַיין אַז דִי תַּאֲוֹת הַגּוּף זָאלְן בְּרֵיינְגֶען דֶעם מֶענְשְׁן צוּ זִינְדִיגְן · דֶערוּיף הָאט דֶר תַּנָא אַיין עֵצָה גִיגֶעבִּין אוּנ הָאט גִיזָאגְט נדרים סיג לפרישות דָאס אַיין נֶדֶר וָואס אַמֶענְשׁ נֶעמְט אוֹיף זִיךְ אַז עֶר זָאל זִיךְ אָפְּשֵׁיידְן פוּן אַזוֹא אַזַאךְ וָואס מִן הַתּוֹרָה אִיז דָס מוּתָּר · דָאס אִיז אַצוֹים אִים אָפּ צוּא שֵׁיידְן פוּן אַזַאךְ וָואס אִיז אָסוּר מִן הַתּוֹרָה · וִויא דִי גְמָרָא זָאגְט (ברכות דף ס״ג) רַבִּי מֵאִיר זָאגְט וָוארוּם שְׁטֵייט נָאהֶענְט דִיא פַּרְשָׁה פוּן אַנָזִיר צוּ דִי פַּרְשָׁה פוּן סוֹטָה · אוּם צוּ זָאגִין אַז דֶר וָואס זֶעהְט דִי אִשָּׁה וָואס זִיא הָאט אָפּ גִיקֶערְט פוּן אִיר מַאן אַז זִיא הָאט

אזעלבע

חִבָּה יְתֵרָה נוֹדַעַת לוֹ שֶׁנִּבְרָא בְּצֶלֶם שֶׁנֶּאֱמַר כִּי בְּצֶלֶם אֱלֹהִים עָשָׂה אֶת הָאָדָם: חֲבִיבִין יִשְׂרָאֵל שֶׁנִּקְרְאוּ בָנִים לַמָּקוֹם· חִבָּה יְתֵרָה נוֹדַעַת לָהֶם שֶׁנִּקְרְאוּ

אַזָעלְכֶע בִּזְנוּת · זָאל עֶר אוֹיף זִיךְ נֶעמֶען אַנֶדֶר פוּן נְזִירוּת אַז עֶר זָאל זִיךְ אָפְּשֵׁיידְן פוּן צוּ טְרִינְקֶען וַויין · דִי פִינְפְטֶע סִבָּה וָואס קָען בְּרֵיינְגֶן אַמֶענְשְׁן צוּ זִינְד · אִיז זַיין צוּנְג · וַוייל דוּרְךְ פִיל רֵיידִין · רֶעדְט עֶר אַמָאל גָאר נִיט חִילִינְדִיג לָשׁוֹן הָרָע · רְכִילוּת אוּנ לֵצָנוּת וּכְדוֹמֶה· דְרוּם הָאט דֶר תַּנָא גִיזָאגְט אַיין עֵצָה סיג לחכמה שתיקה· דָס אִיז אַצוֹם צוּ וָועלְטְלִיכֶע קְלוּגְהַייט וָואס אַמֶענְשׁ מֵיינְט צוּא זַיין אַחָכָם מִיט דִיא צוּנְג · אִיז דָאס בֶּעסְטֶע אַז עֶר זָאל שְׁוַויינְגְן: יה הוא היה אומר עֶר פְלֶעגְט זָאגְן חביב אדם שנברא בצלם וִויא גֶעלִיבְּט אִיז אַמֶענְשׁ דָאס עֶר אִיז בֶּעשַׁאפְן גִיוָוארְן מִיט אֵיינֶם גֶעטְלִיכְן בִּילְד · דֶר תּוֹלְדוֹת יְהוֹשֻׁעַ שְׁרַייבְּט אַז אַמֶענְשׁ בֶּעשְׁטֵייט פוּן דְרַייא יְסוֹדוֹת · דֶר עֶרְשְׁטֶער יְסוֹד אִיז זַיין חוֹמֶר · דָאס אִיז דֶער גוּף · דֶער צְוֵויטֶר יְסוֹד אִיז דִי נְשָׁמָה דָאס מֵיינְט מֶען דֶעם שֵׂכֶל מִיט דֶעם פַר שְׁטַאנְד · דֶר דְרִיטֶער יְסוֹד אִיז דִי תּוֹרָה וָואס זִיא וַוייזְט אָן דֶעם שֵׂכֶל פוּן מֶענְטְשִׁין צוּ גֵיין אִין אַגְלַייכֶע וֶועג · אוּנ אִימָר דִינְט דֶר נִידֶרִיגֶר יְסוֹד צוּ דֶעם הֶעכֶרִין פוּן אִים אוּנ דְרוּם הָאט גִימוּטְט דֶער גוּף פוּן אַמֶענְטְשִׁין אוֹיךְ בֶּעשַׁאפִין וֶוערִין מִיט דֶעם גֶעטְלִיכְן בִּילְד · בִּכְדֵי אִין אִים זָאל קֶענֶן רוּהֶן דִי נְשָׁמָה וָואס זִיא אִיז וֶועזֶענְטְלִיךְ דֶער צֶלֶם אֱלֹהִים אוּנ אַיין חֵלֶק אֱלוֹהַּ מִמַּעַל · אוּנ אַזוֹא וִויא דֶר גוּף פוּן אַמֶענְשִׁין הָאט רמ״ח אֵבָרִים וּשס״ה גִידִים אַזוֹ הָאט דִי זֶעלְבִּיגֶע אוֹיךְ דִיא נְשָׁמָה אַנְטְקֶעגִין רמ״ח מִצְוֹת עֲשֵׂה אוּנ שס״ה מִצְוֹת לֹא תַעֲשֶׂה · אוּנ דְרוּם קֶען נִיט זַיין דִי נְשָׁמָה בַּאהֶעפְט מִיט אַגוּף פוּן אַבְּהֵמָה · נָאר דַוְקָא מִיט אַגוּף פוּן אַמֶענְשְׁן וָואס עֶר אִיז אוֹיךְ בֶּעשַׁאפְן גִיוָוארְן מִיט דֶעם צֶלֶם אֱלֹהִים דְרוּם זָאגְט דָא רַבִּי עֲקִיבָא חביב אדם כְּלוֹמַר דֶער גוּף פוּן אַמֶענְשִׁין אִיז לִיבּ אוּנ טְהַייֶער בַּיי גָאט ב״ה אוּנ דֶער טַעַם אִיז. שנברא בצלם וַוייל עֶר אִיז בֶּעשַׁאפְן גִיוָוארְן מִיט דֶעם צֶלֶם אֱלֹהִים חבה יתרה דִיא לִיבְּשַׁאפְט אִיז נָאךְ פִיל מֶערֶער נודעת לו שנברא בצלם וָואס אִים אִיז בֶּעוואוּסְט

גִוָוארְן פוּן דֶר תּוֹרָה אַז עֶר אִיז מִיט דֶעם גֶעטְלִיכְן בִּילְד בֶּעשַׁאפְן גִיוָוארְן שנאמר וַוייל עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק כי בצלם אלהים עשה את האדם (פְרִיעֶר שְׁטֵייט אִין פָּסוּק שופך דם האדם באדם דמו ישפך · דֶר וָואס פַאר גִיסְט דָאס בְּלוּט פוּן אַמֶענְשְׁן · דָאס הֵייסְט אַיין רוֹצֵחַ וָואס עֶר הַרְגֶעט אַמֶענְשְׁן זָאל זַיין בְּלוּט אוֹיךְ נָאר דוּרְךְ מֶענְשְׁן פַרְגָאסְן וֶוערִין · דָאס הֵייסְט מֶענְשְׁן זָאלְן אִים פַרְמִשְׁפָּטְן צוּם טוֹיט אוּנ מֶען זָאל אִים הַרְגֶנֶן · אוּנ דְרוּם אִיז דָאס אַזוֹ וַוייל דֶר רוֹצֵחַ הָאט נִיט חַס גִיהַאט אוֹיף דֶעם גוּף פוּן זַיין חָבֵר) דֶען מִיט דֶעם גֶעטְלִיכְן בִּילְד הָאט גָאט בַּשַׁאפְן דֶעם מֶענְשְׁן אוּנ דֶר רוֹצֵחַ הָט אִים פַר דָארְבְּן · יֶעצְט פַאנְגְט אָן דֶר תַּנָא צוּ רֵיידִין וֶועגְן דִי טַייעֶרְקַייט פוּן דֶער נְשָׁמָה · וָואס צוּא לִיבּ אִיר וֶוערִין מִיר מֶענְשְׁן גִירוּפְן גָאטְס קִינְדֶר אוּנ אַזוֹ זָאגְט עֶר חביבין ישראל שנקראו בנים למקום וִויא לִיבּ אוּנ טַייעֶר אִיז דָאס פָאלְק יִשְׂרָאֵל דָאס זֵיי וֶוערִין אָנְגִירוּפְן קִינְדֶר צוּ גָאט ב״ה אוּנְטֶר דֶעם נָאמֶן יִשְׂרָאֵל זַיינֶן בִּכְלַל יֶעדֶעם פָאלְק וָואס גְלוֹיבְּט אִין אַיין אֵיינְצִיגִין גָאט אוּנ אִין זַיינֶע צֶעהֶען גִיבָּאט וָואס עֶר הָאט נִיגֶעבִּין פוּן הִימְל · אוּנ זַיין הַשְׁגָחָה אַז עֶר פִירְט דִי וָועלְט אוּנ עֶר אִיז אַמַשְׁגִיחַ אוֹיף יֶעדֶער בְּרִיָה · אוּנ עֶר גְלוֹיבְּט אוֹיךְ אִין שָׂכָר וְעוֹנֶשׁ בעוה״ב · אַז מֶען בַּלוֹינְט פַר דִי מִצְוֹת אוּנ מֶען בֶּעשְׁטְרָאפְט פַאר דִיא עֲבֵרוֹת אוֹיף יֶענֶע וָועלְט · אוּנ עֶר גְלוֹיבְּט אוֹיךְ אַז דִיא נְשָׁמָה פוּן אַמֶענְטְשִׁין אִיז אוּנְשְׁטַארְבְּלִיךְ · אַז דֶר גוּף שְׁטַארְבְּט אוּנ דִי נְשָׁמָה שֵׁיידְט זִיךְ אָפּ פוּן דֶעם גוּף אוּנ שְׁטַארְבְּט קַיין מָאל נִיט · נָאר זִיא מוּז גֶעבִּין דִין אוּנ חֶשְׁבּוֹן פַר גָאט ב״ה אוֹיף אַלֶע אִירֶע מַעֲשִׂים וָואס זִיא הָאט גִיטָאן בְּעֵת זִיא הָאט גִילֶעבְּט מִיט דֶעם גוּף אוּנ זִיא וֶוערְט גְלַייטֶערְט בִּיז זִיא וֶוערְט רֵיין פוּן אִירֶע פְלֶעקְן אוּנ דֶער נָאךְ אַז זִיא וַוארְט אָפּ דֶעם גְרוֹיסְן גֶערִיכְט וָואס גָאט וֶועט מִשְׁפָּטִין אַלֶעמֶען בִּכְלַל בְּיוֹם הַדִּין הַגָּדוֹל וְהַנּוֹרָא דֶענְמָאל קוּמְט זִיא צוּ אִיר פָאטֶער חשי״ת אוּנ לֶעבְּט אִין זַיין לִיכְט אוּנ

גלאנץ

בנים למקום שנאמר בנים אתם ליי אלהיכם: חביבין ישראל שנתן להם כלי חמדה· חבה יתרה נודעת להם שנתן להם כלי חמדה שנאמר כי לקח טוב נתתי לכם תורתי אל תעזובו: יט הכל צפוי והרשות נתונה ובטוב העולם נדון

חסדי אבות

גלאנץ מיט אין איביגין פערגניגין· אונ דאס פאלק וואס גלויבט אין די פינף זאכין הייסט בכלל ישראל אונ ווערן גירופין קינדר צו גאט ב"ה· חבה יתרה נאך מער איז גרויס דיא ליבשאפט נודעת להם שנקראו בנים למקום מיט דעם וואס צו זיי איז בעוואוסט פון דר תורה אז זייא ווערן גירופין גאטס קינדר שנאמר וויל דער פסוק זאגט בנים אתם לה' אלהיכם איר זייט קינדר צו גאט אייער הערן· דאס הייסט מצד די נשמה וואס זיא איז גינומן גיווארן צו אייך פון דעם כסא הכבוד פון גאט ב"ה· אונ זיא שטארבט דאך ניט וויא דר גוף שטארבט אפ דרום האט דר זעלביגר פסוק גיזאגט וויטער לא תתגודדו· ווען איינער פון אייערע קרובים שטארבט· זאלט איר אייך ניט רייסין אייער פלייש אונ איר זאלט ניט פליקין פון צער אייערע האר וואס איבר אייערע אויגן מחמת דעם טויטן· דען עס איז דאך נאר גישטארבן דר גוף אבר דיא נשמה לעבט דאך אייביג· יעצט פאנגט אן דר תנא צוא ריידן וועגן דיא טייערקייט פון דעם פאלק מצד דעם גיזעץ וואס גאט האט אים גיגעבן· אונ זאגט חביבין ישראל וויא ליב אונ טהייער איז דאס פאלק ישראל שנתן להם כלי חמדה דאס צוא זייא איז גיגעבן גווארן איינע טהייערע אינסטרומענט· וואס מיט איר קען זיך אמענש פערשאפן אלע גליקן צום גוף אונ צו דר נשמה· דען אן איר איז זיין צלם אלהים אונ אויך זיין נשמה ניט גיאכט· חבה יתרה נאך מער איז גרויס דיא ליבשאפט נודעת להם מיט דעם וואס צוא זיי איז בעוואוסט פון דר תורה שנתן להם כלי חמדה (שבו נברא העולם) דאס צו זיי איז גיגעבן איינע טייערע אינסטרומענט וואס מיט איר איז די וועלט בשאפן גיווארן שנאמר דען אזו זאגט דר פסוק כי לקח טוב נתתי לכם תורתי אל תעזובו דען איינע גוטע בענעמונג האב איך אייך גיגעבן· דאס איז מיין תורה איר זאלט איר ניט פאר לאזין· איינע בענעהמונג הייסט איינע אינסטרומענט וואס איר קענט זיך אונטער נעמען מיט איר פיל וועלטן צו בעשאפן דען איין צדיק בשאפט זיך מיט זיינע תורה ומצות ש"י עולמות· דריי הונדערט מיט צעהן וועלטן: יט הכל צפוי אלעס איז פר גאט ארויס גיזעהען ער וייס וואס דר מענש וועט טאן· גוטס אדר בייז כון דעסט וועגן והרשות נתונה איז די רשות כלומר די בחירה· גיגעבן גיווארן צום מענשן ער זאל גיין אין וועלכן וועג ער וויל· אונ דרום וויל דר מענש האט די בחירה ובטוב העולם נדון ווערט דיא וועלט גערייכטעט מיט רעכט מיט אגוטין משפט· דער חוטא וויל ער האט געזינדיגט מיט זיין ווילן· איז רעכט דאס מען זאל אים בעשטראפן· אונ דער צדיק וויל ער האט גיטאן דיא גוטע מעשים מיט זיין ווילין· איז רעכט אז מען זאל אים באלוינען מיט אגוטן גיצאלט· דער תפארת ישראל זאגט אז דער פשט איז ובטוב העולם נדון דיא וועלט ווערט געמשפט נאר מיט דיא גוטקייט פון גאט ב"ה אפילו דאס וואס די רשעים ווערן בשטראפט איז דאס ניט אום פון זיי ח"ו נקמה צו נעמען· דען עס איז נאר פון זייער טובה וועגין בכדי צוא ריינגין זייא פון זייערע זינד אז זיי זאלין ענדליך גענעסין דאס ליכט פון דעם אייביגין לעבין· והכל לפי רוב המעשה אונ אלעס ווערט גיצאלט נאך די גרויסקייט פון די האנדלונג· כלומר דר שכר אונ די שטראף בצאלט הש"י נאך דעם אופן אונ נאך דר מחשבה וואס דר מענטש האט גיהאט בעת ער האט גיטאן די מצוה אדער דיא עבירה· למשל אז אקארגער מענטש גיבט צדקה איז ער מקבל פון הש"י אגרעסערן שכר פון דעם נדבן· וויל ער האט עס גיטאן איבר זיין טבע· אונ אזו איז אויך נאך די מחשבה וואס ער האט בשעת מעשה· למשל איינר גיט צדקה פון לייטינס וועגן אז לייט זאלין אים רימען פאר אבעל צדקה אונ איינר גיט צדקה פון לשם שמים· פון גאטס וועגן· גיט מען מער שכר צוא דעם וואס ער

האט

וְהַכֹּל לְפִי רוֹב הַמַּעֲשֶׂה: כ הוּא הָיָה אוֹמֵר הַכֹּל נָתוּן בְּעֵרָבוֹן וּמְצוּדָה פְּרוּסָה עַל כָּל הַחַיִּים הֶחָנוּת פְּתוּחָה וְהַחֶנְוָנִי מַקִּיף וְהַפִּנְקָס פָּתוּחַ וְהַיָּד כּוֹתֶבֶת וְכָל הָרוֹצֶה לִלְווֹת יָבֹא וְיִלְוֶה וְהַגַּבָּאִים מַחֲזִירִין תָּדִיר בְּכָל יוֹם וְנִפְרָעִין מִן הָאָדָם מִדַּעְתּוֹ וְשֶׁלֹּא מִדַּעְתּוֹ וְיֵשׁ לָהֶם עַל מַה שֶׁיִּסְמוֹכוּ וְהַדִּין דִּין אֱמֶת וְהַכֹּל מְתֻקָּן

חסדי אבות

הָאט עֶס גִיטָאן פוּן גָאטְס וֶועגְן · אוּנ אַזוֹ אִיז אוֹיךְ נָאךְ דֶעם מַעֲמַד פוּן אַמֶענְטְשְׁין כְּדוֹמֶה אַגְרוֹיסֶר עָשִׁיר הָאט זֵייעֶר פִיל צְדָקָה גֶגֶעבְּן · אָבֶּער נִיט וֶועדְלִיג דֶעם שִׁיעוּר פוּן זַיין רַייכְקַייט · דֶען נָאךְ זַיינֶע עֲשִׁירוּת נָאךְ · הָאט עֶר בֶּעדַארְפְט מֶערֶער צוּא גֶעבִּין · וֶוערְט עֶר פַר דֶעם בֶּעשְׁטְרָאפְט · וִויא דִיא גְמָרָא זָאגְט אִין כְּתוּבוֹת (דף ס"ז ע"ב) · אוּנ אַיין אַנְדֶערֶער הָאט גִיגֶעבִּין צוּא אַיין אָרִימַאן נָאר אוֹיף אֵיין פוּנְט בְּרוֹיט אִין דֶר צַייט וֶוען אִים אִיז אַנוֹיט אִיז עֶר פַר דֶעם מְקַבֵּל שָׂכָר · אוּנ דָאס וֶוערְט נָאר גִיוואוּנְן דוּרְךְ הַשׁ"י אַלֵיין · וַוייל אוֹיסֶער גָאט ב"ה קֶען עֶס אַיין אַנְדֶערֶער נִיט וִויסְן:
כ הוא היה אומר דֶר זֶעלְבִּיגֶר רַבִּי עֲקִיבָא פְלֶעגְט זָאגְן הכל נתון בערבון אַלֶע גֶעלוּסְטִיקַייטְן אוּנ נַייטְהִיגֶע זַאכִין וָואס אוֹיף דֶר וֶועלְט אִיז צוּם מֶענְשְׁן גִיגֶעבְּן גְוָוארְן אוֹיף אַמַשְׁכּוֹן · דָאס אִיז דִי נְשָׁמָה וָואס זִיא אִיז אַמַשְׁכּוֹן אִין דֶר הַאנְד פוּן גָאט ב"ה וִויא דֶר פָּסוּק זָאגְט אשר בידו נפש כל חי ורוח כל בשר איש אִין זַיין הַאנְד אִיז דָאס לֶעבְּן פוּן אַלֶע לֶעבֶּדִיגֶע · אוּנ דֶר אָטֶהֶם פוּן אַלֶע מֶענְטְשְׁלִיכֶע לַייבֶּר · ומצודה פרוסה על כל החיים אוּנ דִי הַאֲוֹת פוּן עוֹלָם הַזֶה אִיז אַנֶעץ פַר שְׁפְּרֵייט אוֹיף אַלֶע לֶעבֶּדִיגֶע לַייט וָואס זַיי קֶענֶען דֶערִין זֵייעֶר גְרִינְג-גֶעפַאנְגֶען וֶוערְן · החנות פתוחה דִי קְרָאם אִיז אָפְן · דִי וֶועלְט מִיט אִידְרֶע תַּאֲוֹת זַיינֶען פְרַייא פַר דִי מֶענְשְׁן · והחנוני מקיף אוּנ דֶער קְרֶעמֶר · דָאס אִיז הַשׁ"י עֶר בָּארְגְט · כְּלוֹמַר עֶר לָאזְט יֶעדְרְן נֶעמֶן פוּן דֶער קְרָאם וָואס עֶר וִויל · אִים אִיז קַיין זַאךְ פוּן דִי תַּאֲוֹת עוה"ז נִיט גִיוֶועהְרְט · והפנקס פתוח דֶר רֵייסְטֶר אָבֶּער אִיז אָפֶען · דָאס אִיז אַמָשָׁל אוֹיף דֶעם סֵפֶר הַשָּׁמַיִם דִי הִימְלֶן זַיינֶן גְלִיכְן צוּ אַיינֶעם אָפִינֶעם בּוּךְ · וַוייל אִין זַיי וֶוערְט פֶערְצַייכִינְט אַלֶע מַעֲשִׂים וָואס אַמֶענְשׁ מְהוּט וִויא דֶר תַּנָא הָאט אוֹיבְּן גְזָאגְט דע מה למעלה ממך · דוּא זָאלְסְט וִויסְן דָאס אַלֶס וָואס אוֹיבְּן

אִין הִימְל פֶערְצַייכִינְט · אִיז פוּן דִיר · וִויא דוּ פִירְסְט זִיךְ אוֹיף אִין דִיזֶער וֶועלְט וֶוערְט בַּאלְד אַרוֹשָׁם אִין הִימְל · והיד כותבת אוּנ דִי זֶעלְבִּיגֶע הַאנְט וָואשׂ טוּט דִי מַעֲשִׂים · זִיא פֶערְשְׁרַייבְּט אַלֵיין וָואס זִיא נֶעמְט אָן אִין דֶער וֶועלְט · וכל הרוצה ללות אוּנ יֶעדֶער וָואס וִויל לַייעֶן יבא וילוה זָאל קוּמֶען אוּנ לַייעֶן · כְּלוֹמַר וֶוער עֶס וִויל פוּן דִי תַּעֲנוּגֵי עוה"ז הַנָאָה הָאבְּן דֶר זָאל קוּמֶן אוּנ זָאל זִיךְ הָאבְּן הַנָאָה · אָבֶר והגבאים מחזירין תדיר בכל יום דִיא מָאנֶער גֵייעֶן אוּם שְׁטֶענְדִיג אַלֶע טָאג ונפרעין מן האדם אוּנ מָאנֶען אַיין דִי חוֹבוֹת פוּן מֶענְשְׁן דָאס זַיינֶען דִי אוּנ גְלִיקִין מִיט דִיא יְסוּרִים וָואס גֵייעֶן אַלֶע טֶעג אוּם אִין דֶר וֶועלְט אוּנ פְּלָאגְן דִי מֶענְטְשְׁן · אוּנ דֶעם אוּנְגְלִיק בִּכְלַל רוּפְט אָן דֶר פָּסוּק מִיט דֶעם נָאמֶען שָׂטָן וָואס גָאט הָאט אִים גְפְרֶעגְט אִין דִי צַייטְן פוּן אִיוֹב אי מזה תבוא פוּן וַואנֶען קוּמְסְט דוּ · הָאט דָאס אוּנְגְלִיק גֶעעֶנְטְפֶערְט משוט בארץ ומתהלך בה · פוּן אוּמְשְׁוֶועבְּן אִין דֶר וֶועלְט אוּנ פוּן מַיין אוּמְגַאנְג אִין אִיר · דֶען דָאס אוּנְגְלִיק גֵייט אוּם אִין דִיא וֶועלְט טָאג טֶעגְלִיךְ אוּנ פַאקְט יֶעדֶען מֶענְשִׁין מדעתו סַאי דֶער מֶענְשׁ וֵוייס אַז עֶר הָאט גֶעזִינְדִיגְט אוּנ בֶּעקֶענְט זַיין זִינְד פַאר גָאט אוּנ עֶר גִיט גָאט גְרֶעכְט · ושלא מדעתו אוּנ סַאי עֶר וֵוייס נִיט אַז עֶר אִיז זִינְדִיג אוּנ עֶר אִיז מִתְרַעֵם אוֹיף הַשׁ"י דֶען עֶר מֵיינְט אַז עֶר שְׁטְרָאפְט אִים אוּמְזִיסְט · אוּנ פִילַייכְט וֶועט מֶען פְרֶעגְן וִויא בַּאלְד אַז דֶר בֶּשְׁטְרָאפְטֶר מֶענְשׁ וַוייס נִיט אַז עֶר אִיז זִינְדִיג אוּנ עֶר אִיז נָאךְ מִתְרַעֵם אוֹיף הַשׁ"י · אִם כֵּן וָואס הֶעלְפְן דִיא מָאנֶער וָואס מָאנֶען פוּן אִים זַיינֶע חוֹבוֹת · אַז עֶר מֵיינְט בַּיי זִיךְ אַז עֶר אִיז גָאר נִישְׁט שׁוּלְדִיג · כְּלוֹמַר וָואס הֶעלְפִין דִיא יְסוּרִים אַז דֶר מֶענְשׁ הַאלְט אַז עֶר אִיז דָאס נִיט וֶוערְט · דְרוּם זָאגְט דֶר תַּנָא ויש להם על מה שיסמוכו דִי גַבָּאִים · דִי מָאנֶר דָאס מֵיינְט מֶען דִי יְסוּרִים הָאבְּן זִיךְ צוּא פֶערְלָאזִין אוֹיף דֶעם

ווארט

לִסְעוּדָה׃ כא רַבִּי אֶלְעָזָר בֶּן עֲזַרְיָה אוֹמֵר אִם אֵין תּוֹרָה אֵין דֶּרֶךְ אֶרֶץ אִם אֵין דֶּרֶךְ אֶרֶץ אֵין תּוֹרָה אִם אֵין חָכְמָה אֵין יִרְאָה אִם אֵין יִרְאָה אֵין חָכְמָה אִם אֵין דַּעַת אֵין בִּינָה אִם אֵין בִּינָה אֵין דַּעַת אִם אֵין קֶמַח אֵין תּוֹרָה אִם אֵין תּוֹרָה אֵין

חסדי אבות

וָוארְט מה אַז דֶער מֶענְשׁ װעט זִיךְ בֶּעטְרַאכְטִין עֶנְדְלִיךְ דָאס עֶס אִיז נִיט מֶעגְלִיךְ אַז עֶר זָאל זַיין מֶעהְר גֶרֶעכְט אַלְס גָאט זַיין בַּשֶׁעפֶער אוּנ וִויא קֶען זַיין אַמֶענְשׁ רַיין פוּן זִינְד׳ מה אנוש כי יזכה וכי יצדק ילוד אשה׳ וָואס אִיז אַמֶענְשׁ אַז עֶר זָאל זַיין רַיין אוּנ וִויא קֶען זַיין גִירֶעכְט אַזֶעלְכֶר וָואס אִיז גִבָּארְן גְוָוארְן פוּן אַאִשָּׁה וָואס זִיא אִיז בְּעֵת לֵדָה טְמֵאָה׳ אוֹיף דֶעם וָוארְט מה אנוש כי יזכה פַארְלָאזִין זַיי זִיךְ׳ אַז דֶער מֶענְטְשׁ וָועט עֶנְדְלִיךְ זַיינֶע זִינְד בֶּעקֶענֶן אוּנ עֶר וֶועט זִיךְ צוּ גָאט זַיין בַּשֶׁעפֶר בֶּעקֶערְן׳ אוּנ עֶר וֶועט אִים עֶרְבַּארִימֶן אוּנ זַיינֶע זִינְד פֶערְגֶעבְּן׳ והדין דין אמת אוּנ דֶער דִין אִיז אֱמֶת וַוייל דֶער דַיָּין הַשֵׁ״י וָואס עֶר מִשְׁפָּט דֶעם מֶענְשְׁן נֶעמְט קַיין שֹׁחַד אוּנ עֶר טוּט קַיין אוּנְרֶעכְט והכל מתקן לסעודה אוּנ צוּ דֶער סְעוּדָה מוּז אַלֶעס וָוערְן פַארְטִיג זַיין׳ כְּלוֹמַר צוּ דֶעם צִיל אוֹיף וָואס דִי וֶועלְט אִיז בַּשַׁאפְן גְוָוארְן דַארְף אַלֶעס וָוערְן פֶערִיכְט אוּנ פֶערְבֶּעסֶערְט דֶענְמָאל וָועט גָאט ב״ה זַיין גִיעֶרְט אוֹיף דֶער וֶועלְט אוּנ עֶר וָועט זִיךְ פְרַייעֶן מִיט אַלֶע זַיינֶע וֶוערְק וָואס עֶר הָאט בֶּעשַׁאפְן אַזוֹ וִויא אַיין בַּעַל שִׂמְחָה וָואס עֶר מַאכְט אַיין סְעוּדָה אוּנ עֶר פְרֵייט זִיךְ מִיט זַיינֶע גֶעסְט וִויא דֶער פָּסוּק זָאגְט יהי כבוד ה׳ לעולם ישמח ה׳ במעשיו׳ אַז דֶער כְּבוֹד פוּן גָאט וָועט זַיין אִין דֶער וֶועלְט דָאס מֵיינְט מֶען לֶעָתִיד לָבוֹא אַז דִיא מֵתִים וָועלְן וִוידֶער לֶעבְּדִיג וָוערְן דֶענְמָאל וָועט זִיךְ הַשֵׁי״ת פְרֵייעֶן מִיט זַיינֶע וֶוערְק וָואס זֵייא וָועלְן אֵייבִּיג לֶעבְּן׳ אוּנ דָאס אִיז דִיא סְעוּדָה וָואס אַלֶע וֶועלְן צוּ אִיר זוֹכֶה זַיין׃ כא רבי אלעזר בן עזריה אומר רַבִּי אֶלְעָזָר בֶּן עֲזַרְיָה זָאגְט אם אין תורה אין דרך ארץ וָוען אוּנְטָער דִי לַייטְן אִיז קַיין תּוֹרָה דָא׳ דָאס הַייסְט דִי לַייט וָועלְבֶע הַאלְטְן נִיט פוּן דִיא מִצְוֹת וָואס דִיא תּוֹרָה הָאט מְחַיֵּיב גְוֶועזְן דִי מֶענְשְׁן צוּ גָאט ב״ה וִויא מִצְוַת מִילָה׳ שבת יום טוב אוּנ בִּרְכַּת הַמָּזוֹן דִיזֶע לַייט הַאלְטְן גֶעוִויס אוֹיךְ נִיט פוּן דֶרֶךְ אֶרֶץ׳ פוּן דִי גֶזֶעץ וָואס גֶהֶער צוּ מֶענְשְׁן דֶען עֶר קֶען זַיין צוּ גְלַייךְ

אַיין גַנָב אַיין נוֹאֵף אוּנ אַייִין רוֹצֵחַ׳ אם אין דרך ארץ אין תורה אוּנ אַזֶעלְכֶע לַייט וָואס הַאלְטְן נִיט דִי גֶזֶעץ וָואס גֶהֶער צוּ מֶענְשְׁן דְהַיינוּ דִי לַייט וָואס זַיינֶען בֶּעטְרִיגֶר לִיגֶער גַנָבִים אוּנ רוֹצְחִים׳ חָאטְשִׁי אִין דִי גֶזֶעץ וָואס גֶהֶער צוּ גָאט וַוייזִין זֵייא זִיךְ פְרוּם׳ דָאךְ פַארְשְׁטֵייט מֶען אַז אִין הֶערְצְן הַאלְטְן זֵיי אוֹיךְ נִיט פוּן דִי מִצְוֹת וָואס דִי תּוֹרָה הָאט מְחַיֵּיב גְוֶועזְן דִי מֶענְשְׁן צוּ גָאט ב״ה׳ אם אין חכמה אַז עֶס אִיז נִיט דָא בַּיי אַיין מֶענְשְׁן חָכְמָה׳ דָאס הַייסְט אַז אַמֶענְשׁ אִיז נִיט גְלֶערִינְט אין יראה קֶען עֶר נִיט הָאבְּן פָארְכְט פַר גָאט׳ דֶען עֶר הָאט נִיט גְלֶערִינְט זַיין תּוֹרָה וַוייס עֶר נִיט וִויא אַזוֹ מֶען זָאל פַר אִים מוֹרָא הָאבְּן אוּנ טָאן זַיינֶע מִצְוֹת׳ אוּנ פַר קֶערְט אוֹיךְ אם אין יראה אַז עֶר הָאט קַיין פָארְכְט פַר גָאט ב״ה׳ חָאטְשִׁי מֶען זֶעהְט אַז עֶר לֶערִינְט אָבֶּר אַז עֶר אִיז נִיט מְקַיֵּים דָס וָואס עֶר לֶערִינְט אִיז אַסִימְן אַז אין חכמה דָאס עֶר אִיז נִיט גוּט גְלֶערִינְט אִין דֶר תּוֹרָה וַוייל עֶר הָאט עֶס נִיט גְלֶערִינְט לְשֵׁם שָׁמַיִם׳ נָאר פוּן לַייטִינְס וֶועגְן׳ אם אין דעת וֶוען עֶס אִיז קַיין וִויסֶענְשַׁאפְט׳ אין בינה אִיז אוֹיךְ קַיין פֶערְשְׁטַאנְד׳ לְמָשָׁל וֶוען אַמֶענְשׁ וַוייס נִיט פוּן רֶעכֶענֶען׳ קֶען עֶר אוֹיךְ נִיט וִויסְן פוּן דִי מַאטְהֶעמַאטִיקַא׳ אם אין בינה אַז עֶר הֶאט קַיין פַרְשְׁטַאנְד׳ אין דעת הָאט עֶר גֶעוִויס אוֹיךְ קַיין וִויסֶענְשַׁאפְט אם אין קמח וֶוען עֶס אִיז קַיין מֶעהְל כְּלוֹמַר אַז עֶס אִיז נִיט דָא וָואס צוּ עֶסִין אין תורה קֶען מֶען אוֹיךְ קַיין תּוֹרָה לֶערְנֶען׳ אם אין תורה׳ אוּנ וָוען מֶען לֶערִינְט נִיט דִי תּוֹרָה׳ אין קמח גִיט גָאט קַיין שְׁפַּייז זַיין לֶעבֶּען צוּא דֶער הַאלְטִין׳ אָבֶּר דָא אִיז אַקַשְׁיָא פַאר וָואס הָאט זִיךְ דָא דֶר תַּנָּא אוֹיס גֶעדְרִיקְט מִיט דֶעם לָשׁוֹן אֵין קֶמַח עֶס אִיז קַיין מֶעהְל׳ אוּנ נִיט מִיט דֶעם לָשׁוֹן אין לחם קַיין בְּרוֹיט׳ אָדֶר אֵין מזון עֶס אִיז קַיין שְׁפַּייז׳ נָאר פוּן דֶעם לָשׁוֹן אֵין קֶמַח אִיז אַיין בֶּעוַוייז אַז דֶער תַּנָּא הָאט עֶס גְזָאגְט גָאר אִין אַיין אַנְדֶערְן זִין׳ אוּנ אַזוֹ אִיז זַיין כַּוָּנָה אם אין קמח וֶוען אַיין תַּלְמִיד חָכָם קֶען

איין

קמח: כב הוא היה אומר כל שחכמתו מרבה ממעשיו למה הוא דומה לאילן שענפיו מרבין ושרשיו מועטין והרוח באה ועוקרתו והופכתו על פניו שנאמר והיה כערער בערבה ולא יראה כי יבא טוב ושכן חררים במדבר ארץ מלחת

איין ענין פון דר תורה ניט צו מאלן דין אויף מעל אונ ארויס זיפן גוט אלע זאבן וואס געהערן צו דעם ענין פון הלכות וויא די חכמים האבן גזאגט אויף רבי עקיבא עוקר הרים וטוחנן זו בזו ער פלעגט רייסין בערג אונ צו מאלן זיי מיט איין אנדער כלומר שווערע הלכות אונ קשיות פלעגט ער צו רייסין אונ צו מאלן מיט זיינעם שארפן שכל · אדר וויא זיי האבין גזאגט אויף דיא משנה פון רבי אליעזר בן יעקב אז זיא איז קב ונקי דאס הייסט פון פיל ענינים פלעגט ער ארויס ברייגגן נאר איין קליינע מאס אבר ריין וויא זעמיל מעהל · אזו זאגט דא אויך דר תנא ווען איין תלמיד חכם האט ניט בכח צו מאלען דיא שווערע קשיות וואס מען פרעגט אין דר תורה · אזו וויא מעל · אין תורה הייסט עס גאר ניט גילערינט · אם אין תורה אויב ער האט קיין תורה געלערינט דאס הייסט וואו אמענש איז ניט קלאר אין ש"ס בבלי אונ ירושלמי אונ מדרשים אונ הלכות אונ אגדות · אין קמח דער האט ניט בכח צו מאלן די שווערע ענינים אויף מעל אונ מען קען פון אים איינע ריינע הלכה ניט גענימן: כב הוא היה אומר דר זעלביגר רבי אלעזר בן עזריה פלעגט זאגן כל שחכמתו מרובה ממעשיו דר וואס זיין חכמה איז איבר טריבן זיינע מעשים טובים · כלומר דער וואס וויל מיט זיין חכמה דר קלערן איין טעם צוא דיא מעשה המצות וואס ער דארף זייא טאן מצד זיי זיינן אין דר תורה איין חוק דאס הייסט איין גזעץ וואס דר שכל פון מענשן בענעמט עס ניט · למה הוא דומה צוא וואס איז ער גלייך לאילן צוא איין בוים שענפיו מרובין וואס זיינע צווייגן זיינן פיל ושרשיו מועטין אונ זיינע ווארצלן זיינען ווייניג והרוח באה ועוקרתו אונ דער ווינט קומט אונ רייסט אים אויס והופכתו על פניו אונ קערט אים אום אויף זיין פנים · די תורה פר גלייכט דעם מענשען צו איין בוים · אונ דיא חכמה איז צו אים אציררונג אזו וויא די צווייגן זיינען אצירונג צו דעם בוים · אונ דאס היטן צו טאן די מצות פון דר תורה · דאס איז די ווארצלען פון דעם קלוגין בוים (פון מענשין) · אונ ווען דער מענש איז מעהער קליגער אלס פרימער · כלומר זיינע חכמות זיינן מעהער וויא די מעשה המצות · איז ער גלייך צו אזוי אבוים וואס ער טרייבט אן אלע זיינע קרעפטן נאר אין די צווייגן · אונ זיינע ווארצלן זיינען דין אונ מאגר אונ זיינען אויך זייער ווייניג · אונ די פיל דיקע צווייגן מיט די ביסיל מאגרע ווארצלן · די ביידע זיינען אסבה אז דער בוים זאל געשווינד אויס געריסין ווערן ווייל זיינע פיל שווערע צווייגן וועגן אים איבר מיט זיינע ווייניגע דארע ווארצלן · דאס זעלביגע איז אויך אזו אמענש וואס מעהר ער קלערט · מיט די צווייגן פון זיינע חכמות · אין דיא גיזעץ פון גאט וואס זייערע טעמים זיינען פערבארגען · ווערן ביי אים אלס ווייניגר אונ שלאפער דיא ווארצלן פון גאטס פארכט אין זיין הערצן · אונ דיא ביידע זאכן זיינען אסבה צו זיין פאלן וויא נאר דער ווינט פון אפיקורסות וועט אים אן גרייפין · דענמאל ווערט ער אין גאנצין אויס געריסן פון זיין אייביגין גליק · שנאמר דען אזו זאגט דער פסוק והיה ער וועט זיין כערער וויא איין איינציגר בוים בערבה אין איינעם גלייכין פלאץ · ולא יראה כי יבא טוב אונ ער וועט ניט זעהן אז עס וועט קומען גוטץ ושכן חררים במדבר אונ ער וועט רוהען גלייך מיט אלע טרוקענע דערנר אין דער וויסטע · ארץ מלחה ולא תשב אין איין געזאלצענעם לאנד וואס איז ניט בעוואוהנט פון מענשין · דען פריער פר דעם שטייט אפסוק · כה אמר ה' אזו האט גיזאגט גאט ב"ה ארור הגבר אשר יבטח באדם ושם בשר זרועו ומן ה' יסור לבו דעם פשט פון דיזען פסוק מיינט דר תנא אזו צו זאגין · פערפלוכט איז דער מענש וועלכר פערזיכערט זיך אויף דיא מענשליכע קראפט אונ אויף מענשליכען פאר שטאנד · אדער דער וואס טרייבט אן זיינע קרעפטן אין די פערגניגן פון זיין לייב (דער

וְלֹא תֵשֵׁב · אֲבָל כֹּל שֶׁמַּעֲשָׂיו מְרֻבִּין מֵחָכְמָתוֹ לְמָה הוּא דוֹמֶה לְאִילָן שֶׁעֲנָפָיו מוּעָטִין וְשָׁרָשָׁיו מְרֻבִּין שֶׁאֲפִילוּ כָּל הָרוּחוֹת שֶׁבָּעוֹלָם בָּאוֹת וְנוֹשְׁבוֹת בּוֹ אֵין מְזִיזִין אוֹתוֹ מִמְּקוֹמוֹ שֶׁנֶּאֱמַר וְהָיָה כְּעֵץ שָׁתוּל עַל מַיִם וְעַל יוּבַל יְשַׁלַּח

חסדי אבות

וָואס אִיז אִיבֶּר גֶעגֶעבְּן צוּ דִי תַּאֲוֹת הַגּוּף)· אוּנ אִיבֶּער דִיזֶע צְווייא זַאכִין קֶעהֶרְט אָפּ זַיין הֶערְץ פוּן גָאט · והיה כערער בערבה דִיזֶער מֶענְש וֶועט זַיין וִויא אַיין אֵיינְצִיגֶר בּוֹים וָואס שְׁטֵייט אִין אַגְלַייכְן פְּלַאץ · וָואס דָארְטְן אִיז גְוַויינְלִיךְ קַיין שׁוּם וַואסֶער קְוֶועלֶע · אוּנ דְרוּם אִיז זַיין גְרוּנְד זֵייעֶר טְרוּקִין · אוּנ אִין אֵיינֶע טְרוּקֶענֶע עֶרְד זַיינֶען מְמֵילָא זַיינֶע וָוארְצְלֶען נִיט פִיל אוּנ נִיט אַיין גֶפֶּעסְטִיגְט אִין דִי עֶרְד · אוּנ וַוייל דֶר בּוֹים שְׁטֵייט גַאנְץ אַלַיין אוּנ עֶר הָאט אַרוּם זִיךְ קֵיינֶע אַנְדֶערֶע בּוֹימֶער וֶועלְכֶע זָאלְן אִים שִׁיצְן פוּן וִוינְט · דְרוּם קֶענֶן אִים דִי וִוינְטְן זֵייעֶר גְרִינְג אוּנ גֶעשְׁוִוינְד אוֹיס רַייסֶן · ולא יראה כי יבא טוב כְּלוֹמֶר עֶר וֶועט נִיט זֶעהְן דֶעם גוּטֶען שְׂכַר וָואס אִים דַארְף קוּמֶען פַאר זַיינֶע מִצְוֹת וָואס עֶר הָאט פְרִיעֶר גְטָאן · ושכן חררים במדבר עֶר וֶועט רוּהֶן גְלַייךְ וִויא אַלֶע טְרוּקִינֶע הֶעלְצֶר אִין דֶר מִדְבָּר וַוייל זַיינֶע וָוארְצְלֶן זַיינֶען אוֹיס גֶעריסֶן · ארץ מלחה ולא תשב עֶר זָאגְט אַטַעַם · דְרוּם אִיז עֶר אוֹיסְגֶערִיסֶן גְוָוארן וַוייל עֶר אִיז גְשְׁטַאנֶען אִין אַיין גְזַאלְצִינֶעם לַאנְד וָואס דָאס אִיז קַיין זִיצְן אוּנ קַיין לֶעבְּן פַר זַיינֶע וָוארְצְלִין אבל כל שמעשיו מרובין מחכמתו אָבֶּער דֶר וָואס זַיינֶע מַעֲשֶׂה הַמִּצְוֹת זַיינֶען בַּיי אִים מֶער גְאַכְט וִויא זַיין חָכְמָה · דֶען עֶר טוּט דִי מִצְוֹת פוּן דֶר תּוֹרָה חָאטְשִׁי עֶר פַארְשְׁטֵייט נִיט זֵייעֶר טַעַם · למה הוא דומה צוּ וָואס אִיז עֶר גְלַייךְ לאילן צוּ אַזוֹ אַיין בּוֹים שענפיו מועטין ושרשיו מרובין וָואס זַיינֶע צְוַויִיגִין זַיינֶען וֵוייניג אוּנ זַיינֶע וָוארְצְלֶען זַיינֶען פִיל שאפילו כל הרוחות שבעולם באות ונושבות בו וָואס אֲפִילוּ אַלֶע וִוינְדְען וָואס אִין דֶר וֶועלְט וִויא דָאס קְלִיגֶן זִיךְ אַנְקֶעגְן גָאטְס גְבָּאט · דִי תַּאֲוָה · דִי גַאֲוָה אוּנ דִי לִיבְּשַׁאפְט צוּ גֶעלְט · אֲפִילוּ דִיזֶע שְׁטוּרְמִים וִוינְדְן זָאלֶען קוּמֶען אוּנ בְּלָאזְן אוֹיף אִים · אין מזיזין אותו ממקומו וֶועלְן זַיי אִים נִיט רִירֶען פוּן זַיין אָרְט · כְּלוֹמֶר זֵייא וֶועלְן נִיט אָפּ קֶערְן זַיין הֶערְץ אַז עֶר זָאל עוֹבֵר זַיין אוֹיף דִי גֶעבָּאט פוּן הַשֵּׁ״י · שנאמר דֶען אַזוֹ

שְׁטֵייט אִין פְּסוּק והיה כעץ שתול על מים עֶר וֶועט גְלַייךְ זַיין וִויא אַיין בּוֹים וֶועלְכֶר אִיז גֶעפְּלַאנְצְט בַּיין וַואסֶער · ועל יובל ישלח שרשיו אוּנ בַּיי אֵיינֶער קְוֶועלֶע צוּא שִׁיקְט עֶר זַיינֶע וָוארְצְלִין · ולא יראה כי יבא חם · אוּנ עֶר וֶועט נִיט זֶעהֶן אַז עֶס וֶועט קוּמֶען הִיץ · והיה עלהו רענן · אוּנ זַיין בְּלַאט וֶועט אִימֶער זַיין גְרִין · ובשנת בצרת לא ידאג אוּנ אִין אַיין יָאר וָואס רֶעגְן אִיז גֶעמִינֶערְט וֶועט עֶר נִיט זָארְגְן · ולא ימיש מעשות פרי אוּנ עֶר וֶועט נִיט אוֹיפְהֶערִין פוּן צוּא מַאכִין פְרוּכְט דֶער תַּנָּא בֶּעצִיט דִיזֶע פְּסוּקִים אוֹיף דֶעם פָּסוּק וָואס פַאר זַיי שְׁטֵייט ברוך הגבר אשר יבטח בה׳ והיה ה׳ מבטחו אוּנ מֵיינְט צוּ זָאגְן אַזוֹ דֶעם פְּשַׁט · גְבֶּענְטְשְׁט אִיז דֶער הֶעלְד וָואס בַּצְווינְגְט זַיין יֵצֶר הָרָע אוּנ אִין דִי מִצְוֹת פוּן דֶער תּוֹרָה גֵייט עֶר נִיט נָאךְ זַיין שֵׂכֶל · נָאר עֶר פֶערְטְרוֹיט אִין גָאט אוּנ אִיז זִיכֶער אַז צוּ דֶער טוֹבָה פוּן דֶעם מֶענְשְׁן הָאט עֶס גָאט גְבָּאטֶען צוּ טָאן דִי מִצְוֹת · אוּנ דְרוּם אִיז עֶר זֵיי מְקַיֵּים חָאטְשִׁי עֶר פַארְשְׁטֵייט נִיט דֶעם טַעַם פוּן דִיא מִצְוֹת · והיה ה׳ מבטחו אוּנ דְרוּם וֶועט גָאט זַיין פֶעסְטוּנְג זַיין · אוּנ עֶר וֶועט אִים בַּשִׁיצֶן פוּן דִי שְׁטוּרֶעם וִוינְדְן וָואס דֶר יצה״ר וֶועט אוֹיף אִים שְׁטוּרִימֶען · והיה כעץ שתול על מים עֶר וֶועט זַיין וִויא אַיין בּוֹים אַיין גְפְלַאנְצְט אוֹיף דִיא וַואסֶר פוּן דֶר תּוֹרָה · אוּנ בַּיי דִי זֶעלְבִּיגֶע קְוֶועלֶע פוּן דֶר תּוֹרָה וֶועט עֶר שִׁיקְן זַיינֶע וָוארְצְלֶן · כְּלוֹמֶר זַיינֶע מַעֲשִׂים וָואס עֶר וֶועט טָאן דִי מִצְוֹת וֶועלְן זַיין רִיכְטִיג וִויא דִי תּוֹרָה שְׁרַייבְּט · ולא יראה כי יבא חם עֶר וֶועט גָאר נִיט אַכְטְן דִי הִיץ פוּן דִי תַּאֲוֹת וָואס דֶר יֵצֶר הָרָע וֶועט אִים דוּרְךְ זֵיי וֶועלְן בְּרֶענֶען · דֶען אִיבֶּר זַיינֶע לִיבְּשַׁאפְט צוּ גָאט ב״ה וֶועט עֶס אִים נִיט שַׁאטְן · והיה עלהו רענן זַיין בְּלַאט וֶועט אִימֶער זַיין גְרִין כְּלוֹמֶר זַיין מֶענְשְׁלִיכֶר שֵׂכֶל · וָואס עֶר אִיז פֶערְגְלִיכֶען צוּא דֶעם בְּלַאט וָואס פֶערְהִיט אִין בּוֹים דִיא פְרוּכְט · וֶועט עֶר אוֹיךְ בֶּענוּצְן נָאר צוּ הִיטְן דִי פְרוּכְט פוּן דִי מִצְוֹת ·

דען

שָׁרָשָׁיו וְלֹא יִרְאֶה כִּי יָבֹא חוֹם וְהָיָה עָלֵהוּ רַעֲנָן וּבִשְׁנַת בַּצֹּרֶת לֹא יִדְאָג וְלֹא יָמִישׁ מֵעֲשׂוֹת פֶּרִי: כג רַבִּי אֱלִעָזָר (בֶּן) חִסְמָא אוֹמֵר קִנִּין וּפִתְחֵי נִדָּה הֵן הֵן גּוּפֵי הֲלָכוֹת תְּקוּפוֹת וְגִימַטְרִיָּאוֹת פַּרְפְּרָאוֹת לַחָכְמָה: רבי חנניא וכו׳

פרק רביעי

כל ישראל וכו׳

א בֶּן זוֹמָא אוֹמֵר אֵיזֶהוּ חָכָם הַלּוֹמֵד מִכָּל אָדָם שֶׁנֶּאֱמַר מִכָּל מְלַמְּדַי הִשְׂכַּלְתִּי

דֶען עֶר קְלֶערְט מִיט דֶעם שֵׂכֶל נָאר דָא וואו מֶען מָאג קְלֶערְן ׳ ובשנת בצורת לא ידאג אִין אַיין יָאר פוּן הוּנְגֶר וֶועט עֶר נִיט זָארְגְן ׳ דָאס מֵיינְט מֶען וָוען אִים וֶועט אֲפִילוּ זַיין שְׁלֶעכְט וָועט עֶר נִיט מוֹרָא הָאבִּין פִילַייכְט וֶועט עֶר דוּרְךְ דֶעם זַיין גְצְווּאוּנְגֶן צוּ זִינְדִיגְן ׳ ולא ימיש מעשות פרי ׳ אוּנ עֶר וֶועט זִיךְ דָאךְ נִיט פֶערְמַיידְן פוּן צוּ בְּרֵיינְגֶן דִי פְרוּכְט פוּן מִצְוֹת ׳ אוּנ חָאטְשֵׁי מֵחֲמַת זַיין נוֹיט אוּנ אָרִימְקַייט וֶועט עֶר דִיא מִצְוֹת נִיט קֶענֶען מְקַיֵּים זַיין ׳ וָועט דָאךְ גָאט זֶעהֶן זַיין גוּט הֶערְץ אוּנ עֶר וֶועט אִים רֶעכֶענֶען גְלַייךְ וִויא עֶר הָאט מְקַיֵּים גִיוָועזִין:

כג רבי אלעזר בן חסמא אומר ר׳ אֶלְעָזָר בֶּן חִסְמָא זָאגְט קנין דִי קָרְבָּנוֹת פוּן עוֹפוֹת וָואס אַיין אִשָּׁה יוֹלְדוֹת דַארְף בְּרֵיינְגֶן ופתחי נדה אוּנ דִי אָנְפַאנְג רֶעכֶנוּנְג פוּן אַאִשָּׁה נִדָּה אַז זִיא הָט פֶערְלָארִין דֶעם חֶשְׁבּוֹן פוּן אִיר מָאנַאטְלִיכֶע צַייט הֵן הֵן יֶענֶע אוּנ דִיזֶע זַיינֶן גופי הלכות דִי עִקָרִים פוּן תּוֹרָה שֶׁבְּעַל פֶּה ׳ אוּנ נִיט אַלֶע מָאגְן זֵיי פַּסְקֶנֶען ׳ וַוייל זֵיי זַיינֶען זֵייעֶר שְׁוֶוערֶע אוּנ הַארְבֶּע הֲלָכוֹת ׳ דְרוּם בֶּעדַארְף מֶען צוּ זֵיי הָאבִּין נָאר אַיין רַב אוּנ אַיין מוֹרֶה הוֹרָאָה וָואס עֶר אִיז בָּקִי אִין זֵיי ׳ תקופות דִי וִויסֶנְשַׁאפְט פוּן דִי צַייט רֶעכְנוּנְג פוּן דִי אוּמְקְרַייזוּנְג פוּן דֶר זוּן ׳ פוּן דֶר לְבָנָה אוּנ דִי וַואנְדֶל שְׁטֶערִין וגמטריאות אוּנ דִיא מָאסְקוּנְסְט חכמת המדידה (גֶעאָמֶעטְרִיֶע) פרפראות לחכמה זַייא זַיינֶען נָאר אֵיינֶע פֶערְבַּייסוּנְג צוּ דֶר חָכְמָה פוּן דֶר תּוֹרָה ׳ אָבֶּר זֵיי זַיינֶען נִיט דֶר עִיקָּר פוּן דֶר תּוֹרָה נָאר אַז מֶען ווייס פְרִיעֶר הֲלָכוֹת וָואס דָאס אִיז דֶר עִיקָּר שְׁפַּייז פוּן דֶער נְשָׁמָה ׳ אִיז גוּט אַז מֶען הָאט אוֹיךְ אַיְדִיעָה אִין דִיא רֶעכֶענְקוּנְסְט פוּן דִיא שְׁטֶערִן אוּנ אִין חָכְמַת הַמְּדִידָה אַזוֹ וִויא אַיין קָאמְפָּאט נָאךְ דֶעם עֶסְן ׳ דֶר תּוֹסְפוֹת יו״ט שְׁרַייבְּט אַז פַּרְפְּרָאוֹת הַייסְט דַוְקָא דִי עֶרְשְׁטֶע גֶערִיכְט וָואס מֶען בְּרֵיינְגְט צוּם טִישׁ פַר דֶעם עֶסְן צוּ מַאכְן אַפֶּעטִיט מֶען זָאל הָאבִּין לוּסְט צוּ עֶסְן אַזוֹ גִיבְּן אוֹיךְ דִיזֶע וִויסֶענְשַׁאפְטֶען פוּן דֶר זוּן אוּנ דִי לְבָנָה מִיט דִיא שְׁטֶערִן אוּנ דִיא יְדִיעָה פוּן חָכְמַת הַמְּדִידָה צוּא דֶעם מֶענְשִׁין אַלוּסְט צוּ דִי וִויסֶענְשַׁאפְט פוּן השי״ת מִיט זַיין תּוֹרָה ׳ וַוייל השי״ת וֶוערְט אָן גִירוּפִין רוכב שמים אוּנ יושב על חוג הארץ עֶר בַּהֶערְשְׁט אִיבֶּר דֶעם הִימְל אוּנ עֶר זִיצְט אוֹיף דֶעם צִירְקְל פוּן דֶער עֶרְד דְרוּם קֶענֶן מִיר דוּרְךְ דִי יְדִיעוֹת פוּן הִימְל אוּנ פוּן דִי מֶעסְטוּנְג פוּן דֶר עֶרְד פַרְשְׁטֵיין דִי גְרוֹיסְקַייט פוּן השי״ת אוּנ מִיר וֶועלִין זַיין לִיבְּשַׁאפְט אַיינְזֶעצְן בַּיי אוּנְז אִין הֶערְצְן אוּנ אַז מִיר וֶועלְן אִים הָאבִּין לִיבּ וֶועלְן מִיר הָאבִּין לוּסְט צוּ לֶערְנֶען זַיין תּוֹרָה אוּנ הִיטְן זַיינֶע מִצְוֹת:

א בן זומא אומר בֶּן זוֹמָא זָאגְט איזהו חכם וֶועלְכֶר מֶענְשׁ וֶוערְט אָן גִירוּפְן חָכָם הלומד מכל אדם דֶר וָואס לֶערִינְט פוּן יֶעדְן מֶענְשְׁן ׳ דֶר תִּפְאֶרֶת יִשְׂרָאֵל שְׁרַייבְּט וַוייל מִיר זֶעהֶן דָאס אַמֶענְשׁ הָאט עַל פִּי רוֹב לוּסְט צוּ פִיר זַאכְן צוּ חָכְמָה ׳ צוּ גְבוּרָה ׳ צוּ רַייכְקַייט אוּנ צוּ כָּבוֹד ׳ אוּנ וָואס מֶער עֶר אִיז זִיךְ מִשְׁתַּדֵל דָאס צוּ בַּקוּמֶן בַּאקוּמְט עֶר גָאר דֶעם הֵיפֶךְ דֶר פוּן ׳ לְמָשָׁל דֶר וָואס ווִיל אַז מֶען זָאל אִים אָנְרוּפְן חָכָם דֶעם שְׁטֵייט נִיט אָן צוּ לֶערְנֶען זִיךְ פוּן אַלֶע מֶענְשִׁין וַוייל עֶר מֵיינְט בֶּאֱמֶת אַז עֶר אִיז אַיין חָכָם ׳ אוּנ דְרוּם בְּלַייבְּט עֶר דָאךְ אַנַאר דֶען עֶר הָאט קַיין וִויסֶענְשַׁאפְט גִילֶערִינְט ׳ אוּנ דָאס זֶעלְבֶּע אִיז מִיט דֶעם וָואס עֶר וִויל מֶען זָאל אִים רוּפְן גִבּוֹר אוּנ עֶר בַּאגֶערְט אַז אַלֶע לַייט זָאלְן פַר אִים מוֹרָא הָאבִּין ׳ אוּנ אַז זַיין שׂוֹנֵא פַאלְט אַרַיין צוּא אִים אִין הַאנְד ׳ וַוארְפְט עֶר אִים אוּנְטֶער זַיינֶע פִיס אוּנ צוּא מָאלְט אִים אוֹיף פוּלְוֶוער ׳ עֶנְדְלִיךְ אַז עֶר פַאלְט אַרַיין אִין דִי נֶעטְץ ׳ דֶענְמָאל דֶער הוֹיבִּין זִיךְ אַלֶע זַיינֶע

כִּי עֵדְוֹתֶיךָ שִׂיחָה לִּי: אֵיזֶהוּ גִבּוֹר הַכּוֹבֵשׁ אֶת יִצְרוֹ שֶׁנֶּאֱמַר טוֹב אֶרֶךְ

חסדי

פַיינְד פוּן דֶר עֶרְד אוּנ פַאלְן אִים אִיבֶּער וִויא בֵּייזֶע וֶועלְף. זַייא צוּא רַייסִין זַיין לַייבּ אוּנ מַאכְן אִים צוּ אַשׁ · אוּנ וואוּ אִיז זַיין גְבוּרָה · אַזוֹ אִיז אוֹיךְ מִיט דֶעם וָואס רוּפְט זִיךְ עָשִׁיר · חַייל עֶר ווִיל זַיין רַייךְ אוּנ הָאבְּן פֶּערְגֶעְנִיגְן · הָארֶעוָועט עֶר ווִיא טָאג ווִיא נַאכְט · עֶר פַּאר קֶירְצְט זַיין לֶעבִּין אוּנ שְׁטֶעלְט זִיךְ אַיין אִין סַכָּנוֹת · אוּנ אִיז אַלֶע מָאל נִיט זַאט מִיט רַייכְקַייט · אוּנ וָואס אִיז זַיין פֶּערְגֶעְנִיגְן וָואס עֶר הָאט גִיהַאט פוּן זַיין רַייכְקַייט · אוּנ דָאס זֶעלְבִּיגֶע אִיז אוֹיךְ מִיט דֶעם וָואס ווִיל הָאבִּין כָּבוֹד אוּנ עֶר בַּאגֶערְט אַז אַלֶע זָאלִין הָאבְּן פַּר אִים בּוּשָׁה · דֶער אִיז בַּייא זִיךְ שְׁטָאלְץ · אוּנ בְּלָאזְט פוּן זִיךְ עֶנְדְלִיךְ אִיז אֲפִילוּ דִי זֶעלְבִּיגֶע לַייט וָואס פַר זַיינֶע אוֹיגְן חַנְפֶּען זֵיי אִים · אַז זַייא גֵייעֶן פוּן אִים אַוֶועק לַאכְן זַייא אִים אוֹיס אוּנ זֵיי בַּארֵיידִין אִים פַאר מֶענְשִׁין דָאס אַלֶע שֶׁענְדְן אִים · אוּנ וואוּ אִיז זַיין כָּבוֹד וָואס עֶר הָאט נָאךְ אִים אַזוֹ פִיל גֶיָאגְט · דְרוּם הָאט דָא דֶר תַּנָּא גִיגֶעבְּן צוּ דֶעם מֶענְשְׁן אַיין עֵצָה ווִיא אַזוֹ יֶעדֶערֶר זָאל קֶענֶען בַּאקוּמֶען זַיין ווִואוּנְשׁ · דֶר וָואס ווִיל זַיין אַיין חָכָם · דֶר זָאל לֶערְנֶען זִיךְ מִדּוֹת פוּן אַלֶע מֶענְשִׁין ווֶעלְכֶע עֶר ווֶעט זִיךְ מִיט זַייא אָנְטְרֶעפִין · אוֹיבּ עֶר וֶועט זִיךְ אָנְטְרֶעפִן וָואס עֶר אִיז אַיין בַּעַל שֵׂכֶל אוּנ אַיין בַּעַל מִדּוֹת זָאל עֶר זִיךְ ווָאונְדֶערִין אוֹיף זַיין אַיידִילְקַייט אוּנ אוֹיף זַיין הֶערְלִיכְקַייט · אוּנ זָאל זִיךְ לֶערְנֶען פוּן אִים צוּא זַיין קְלוּג אוּנ אֵרִינְטְלִיךְ אוֹיךְ אַזוֹא ווִיא עֶר · אוּנ אוֹיבּ עֶר טְרֶעפְט זִיךְ אָן מִיט אַמֶענְשְׁן וָואס עֶר אִיז אַיין חוֹטֵא · אָדֶער אַנַאר · זָאל עֶר פוּן אִים אוֹיךְ נֶעמֶן מוּסָר · דְהַיְינוּ עֶר זָאל זִיךְ בֶּעטְרַאכְטְן ווִי שֶׁענְדְלִיךְ אִיז אַזוֹ אַמֶענְשׁ · אוּנ עֶר זָאל זִיךְ נֶעמֶן אִין אַכְט אַז עֶר זָאל נִיט טָאן אַזוֹ ווִיא עֶר· מִיט דֶעם אוֹפְן קֶען עֶר אוֹיךְ פוּן אַיין שְׁלֶעכְטְן מֶענְשְׁן זִיךְ אוֹיךְ לֶערְנֶען חָכְמָה אוּנ מוּסָר · אוּנ דָאס גְלַייכְן ווֶוען עֶר ווֶעט זִיךְ צוּ זַאמֶען טְרֶעפְן מִיט אַזוֹא אַמֶענְשִׁין וָואס עֶר ווֶעט אִים לוֹיבִּין מִיט ווֶעלְכֶע מַעֲלָה אָדֶר הַשְׁלָמָה זָאל עֶר זִיךְ זֶעלְבְּסְט בֶּעטְרַאכְטִין אוֹיבּ זַיין פְרַיינְד וָואס לוֹיבְּט אִים מִיט דִיזֶע מַעֲלָה אִיז נִיט אִין טָעוּת

אבות

פִילַייכְט לוֹיבְּט עֶר אִים מִיט אַזוֹ אַמַעֲלָה וָואס עֶר הָאט עֶס נִיט · דַאן וֶועט עֶר זִיךְ מִשְׁתַּדֵּל זַיין צוּא הָאבִּן בֶּאֱמֶת דִיזֶע מַעֲלָה אַז עֶר זָאל זַיין וֶוערְט צוּא דִיזֶע לוֹיבּ פוּן זַיין חָבֵר · אוֹיךְ אוּמְגֶעקֶערְט ווֶוען עֶר טְרֶעפְט זִיךְ אָן מִיט זַיין שׂוֹנֵא וָואס עֶר הוֹיבְּט אוֹיף אִיבֶּר אִים זַיין קוֹל אוּנ זִידֶעלְט אִים · אוּנ עֶר רֶעט אוֹיף אִים אוֹיס זֵייעֶר פִיל חֶסְרוֹנוֹת מִיט שַׁאנְד ווֶערְטֶער · זָאל עֶר זִיךְ גוּט אַיינְהֶערְן אוֹיף יֶעדֶען וָוארְט וָואס עֶר וֶועט אוֹיף אִים זָאגִין אוּנ עֶר זָאל זִיךְ אִין אַכְט נֶעמֶן אוּנ לֶערְנֶען זִיךְ זַיינֶע חֶסְרוֹנוֹת צוּ פֶערְבֶּעסֶערִין · אוּנ מִיט דִיזֶען אוֹפֶן זַיינֶען אוּנְזֶערֶע פַיינְד פַר אוּנְז דִי בֶּעסְטֶע לֶעהְרֶר · עֶס קֶען דָאךְ אֲפִילוּ זַיין אַז עֶר רֶעט אוֹיף דִיר אוֹיס פִיל זַאכְן וָואס דוּ בִּיסְט בֶּאֱמֶת פוּן זַייא רֵיין · אָבֶר צְווִישְׁן דִי פִיל זַאכְן וֶועסְט דוּ אוֹיךְ הֶערְן אַנְדֶערֶע חֶסְרוֹנוֹת וָואס דוּ הָאסְט זַייא בֶּאֱמֶת אַז דוּ וֶועסְט בַּייא זִיךְ אִין הֶערְצִין פִילֶען אוּנ טְרַאכְטְן · אַז דָאס זָאגְט עֶר אֱמֶת · דִיזֶן חִסָּרוֹן הָאבּ אִיךְ דָאךְ אִין מִיר ווִירְקְלִיךְ · אוּנ אַזוֹא לֶערִינְט עֶר זִיךְ הַחָכְמָה אֲפִילוּ גָאר פוּן אַיינְפַאכֶע רַייד · שנאמר דֶען אַזוֹ הָאט דֶער פָּסוּק גִיזָאגְט מכל מלמדי פוּן אַלֶע וָועלְכֶע בַּאלֶערְנֶען מִיךְ · אֲפִילוּ פוּן דִי וָואס זַיינֶען נִידְרִיגֶער פוּן מִיר השכלתי הָאבּ אִיךְ מִיךְ בֶּעטְרַאכְט אוּנ שֵׂכֶל גִילֶערִינְט · כי עדותיך שיחה לי דֶען אִיךְ הָאבּ גְלֶערִינְט דַיין תּוֹרָה דְרוּם קְלִיג אִיךְ זִיךְ פוּן אַיינְפַאכֶע רֵייד וָואס מֶען רֶעט מִיט מִיר · איזהו גבור וֶועלְכֶער ווֶערְט אָן גִירוּפִין אַיין הֶעלְד הכובש את יצרו דֶר וָואס בֶּעצְווִינְגְט זַיין יֵצֶר הָרָע · כְּלוֹמַר נִיט דֶר אִיז בַּארִימְט פַר אַגִבּוֹר דֶר וָואס הָאט כֹּחַ צוּ שְׁטִיקְן אוּנ צוּ ווֶערְגְן טוֹיזֶינְדֶער מֶענְשְׁן ווִיא מֶען ווֶערְגְט טוֹיבִּין · דֶען מִיט וָואס אִיז עֶר בֶּעסֶר פַר דִי ווִילְדֶע חַיּוֹת ווִיא אַיין לֵייבּ אוּנ אַטִיגֶער · נָאר דִיזֶער הֵייסְט אַגִבּוֹר וֶועלְכֶער הָאט קַיין ווֵייכֶעס הֶערְץ · אוּנ עֶר בֶּענוּצְט זַיין גְבוּרָה צוּ אֲהוֹיכְן צִיל · עֶר זָארְגְט נִיט פַר דֶעם שָׁאדִין פוּן זַיין גוּף אוּנ עֶר שְׁטֶעלְט אַיין זַיין לֶעבִּן בִּכְדֵי עֶר זָאל גְרֵייכְן זַיין הוֹיכְן צִיל · אוּנ וָואס קֶען זַיין נָאךְ אַהֶעכֶערֶער צִיל ווִיא צוּא בֶּעקְלֵיידְן אוּנזֶר נֶפֶשׁ מִיט גוּטֶע מִדּוֹת אַז מִיר

זָאלְן

אַפַּיִם מִגִּבּוֹר וּמוֹשֵׁל בְּרוּחוֹ מִלֹּכֵד עִיר: אֵיזֶהוּ עָשִׁיר הַשָּׂמֵחַ בְּחֶלְקוֹ שֶׁנֶּאֱמַר יְגִיעַ כַּפֶּיךָ כִּי תֹאכֵל אַשְׁרֶיךָ וְטוֹב לָךְ: אַשְׁרֶיךָ בָּעוֹלָם הַזֶּה וְטוֹב לָךְ לָעוֹלָם הַבָּא: אֵיזֶהוּ מְכֻבָּד הַמְכַבֵּד אֶת הַבְּרִיּוֹת שֶׁנֶּאֱמַר כִּי מְכַבְּדַי אֲכַבֵּד וּבֹזַי

חסדי אבות

זָאלְן נִיט זַיין צוּ גֶעבּוּנְדְן אוּנ פַאר קױפְט וִויא דִיא קְנֶעכְט צוּ דִי תַּאֲוֹת פוּן עוה״ז · אוּנ דְרוּם אִיז דִיזֶר דֶער גְרֶעסְטֶער גִבּוֹר וָוער עֶס צְווִינְגְט אוּנ הַאלְט אָפּ זַיין בֵּייזְן גְעדַאנְקֶן וָואס רֶעדְט אִים אָן צוּ נָאכְגֵיין נָאךְ דִי תַּאֲוֹת · אוּנ מכ״ש אַז זַיין יֵצֶר הָרָע רֶעט אִים אָן צוּ נוֹקֵם זַיין פוּן זַיין שׂוֹנֵא · אויבּ עֶר וָועט אִים פָאלְגִין · הָאט עֶר נָאר מְנַצֵּחַ גְוֶועזְן זַיין פַיינְד פוּן דֶר אוֹיסְן · אָבֶּר אַז עֶר וֶועט זַיין יצה״ר נִיט נָאכְגֶעבְּן עֶר וֶועט מִיט זַיין שׂוֹנֵא גוּטֶעס טְאן דֶענְמָאל אִיז עֶר דָאךְ מְנַצֵּחַ זַיין אִינֶערְלִיכִין שׂוֹנֵא · (זַיין בֵּייזְן גִידַאנְקֶן וָואס זִיצְט בַּיי אִים אִין הֶערְצְן) אוּנ אוֹיךְ דֶר שׂוֹנֵא וֶועט עֶרְשְׁט דֶר קֶענֶן אַז עֶר אִיז גִיוֶועזְן אַשׂוֹנֵא צוּא אַזוֹ אַמֶענְשִׁין וָואס עֶר הָאט אִין זִיךְ אַזוֹ אַגוּטְן הַארַאקְטֶער · אוּנ עֶר הָאט אַזוֹ אַיין אֵיידֶעלְכַאן גֶעוֶועלְט דָאס לֶעבְּן גֶעמֶן · וֶועט עֶר זִיךְ שֶׁעמֶען פַאר אִים אוּנ עֶר וָועט נָאךְ אִים זַיין אַטְרַייֶער דִינֶר · שנאמר וַוייל דֶר פָּסוּק הָאט גִיזָאגְט טוב ארך אפים מגבור עֶס אִיז בֶּעסֶר דֶר וָואס דֶר לֶענְגְט זַיין צָארִין אַלְס אַגִבּוֹר צוּ זַיין ומושל ברוחו אוּנ דֶר וָואס הֶערְשְׁט אִיבֶּר זַיינֶם וִוילְין · אִיז בֶּעסֶער מלוכד עיר אַלְס דֶער וָואס בַּאצְווִינְגְט דֶעם פַיינְד · וַוייל דֶער פַיינְד וָואס עֶר וֶוערְט גִיפַאנְגֶן אִיז דָאךְ אַנְקֶעגְן אִים אַיין שְׁקְלַאפֶר · אוּנ זַיין יצה״ר וָואס עֶר יָאגְט דֶעם פַיינְד אִיז דָאךְ אַיין גִבּוֹר · נוּן וֶועמֶען בֶּעדַארְף מֶען מֶער רִימֶען צוּא דֶעם וָואס אִיז מְנַצֵּחַ אַיין גִבּוֹר וָואס עֶר יָאגְט · אָדֶר דֶעם וָואס אִיז מְנַצֵּחַ דֶעם שְׁלַאפִין וָואס עֶר וֶוערְט פַאר יָאגְט · אוּנ דֶר וָואס עֶר אִיז מְנַצֵּחַ זַיינֶם אֵייגִינֶם וִוילְין · הָאט עֶר דָאךְ מְנַצֵּחַ גִיוֶועזִין אַיין גִבּוֹר וָואס יָאגְט · איזהו עשיר וָועד הֵייסְט אַיין רַייכֶר השמח בחלקו דֶער וָואס אִיז צוּא פְרִידְן מִיט זַיין טֵייל · דֶען דָאס אִיז גֶעווִיס אַז דֶער וָואס עֶר הָאט גִיגְרֵייכְט זַיין צִיל אִיז פִיל גְלִיקְלִיכֶער פַר דֶעם וָואס עֶר הָאט נִיט גִיגְרֵייכְט זַיין צִיל · אִם בֵּן אִיז דָאךְ דֶר וָואס הָארִיוָועט וַוייל עֶר וִויל עֶטְווָאס פַר דִינֶן · אוּנ עֶר לָאזְט זִיךְ בֶּענוּגֶגְן מִיט דָאס בִּיסְל וָואס גָאט הָאט אִים גִיגֶעבְּן · דֶר הָאט גִיגְרֵייכְט זַיין צִיל אוּנ עֶר הֵייסְט אַיין עָשִׁיר · שנאמר וַוייל דֶער פָּסוּק הָאט גִיזָאגְט יגיע כפיך כי תאכל דִי מִיהֶע פוּן דַיינֶע הֶענְט אַז דוּ וֶועסְט עֶסְן · כְּלוֹמַר עֶס זָאל נִיט זַיין אַקְשְׁיָא דָאס אַיין גַנָּב אוּנ אַגַזְלָן עֶסִין דָאךְ אוֹיךְ דִיא יְגִיעָה פוּן זַייעֶרֶע הֶענְט · דְרוּם זָאגְט עֶר פְרִיעֶר יגיע כפיך · אוּנ דֶר נָאךְ כי תאכל (אוּנ עֶר זָאגְט נִיט כי תאכל יגיע כפיך) אוּנ דִי כַּוָּנָה אִיז אַזוֹא וָוען דִי יְגִיעָה פוּן דַיינֶע הֶענְט וֶועסְט דוּ נָאר פַר וֶוענְדְן צוּם עֶסְן אוּנ נִיט צוּ זַאמְלֶען אַיין קַאפִּיטַאל דֶענְמָאל אשריך וטוב לך אִיז וואוֹל אוּנ גוּט צוּ דִיר · אשריך בעולם הזה וואוֹל וֶועט צוּ דִיר זַיין אוֹיף דִיזֶע וֶועלְט · וַוייל דֶר וָואס אִיז צוּפְרִידְן מִיט וֵוייִנִיג אִיז זַיין הֶערְץ אִימֶר פְרֵיילִיךְ אוּנ עֶר אִיז גְלִיקְלִיךְ · וטוב לך לעולם הבא אוּנ גוּט וֶועט דִיר זַיין אוֹיף יֶענֶער וֶועלְט וַוייל דוּרְךְ דֶעם וָואס עֶר לָאזְט זִיךְ בֶּענוּגֶגֶען מִיט וֵוייִנִיג · גִילוּסְט עֶר נִיט צוּ דֶעם פַרְמֶעגְן פוּן זַיין חָבֵר אִיז עֶר נִיט עוֹבֵר אוֹיף דֶעם לַאו פוּן לא תחמוד · עֶר גַנְבֶעט נִיט · עֶר גַזְלֶט נִיט עֶר בֶּעטְרִיגְט נִיט אוּנ עֶר אִיז אוֹיךְ נִיט עוֹבֵר אוֹיף אַנְדֶרֶע מִצְוֹת פוּן גָאט כְּדֵי צוּ פֶערְדִינֶען דוּרְךְ אַיין עֲבֵרָה · דֶען עֶר הָאט מוֹרָא פַר דֶעם עוֹנֶשׁ פוּן עוֹלָם הַבָּא · איזהו מכובד וָוער הֵייסְט גִיעֶרְט · המכבד את הבריות דֶער וָואס בַּאעֶהְרְט לַייטְן · אוּנ דָאס אִיז גַאנְץ נַאטִירְלִיךְ דֶען דֶר וָועלְכֶר שֶׁעצְט מֶענְשְׁן · הָאבְּן אִים מֶענְשְׁן לִיבּ אוּנ שֶׁעטְצִין אִים אוֹיךְ · אוּנ אוֹיסֶער דֶעם אִיז עֶר נָאךְ אוֹיךְ מְקַבֵּל שְׂכַר פוּן הש״י · דֶען עֶר שֶׁעטְצְט דֶעם מֶענְשְׁן גֶעוִויס וַוייל אַמֶענְשׁ טְרָאגְט אוֹיף זִיךְ דֶעם צֶלֶם אֱלֹהִים · דְרוּם אִיז גָאט ב״ה מְסַבֵּב אַז דִי מֶענְשְׁן אַלֶע זָאלְן אִים גֶעבְּן כָּבוֹד שנאמר דֶען אַזוֹא הָאט דֶער פָּסוּק גִיזָאגְט כי מכבדי אכבד דִיא וָועלְכֶע פֶערְהֶערִין מִיךְ · כְּלוֹמַר זֵייא עֶהְרֶן מַיין בִּילְד וָואס דֶער מֶענְשׁ אִיז מִיט אִים בֶּעשַׁאפִין גִיוָוארִין · וֶועל אִיךְ עֶהְרִין · דָאס הֵייסְט זַיין כָּבוֹד וֶועט זַיין

פון

יקלו: ב בן עזאי אומר הוי רץ למצוה קלה ובורח מן העברה שמצוה גוררת

חסדי

פון מיר אליין שלא כדרך הטבע ובזוי יקלו אונ די וואס פאראכטין מיך דאס הייסט דיא לייט וואס זיי זיינן מבזה דעם מענשן וואס טראגט דעם צלם אלהים · וועלן גישאנדעט ווערין · כלומר איך דארף אים ניט מבזה זיין · נאר ער וועט אליין ווערן צוא שאנדע · ווייל דער וואס איז מבזה לייטין מיינט ער אז דורך דעם וואס ער וועט נידעריג מאכן זייער כבוד · וועט ער אליין זיין גרויס אין דר וועלט · אבר באמת איז ער אין טעות · דען ער איז מבזה די לייטן נאר מיט איין מויל · אבר אים וועלן אלע מיט זייערע פיל מיילר מבזה זיין אז ער וועט ניט קענן קעגן זייא מער אמויל עפינען אונ ער וועט זיך בעגראבן פון שאנד · דער תולדות יהושע שרייבט דעם טעם וואס דער תנא רעכינט דא אויס דעם גדר פון דיזע פיר נעמן · ווייל רבי יוחנן האט גיזאגט (נדרים ל״ח ע״א) דאס הקב״ה לאזט ניט רוען זיין שכינה נאר אויף איינם וואס ער איז א חכם אונ א גבור אונ א עשיר אונ איין עניו · פונקט וויא משה רבינו ע״ה האט גיהאט דיזע אלע פיר מעלות · דריבר האט ער דר קלערט וואס הייסט א חכם אונ וואס איז א גבור אונ וואס איז איין עשיר אונ וואס הייסט ענוה · וועלכע ברייננגט אים צו כבוד אונ אויך צו די איבריגע דריי מעלות דהיינו צו חכמה צו גבורה אונ צו עושר אונ דאס האט געמיינט שלמה המלך ע״ה וואס ער האט גיזאגט (משלי כב ד׳) עקב ענוה יראת ה׳ עשר וכבוד וחיים · דאס הייסט צוא ליב דיא ענוה בעקומט ער חכמה וואס דאס איז אויך יראת ה׳ (וויא איוב האט גיזאגט (איוב כח כ״ח) הן יראת ה׳ היא חכמה) רייכקייט אונ כבוד · אונ לעבן וואס דאס איז גבורה · ווייל דער וואס קען הערשן איבר זיינע תאוות דער ווייס פון א גוטן לעבן · דר דובנער מגיד שרייבט אין (אהל יעקב סדר מקץ) אז דאס וואס דר תנא האט גיזאגט איזהו גבור הכובש את יצרו · דר איז א גבור וואס ער איז מנצח זיין איינגענעם יצר הרע האט ער מיט דעם ניט גימיינט קיין שום מליצה נאר באמת איז דאס אזוא · דען אזו האבן אונזערע חכמים ז״ל בספרים גיוועזן ·

אבות

פונקט וויא די זינד פון א מענשן קומט דורך זיין בייזן גידאנקן · אזו אויך זיין שטראף קומט דורך א בייזן גידאנקן · דען ווען עס קומן צוא א מענשן גנבים אדר נאכט רויבר אונ ברויבן אים אלץ וואס ער האט · איז דאס נאר פון זייער בייזן גידאנקן וועלכער האט זיי איבער גירעט אז זייא זאלן יענעם מענשן בערויבן · אונ דר בערויבטער איז אין זיין אונגליק אליין שולדיג · ווייל אזוא וויא זיין בייזער גידאנקן האט אים געריצט אנדערע מענשן בייז צוא טאן · אזו האט דר בייזר גידאנקן אנגערייצט די רויבער אויף אים · נון ווענדעט זיך דאס איינם אן דאס אנדערע · אויב דער מענטש באהערשט איבר זיין בייזן גידאנקען דאס ער זאל קיין בייז טאן צו אנדרע · וועט דר בייזר גידאנקען ניט באהערשן בייא אנדערע לייטן אים בייז צוא טאן · נון פאר שטייט מען אז א מענטש וויל האלטן מלחמה מיט זיין פיינד באדארף ער גאר קיין שום שווערד אדר איין שפיז צו האבן אונ ברויכט גאר קיין בלוט צו פאר גיסן · נאר דאס בעסטע איז אז ער זאל האלטן קריג מיט זיין איינגענעם יצה״ר אונ ער זאל אים מנצח זיין איז ער שוין ממילא מנצח זיין פיינד האטשי ער איז אין עק וועלט · אונ דרום איז א גבור נאר דער וואס איז מנצח זיין איינגענעם יצר הרע :

ב בן עזאי אומר בן עזאי זאגט הוי רץ למצוה קלה דו זאלסט לויפן צו טאן א מצוה אפילו וואס זיא איז גרינג מקיים צו זיין · אונ זאלסט ניט זאגן עס איז נאך דא גענוג צייט · איך וועל די מצוה ניט פארשפעטיגן זיא מקיים צו זיין ובורח מן העבירה אונ זאלסט אנטלויפן פון איין עבירה אפילו דיא עבירה איז זייער גרינג פון איר זיך אפ צו היטן זאלסטו דאך אנטלויפן פון איר · דער תפארת ישראל שרייבט אז דריבר האט זיך דר תנא אויס געדריקט דאס אנטלויפן מיט דעם לשון ובורח אונ ניט מיט דעם לשון ונס ווייל דאס ווארט ונס האט דיא בעדייטונג נאר אויף לייז מאכן זיך פון זיין פיינט · זיך צוא פערבארגן פון אים דאס ער זאל אים ניט זעהן · אבר דאס ווארט ובורח

הייסט

מצוה ועברה גוררת עברה ששכר מצוה מצוה ושכר עברה עברה: ג הוא היה אומר אל תהי בז לכל אדם ואל תהי מפליג לכל דבר שאין לך אדם

חסדי אבות

הייסט זייער ווייט אנטלויפין.· אונ דער תנא קומט צו זאגן אז ער זאל ווייט אנטלויפן אפילו פון איין עברה וואס פון איר איז גרינג אפ צו היטן זיך · אונ דר טעם איז שמצוה גוררת מצוה ווייל איין מצוה ציט צו נאך איין מצוה · דרום זאלסטו צו לויפן צו איינע גרינגע מצוה בכדי זיא זאל דיך מזכה זיין מיט נאך איינע מצוה וואס צוא אנדרע איז זיא שווער מקיים צו זיין · ועברה גוררת עברה אונ איין עברה ציט צו נאך איין עברה איינע הארבערע פון איר · דרום זאלסטו ווייט אנטלויפען פון אגרינגע עברה וועסטו מסילא זיין ווייט פון דיא אנדרע וואס איז הארבער פון איר · דער אנדער טעם איז דרום זאלסטו לויפען צוא טאן אגרינגע מצוה ווייל אויב דו וועסט פון דער מצוה פערדינען איז דאס פערדינסט אויך איין מצוה ששכר מצוה מצוה דען דער שכר וואס דו נעמסט פאר אמצוה איז אויך איין מצוה ובכן טוסטו דאך צוויא מצות · ושכר עברה עברה אונ דעם שכר וואס מען פערדינט פר איין עברה · איז אויך איין עברה · ובכן האסטו דאך געטאן צוויא עברות · דער דובנר מגיד שרייבט אויף דעם מאמר שמצוה גוררת מצוה איין מצוה ציט צוא נאך איין מצוה · ווייל אז אמענש טוט אמצוה גיט הש״י דעם מענשן פאר די מצוה שכר אונ הש״י כביכול האט גרויס הנאה פון דעם שכר טוב וואס דר מענש איז מקבל · אונ פאר דיא הנאה וואס הש״י האט פון אים גיט מען ווידר שכר אונ עונג אונ הש״י האט נאך מעהר נחת רוח אונ וואס מעהער הש״ית האט נחת רוח בעצאלט מען דעם צדיק אלס מער שכר · ביז דר שכר פון איין מצוה האט גאר קיין שיעור אונ קיין סוף · אונ אזו איז אויך ועברה גוררת עברה אז דר מענש טוט איין עברה בשטראפט מען אים · אונ פון זיין שטראף האט כביכול הש״י דער פון צער · אונ פאר דעם צער וואס הש״י האט קומט דעם רשע מער שטראף · אונ הש״י כביכול האט דר פון נאך מער צער · וואס מער צער הש״י האט גיט מען אלץ דעם רשע נאך מער שטראף · ביז דער עונש איז גאר אן אסוף אונ אן אשיעור · נון זעט מען דערויס וויא בעדארף אמענש לויפן צוא טאן אמצוה · אונ וויא ווייט ער מוז אנטלויפין פון איינע עברה: ג הוא היה אומר ער פלעגט זאגן אל תהי בז לכל אדם דו זאלסט ניט מבזה זיין קיין שום מענשען ואל תהי מפליג לכל דבר אונ דוא זאלסט ניט דער ווייטערן קיין שום זאך דאס הייסט דו זאלסט אויף איין זאך ניט מיינען אז דאס איז ווייט לויפג אונ עס קען גאר ניט זיין · שאין לך אדם שאין לו שעה דרום זאלסטו קיין שום מענשן מבזה זיין ווייל עס גיט ניט איין מענש אויף דר וועלט וועלכר זאל אמאל ניט האבן איינע גליקליכע צייט · אונ דרום זאלסטו אויף קיין זאך ניט טראכטן אז דאס איז ווייט לויפיג · ואין לך דבר שאין לו מקום דען עס גיט ניט אויף דר וועלט איין זאך וועלכם זאל ניט האבען איינע גלעגנהייט · וויא עס האט גטראפן אמעשה מיט דריי הונדערט יאר צוא ריקאין דר שטאט מיר אין ליטא האבן גלעבט אפאר פאלק מיט אקליינע פאמיליע דר מאן האט גהייסן רבי לייב ער איז גוועזן אגרויסר צדיק אונ אגרויסער חסיד ער פלעגט יומם ולילה עוסק זיין אין תורה אונ אין עבודת הש״י · אונ זיין ווייב מירקע האט געפירט איין קליינעם געשעפט פון טוך · אונ זיא האט מפרנס גוועזן איר קליינע פאמיליע · איין מאל אום ווינטער אין אגרויסען פראסט איז ארייין גקומן צו איר אין קראם אקריסטליכעם קינד איין יונגעל פון פירצן יאר אלט · זיינע קליידר זיינען גיוועזן זייער אפגיריסן אויף די פיס האט ער גטראגן אלטע שטיפיל וואס די לעדר איז שוין גוועזן צוא פאלען דאס קינד האט זיך גטרייסילט פון קעלט אונ פון הונגר · אונ אין פולישע שפראך האט ער גבעטן דר מירקען אויב עס איז ניט מיגליך אז זיא זאל אים נעמן צו איר אין הויז אויף איינינע טעג צוא אויס רוהן ווייל ער קומט פון וועג צו פוס אין אזו אקעלט אונ ער האט דער בייא אויך קיין

גראשן מיט וואס איין טאג צוא איבר לעבן · דיזע מירקע האט זיך זייער גוואונדערט איבר זיינע שיינע שפראכע · אונ זיא האט מיט איהרן איין משרת אים אפגעשיקט צו איהר אין הויז · אונ האט בעפוילן דאס מען זאל אים באלד געבן צוא עסין אונ צו טרינקן אונ איין וואריםן ארט צו אויס רוהען · צו מארגין האט דיא מירקע גלאזן רופן איין שניידר אונ אשוסטר אונ זיי האבן פון דעם קינד גענומען אמאס אויף קליידער אונ אויף שטיפיל · אונ זיא האט געשיקט פון קראם טוך אונ האט דעם קינד בעקליידט פון קאפ ביז די פיס · דאס קינד איז ביי איר געוועזן דעם גאנצין ווינטר · אונ זיא האט פאר אים גזארגט וויא פר אירע אייגינע קינדער · וויא דר ערשטער טאג פון פרילינג האט זיך בעוויזן האט זיך דער בחור פארטיג גמאכט צו דער רייזע ער האט מירקען מיט איר מאן בעדאנקט פאר זייער ברויט אונ זאלץ אונ פאר דיא קוואטיר וואס זייא האבין אים ביז אהער געהאלטען אונ ביין אבשייד נעמן האט ער מירקן גקוסט די הענט · אונ האט איר צוא גזאגט · אז ער וועט אייביג געדענקען · אונ ער וועט אירע טובות קיין מאל ניט פרגעסן רבי לייבן איז ער אויף דעם האלז גפאלן ער האט אים געקוסט אונ האט דער בייא זייער שטארק געוויינט · רבי לייב האט אים געטרייסט אונ האט אים גיבענטשט אונ איז זיך גיגאנגען אין זיין וועג לשלום · צוואנציג יאר זיינען איבר גלאפן פון יענר צייט וואס דר בחור איז אוועק אונ מירקע מיט רבי לייבילען האבין אן דער זאך גאנץ פערגעסן · עס איז גיוועזן פר פסח האט מען אויף די יהודים פון יענע שטעטיל גמאכט איין בלבול דם · ווייל מען האט אין איין נאהינטע דארף גיפונען אטויטין קינד אונ די פולישע לאנדס לייט האבן אן גקלאגט די יודן פר דעם גראף אונ האבן גווארפן די שולד אויף דעם רב פון שטאט מיט פרנסים פון דר קהלה · דעם רב מיט די קהלס לייט האט מען גזעצט תפוס אונ צווישען זיי איז אויך געוועזן תפוס רבי לייביל מירקעס מאן · מען האט געבעטן דעם גראף אז ער זאל דעם משפט לאזין אפ ציהען ביז אחדש צייט בכדי דיא לייט פון שטאט זאלין חוקר ודורש זיין פילייכט וועלן זיי דער גיין ווער דער רוצח איז · דר וייל האט מען דיא מירקען אויס געריכט מיט איין עקסטרע עקיפאזשע צו פארן נאך ווארשוי אין סענאט אום צו בעווייזן דאס די יהודים זיין ריין פון אזוא איין בלוט שולד ווייל דיא מירקע איז געוועזן איין גרויסע חכמה · אונ אגרויסע ריידערן אין דר פולישע שפראכע · צו נאכט איז זיא אריין גפארן אין אקרעצמע · אלע האבן זיך צו לייגט שלאפן · אונ זיא אליין האט זיך צו גשפארט אין איין ווינקיל אונ האט אין דר שטיל געווינט מיט ביטערע טרערען · אין האלבע נאכט איז אן גיפארין איין עקיפאזש · אונ אגרויס ארטיגער מאן מיט זיינע צוויא בעדינטע זיינען ארין אין קרעטשמע · דיא קנעכט זיינן גגאנגען אויס זעהן פר דעם שררה אריינליכען צימר · אונ דר שררה איז זיך דער וייל ארום גגאנגען אין דעם פאדר הויז אונ האט בעטראכט אויף יעדן מענשן וואס דארטן האט זיך געפונען · פלוצלונג האט ער געקערט זיין בליקן אין אווינקעל פון הויז · אונ האט מירקן דר זעהן אונ האט איר דר קענט · ער איז איר געפאלן אויפן האלז אונ האט געקוסט אירע הענט דען ער האט זיך איר גלאזט דר קענען אז ער איז דר זעלביגר וואס מיט צוואנציג יאר צו ריק האט זיא אים אריינגינומן צו איר אין הויז אהונגעריגן אנאקעטן אונ האט מיט אים פיל גוץ גיטאן · אונ ערשט מיט פינף יאר צו ריק האט ער זיך אום גקערט צו זיינע גיטער וואס זיינע פעטערס האבן אים פריער פאר טריבן בעת ער איז צוא איר אנגקומען · אונ יעצט איז ער די ערשטע האנט אין דר סאנאט וואס אין ווארשוי · אין דעם האט ער אויך ביי איר גיפרעגט וואס זיא איז אזו פערוויינט אונ פערמרויערט · אונ ער האט זיך גלאזן פון מירקן אויס הערין די גאנצע געשיכטע וואס אין איר שטאט איז פארגעפאלין · דר שררה האט קיין שיהות גמאכט · אונ האט תיכף אן געשריבן אבריף צו דעם גראף פון דר שטאט מיר אז ער זאל זיך ניט דער וועגן צו טאן ביז די יהודים פון דר קהלה ביז ער וועט בעקומען אכת פון די סענאט · צוא מירקען האט ער גזאגט · צו ליב דיר בין איך געצוואונגן צו ריק

נאך

שֶׁאֵין לוֹ שָׁעָה וְאֵין לְךָ דָבָר שֶׁאֵין לוֹ מָקוֹם: ד רַבִּי לְוִיטַס אִישׁ יַבְנֶה אוֹמֵר מְאֹד מְאֹד הֱוֵי שְׁפַל רוּחַ שֶׁתִּקְוַת אֱנוֹשׁ רִמָּה: ה רַבִּי יוֹחָנָן בֶּן בְּרוֹקָא אוֹמֵר

חסדי אבות

נָאךְ וַוארְשׁוֹי מִיךְ אוּם צוּ קֶערְן · אוּנ הָאט אִיר גֶעגֶעבִּין זַיינֶע אַקַארְטֶע אַז וֶוען זִיא וֶועט עֶס בַּאוַוייזְן וֶועט מֶען אִיר לָאזְן צוּ אִים אַיינְטְרֶעטְן צוּ אִים אִין סֶענַאט · אוּנ הָאט בַּיי אִיר בַּאלְד אָפְּשַׁייד גְנוּמֶן אוּנ אִיז גְלַייךְ צוּ רִיק גִיפָארְן אִין וַוארְשׁוֹי · מִירְקָע הָאט אוֹיךְ גֶעהֵייסֶען גְלַייךְ שְׁפַּאנֶן דֶעם וָואגְן אוּנ אִיז עֶקְסְטְרָע נָאךְ וַוארְשׁוֹי גֶעפָארְן · וִויא זִיא הָאט אַיין גֶטְרָאטְן אִין דִיא פַּאלַאטֶע · זִיא אִיז נָאךְ גְשְׁטַאנֶען בַּיי דֶעם טִיר · אוּנ דֶער סֶענַאטֹר הָאט אִיר דֶער זֶעהֶן אִיז עֶר אוֹיף גֶעשְׁטַאנֶען פוּן זַיין שְׁטוּל אוּנ אִיז אִיהְר אַנְקֶעגְן גְקוּמֶן · עֶר הָאט אִיר אָנְגִינוּמֶן פַּר דִיא הַאנְט אוּנ הָאט אִיר צוּ גֶעפִירְט צוּם שְׁרַייבְּטִישׁ וְואוּ אַלֶע סֶענַאטָארְן זַיינֶען גְזֶעסְן אוּנ פַאר זַיי אִין דִיא אוֹיגֶען הָאט עֶר אִיר אוּמְגֶעאַרְמֶט אוּנ גְקוּסְט · אוּנ הָאט צוּ זַייא גְזָאגְט דָאס אִיז דִיא יוּדִישֶׁע פְרוֹיא מִירְקָע וֶועלְכֶע הָאט מִיט מִיר זַייעֶר פִיל גוּטְץ גִיטָאן אַלְס אִיךְ בִּין גֶעוֶועזְן אַיין עֶלֶינְדְס קִינְד אוּנ עַד הַיוֹם הָאט זִיא נִיט גֶעוואוּסְט פוּן וַואנֶן אִיךְ שְׁטַאם הֶערוֹים · אוּנ דֶר בַּייא הָאט עֶר פַאר זַיי דֶער צֵיילְט פוּן דֶער עֲלִילָה וָואס מֶען הָאט גְמַאכְט אוֹיף יְהוּדִים · וִויא מֶען הָאט זַיי אִין דִי תְּפִיסָה גֶעזֶעצְט · אוּנ מִירְקָעס מַאן זִיצְט אוֹיךְ תָּפוּס צְווִישְׁן זַיי · וָואס דָאס אִיז נִיט צוּ גְלוֹיבְּן אוֹיף אַזוֹ אַפָּאלְק וָואס זַיינֶען בַּארִימְהֶערְצִיג אוּנ טוּעֶן גְנָאד מִיט קְרִיסְטְן אַזוֹיא מִיט יוּדְן · וִויא אִיז דָאס מִיגְלִיךְ אַז זַייא זָאלְן זִיךְ אִין אַיין בְּלוּט שׁוּלְד פֶערְשׁוּלְדִיגֶען · אוּנ תֵּיכֶף אִין יֶענֶעם טָאג אִיז פוּן סֶענַאט אַרוֹיס גֶעשִׁיקְט גִיוָוארְן אַיין רֶעסְקְרִיפְּט אַז מֶען זָאל דִי יְהוּדִים בֶּעפְרַייעֶן פוּן דֶער תְּפִיסָה אוּנ מֶען זָאל נָאךְ יֶעדֶערְן גֶעבֶּן צוּ פִינְף הוּנְדֶערְט גִילְדִין פַר זַיין בִּזָיוֹן וָואס עֶר אִיז גְזֶעסְן תָּפוּס · אַז מִירְקָע אִיז גְקוּמֶן נָאךְ הוֹיז · אוּנ הָאט דֶעם רַבִּי לֵייבִּילֶן דֶר צֵיילְט דִי גֶעשִׁיכְטֶע פוּן דֶעם סֶענַאטֹר וָואס עֶר הָאט אִיר אָן גֶטְרָאפִין אִין וֶועג · אוּנ עֶר הָאט זִיךְ אִיר גֶעלָאזִין דֶערְקֶענֶען אַז עֶר אִיז דָאס דֶר זֶעלְבִּיגֶר אָרִימֶר בָּחוּר וָואס זִיא הָאט אִים פוּן רַחֲמָנוּת אַרַיין גְנוּמֶען

אִין הוֹיז · הָאט רַבִּי לֵייבִּיל צוּ אִיר גְזָאגְט אַז דָאס אִיז גֶעוֶועזְן דִיא כַּוָּונָה פוּן דֶעם תַּנָּא בֶּן עַזַאי וָואס עֶר הָאט גִיזָאגְט אל תהי בז לכל אדם דוּ זָאלְסְט קֵיין שׁוּם מֶענְשְׁן פֶערְאַכְטֶן ואל תהי מפליג לכל דבר · אוּנ דוּא זָאלְסְט קֵיין זַאךְ נִיט מַאכְן וַוייט שאין לך אדם שאין לו שעה דֶען עֶס אִיז נִיט פֶערְהַאנְדְן אַיין מֶענְשׁ וֶועלְכֶר זָאל נִיט הָאבְּן אַגְלִיקְלִיכֶע צַייט ואין לך דבר שאין לו מקום אוּנ עֶס אִיז אוֹיךְ נִיט פֶערְהַאנְדִין אַיין זַאךְ וֶועלְכֶעס זָאל נִיט הָאבְּן אִין דִי וֶועלְט אַאָרְט וָואס מֶען וֶועט עֶס אַמָאל בֶּעדַארְפְן:

ד רבי לויטס איש יבנה אומר רַבִּי לְוִיטַס אַיין הֶער פוּן יַבְנֶה זָאגְט מאד מאד הוי שפל רוח דוּ זָאלְסְט זֵייעֶר אוּנ זֵייעֶר זַיין בַּייא זִיךְ אַיין נִידֶערִינֶעם גֶעמִיט כְּלוֹמַר דוּא זָאלְסְט בַּייא זִיךְ זַיין נָאךְ נִידֶרִיגֶר פַר אַיין עָנָו · וַוייל אַיין עָנָו וַוייס פוּן זַיינֶע מַעֲלוֹת נָאר עֶר וַוייזְט זִיךְ פַאר לַייטִין גְלַייךְ וִויא עֶר הָאט אִין זִיךְ קֵיין שׁוּם מַעֲלָה נִיט · אָבֶּר אַיין נִידֶרִיגֶעס גֶעמִיט בֶּערֶעכִינְט וִוירְקְלִיךְ בַּיי זִיךְ זֶעלְבְּסְט אַז זַיינֶע חֶסְרוֹנוֹת זַיינֶען פִיל מֶער אַלְס זַיינֶע מַעֲלוֹת · אוּנ וַוייל דִי מִדָּה פוּן גַאֲוָה אִיז דָאס עֶרְגְסְטֶע פוּן אַלֶע בֵּייזֶע מִדּוֹת דְרוּם הָאט דֶער תַּנָּא גִינֶעבִּן צוּם מֶענְשְׁן אַיין עֵצָה אַז עֶר זָאל נִיט אָן נֶעמֶן דִי מִדָּה פוּן עֲנָוָה וָואס זִיא אִיז דִי מִיטֶעלֶע וֶועג נָאר עֶר זָאל אַנְטְלוֹיפְן צוּא דֶעם לֶעצְטְן בֶּערֶג אוּנ עֶר זָאל זֵייעֶר אוּנ זֵייעֶר זַיין נִידֶרְגִישְׁלָאגְן בפני כל אדם אַנְטְקֶעגְן אַלֶערְלַיי מֶענְשְׁן אֲפִילוּ אַנְקֶעגְן וָואס עֶר הַאלְט זַיי אוֹיךְ פַר אַנִידֶרִיגְן סָארְט · זָאל עֶר זִיךְ רֶעכֶענֶן נָאךְ נִידֶרִיגֶר פַר זַייא שתקות אנוש רמה וַוייל דִיא הָאפֶענוּנְג פוּן אַמֶענְשְׁן אִיז וֶוערִים · דָא פְרֶעגְן אַלֶע דִי קַשְׁיָא וִויא שִׁיקְט זִיךְ צוּא זָאגְן אַז דִיא הָאפְנוּנְג אִיז וֶוערִים וֶוער הָאפְט עֶס צוּא זַיין אַוָוארִים דֶער הָאפְנוּנְג אִיז דָאךְ דָס בֶּגֶער וָוס אַמֶענְשׁ וִוינְשְׁט עֶס זִיךְ צוּ הָאבְּן אָדֶר עֶר וִוינְשְׁט עֶס צוּ זַיין נָאר בֶּאֱמֶת וֶוערְט דָא נִיט גִיטַייטְשְׁט שתקות דִיא הָאפֶענוּנְג אָבֶּר דֶר טַייטְשׁ אִיז דָא שתקות אנוש דִיא עֶנְדֶע פוּן אַמֶענְשׁ אוּנ זַיין סוֹף אִיז וֶוערִים

כָּל הַמְחַלֵּל שֵׁם שָׁמַיִם בַּסֵּתֶר נִפְרָעִין מִמֶּנּוּ בְּגָלוּי אֶחָד שׁוֹגֵג וְאֶחָד מֵזִיד בְּחִלּוּל הַשֵּׁם: ו רַבִּי יִשְׁמָעֵאל בַּר רַבִּי יוֹסֵי אוֹמֵר הַלּוֹמֵד עַל מְנָת לְלַמֵּד מַסְפִּיקִין בְּיָדוֹ לִלְמוֹד וּלְלַמֵּד וְהַלּוֹמֵד עַל מְנָת לַעֲשׂוֹת מַסְפִּיקִין בְּיָדוֹ לִלְמוֹד וּלְלַמֵּד לִשְׁמוֹר וְלַעֲשׂוֹת: ז רַבִּי צָדוֹק אוֹמֵר אַל תִּפְרוֹשׁ מִן הַצִּבּוּר וְאַל תַּעַשׂ עַצְמְךָ כְּעוֹרְכֵי הַדַּיָּנִין וְאַל תַּעֲשֶׂהָ עֲטָרָה לְהִתְגַּדֶּל בָּהּ וְלֹא קַרְדּוֹם לַחְפּוֹר בָּהּ וְכַךְ הָיָה הִלֵּל אוֹמֵר וּדְאִשְׁתַּמֵּשׁ בְּתָגָא חֲלָף הָא לָמַדְתָּ כָּל הַנֶּהֱנֶה מִדִּבְרֵי תוֹרָה נוֹטֵל חַיָּיו

חסדי אבות

וִויא דֶר פָּסוּק זָאגְט אִין יִרְמְיָה (כט י"א) לתת לכם אחרית ותקוה · אוּנ דֶר זֶעלְבִּיגֶר מַאֲמַר פוּן דֶעם תַּנָּא אִיז אַפָּסוּק אִין סֵפֶר בֶּן סִירָא (ז' י"ז) מאד מאד השפל רוחך כי אחרית כל אנוש רמה דוּ זָאלְסְט זַייעֶר זַייעֶר נִידֶרִיג מַאכְן דַיין גֶעמִיט וַוייל דִי עֶנְדֶע פוּן יֶעדֶען מֶענְטְשְׁן אִיז וֶועְרִים: ה רבי יוחנן בן ברוקה אומר רַבִּי יוֹחָנָן בֶּן בְּרוֹקָה זָאגְט כל המחלל שם שמים בסתר דֶר וָואס פַר שְׁוֶועכְט דֶעם נָאמֶן פוּן גָאט ב"ה אִין זַיין פֶערְבָּארְגֶנֶעם הֶערְצִין דְהַיְינוּ עֶר טְרַאכְט בַּייא זִיךְ אַז השי"ת וֵויים נִיט פוּן זַיינֶע מַעֲשִׂים נפרעין ממנו בגלוי נֶעמְט מֶען פוּן אִים גִיצָאלְט · כְּלוֹמַר מֶען בֶּעשְׁטְרָאפְט אִים עֶנְדְלִיךְ אַז אַלֶע זָאלְן זֶעהְן · אחד שוגג ואחד מזיד בחלול השם סַאי עֶר אִיז אַיין שׁוֹגֵג אוּנ סַאי עֶר אִיז אַיין מֵזִיד אִין דֶר עֲבֵרָה פוּן חִלּוּל הַשֵּׁם נֶעמְט מֶען אַלְץ עֶפִינְטְלִיךְ פוּן אִים גִיצָאלְט · דֶר תּוֹסְפוֹת יו"ט שְׁרַייבְּט אַז צוּ בַּאשְׁטְרָאפְן עֶפֶענְטְלִיךְ אִיז אִין חִלּוּל הַשֵּׁם גְלַייךְ אַיין שׁוֹגֵג מִיט אַיין מֵזִיד · אָבֶּער אִין דִי שְׁטְרָאף אַלֵיין זַיינֶען זֵיי נִיט גְלַייךְ דֶען אַיין מֵזִיד וֶוערְט מֶער בַּאשְׁטְרָאפְט פַאר אַשׁוֹגֵג: ו רבי ישמעאל בר רבי יוסי אומר רַבִּי יִשְׁמָעֵאל בַּר רַבִּי יוֹסֵי זָאגְט הלומד על מנת ללמד דֶר וָואס לֶערִינְט דִי תּוֹרָה אַלֵיין בִּכְדֵי צוּ מַאכִין זִיא לֶערְנֶען צוּ אַנְדֶערֶע לַייט · מספיקין בידו מַאכְט מֶען גֶענוּג אִין זַיין הַאנְד · כְּלוֹמַר מֶען גִיט אִים אַיין כֹּחַ מִן הַשָּׁמַיִם ללמוד וללמד דָאס עֶר זָאל אַלֵיין לֶערְנֶען אוּנ אוֹיךְ צוּ מַאכְן לֶערְנֶען צוּ אַנְדֶערֶע · והלומד על מנת לעשות אָבֶּער דֶר וָואס לֶערִינְט דִי תּוֹרָה בִּכְדֵי עֶר זָאל מְקַיֵּים זַיין אִירֶע מִצְוֹת מספיקין בידו גִיט מֶען אִים גֶענוּג כֹּחַ ללמוד וללמד לשמור ולעשות עֶר זָאל קֶענֶען לֶערְנֶען פַאר זִיךְ · אוּנ צוּ מַאכְן לֶערְנֶען אוֹיךְ צוּ אַנְדֶערֶע · אָפּ צוּ הִיטְּן זִיךְ פוּן דָאס וָואס מֶען דַארְף נִיט טָאן לא תעשה אוּנ צוּ טָאן דִי מִצְוֹת וָואס גָאט הָאט גִיהֵייסִין אַז מֶען זָאל זֵייא יוֹא טָאן מצות עשה: ז ר' צדוק אומר רַבִּי צָדוֹק זָאגְט אל תעשה עטרה להתגדל בה דוּ זָאלְסְט דִיא דִבְרֵי תּוֹרָה נִיט מַאכְן פַר אַקְרוֹין אוּם גְרוֹיס צוּ הַאלְטְן זִיךְ מִיט זֵיי כְּלוֹמַר דוּ זָאלְסְט נִיט דֶענְקְן אַז דַיינֶע רֵייד וָואס דוּא וֶועסְט רֵיידְן אִין דֶער תּוֹרָה זַיינֶען אַקְרוֹין אוֹיף דַיין קָאפּ אוּנ דִי לַייט וָואס הֶערְן פוּן דִיר דִבְרֵי תּוֹרָה מוּזְן דִיר אָפּ גֶעבְּן כָּבוֹד ולא קרדום להפר בה אוֹיךְ זָאלְסְט דוּ זֵייא נִיט מַאכְן פַר אַיין הַאק צוּ גְרָאבְּן מִיט זֵיי · כְּלוֹמַר דוּ זָאלְסְט נִיט מַאכְן דִי דִבְרֵי תּוֹרָה צוּ דִיר פַר אַפַּרְנָסָה אַז דוּ זָאלְסְט זִיךְ דוּרְךְ זֵיי מְפַרְנֵס זַיין · וִויא אַיין הָאלְץ הַאקֶר מִיט זַיין הַאק · אוּנ אַמָאל אַז עֶר בֶּעקוּמְט נִיט הָאלְץ צוּ הַאקְן גְרָאבְּט עֶר מִיט אִיר אוֹיךְ דִיא עֶרְד אַבִּי נָאר גֶעלְד צוּ פַארְדִינֶען · וכך היה הלל אומר אוּנ אַזוֹ הָאט אוֹיךְ הִלֵּל גִיזָאגְט ודאשתמש בתגא חלף אַז דֶר וָואס עֶר בֶּענוּצְט זִיךְ מִיט דֶער קְרוֹין פוּן דֶר תּוֹרָה מַאכְט עֶר עֶס גְרַאד אוּמְגֶעבִּיטְן אוּנ פֶערְקָערְט דִי קְרוֹין פוּן דֶר תּוֹרָה צוּ אַיין הַאק כְּלוֹמַר עֶר אִיז דִי תּוֹרָה נָאךְ מֶער מְבַזֶּה · הא למדת דֶער פוּן לֶערִינְסְט דוּ אָפּ כל הנהנה מדברי תורה אַז דֶער וָואס עֶר הָאט אוֹיף דִיזֶע וֶועלְט הֲנָאָה דוּרְךְ דִי רֵייד פוּן דֶר תּוֹרָה נוטל חייו מן העולם דֶער נֶעמְט אַוֶועק זַיין לֶעבִּין פוּן דִיא אֵייבִּיגְקַייט · כְּלוֹמַר עֶר פֶערְשְׁפִּילְט זַיין עוֹלָם הַבָּא · דֶר חוֹבַת הַלְּבָבוֹת שְׁרַייבְּט עֶס הָאט גִיטְרָאפִין אַמַעֲשֶׂה מִיט אַגְרוֹיסְן חָסִיד וָואס עֶר אִיז גִיוֶועזְן אַמוּפְלָג בַּתּוֹרָה אִיז עֶר גִיקוּמֶן צוּ אַיין סוֹחֵר צוּ קוֹיפְן בַּיי אִים סְחוֹרָה · אַז עֶר הָאט אִים גִיפְרֶעגְט אוֹיף דֶעם מְקַח פוּן דֶער סְחוֹרָה הָאט דֶר סוֹחֵר בַּיי אִים גִיבֶּעטְן צוּ פִיל אוּנ דֶר חָסִיד הָאט גִיבֶּעטְן וֶוינִיגֶער · הָאט דֶר

סוחר

מִן הָעוֹלָם: ח רַבִּי יוֹסֵי אוֹמֵר כָּל הַמְכַבֵּד אֶת הַתּוֹרָה גּוּפוֹ מְכֻבָּד עַל הַבְּרִיּוֹת וְכָל

חסדי

סוחר צו אים גיזאגט איר זאלט וויסן אז באמת קען איך פאר דעם מקח וואס איר באט ניט אוועק געבין · נאר אייך וואס איר זייט מיר בעקאנט פר איוד אלמדן גיב איך אייך אפ פר דעם מקח · דר חסיד האט מיט אים מער קיין ווארט גירעט · אונ האט גיקויפט די סחורה פון איין אנדר סוחר · אונ ביי אים האט ער ניט גיוועלט קויפן· ווייל ער האט ניט גיוועלט הנאה האבן פון דברי תורה · דר דובנר זאגט אז די כוונה וואס דר תנא האט צו זיינע רייד וואס ער האט גיזאגט ולא קרדום לחפר בה דוא זאלסט דיא דברי תורה ניט מאכין פאר איין האק מיט זיי צו גראבן · גיבראכט איין ראיה פון דעם וואס הלל האט גיזאגט ודאשתמש בתגא חלף אז דר וואס בענוצט מיט דר קרוין פון דר תורה ווערט עס אומגיקערט איז אמשל צוא אריכן סוחר וואס ער איז ארום גיווארן אונ איז געבליבן צו פיל לייט שולדיג חובות האבן זיך אלע צו זאמן געקליבן מיט זייערע וועקסלן וואס זיי האבין אויף אים גיהאט אונ האבן ביי אים גיוועלט אפ נעמן זיינע איבעריגע כלי בית וואס ביי אים איז געבליבין · אבער זיי האבן ביי אים מער גיט גיפונען וויא דיא זילבערנע כלים וואס בייא אים האט זיך נאך אפ גישטעלט פון זיין חתונה וואס מען האט אים געגעבן דרשה גישאנק וויא דר מנהג איז · די בעלי חובות אבער זיינען גיוועזן ערליכע לייט · האט זייער יושר ניט אויס גיטראגן אז זייא זאלן דאס ביי אים אפ נעמן · ווייל דאס איז ביי אים גיוועזן זייער חשוב · אונ דרום איז ביי זיי גיבליבן איין הסכם אז מען זאל דיזע כלים ביי אים ניט נעמן איבר דעם טעם ווייל ער האלט עס פר איין אייביגן אנדענקן פון זיינע עלטרן לימים הט זיך דיזר בנקראטיר מישב גיוועזן צו נעמן דיא זעלביגע כלים פון דרשה גישאנק אונ פר קויפן אין ברוך · וויא די שולד הערן האבין דאס דר הערט זיינען זיי ארוין גיקומן אין כעס אונ האבן זיך אלע אין אים אן גיטאן אונ האבין בייא אים צוא רויבט גאר די זילבער וואס ער האט גיהאט · אונ זייא האבן זיך מיט דעם צווישן זיך צוא

אבות

טיילט · דען זייא האבן גיזאגט צוא אים כל זמן דו האסט גיהאלטן די כלים ביי דיר פאר אצירונג האבן מיר אונז ניט גיוואגט עס ביי דיר אפ צו נעמן · אבר יעצט אז מיר זעהן אז דו אליין ווילכט פון דעם מאכן אהאנדל פר וואס זאלן מיר שווייגין · אונז קומט דאך פון דיר געלט · דר נמשל איז מיר האבן זיך מיט אונזערע זינד פיל פר שולדיגט פאר הש"י אונ מיר זיינן געבליבן גרויסע בעלי חובות · אונ דרום האט הש"י אויף אונז אנגעשיקט זיינע מאנר אשור בבל מדי אונ אדום· אונ ער האט זיי גימאכט פאר שליטים איבער אלע אונזערע פערמעגן · אויסר די תורה דען איר האט הש"י ניט גילאזן פון אונז רויבן · ווייל די געהערט ניט צו דיא וועלטליכע טייערקייטן דען זיא איז אונזר דרשה גישאנק וואס אונזר פאטער האט אונז גיגעבן פון הימיל · אבער דאס איז אלס גירעט אז מיר האלטין איר טייער צום אייביגן אנדיינקען אונ מיר לערנן לשמה · פון גאטס וועגן · אבר אז מיר זיינען זיך מתעסק אין דער תורה ניט פון גאטס וועגן · נאר פון אונזר פרנסה וועגן · אם כן איז זיא דאך בייא אונז פערקערט גיווארין צוא איין וועלטליכן גישעפט וויא אלע גישעפטין · וואס מיר בענוצן זייא צו אונזרע פרנסות · אויף דיזען אופן האבן דאך אונזרע פיינד דאס רעכט צו הערשן אויך איבר דער תורה אונ זייא האבן אויך רעכט זיא צו רויבן פון אונז · אונ דאס איז די כוונה פון דעם מאמר דו זאלסט די תורה ניט מאכן פר דיין גישעפט וויא די האק בייא דעם פועל · דען אזו האט אויך גיזאגט הלל אז דר וואס נעמט די תורה וואס זיא איז נאר אקרוין אונ אצירונג · אונ ער בריינגט פון איר נוצן צו דר וועלט · דער קערט עס אום דיא צירונג צו איין גישעפט · אונ אזו קען מען זיא הלילה פון אונז רויבן: ח רבי יוסי אומר רבי יוסי זאגט כל המכבד את התורה ווער עס האלט דיא תורה בכבוד ער איז נוהג כבוד מיט איין ספר תורה ער האלט איר אין שיינע בקליידונג אין אשיינעם ארון הקדש · אונ גיט אפ כבוד צו די ספרים וואס ער לערנט אין זיי · דהיינו

ער

המחלל את התורה גופו מחלל על הבריות: ט רבי ישמעאל בנו אומר החשך עצמו מן הדין פורק ממנו איבה וגזל ושבועת שוא והגס לבו בהוראה שוטה

חסדי אבות

ער לאזט זיי בינדן אין אשיינעם בונד און ער האלט זיי אין אשיינע שאפע · און דער עיקר כבוד איז אז ער לערינט אין זיי · און ער גיט אפ כבוד צו די וואס לערנען אין דר תורה גופו מכובד על הבריות דעם האלט מען אויך זיין גוף ערליך צווישן לייטן · און אזו זאגט אויך די גמרא (סנהדרין קב ע"ב) פאר וואס האט זוכה גיוועזן דר רשע אחאב צוא זיין איין מלך אין ישראל צוויי און צוואנציג יאר · וויל ער האט גיהאלטן בכבוד די תורה וואס זיא איז געגבן גיווארן מיט צווייא און צוואנציג אותיות · כל המחלל את התורה און דר וואס פר שוועכט דעם כבוד פון דר תורה גופו מחולל על הבריות איז זיין גוף פר שוועכט ביי לייטן · און אזוא זאגט די גמרא (סוטה י ע"א) פר וואס איז דער צדיק אסא מלך יהודה גישטראפט גיווארין · נאר דריבר וויל ער האט זיך גילאזן ברינגען פון תלמידי חכמים: ט רבי ישמעאל בנו אומר אין זון רבי ישמעאל זאגט החושך עצמו מן הדין דר וואס מיידט זיך פון צו גיין מיט זיינם חבר צוא ב"ד · דאס הייסט ער וויל מיט זיין חבר קיין דין תורה האבן · דען ער זעהט מיט אים אליין צו דורך קומן פורק ממנו איבה וגזל ושבועת שוא ווארפט ער פון זיך אראפ פיינדשפט און גזלה און שווערין אומזיסט · דען וויל זייא קומן דורך צווישן זיך בשלום האט איינר אויף דעם אנדערין קיין שנאה און ווען אפילו פון איינעם קומט דעם אנדערן עפים ארויס געלד וויא באלד זיי זיינען צווישן זיך משוה גיווארין איז ער אים געוויס מוחל דאס איבריגע · איז דא ניט פאר האנדין גזלה · און אז זיין חבר מאנט אים צום דין תורה חאטשי ער ווייס אז ער האט ניט מיט וואס צו באצאלן · און יענר קומט צו ב"ד און טענה'ט אין לי אמת עס קומט אים אבר איך האב ניט מיט וואס צו בצאלן און ב"ד גיט אים דרויף אשבועה און ער שווערט · חאטשי די שבועה איז ניט פאלש אבר זיא איז דאך אומזיסט · וויל דער וואס מאנט אים האט דאך אויך געוואוסט אז ער

האט ניט · אבר אז ער פערמיידט זיך צו גיין האבן אדין תורה קומן זיי דורך און איין שבועה איז דא קיין שבועת שוא פערהאנדין · דרום איז אמצוה צו מאכין צווישן צוויי בעלי דינים איין מיטל פאל אז זייא זאלן אום קומען אן אדין תורה און דאס הייסט איינע פשרה · והגס לבו בהוראה אבער דער וואס לאזט איין גיוואונן זיין הערץ צוא פסקנן דווקא איין דין תורה שוטה דר מוז זיין משוגע אנשטאט דעם וואס ער וויל זיך ווייזן פר איין חכם · וויא דר פסוק זאגט (איוב יב י"ז) ושופטים יהולל די ריכטר מאכט גאט נאריש רשע און ער איז דער צוא ארשע דען ער איז גורם איין אומזיסטע שבועה · וגס רוח און ער גיט נאך זיין איינגנם ווילן · דאס ער שטעלט צו פיל אויף זיך · און אזו זאגט די גמרא (ב"מ ל ע"ב) לא חרבה ירושלים אלא על שדנו בה דין תורה וכו' ולא עבדו לפנים משורת הדין · ירושלים איז דריבר חרוב גווארן נאר וויל זייא האבין אין איר געמשפט אדין תורה און האבן קיין מאל גימאכט איין פשר וואס דאס איז פיל פרימר אלס איין דין תורה · מיר האט דר ציילט רבי יעקב דוד אידילש ז"ל ממינסק אמעשה וואס עס האט אמאל גטראפן פה קהלתנו מינסק יע"א עס איז גיוועזן אצייט דאס אין דער גאנצע קהלה און אין דעם גליל האט מען ניט גפונן זקנים מוסמכים וואס זאלן זיין ראוי אויף צו נעמן פאר דיינים און מחמת דעם איז גישעהען אין שטאט גרויסע מחלוקת און עס איז גיוועזין רחמנא ליצלן צווישן די לייט אגרויסר פרוד לבבות איינער דעם אנדערן איז גיוועזן איין שונא אין לעבין און עס זיינען דענגמאל אן גשטאנגן זייער פיל מוסרים בישראל · די עשירים פון דר קהלה וואס האבין גילעבט אין יענער צייט האבין גמאכט איין אסיפה גדולה און האבן גקלערט עצות וואס מען זאל טאן און זייא האבן קיין שום עצה ניט גיפונן · האבן זיך מתנדב גוועזן צוועלף סוחרים · וואס זיי האבן אין גשעפטן גיהאט איין שם פאר חכמים מחכמים אז על

רָשָׁע וְגַס רוּחַ: י הוּא הָיָה אוֹמֵר אַל תְּהִי דָן יְחִידִי שֶׁאֵין דָּן יְחִידִי אֶלָּא אֶחָד • וְאַל תֹּאמַר קַבְּלוּ דַעְתִּי שֶׁהֵן רַשָּׁאִין וְלֹא אָתָּה: יא רַבִּי יוֹנָתָן אוֹמֵר כָּל הַמְקַיֵּם

חסדי אבות

פי גורל זאלן זיצן דריי מאן פון זיי אין יעדר וואך אין דעם בית ועד הדיינים אונ זאלן אויס הערן די טענות פון די בעלי דינים • אונ זיי זאלן מאכן צווישן אמיטל פאל נאך דעם שכל פון זייערע ידיעות וואס זייא האבין אין וועלטליכע גישעפטין אונ דאס מוז אזו לאנג דויערן ביז מען וועט גיפינען זקנים מוסמכים וואס וועלן ראוי זיין אויף צוא נעמן זייא פאר דיינים • וויא דר הסכם איז גבליבן כך היה • אלע וואך זיינן פון זיי גיזעסין דרייא סוחרים אין בית ועד השופטים • אונ פון איטליכען משפט וואס פר זייא איז גיקומן האבן זיי אין אבוך פר שריבן די טענות פון ביידע ערלייא צדדים • אונ אויך פערשריבין דעם פסק וואס זייא האבין אפגימאכט על פי פשרה • דיזע סוחרים זיינען אין מינסק גיוועזין שופטים בישראל זיבן יאר • דר נאך האבן זיך גיפונען זקנים מוסמכים וואס מען האט זיי אויף גנומן פר דיינים ובראשם הגאון בעל סדר הדורות אונ אלם זיי האבן איבר גיזעהן דעם בוך וואס די סוחרים האבן אין אים איינגעשריבין אלע משפטים מיט זייערע פשרות וואס זיי האבין אפ גימאכט • האבן זיי גיזאגט דאס אויף יעדן סוחר פון דיזע צוועלף איז גיזאגט גיווארין דר פסוק (קהלת ח א׳) מי כהחכם ומי יודע פשר דבר • ווער איז גלייך צו דעם חכם • אבר ווער ווייס וויא צוא מאכין אין יעדער זאך איין פשרה ידבו כמותם בישראל אזעלכע לייט זאלין געמעהרט ווערין אין ישראל:

י הוא היה אומר ער פלעגט זאגן אל תהי דן יחידי דו איינר אליין זאלסט ניט משפטן שאין דן יחידי אלא אחד וויל קיינר בעדארף אליין משפטן נאר גאט וואס ער איז איינר • וויא דער פסוק זאגט (איוב כ״ג י״ב) והוא באחד ומי ישיבנו • גאט ב״ה משפט גאר אליין • אונ ווער זאל אום קערן צו ענדערען דעם משפט וואס ער האט בשטימט • מען פרעגט דא אקשיא וויא קומט דר תנא אונז דא אדין צו לערנן דאס איין דיין זאל איינר אליין ניט משפטן • דיא מסכתא אבות לערינט דאך אונז נאר מוסר אונ מדות • אונ די דינים פון דיינים זיינן דאך גלערינט גווארן אין סנהדרין • אונ אין דר ערשטע משנה פון דעם ערשטן פרק אין סנהדרין שטייט דר דין מפורש דיני ממונות בשלשה • דיא דינים וואס גהערן צו געלט זאכן בעדארף עס גמשפט ווערן דורך דריי דיינים • דער תירוץ איז וויל עס איז דא אדין דאס אויב דער דיין איז איין מומחה דאס הייסט ער האט אשם אז ער איז געניט אין אלע דינים • אונ די צוויי לייט וואס ווילן האבן איין דין תורה זיינן מסכים צו פאר לאזן זיך אויף אים אליין • אזו מאג ער וואול משפטן איינר אליין • דריבער קומט דא דער תנא צו לערנען דיזעם דיין איינע גוטע מדה חאטשי ער איז אמומחה אונ מען פערלאזט זיך אויף אים אונ ער מאג אליין משפטן דאך זאל ער פארט אליין ניט משפטן • דען דורך דעם פערהערליכטער דעם נאמען פון השי״ת • אונ ער בעוויזט דאס קיינר דארף אליין ריכטן מענשן מלבד השי״י וואס ער אליין איז אדיין אמת ואל תאמר קבלו דעתי אונ אז דוא נעמסט צום דין צו נאך צווייא דיינים אז זיי זאלן מיט דיר זיצן אונ זיי זאגן דעם דין אנדערש וויא דו מיינסט • זאלסטו צו זיי ניט זאגען איר מוזט אן נעמן מיין מיינונג שהן רשאין דען זיי מאגין עס צו דיר זאגן אז דו מוזט זייער פסק דין אן נעמן וויל זיי זיינן דאך רבים ולא אתה אבר ניט דו מאגסט עס זאגן וויל דו ביסט דאך איין יחיד אונ איין דעה ווערט בטל אנקעגן צוויי • פון דעסט וועגין אויב דר דיין ווייס קלאר אז זיינע צווייא חברים האבן איין טעות אין דעם דין • מאג ער זאגן צו זיי איר מוזט אן נעמן די דעה וואס די תורה ווייזט אייך • אונ ער זאל זיי דעם פסק הלכה רעכט דער קלערן • אזוי פסקת דער רמ״א אונ דער טורי זהב: יא רבי יונתן אומר רבי יונתן זאגט כל המקים את התורה מעני דער וואס ער איז מקים דיא תורה פון ארימקייט • כלומר ער לערינט די תורה אדר ער שטיצט די לייט וואס לערנן די תורה • אין

דר

אֶת הַתּוֹרָה מֵעֹנִי סוֹפוֹ לְקַיְּמָהּ מֵעֹשֶׁר וְכָל הַמְבַטֵּל אֶת הַתּוֹרָה מֵעֹשֶׁר סוֹפוֹ

חסדי

דָר צַייט וָואס עֶר אִיז אָרִים סופה לקימה מעושר׳ וָועט עֶר עֶנְדְלִיךְ אוֹיךְ הַאלְטְן דִיא תּוֹרָה אַז עֶר וָועט זַיין רַייךְ׳ דֶר תִּפְאֶרֶת יִשְׂרָאֵל שְׁרַייבְּט אַז מִיט צְוַויי נִסְיוֹנוֹת פְּרוּבְט הש״י דֶעם מֶענְשְׁן אוֹיבּ עֶר וָועט נִיט זִינְדִיגְן׳ אֵיין נִסָּיוֹן אִיז אָרִימְקַייט׳ וַוייל דֶר נוֹיט קֶען בְּרֵיינְגֶן אַמֶענְשְׁן צוּ זִינְדְ׳ דֶר אַנְדֶר נִסָּיוֹן אִיז רַייכְקַייט׳ וַוייל דוּרְךְ רַייכְקַייט וָוערְט אָפְט אַמֶענְשׁ צוּא לָאזִין אִין פִיל תַּאֲוֹת אוּנ דֶר נִסָּיוֹן פוּן רַייכְקַייט אִיז פִיל גְרֶעסָר פַאר דֶעם נִסָּיוֹן פוּן אָרִימְקַייט׳ וַוייל דוּרְךְ רַייכְקַייט קֶען אַמֶענְשׁ גִיכֶר זִינְדִיגְן וִויא פוּן אָרִימְקַייט׳ דְרוּם פְּרוּבְט הש״י דֶעם מֶענְשְׁן פְּרִיעֶר מִיט אָרוּמְקַייט וָואס דָאס אִיז אַגְרִינְגֶר נִסָּיוֹן׳ אוּנ אַז עֶר הַאלְט דִי תּוֹרָה אִין אָרִימְקַייט אוּנ אִיז דֶעם נִסָּיוֹן אוֹיס גְשְׁטַאנֶן׳ פְּרוּבְט עֶר אִים אוֹיבּ עֶר וָועט אוֹיךְ הַאלְטְן דִי תּוֹרָה פוּן רַייכְקַייט׳ דְרוּם זָאגְט דֶר תַּנָּא דָאךְ אַז דָער מֶענְשׁ אִיז אוֹיס גֶעשְׁטַאנֶן דִי עֶרְשְׁטֶע פְּרוּבוּנְג אוּנ הָאט דִי תּוֹרָה גֶעהַאלְטְן אִין זַיין אוּנְגְלִיקְלִיכֶן שְׁטַאנְד׳ מָאג עֶר וואול בָּטוּחַ זַיין אַז עֶר וֶועט אוֹיךְ אוֹיס שְׁטֵיין דֶעם אַנְדֶר נִסָּיוֹן אוּנ עֶר וָועט גָעוִוים הַאלְטְן דִיא תּוֹרָה אוֹיךְ וָוען עֶר וָועט רַייךְ זַיין׳ וַוייל גָאט ב״ה וָועט אִים זַיין צוּ הִילְף׳ וִויא דִי חֲכָמִים הָאבְּן גְזָאגְט הבא לטהר מסייעין לו׳ אַז דָר וָואס וִויל זַיין אַיין צַדִּיק הֶעלְפְט מֶען אִים פוּן הִימִיל׳ עֶס הָאט גְטְרָאפְן אַמָאל אַמַעֲשֶׂה אַז דָר דוּבְּנֶער מַגִּיד זִכְרוֹ לִבְרָכָה אִיז גְקוּמֶן אִין דַייטְשְׁלַאנְד׳ אִין אַיין טָאג פוּן קְרִיאַת הַתּוֹרָה אַז עֶר הָאט גְדַאוֶוינְט אִין שׁוּל הָאט מֶען אִים מְכַבֵּד גְוֶועזִן מִיט הַגְבָּהָה׳ אוּנ אַיין יוּנְגֶר דַייטְשׁ אִיז גְוֶועזִן גְלִילָה׳ דֶר נָאךְ אַז דֶר בַּעַל גְלִילָה הָאט אוּם גֶעבּוּנְדֶען דֶעם סֵפֶר מִיט אַטַייעֶרֶען זַיידִינָעם גַארְטִיל אוּנ הָאט אָן גְצוֹיגְן פוּן אוֹיבְּן דֶעם טְהַייעֶרֶן גָאלְד גֶעשְׁטִיקְטֶן קְלֵייד הָאט עֶר אוֹיף דֶעם סֵפֶר הַתּוֹרָה אוֹיף גְזֶעצְט אַזִילְבֶּערְנֶע עֵץ חַיִּים מִיט אַגָאלְדֶענֶעם כֶּתֶר תּוֹרָה אוֹיס גְזֶעצְט מִיט פִיל בְּרִילַאנְטִין׳ אוּנ דִי אַרְבַּייט פוּן זַיי אִיז גָעוֶועזִן זַייעֶר דֶעלִיקַאט אוּנ אַפְּרַאכְט פוּן דָר וֶועלְט׳ נָאךְ דֶעם אַלֶעם פְרֶעגְט אִים דֶער דַייטְשׁ וָואס זָאגְט אִיר מַגִּיד וִויא מִיר הַאלְטִין

אבות

דָא אִין דַייטְשְׁלַאנְד דִי תּוֹרָה גְצִירְט אִין זִילְבֶּר אִין גָאלְד מִיט פִיל בְּרִילַאנְטֶען׳ בַּיי אַייךְ אִין רוּסְלַאנְד הַאלְט אִיר אַזוֹ דִיא תּוֹרָה וִויא מִיר׳ בַּיי אַייךְ אִיז זִיא דָאךְ זַייעֶר אָרִים גִיקְלֵיידָעט׳ הָאט דֶר דוּבְּנֶר צוּ אִים גְזָאגְט אִיךְ וֶועל אַייךְ אַיין מָשָׁל זָאגְן דֶערוֹיף׳ עֶס זַיינֶן גָעוֶועזִן צְוַויי שְׁוֶועסְטָר אוֹיס גֶעגֶעבְּן אִין צְוַויי בַּאזוּנְדֶערֶע שְׁטֶעט וָואס זַיי זַיינֶן זַייעֶר וַוייט גְוֶועזִן אֵיינֶע פוּן דִיא אַנְדֶערֶע אִין שְׁוֶועסְטֶער וֶועלְכֶע אִיז גְוֶועזִן אוֹיסְגִיגֶעבְּן וַוייט פוּן אִירֶע עֶלְטֶערְן׳ אִיז גְוֶועזִן זֵייעֶר רַייךְ אוּנ דִיא אַנְדֶערֶע וָואס הָאט גְוואוֹנְט אִין דֶער זֶעלְבִּיגֶע שְׁטָאט וואוּ אִיהְרֶע עֶלְטֶערְן זַיינֶען גֶעשְׁטָארְבְּן׳ הָאט זִיא גְלֶעבְּט זֵייעֶר אָרִים׳ אַמָאל הָאט זִיךְ דִיא רַייכֶע שְׁוֶועסְטֶער אוֹיס גֶעבֶּעטְן בַּייא אִיר מַאן אַז עֶר זָאל אִיר עֶרְלוֹיבִּין פָאהְרְן׳ פַאר יָמִים נוֹרָאִים אוֹיף קִבְרֵי אָבוֹת׳ אִיר מַאן וָואס עֶר אִיז ווירְקְלִיךְ גָעוֶועזִן אַגְרוֹיסֶר קַצִין׳ הָאט גְלָאזִין פַר אִיר שְׁפַּאנֶן אַיינֶע טַייעֶרֶע עֶקִיפַּאשְׁזֶע מִיט אַגוּטֶע פֶּאר פֶערְד אוּנ הָאט אִיר מִיט גְגֶעבִּין זַיינֶע צְוַויי דִינֶר מִיט אַדִינְסְט מַאד אוּנ זִיא אִיז מִיט גְרוֹיס כָּבוֹד גְפָארְן אִין אִיר שְׁטָאט׳ אַלְס זִיא אִיז גְקוּמֶן אוֹיפְן בֵּית עוֹלָם הָאט אִיר דֶער קַבְּרוֹת מַאן אָן גְוִויזְן דֶעם קֶבֶר פוּן אִיר פָאטֶר׳ בַּיים קֶבֶר הָאט זִיא גְפוּנֶען אַיינֶע אָרִימֶע וַוייבּל זֵייעֶר אָרִים גֶעקְלֵיידָעט לִיגְט אוֹיפְן קֶבֶר פוּן אִיר פָאטֶער אוּנ וַויינְט אוּנ שְׁרַייט וִויא דֶר מִנְהָג אִיז׳ זָאגְט דִי רַייכֶע צוּ דֶר אָרִימָר׳ זַייט אַזוֹ גוּט אוּנ גֵייט אַוֶועק פוּן דֶעם קֶבֶר׳ דֶען אִיר זַייט דָא אוֹיף אַיין פְרֶעמְדִין קֶבֶר גִיקוּמֶן וַוייל דָא לִיגְט גָאר מַיין פָאטֶער׳ נֵיין זָאגְט דִיא אָרִימֶע פְרוֹיא אִיךְ בִּין דָאךְ אַהִיגֶע׳ וֵייס אִיךְ דָאךְ גָעוִוים אַז דָאס אִיז מַיין פָאטֶערְס קֶבֶר פוּן כַּמָּה יָאר׳ אוּנ אִיר זַייט דָאךְ נִיט פוּן הִיא גְקוּמֶן פַר וָואס פְרֶעגְט אִיר נִיט בַּייא דֶעם קְבָרוֹת מַאן׳ דָר קְבָרוֹת מַאן הָאט דָאךְ מִיר טַאקִי דָא אָן גְעוִויזֶען הָאט דִיא רַייכֶע גְעֶנְפֶערְט׳ שַׁא׳ וִויא הָאט גֶעהַייסִין אַייעֶר פָאטֶר הָאט דִיא אָרִימֶע גֶעפְרֶעגְט׳ רַבִּי חַיִּים חַייקִיל בֶּן מְשׁוּלָּם פַייבִישׁ׳ דָאס אִיז דָאךְ אוֹיךְ מַיין פָאטֶר גְוֶועזִן הָאט דִי אָרִימָע אוֹיס

געריען

לְבַטְּלָהּ מֵעֹנִי: יב רַבִּי מֵאִיר אוֹמֵר הֱוֵי מְמַעֵט בְּעֵסֶק וַעֲסוֹק בַּתּוֹרָה וֶהֱוֵי שְׁפַל רוּחַ בִּפְנֵי כָל אָדָם וְאִם בָּטַלְתָּ מִן הַתּוֹרָה יֶשׁ לְךָ בְּטֵלִים הַרְבֵּה כְּנֶגְדְּךָ וְאִם

גֶשְׁרִיעֶן אונ הָאט אִיר וִוידֶער גְפְרֶעגְט אונ וִויא רוּפְט מֶען אַייךְ · חַנָּה רויזיל הָאט גְעֶנְטְפֶערְט דִיא רַייכֶע · אַזוֹ בִּיסְטוּ דָאךְ מַיין שְׁוֶועסְטֶער זָאגְט דִי אָרִימֶע · אַזוֹ בִּיסְטוּ דָאס פְרַאדִיל הָאט דִי רַייכֶע צוּ רִיק אוֹיס גְרוּפְן אונ זַיינֶען אַיינֶע דִי אַנְדֶרֶע אוֹיפְן הַאלְז גְפַאלְן הָאבְּן גְעֶוויינְט אונ גְלַאכְט אונ הָאבְּן זִיךְ שְׁטַארְק צוּ קוּסְט · אָבֶּר וָואס מַאכְסְטוּ לִיבֶּע שְׁוֶועסְטֶער הָאט גְזָאגְט פְרַאדִיל אונ וִויא גֵייט עֶס דִיר · אִיךְ זֶעה אַז דוּ בִּיסְט גָאט צוּא דַאנְקֶען זֵייעֶר רַייךְ גֶעוִויס בִּיסְטוּ אוֹיךְ גְלִיקְלִיךְ · נֵיין דָאס גְרַאדֶע נִיט לִיבֶּע שְׁוֶועסְטֶער הָאט דִי חַנָּה רויזיל גְעֶנְטְפֶערְט אָט וִויא דוּא זֶעהֶסְט דָאךְ מִיךְ אָן אַז אִיךְ בִּין זֵייעֶר פְּרַאכְטִיג גְעֶקְלֵיידֶעט · אונ גָאלְדֶענֶע בְּרָאנְזִילֶעטְן אונ בְּרִילַאנְטֶענֶע רִינְגֶן אִיךְ בִּין דָאךְ גֶענוּג רַייךְ · אָבֶּער אִיךְ בִּין דָאךְ זֵייעֶר אוּנְגְלִיקְלִיךְ. דֶען אִיךְ הָאבּ בַּיי מַיין מַאן קַיין שׁוּם דֵעָה עֶר פָאלְגְט מִיךְ נִיט נָאךְ אוֹיף אַיין הָאר · וֶוען אִיךְ פָאדֶער עֶטְוָואס פוּן אִים וָואס מִיר נֵייטִיג אִיז גְלוֹיבְּט עֶר מִיר נִיט · אונ עֶר זָאגְט אַז אִיךְ קֶען אוֹיךְ אָן דֶעם אוֹיס קוּמֶען אונ אַזוֹ אִיז מַיינֶע אַלֶע רַייכְקַייט אַגְרָאשֶׁען נִישְׁט וֶוערְט · הַיינְט זָאג מִיר דוּ מַיין שְׁוֶועסְטֶער וִויא גֵייט עֶס מִיט דִיר · הָאט דִיא רַייכֶע גִיפְרֶעגְט דֶר אָרִימֶער · גְלוֹיבְּט אִיז הַשׁ"י הָאט גְזָאגְט דִי אָרִימֶע · חָאטְשִׁי אִיךְ בְּרֵיינְג צוּ מַיין לֶעבְּן מִיט מַיין מַאן אִין אָרִימְקַייט · אָבֶּר אִיךְ רֶעכְן מִיךְ פִיל גְלִיקְלִיכֶר פַּר דִיר אונ מַיין לֶעבְּן אִיז זִיס וַוייל אִיךְ הָאבּ בַּיי מַיין מַאן דִי גַאנְצֶע דֵעָה עֶר טוּט נִיט אָן מִיר וָואס אַהָאר אִיז וֶוערְט · וָואלְט נָאר אַזוֹ גָאט גֶעבֶּען גְלִיק אונ גוּטֶע גֶעשֶׁעפְטְן וִויא אִיךְ וָואלְט הָאבִּין אִין אַלְץ אַדֵעָה · אַזוֹ הָאט דִי אָרִימֶע גְעֶנְטְפֶערְט · אונ דָאס-זֶעלְבִּיגֶע אִיז אוֹיךְ מִיט אַייךְ רַייכֶע דַייטְשֶׁע יוּדְן אונ מִיט אוּנְז אָרִימֶע יוּדְן · וָואס קוּמְט אַרוֹיס וָואס אִיר צִירְט דֶעם סֵפֶר הַתּוֹרָה אִין שֵׁיינֶע צִירוּנְג אִין גָאלְד אונ זִילְבֶּר אונ אִין בְּרִילַאנְטְן אַז דִי תּוֹרָה הָאט בַּיי אַייךְ קַיין שׁוּם דֵעָה · אִיר פָאלְגְט אִיר נִיט · אונ אִיר הַאלְט נִיט אִירֶע מִצְוֹת · אונ מִיר רוּסִישׁ יוּדִין חָאטְשִׁי דִיא תּוֹרָה אִיז בַּייא אוּנְז אִין גְרוֹיס אָרִימְקַייט · אָבֶּער מִיר הָאבֶּען דָאךְ מִיט אִיר אַגוּט לֶעבְּן · אָן אִיר דֵעָה טוּעֶן מִיר קַיין שׁוּם זַאךְ אִין דֶער וֶועלְט · הַלְוַאי וָואלְטֶען מִיר נָאר זַיין רַייךְ וִויא מִיר וָואלְטְן אִיר גְפָאלְגְט אוֹיךְ אִין אוּנְזֶער הֶעכְסְטְן גְלִיק · וכל המבטל את התורה מעושר אונ דֶער וָואס אִיז מְבַטֵּל דִיא תּוֹרָה פוּן רַייכְקַייט · דֶען וַוייל עֶר אִיז רַייךְ אונ אִיז אַיין טָרוּד אִין זַיינֶע גֶעשֶׁעפְטְן דְרִיבֶּר לֶערִינְט עֶר נִיט · אָדֶר עֶר קֶערְט זִיךְ נִיט צוּ דִי וָואס לֶערְנֶן תּוֹרָה · סופה לבטלה מעוני וֶועט זַיין סוֹף זַיין אַז עֶר וֶועט אִיר מְבַטֵּל זַיין מֵחֲמַת אָרוּמְקַייט:

יב רבי מאיר אומר רַבִּי מֵאִיר זָאגְט הוי ממעט בעסק פַאר נֶעם זִיךְ וֵוינִיג מִיט גֶעשֶׁעפְט ועסוק בתורה אונ בֶּעמִיהֶע זִיךְ אִין לֶערְנֶן תּוֹרָה והוי שפל רוח בפני כל אדם אונ זַייא אַיין נִידֶרִיגֶע גֶעמִיט אַנְקֶעגִין יֶעדִין מֶענְשִׁין · דֶער תּוֹלְדוֹת יְהוֹשֻׁעַ שְׁרַייבְּט אַז דֶר תַּנָּא גִיט אַעֵצָה וִויא אַזוֹ דִי תּוֹרָה זָאל בַּיי אַמֶענְשִׁין אַיין קִיוּם הָאבְּן · דֶר פָּסוּק הָאט גְזָאגְט לא בשמים היא דִי תּוֹרָה אִיז נִיט אִין הִימְל אִיז דָאס גֶעמַיינְט. אַז דִי תּוֹרָה הָאט נִיט אַקִיוּם בַּיי אַיינֶעם מֶענְשִׁין אַבַּעַל גַאֲוָה וָואס זַיין גְרוֹיסְקַייט אִיז אִין הִימְל · ולא מעבר לים היא · זִיא אִיז אוֹיךְ נִיט אוֹיף יֶענֶעם זַייט פוּן יַם · דָאס אִיז גִימַיינְט אַז דִיא תּוֹרָה הָאט אוֹיךְ נִיט אַיין קִיוּם בַּיי דִי גֶשֶׁעפְטְס לַייט וָואס זַיי הַאנְדְלֶען מֵעֵבֶר לַיָּם · דִי זֶעלְבִּיגֶע צְוַויי זַאכְן הָאט דֶר תַּנָּא גְזָאגְט · אוֹיבּ דוּ וִוילְסְט אַז דִי תּוֹרָה זָאל בַּיי דִיר הָאבְּן אַקִיוּם הוי ממעט בעסק זָאלְסְטוּ וָואס וֵוינִיגֶר פָערְנֶעמֶן זִיךְ מִיט גֶעשֶׁעפְט אונ בַּשֶׁעפְטִיגֶן זִיךְ מִיט לֶערְנֶן דִיא תּוֹרָה · אונ דִיא צְוַוייטֶע אִיז והוי שפל רוח בפני כל אדם אַז דוּ זָאלְסְט זַיין אַיין נִידֶרִיגֶעם גֶמִיט גֶעגְן יֶעדֶן מֶענְשְׁן ואם בטלת מן התורה אונ וֶוען דוּ הָאסְט מְבַטֵּל גְוֶועזְן פוּן תּוֹרָה לֶערְנֶן יש לך בטלים הרבה כנגדך אַזוֹ הָאסְטוּ אוֹיךְ פִיל סִבּוֹת וָואס זַייא וֶועלִין זַיין גֶעגְן דִיר · אונ וֶועלְן דִיר אוֹיךְ צוּא שְׁטֶערֶען דַיינֶע גְשֶׁעפְטְן · ואם עמלת בתורה אָבֶּר אַז דוּ הָאסְט זִיךְ יוֹא בֶּעמִיט אִין דֶר תּוֹרָה · חָאטְשִׁי דֶער לֶערְנֶן אִיז גְוֶועזְן וֵוינִיג ·

עֲמֵלְתָּ בַּתּוֹרָה יֶשׁ לוֹ שָׂכָר הַרְבֵּה לִתֶּן לָךְ: יג רַבִּי אֱלִיעֶזֶר בֶּן יַעֲקֹב אוֹמֵר הָעוֹשֶׂה מִצְוָה אַחַת קוֹנֶה לוֹ פְּרַקְלִיט אֶחָד וְהָעוֹבֵר עֲבֵרָה אַחַת קוֹנֶה לוֹ קַטֵּגוֹר אֶחָד תְּשׁוּבָה וּמַעֲשִׂים טוֹבִים כִּתְרִיס בִּפְנֵי הַפּוּרְעָנוּת: יד רַבִּי יוֹחָנָן הַסַּנְדְּלָר אוֹמֵר כָּל כְּנֵסִיָּה שֶׁהִיא לְשֵׁם שָׁמַיִם סוֹפָהּ לְהִתְקַיֵּם וְשֶׁאֵינָהּ לְשֵׁם שָׁמַיִם אֵין סוֹפָהּ לְהִתְקַיֵּם: טו רַבִּי אֶלְעָזָר בֶּן שַׁמּוּעַ אוֹמֵר יְהִי כְבוֹד תַּלְמִידְךָ חָבִיב עָלֶיךָ כְּשֶׁלָּךְ וּכְבוֹד חֲבֵרְךָ כְּמוֹרָא רַבָּךְ וּמוֹרָא רַבָּךְ כְּמוֹרָא שָׁמָיִם: טז רַבִּי יְהוּדָה אוֹמֵר הֱוֵי זָהִיר בְּתַלְמוּד

חסדי אבות

יש לו שכר הרבה לתן לך האט השי"ת פיל שכר אן גגרייט דיר צוא געבין · אונ דר שכר איז נאך דר מיהע אויב ער האט פיל גהאריוועט וועט מען אים געבען פיל שכר חאטשי ער האט געלערינט ווייניג · אונ אז ער האט ווייניג גהאריוועט וועט מען אים געבין ווייניג שכר האטשי ער האט גלערינט פיל: יג רבי אליעזר בן יעקב אומר רבי אליעזר בן יעקב זאגט העושה מצוה אחת דער וואס טוט איין מצוה קונה לו פרקליט אחד קויפט ער זיך איין גוטן מליץ וואס ער דר מאנט פר אים אזכות צום יום הדין · והעובר עברה אחת אונ דר וואס טוט איין עברה קונה לו קטגור אחד קויפט ער זיך איין פיינד וואס ער דער מאנט זיין עברה צום יום הדין תשובה ומעשים טובים נאר אז מען טוט פריער תשובה · ער בעקערט זיך צוא גאט ב"ה מיט וויינען אונ פאסטן ווייל ער האט חרטה אויף זיינע זינד וואס ער האט גטאן · אונ ער נעמט אויף זיך אז ער זאל מער ניט זינדיגן · אונ דר נאך זאל ער טאן מצות · אונ גוטעס מיט לייטן דאס איז כתרים בפני הפורענות וויא איין פאנציר וואס איין איש מלחמה טראגט אויפן הערצין אז איין קויל זאל אים ניט שאדין · אזו איז די תשובה אונ דיא גוטע מעשים אויך איינע בעשיצונג וואס זייא וועלען אים בשיצען פון שטראף: יד רבי יוחנן הסנדלר אומר רבי יוחנן הסנדלר זאגט כל כנסיה שהיא לשם שמים איטליבע געזעלשאפט וואס זיא זאמילט זיך אויף פון גאטס וועגן · האטשי זיי בשעפטיגין זיך מיט וועלטליכע ענינים · סופה להתקים וועט זיא ענדליך האבן אקיום · ושאינה לשם שמים אונ די חברה וואס זיא איז ניט פון גאטס וועגן האטשי זיא בעשעפטיגט זיך אין איין דבר מצוה · אין סופה להתקים וועט זיא ענדליך קיין קיום ניט האבן: טו רבי אלעזר בן שמוע אומר רבי אלעזר בן שמוע זאגט יהי כבוד תלמידך חביב עליך כשלך אויב דיין תלמיד איז מיט דיר מחולק אין איין דין דהיינו דו זאגסט אז די הלכה איז אזוי · אונ ער זאגט אז די הלכה איז אנדערש · זאל ביי דיר זיין טייער דר כבוד פון דיין תלמיד וויא דיין אייגנר כבוד · אונ דוא זאלסט ניט וועלן מדחה זיין דיא סברא פון דיין תלמיד · וואו דו וועסט אים ניט אויף ווייזן ארעכטן טעם צו דיינע רייד · אונ דו זאלסט ניט זאגען אז ווייל דו ביסט זיין רבי מאגסטו איין ווארפין זיינע סברות חייל דו וועסט עס רעכינען איין עזות פון אים · וכבוד חברך כמורא רבך אונ אז דו ביסט מחולק אין איין דבר תורה מיט דיין חבר אונ עס קען זיין רעכט דר אופן וויא דו זאגסט · אונ עס קען אויך זיין רעכט די סברא פון דיין חבר · זאל ביי דיר זיין גרעכינט דר כבוד פון דיין חבר אונ זאלסט ניט אוועק שטויסן זיין סברא אן איין בעווייז פונקט וויא דו וואלסט זיך ניט דר וועגן אפ צו שטויסן די סברא פון דיין רבי מחמת דו האסט פאר אים מורא · ומורא רבך כמורא שמים אונ אז דו ביסט מחולק אין איין הלכה מיט דיין רבי · האטשי דיר ווייזט אויס אז דיין סברא איז אפילו ריכטיג · אונ די סברא פון דיין רבי איז אן איין טעם · זאלסטו ניט וועלען בעווייזן אופנים אפ צוא שלאגן די רייד פון דעם רבי · ווייל דו דארפסט פר אים האבן מורא · וויא דו האסט מורא פר גאט ב"ה אונ מוסט דאך אויך דיא מצות פון גאט אן נעמן האטשי עס איז צוא זיי ניט פאר האנדן א טעם · וויא שעטנז אונ פרה אדומה · אזו מוסטו אויך אן נעמן די רייד פון דיין רבי האטשי אן איין טעם: טז רבי יהודה אומר רבי יהודה זאגט הוי זהיר בתלמוד דוא מוסט זיין

פארזיכטיג

שֶׁשִּׁגְגַת תַּלְמוּד עוֹלָה זָדוֹן: יז רַבִּי שִׁמְעוֹן אוֹמֵר שְׁלשָׁה כְתָרִים הֵן כֶּתֶר תּוֹרָה וְכֶתֶר כְּהֻנָּה וְכֶתֶר מַלְכוּת וְכֶתֶר שֵׁם טוֹב עוֹלֶה עַל גַּבֵּיהֶן: יח רַבִּי נְהוֹרָאִי אוֹמֵר הֱוֵי גוֹלֶה לִמְקוֹם תּוֹרָה וְאַל תֹּאמַר שֶׁהִיא תָבֹא אַחֲרֶיךָ שֶׁחֲבֵרֶיךָ יְקַיְּמוּהָ בְיָדֶךָ וְאֶל בִּינָתְךָ אַל תִּשָּׁעֵן: יט רַבִּי יַנַּאי אוֹמֵר אֵין בְּיָדֵינוּ לֹא מִשַּׁלְוַת הָרְשָׁעִים וְאַף לֹא

חסדי אבות

פארזיכטיג אין לערנן · כלומר בעת דו לערינסט זאלסטו זיך ניט לאזן נארן · דו זאלסט זיין אפ געהיט פון אטעות אונ דו זאלסט ביי זיך ניט טראכטן · וואס איז דא אז איך וועל עס ניט לערנן אזו קלאר · דען איך לערן דאך ניט אויף יעצט צו פסקנן איין דין ששגגת תלמוד עולה זדון · חייל אז דו וועסט יעצט זיין אין דיין לערנען אשוגג כלומר אז דוא וועסט זיך היינט לאזין נארען אונ וועסט זיין היינט אין טעות · וועט עס דיר ברייגגן צו איין עבירה וואס דו וועסט טאן שפעטר במזיד · אז דו וועסט ווערן איין מורה הוראה וועסטו אזו פסקנן וויא דו האסט פריער ביי זיך איין גלערינט אונ דו וועסט גאר פערגעסן וואס דוא ביסט אמאל געוועזין אין טעות: יז רבי שמעון אומר רבי שמעון זאגט שלשה כתרים הם דריי קרוינען זיינן דא אין דיא וועלט · כתר תורה די קרוין פון תורה · מיט איר איז געקרוינט איין דיין · אדר איין ראש פון די סנהדרין · אונ דיזע האבען געוויס פיל חכמה אין זיך · וכתר כהונה אונ די קרוין פון כהונה · מיט איר זיינן די כהנים די קינדר פון אהרן בעקרוינט · אונ דיזע זיינען גרוים דורך דעם יחוס פון זייער משפחה · ווייל זיי זיינן כהנים · וכתר מלכות אונ דיא קרוין פון מלוכה צו איר האט זוכה גוועזין דוד מלך ישראל · וכתר שם טוב אבר די קרוין פון אגוטן נאמן · וואס יעדר פון דיזע בעקרוינטע מיט דיא דריי קרוינען בעקומט דורך זיינע גוטע אויף פירונג עולה על גביהן שטייגט איבר זייער הויכקייט · אויב דר גוטער נאמן פון מעשים טובים וועט אים ניט קרוינן גיבן אלע דריי קרוינן דעם מענשן קיין שום מעלה ניט צו · ווייל די חכמה · דר יחוס אונ די רייכקייט זיינן צום מענשן איין מתת אלהים אגעשאנק פון גאט · אונ זיי זיינן אים ניט גקומען פון זיין יגיעה · אבר די מעשים טובים בעקומט דאך אמענש מיט זיין יגיעה · דרום אז ער איז בעקרוינט מיט די קרוין פון אגוטען נאמען איז ער דער גליקליכסטער: יח רבי נהוראי אומר רבי נהוראי זאגט הוי גולה למקום תורה דו זאלסט וואנדערן צו איין ארט וואו מען לערינט תורה ואל תאמר שהיא תבא אחריך אונ דו זאלסט דיר ניט איין ריידן אז די תורה וועט קומן נאך דיר · כלומר מיין דוא ניט אז תלמידי חכמים וועלין קומן אין דיין שטאט מיט דיר צוא לערנען · שחבריך יקימוה בידיך בעסער גייא אין איינע אנדערע שטאט לערנען דען דיינע חברים וועלין דיא תורה ערהאלטין אין דיינע הענט · אונ דוא מוסט יעדר הלכה זיך מיט זיי דורך ריידן ואל בינתך אל תשען אונ אויף דיין אייגנעם פערשטאנד זאלסט דו זיך ניט אן לעהנן · כלומר דו זאלסט ניט לערנן איינר אליין אן חברים · דען דוא דארפסט זיך ניט פאר לאזין אויף דיין שכל · דער מדרש זאגט אין שיר השירים אויף דעם פסוק האלף לך שלמה ומאתים לנוטרים את פריו · רבי יודן בשם רבי בון אומר · רבי יודן האט גזאגט פון רבי בון וועגן הלומד תורה שלא במקומו נוטל שכר אלף ובמקומו נוטל שכר מאתים אז דר וואס לערינט די תורה ניט אין זיין אייגינע שטאט וואו ער איז ערצויגין גיווארין נעמט ער פון הש"י איין שכר וואס טויזינד מענשן דארפין נעמן · אונ דר וואס לערינט אין זיין אייגנע שטאט דר נעמט נאר שכר פון צוויי הונדרט מאן: יט רבי ינאי אומר רבי ינאי זאגט אין בידינו עס איז ניט אין אונזער רשות צוא קלערן לא משלות הרשעים ניט פון דעם גליק פון די רשעים כלומר דאס מאגן מיר געוויס ניט קלערן פאר וואס גיט גאט גליק צוא דיא רשעים · ואף לא מיסורי הצדיקים אבער דאס איז אונז אויך ניט ערלויבט צו טראכטן פר וואס די צדיקים לייד יסורים · נאך אפשט שרייבט דער ברטנורה אין בידינו מיר האבן ניט ביא אונז לא משלות הרשעים ניט פון דעם גליק וואס רשעים האבן ואף לא מיסורי הצדיקים אונ אויך ניט פון דיא

יסורים וואס צדיקים האבן · כלומר אונז האט גאט ניט איין גיטיילט גליק אויף דעם עולם אזו וויא דעם גליק וואס ער גיט דא צו רשעים בכדי זיי זאלן פר לירן זייער גליק פון יענעם עולם · אויך האט ער אונז אויך ניט איין געטיילט פון דיא יסורים וואס השי"י גיט דעם צדיק פר זיינע קליינע זינד אויף דיזע וועלט בכדי צו מאכן זיי ארבין אגרויסן גליק בעולם הבא · דען מיר זיינען ניט גירעכינט פר רשעים אונ אויך ניט פאר צדיקים · דען מיר זיינען בינונים מענשן פון מיטעלן שטאנד · אונ אזו געפינען מיר אויך פון רבי ינאי איינע אגדה אין דער גמרא (שבת קיד ע"א) רבי ינאי האט גיזאגט בצוואה צו זיינע קינדר · איך בעט אייך אז איר זאלט מיך ניט מקבר זיין · ניט אין זייער ווייסע תכריכים אונ אויך ניט אין שווארצע · אין ווייסע ניט דען פיליכט וועל איך ניט ווערט זיין צווישן די פרייליכע צדיקים צוא זיצין אונ מען וועט מיך זעצין צווישין טרויעריגע רשעים · וועל איך דאך דענמאל זיין וויא איין התן צווישן אבלים · אונ אז איר וועט מיך מקבר זיין אין שווארצע תכריכים איז אויך ניט גוט · דען פיליכט וועל איך ווערט זיין אז מען זאל מיך זעצין צווישן די פריילכע צדיקים וועל איך דענמאל זיין גליך וויא איין אבל וואס ער שטייט צווישין חתנים · דער פון זעהען מיר אז דער זעלביגר תנא רבי ינאי האט זיך גירעכינט פר איין בינוני · דאס הייסט ער האט זיך גהאלטן פר אמענש פון מיטעלן שטאנד · ניט אצדיק אונ אויך ניט ארשע · דר דובנר מגיד שרייבט אין קול יעקב אויף דעם פסוק הכל כאשר לכל מקרה אחד לצדיק ולרשע · דאס וואס מיר זעהען איינע גלייכע טרעפונג צו דעם צדיק אונ צו דעם רשע · דאס האט גיפרעגט משה רבינו ביי השי"י פר וואס זעהט מען אויף דר וועלט אז פיל מאל אז אצדיק גייט גוט אונ ארשע גייט אויך גוט אויף דר וועלט אונ מיר זעהען אויך פיל מאל אז אצדיק גייט זייער שלעכט אונ ארשע גייט אויך זייער שלעכט אויף דר וועלט · אונ דאס הייסט דאך מקרה אחד לצדיק ולרשע איין טרעפונג טרעפט דעם צדיק אונ דעם רשע · דרויף האט השי"י גיענטפערט צו משה אני אעביר כל טובי על פניך איך וועל לאזן אלע מיינע גוטע מדות איבר פיהרן פאר ביי דיין געזיכט וועט עס דיר מער קיין קשיא זיין דו וועסט פר שטיין אז ניט אלס וואס אמענשן זעהט אויס גוט · איז דאס גוט · אונ אויך ניט אלס וואס אמענשין זעהט אויס שלעכט איז דאס שלעכט · דען דאס גוטץ איז נאר גוט ווען עס קומט אן צוא אגוטין מענשן צוא אצדיק · אבער אז דאס גוטץ אונ גליק פאלט אריין צוא איין רשע ווערט דאס גוטץ אומגיקערט צוא בייז אונ צו אונגליק · אונ דאס זעלביגע איז מיט דאס בייז אונ אונגליק · אז עס קומט אן צו ארשע איז דאס באמת בייז אונ אונגליק · אונ אז דאס בייז אונ אונגליק טרעפט אבער דעם צדיק איז דאס פערקערט צוא זיין גליק אונ דאס איז אויך אגליק פר די גאנצע וועלט · דען אז גוטץ אונ גליק קומט אן צו איין צדיק אונ אחכם בתורה וואס ער וויים דאס וויא צו בענוצן · איז דאס באמת איין ברכה וייל ער האלט זיך מיט דעם ניט גרויס אונ ער ווארפט ניט קיין מורא אויף לייטן נאר ער לערינט זיי גוטע מדות אונ מוסר · אונ ער בענוצט זיינע געלט צו צדקה אונ צו גמילות חסדים · אבער ווען דאס גליק אונ רייכקייט פאלט אריין אין די הענט פון ארשע · איז דאס פאר אים איין אונגליק · וויל מיט זיינע רייכקייט גיט ער זיך נאך אלס וואס זיין בייזעס הערץ גילוסט אונ קיין זינד אונ רשעות זיינען אים צוא קליין ביז ער גייט דורך דעם אין גאנצן פאר לארן · אונ עס בלייבט פון אים קיין שום זכר אויף דר וועלט · וויא עס האט גיטראפן מיט המן הרשע אונ מיט נבוכדנצר · וואס איבר זייערע פיל רייכקייט זיינען זיי צו גרונד גיגאנגן · אונ אין געגענטייל איז · דיא ארומקייט אונ דאס אונגליק אז זייא קומען אן צוא אצדיק וויא רבי חנינא בן דוסא · הלל אונ רבי אלעזר בן פדת וואס זייא זיינען גיוועזן גרויסע ארימע לייט · אבער זייערע ארימקייט איז גיוועזן אגליק פאר זיי אונ אגליק פר דר וועלט · אונ אונגליק קען מען עס ניט אן רופן · וויל זייא אליין האבין גאר ניט גילוסט קיין רייכקייט · זיי האבן נאר גילוסט אוים צו ברייטן משפט אונ גוטע מדות אויף דר וועלט · אונ זייא האבן גיוועלט נאר

דיא

מִיסוּרֵי הַצַּדִּיקִים: כ רַבִּי מַתְיָא בֶּן חָרָשׁ אוֹמֵר הֱוֵי מַקְדִּים בִּשְׁלוֹם כָּל אָדָם וֶהֱוֵי זָנָב לָאֲרָיוֹת וְאַל תְּהִי רֹאשׁ לַשּׁוּעָלִים: כא רַבִּי יַעֲקֹב אוֹמֵר הָעוֹלָם הַזֶּה דּוֹמֶה לִפְרוֹזְדוֹר בִּפְנֵי הָעוֹלָם הַבָּא הַתְקֵן עַצְמְךָ בִּפְרוֹזְדוֹר כְּדֵי שֶׁתִּכָּנֵס לִטְרַקְלִין:

חסדי אבות

די טוֹבָה פוּן דֶער וָועלְט · עַל כֵּן זֶעהֶן מִיר אַז גוּטְץ אִיז נִיט גוּטְץ וִויא מֶען מֵיינְט · אוּנ שְׁלֶעכְטְץ אִיז אוֹיךְ נִיט שְׁלֶעכְטְץ וִויא מֶען מֵיינְט דְרוּם דַארְף אוּנְז קֵיין קַשְׁיָא נִיט זַיין פַאר וָואס גִיט אָפְט הַשׁ״י גוּטְץ אוּנ גְלִיק צוּא רְשָׁעִים · וַוייל זֵיי וָועלִין דָאס גֶעוִוים בֶּענוּצְן צוּ דִיא תַּאֲוֹת פוּן עוה״ז אוּנ צוּא אוֹיס פִיהְרֶן זֵייעֶרֶע בֵּייזֶע מִנְהָגִים · וָועט עֶס זֵייא גֶעוִוים שַׁאטְין · אוּנ דָאס אִיז גְלַייךְ מִיט דֶעם מָשָׁל אַגְרוֹיסֶר קָצִין וָואס עֶר הָאט גִיהַאט אַיין שֵׁם פוּן אַבַּעַל יוֹשֶׁר הָאט אַמָאל גִימַאכְט אַיין מָאלְצַייט וַוייל דֶעמָאל אִיז גְוֶועזְן זַיין גְבוּרְטְס טָאג אוּנ הָאט גְלַאדְן אַלֶע זַיינֶע גוּטֶע פְרַיינְד׳ עֶר הָאט אָבֶּר גִיהַאט אִין שְׁטָאט אַגְרוֹיסְן שׂוֹנֵא וָואס עֶר הָאט אִים פוּן אַלַאנְגֶע צַייט פַיינְט גִיהַאט תַּכְלִית שִׂנְאָה · דֶעם הָאט עֶר אוֹיךְ גִיהַייסְן לַאדְן צוּ זִיךְ אוֹיף דֶעם מָאלְצַייט · עֶר הָאט פַר זָאגְט צוּ זַיין מְשָׁרֵת אַז עֶר זָאל אִים זֵייעֶר שְׁטַארְק בֶּעטְן אוּנ עֶר זָאל אִים נִיט אָפּ טְרֶעטִין בִּיז עֶר מוּז קוּמֶען צוּא אִים אוֹיפִין מָאלְצַייט · אוּנ אַלְס דִיזֶער שׂוֹנֵא אִיז גִיקוּמֶען הָאט אִים דֶר קָצִין זֵייעֶר שֵׁיין אוֹיף גִינוּמֶען אוּנ הָאט אִים גִיזֶעצְט אוֹיבִין אָן צְווִישִׁין אַלֶע גְרֶעסְטֶע לַייט וָואס הָאבְּן זִיךְ דָארְטְן גִיפוּנֶען אוּנ דֶער סַארְוֶוער הָאט פַאר אִים גִיגֶעבִּין דִיא בֶּעסְטֶע אוּנ פֶעטֶע מַאֲכָלִים מִיט זֵייעֶר פִיל גוּטֶע מַשְׁקָאוֹת אוּנ זֵייעֶר פִיל פוּן אַלֶערְלֵייא גֶערִיכְטִין אַז דִיא אַלֶע גֶעסְט הָאבְּן זִיךְ מִיט אֵיינַאנְדֶער גִיוואוּנְדֶערְט · וִויא קוּמְט עֶס אַז דֶער בַּעַל הַבַּיִת זָאל אִים אַזוֹא פִיל עֶהְרֶע אוּנ טְרַאקְטַאמֶענְט גֶעבְּן וָואס עֶר אִיז דֶם גָאר נִיט וָוערְט׳ דֶען זֵיי וַוייסְן אַז עֶר אִיז אִים פוּן אֵייבִּיג אָן אַשׂוֹנֵא אִין לֶעבִּן · עֶנְדְלִיךְ אִיז יֶענֶער מַאן גֶעפֶערְלִיךְ קְרַאנְק גִיוָוארִין דָאקְטוֹרִים הָאבִּין גִיזָאגְט אַז זַיין קְרַאנְקְהַייט אִיז אַמָאגֶנְקְרַאמְפְּף וָואס מֶען קֶען אִים דֶר צוּ נִיט הֶעלְפְן וַוייל עֶר הָאט עֶס פַאר דָארְבְּן דוּרְךְ זֵייעֶר פִיל עֶסְן אוּנ דוּרְךְ זַיינֶע פִיל טְרִינְקֶען שַׁארְפֶע מַשְׁקָאוֹת · אוּנ אַזוֹ מוּז עֶר שְׁטַארְבִּין · דֶעמָאל עֶרְשְׁט הָאבְּן אַלֶע לַייט פַר שְׁטַאנֶן וָואס דִי כַּוָּנָה פוּן דֶעם קָצִין אִיז גִיוֶועזְן מִיט דָאס וָואס עֶר הָאט גִילַאדִין זַיין שׂוֹנֵא צוּא דֶעם מָאלְצַייט · זֵייא הָאבְּן אִיצוּנְד גִיזֶעהֶען אַז זַיין מֵיין אִיז גִיוֶועזִין אִים אוּנְגְלִיקְלִיךְ צוּ מַאכְן אוּנ צוּא גֶעבְּן אִים עֶסְן פִיל פוּן אַלֶערְלֵיי מַאֲכָלִים וָואס זַיין מָאגְן וָועט נִיט קֶענֶען פַר טְרָאגְן · אוּנ עֶר זָאל דֶער פוּן קְרַאנְק וֶוערִין · דָאס זֶעלְבִּיגֶע אִיז אוֹיךְ מִיט דֶעם רָשָׁע וָואס הַשׁ״י גִיט אִים בעוה״ז אַזוֹ פִיל עֶהְרֶע אוּנ גְלִיק אוּנ רַייכְקַייט בִּכְדֵי עֶר זָאל זִיךְ נָאכְגֶעבְּן זַיינֶע תַּאֲוֹת אוּנ עֶר זָאל דוּרְךְ זֵיי אוּנְטֶר גֵיין אוּנ צוּ פֶערְלִירְן אִים פוּן עוה״ב וִויא דֶר פָּסוּק זָאגְט ומשלם לשונאיו אל פניו להאבידו · גָאט ב״ה בַּאצָאלְט צוּא זַיין פַיינְד אוּנ עֶר גִיט הַצְלָחָה בעוה״ז בְּשַׁעַת עֶר לֶעבְּט בִּכְדֵי צוּ פַר לִירְן אִים פוּן יֶענֶע וָועלְט:

כ רבי מתיא בן חרש אומר רַבִּי מַתְיָא בֶּן חָרָשׁ זָאגְט הוי מקדים בשלום כל אדם דוּא זָאלְסְט זִיךְ פֶעדֶערְן צוּ פְרֶעגְן דֶעם שָׁלוֹם פוּן יֶעדְן מֶענְשְׁן׳ כְּלוֹמֶר אַז דוּא בֶּעגֶעגִינְסְט אַמֶענְשִׁין אִין גַאס זָאלְסְטוּ נִיט וַוארְטְן בִּיז עֶר וָועט דִיר זָאגְן גוּט מָארְגְן · אָבֶּר דוּ זָאלְסְט אִים פְרִיעֶר זָאגְן גוּט מָארְגְן · הָאטְשִׁי עֶר אִיז נִיט פוּן דַיין פָאלְק · אוּנ הָאטְשִׁי עֶר אִיז קְלֶענֶער פוּן דִיר · והוי זנב לאריות אוּנ דָאס בַּאהֶעפְטְן זָאלְסְטוּ זִיךְ צוּ דִי לַייט וָואס זַיינֶען גְרֶעסֶער פוּן דִיר אוּנ זַאיי בֶּעסֶר אַיין עֶק צוּ דִי לֵייבְן ואל תהי ראש לשועלים אוּנ דוּ זָאלְסְט נִיט זַיין אַקָאפּ בַּיי דִי פוּקְסְן · וִויא מֶען זָאגְט דֶעם אַלְטְן שְׁפְּרִיכְוָוארְט · לִיבֶּר צוּ זַיין בַּיי דִיא בֶּעסְטֶע דָאס עֶרְגְסְטֶע · אוּנ נִיט בַּיי דִי עֶרְגְסְטֶע דִי בֶּעסְטֶע: כא רבי יעקב אומר רַבִּי יַעֲקֹב זָאגְט העולם הזה דומה לפרוזדור בפני העולם הבא דִיזֶע וָועלְט אִיז גְלַייךְ וִויא אַיין פָארְהוֹיז פַר יֶענֶע וָועלְט · התקן עצמך בפרוזדור גְרֵייט זִיךְ צוּא אִין דֶעם פָאר הוֹיז כדי שתכנס לטרקלין אַזוֹ וִויא דוּא בֶּעדַארְפְסְט שׁוֹין בַּאלְד אַרַיינְגֵיין אִין פַּאלַאץ פוּן מֶלֶךְ · כְּלוֹמֶר דוּא

כב הוּא הָיָה אוֹמֵר יָפָה שָׁעָה אַחַת בִּתְשׁוּבָה וּמַעֲשִׂים טוֹבִים בָּעוֹלָם הַזֶּה מִכָּל

חסדי אבות

זאלסט ניט רעכינן דיא וועלט · אזו וויא דא אין דיין הויז נאר דוא זאלסט רעכנען דיזע וועלט אזו וויא דאס איז דר פאדר הויז פון דעם קיניגס פאלאץ אונ דוא מוסט שוין זיין אין גאנצן צו געפוצט אין ריינליכקייט דען פילייכט ווערט דיך דר קעניג פלוצלונג אריין רופין צו אים אין פאלאץ · אזו מוסט דו שוין דא בעוה"ז זיין פארטיג מיט תשובה ומעשים טובים דען פילייכט רופט דיך באלד השי"ת צו אים אונ דו מוסט שוין קומן פר אים צו געבן דין אונ חשבון · אין דר צייט פון דעם מקדש מלך האט גילעבט איהודי וואס ער איז גוועזן רחמנא ליצלן אגרויסר בעל עבירה וויל זיינע תאוות האבן אים פאר פירט אין פיל חטאים דיא רבנים אונ דיא צדיקים פון יענע שטאט האבין אים אלע גישטראפט אונ האבין אים זייער פיל תוכחה גירעט · אבר זיין יצר הרע איז גיוועזין אזוא שטארק אז ער האט אים בשום אופן ניט גיקענט גובר זיין · אונ ער האט וואס אטאג מער געזינדיגט דר צוא איז ער גיוועזן איין גרויסר שכור איין מאל האט גיטראפין אז ער האט אין אגעזעלשאפט מיט זיינע חברים זייער פיל משקה גיטרונקען אונ איז פון שכרות יענע נאכט גישטארבין · אויף מארגין האט מען אים מקבר גיוועזן · אונ צו זיין לויה זיינן גיגאנגען אלע לייט פון שטאט גרויס אונ קליין וואס אזו אכבוד טרעפט גאר זעלטן אפילו ביי די קבורה פון גרויסע צדיקים דער מקדש מלך איז גראד אין יענע שטאט אנגיפארין בעת זיין לויה · אלס ער האט גיזעהן אזו פיל לייט מאכין צו איין מת לויה האט ער גיפרעגט ווער איזדאס דר צדיק וואס בייא אייך אין שטאט איז גישטארבין · האט מען צוא אים גיזאגט ניין רבי · דאס איז קיין צדיק אבער נאר אגרויסר רשע · אונ וויל ער איז גיוועזן אזעלטענר חוטא וואס צו אים איז ניט גיהעזן אגלייכן · דרום נאר אוים וואונדר נייען אלע צו זיין לויה · דר מקדש מלך אליין האט אבר ביי זיך פר שטאנען אז דאס איז ניט אזוא פשוט וויא דער עולם מיינט אונ האט דריבער איין שאלת חלום גימאכט האט מען אים געוויזן · אין חלום אז דיזר חוטא זיצט אין גן עדן צווישן צדיקים אונ איז גיוועזן גיקליידט אין זייער אשיינם טלית מיט איינע גאלדענע עטרה · אונ אז דר מקדש מלך האט גיפרעגט וואס זאל עס בעדייטען · האט מען אים גיענטפערט אז דיזר חוטא איז אין זיינע פיל חטאים ניט זייער פיל שולדיג גיוועזן · וויל זיין יצה"ר צו זנות אונ צו ויין איז גוועזן זייער שטארק אז ער האט ניט גיקענט אפ ברעכן פון זיינע פעהלר · אונ דעם טאג איידער ער איז גישטארבן זיינן צוא אים גיקומן עלטערין פון איינע ארימע כלה אונ האבין פאר אים גיוויינט אונ גיפרעגט איין עצה וואס זאלן זיי טאן מיט זייערע טאכטר וואס זיא איז אכלה · אונ עס האלט אז דר שידוך זאל אפגיין נאר דריבר וויל זיי פערמאגן ניט צוא שיקן דעם חתן איין טלית מיט איינע זילבערנע עטרה · דיזער חוטא איז באלד גיגאנגען צוא איינעם סוחר פון טליתים אונ האט ביי אים גיקויפט איין שיינם טלית מיט איינע גוטע זילבערנע עטרה · אונ האט גילאזן רופן צו זיך דעם חתן אונ האט אים דעם שידוך זייער פיל מכליא גיוועזן · אונ פון זיין גוטן ויין וואס ער פלעגט שטענדיג אליין טרינקען האט ער אים מכבד גיוועזן · אונ האט זיך ענדליך מיט אים צוא קוסט אונ האט אים איבר גיגעבין דעם טלית מיט דער עטרה · אונ דער חתן איז פון אים אוועק גיגאנגען זייער צוא פרידין · דורך דיזע מעשה טוב האט זיך דיזר חוטא גיקויפט עולם הבא אין איין ווילע · דריבער האט מען אין הימל אויף אים רחמנות גיהאט אונ מען האט אים יענע נאכט גילאזין שטארבין פון שכרות בכדי ער זאל שוין מער ניט זינדיגין · אויף מארגין האט דר מקדש מלך דער ציילט דיא מעשה פון דיזען וואונדערליכין מאן פאר אלע נכבדי העיר · אונ האט גיזאגט אז דיזר מענש האט זיך זייער שיין צו געצירט דא אין פאר הויז · אונ ער האט אים מיט דיא זעלבינע שיינהייט גיזעהן זיצן אין דעם פאלאץ פון השי"ת · פונקט וויא דר תנא האט גזאגט התקן עצמך בפרוזדור כדי שתכנס לטרקלין : כב הוא היה

אומר

חַיֵּי הָעוֹלָם הַבָּא וְיָפָה שָׁעָה אַחַת שֶׁל קוֹרַת רוּחַ בָּעוֹלָם הַבָּא מִכָּל חַיֵּי הָעוֹלָם הַזֶּה: כג רַבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן אֶלְעָזָר אוֹמֵר אַל תְּרַצֶּה אֶת חֲבֵרְךָ בִּשְׁעַת כַּעְסוֹ וְאַל תְּנַחֲמֵהוּ בְּשָׁעָה שֶׁמֵּתוֹ מֻטָּל לְפָנָיו וְאַל תִּשְׁאַל לוֹ בִּשְׁעַת נִדְרוֹ וְאַל תִּשְׁתַּדֵּל לִרְאוֹתוֹ בִּשְׁעַת קַלְקָלָתוֹ: כד שְׁמוּאֵל הַקָּטָן אוֹמֵר בִּנְפֹל אוֹיִבְךָ אַל תִּשְׂמָח וּבִכָּשְׁלוֹ

חסדי

אומר עֶר פְלֶעגְט זָאגִין יפה שעה אחת בתשובה ומעשים טובים בעולם הזה מכל חיי העולם הבא עֶס אִיז בֶּעסֶער אֵיין שָׁעָה וָואס מֶען בְּרֵיינְגְט צוּא אִין תְּשׁוּבָה אוּנ אִין גוּטֶע מַעֲשִׂים אוֹיף דִיזֶע וָועלְט מֶער וִויא דָאס גַאנְצֶע לֶעבִּין פוּן דֶער אֵייבִּיגֶע וָועלְט· ווייל מִיט תְּשׁוּבָה· קֶען מֶען פַר בֶּעסֶערִין דִי פֶעהְלֶר וָואס דֶער מֶענְשׁ הָאט גִימַאכְט אִין זַיין נְשָׁמָה· אוּנ מִיט דִי מַעֲשִׂים טוֹבִים וָואס עֶר וָועט מְקַיֵּים זַיין דִיא מִצְוֹת קוֹיפְט עֶר זִיךְ דָא אוֹיף דִיזֶער וָועלְט מֶער הַשְׁלָמָה אָבֶּר אִין דִי אֵייבִּיגֶע וָועלְט וָועט עֶס דֶער מֶענְשׁ נִיט קֶענֶן תְּשׁוּבָה טָאן צוּא פַאר בֶּעסֶערְן זַיינֶע פֶעהְלֶר אוּנ עֶר וָועט אוֹיךְ נִיט קֶענֶן מְקַיֵּים זַיין מִצְוֹת זִיךְ הַשְׁלָמָה צוּ קוֹיפִין נָאר הַשֵּׁי"ת אַלֵיין קֶען דָארְטֶן פַר בֶּעסֶערְן זַיינֶע פֶעהְלֶר דוּרְךְ דֶעם וָואס עֶר לָאזְט דִיא נְשָׁמָה לֵייטֶערְן אִין גֵיהִנָּם· אוּנ אוֹיךְ דִי הַשְׁלָמָה פוּן זַיין נֶפֶשׁ קֶען אוֹיךְ נָאר גָאט ב"ה אַלֵיין מוֹסִיף זַיין צוּא אִים דוּרְךְ דֶעם וָואס מֶען פִירְט דִיא נְשָׁמָה פוּן אֵיין מַחֲנֶה מַלְאָכִים צוּ דִי אַנְדֶרֶע בִּיז מֶען בְּרֵיינְגְט אִיר אַרוֹיף צוּא הַשֵּׁי"ת פַאר זַיין כִּסֵּא הַכָּבוֹד· ויפה שעה אחת של קורת רוח בעולם הבא אוּנ עֶס אִיז בֶּעסֶער אֵיין שָׁעָה פוּן דֶעם אֵייבִּיגִן לֶעבִּן וָואס דִי תַּאֲוֹת פוּן אַמֶענְשִׁן זַיינֶען דָארְטֶן אָפּ גֶעקִילְט מכל חיי העולם הזה מֶער וִויא דָאס גַאנְצֶע לֶעבִּין פוּן דִיזֶע וָועלְט· וָואס אִים הִיטְצִין דָא זַיינֶע תַּאֲוֹת צוּא זִינְדִיגֶען דִיא גַאנְצֶע צֵייט פוּן זַיין לֶעבִּין:

כג רבי שמעון בן אלעזר אומר רַבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן אֶלְעָזָר זָאגְט אל תרצה את חברך בשעת כעסו דוּא זָאלְסְט נִיט אִיבֶּר בֶּעטְן דַיין חָבֵר אִין דֶר צֵייט וָוען עֶר אִיז נָאךְ אִין כַּעַס· דֶען אַז הַשֵּׁי"ת אִיז גֶעוֶועזְן אִין כַּעַס אוֹיף יִשְׂרָאֵל פַּר דִי זִינְד פוּן עֵגֶל הָאט מֹשֶׁה רַבֵּינוּ ע"ה גֶעבֶּעטְין פוּן הַשֵּׁי"ת מְחִילָה· אוּנ הַשֵּׁי"ת הָאט אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט פני ילכו והניחותי לך וַוארְט מִיר אָפּ בִּיז מַיין כַּעַס וָועט פוּן מִיר אִיבֶּר גֵיין דֶענְמָאל וָועל אִיךְ דִיךְ לָאזְן

אבות

רֵיידְן מִיט מִיר· ואל תנחמהו אוּנ דוּא זָאלְסְט אִים נִיט טְרֵייסְטְן בשעה שמתו מוטל לפניו אִין דֶר צֵייט וָואס זַיין מֵת לִיגְט נָאךְ פַאר אִים דָאס הֵייסְט אֵיידֶר מֶען הָאט אִים מְקַבֵּר גֶעוֶועזְן ווייל אַז אַמֶענְשׁ שְׁטַארְבְּט אִיז דָאס גְלֵייךְ וִויא דֶר בֵּית הַמִּקְדָּשׁ אִיז עֶרְשְׁט חָרוּב גֶעוָוארִין· אוּנ בִּשְׁעַת חוּרְבַּן בֵּית הַמִּקְדָּשׁ הָאט כִּבְיָכוֹל הַשֵּׁי"ת גֶעוֵויינְט וִויא דֶער פָּסוּק זָאגְט ויקרא ה' צבאות ביום ההוא לבכי ולמספד· אִין יֶענֶעם טָאג הָאט גָאט אוֹיס גֶערוּפְן צוּ וֵויינֶען אוּנ צוּא קְלָאגִין· הָאבְּן אִים דִי מַלְאֲכֵי הַשָּׁרֵת גֶעוָואלְט טְרֵייסְטְן הָאט הַשֵּׁי"ת צוּ זֵיי גְזָאגְט אל תאיצו לנחמני אִיר זָאלְט אֵייךְ נִיט אֵיילִן מִיךְ צוּ טְרֵייסְטְן· ואל תשאל לו בשעת נדרו אוּנ זָאלְסְט נִיט פְרֶעגִין בַּייא דַיינֶעם חָבֵר אֵיין פֶּתַח חֲרָטָה בְּעֵת עֶר טוּט אֵיין נֶדֶר כְּלוֹמַר זָאלְסְט אִים נִיט זָאגְן אוֹיף דִיזֶען אָדֶר יֶענֶעם אוֹפֶן טוּסְטוּ דָאךְ נִיט דֶעם נֶדֶר· אוּנ אַז דִיא אוֹפַנִּים זַיינֶען דָא אִיז דָאךְ דַיין נֶדֶר נִיט קַיין נֶדֶר· ווייל דֶענְמָאל בְּעֵת עֶר הָאט חֵשֶׁק זַיין נֶדֶר צוּא טָאן וָועט עֶר גֶעוִויס עֶנְטְפֶערְן אַז אוֹיף אַלֶע אוֹפַנִּים אִין דֶער וָועלְט נֶעם אִיךְ אוֹיף מִיר דֶעם נֶדֶר דְרוּם בִּיסְטוּ דָאךְ גּוֹרֵם אַז מֶען וָועט אִים זַיין נֶדֶר קַיין מָאל נִיט קֶענֶן מַתִּיר זַיין ווייל עֶר וָועט נִיט קֶענֶן גְפִינֶען אֵיין אוֹפֶן וָואס דָאס זָאל זַיין אֵיין פֶּתַח חֲרָטָה צוּ זַיין נֶדֶר· ואל תשתדל לראותו בשעת קלקלתו אוּנ פְלֵייס דִיךְ נִיט צוּ זֶעהֶן דַיין חָבֵר אִין דֶר צֵייט וָוען עֶר שֶׁעמְט זִיךְ מִיט זַיינֶע פַאר דָארְבִּינְהַייט· דָאס הֵייסְט בְּעֵת עֶר שֶׁעמְט זִיךְ פוּן זַיינֶע זִינְד· דֶען אַזוֹ גֶעפִינֶען מִיר אַז נָאךְ דֶעם אַז אָדָם הָרִאשׁוֹן הָאט גֶעזִינְדִיגְט מִיט דֶעם עֵץ הַדַּעַת הָאט זִיךְ הַשֵּׁי"ת צוּ אִים אוּנ צוּ חַוָּה נִיט בֶּעוִויזְן בִּיז זֵייא הָאבְּן זִיךְ גֶעמַאכְט פַארְטִיכֶר אוּנ עֶרְשְׁט נָאךְ דֶעם הָאבְּן זֵיי גֶהֶערְט דִי שְׁטִימֶע פוּן גָאט אַז עֶר אִיז גֶגַאנְגֶען צוּ זֵייא אִין גָארְטְן: כד שמואל הקטן אומר שְׁמוּאֵל הַקָּטָן אִיז גֶעוואוּנְט גֶעוֶועזְן צוּ זָאגְן דֶעם פָּסוּק (משלי

בנפול

צַ יָגֵל לִבֶּךָ פֶּן יִרְאֶה יְיָ וְרַע בְּעֵינָיו וְהֵשִׁיב מֵעָלָיו אַפּוֹ: כה אֱלִישָׁע בֶּן אֲבוּיָה אוֹמֵר הַלּוֹמֵד יֶלֶד לְמָה הוּא דוֹמֶה לִדְיוֹ כְתוּבָה עַל נְיָר חָדָשׁ וְהַלּוֹמֵד זָקֵן לְמָה הוּא דוֹמֶה לִדְיוֹ כְתוּבָה עַל נְיָר מָחוּק: כו רַבִּי יוֹסֵי בַּר יְהוּדָה אִישׁ כְּפַר הַבַּבְלִי אוֹמֵר הַלּוֹמֵד מִן הַקְּטַנִּים לְמָה הוּא דוֹמֶה לְאוֹכֵל עֲנָבִים קֵהוֹת וְשׁוֹתֶה יַיִן מִגִּתּוֹ וְהַלּוֹמֵד

כד) בנפול אויבך אל תשמח ובכשלו אל יגל לבך וָוען דַיין פַיינְד פַאלְט זָאלְסְטוּ זִיךְ נִיט פְרֵייעֶן · אוּנ אַז עֶר וֶוערְט גְשְׁטְרוֹיכְלְט זָאל זִיךְ נִיט פְרֵייעֶן דַיין הֶערְץ פן יראה ה׳ דֶען פִילַייכְט וֶועט גָאט זֶעהֶן אַז דוּ פְרֵייסְט זִיךְ אוֹיף זַיין פַאלְן ורע בעיניו וֶועט עֶס פֶערְדְרִיסְלִיךְ זַיין אִין זַיינֶע אוֹיגְן והשיב מעליו אפו וֶועט עֶר לָאזְן אָפּ קֶערֶען זַיין צָארְן פוּן אִים אוֹיף דִיר וַוייל דוּא פְרֵייסְט זִיךְ אוֹיף זַיין מַפָּלָה: כה אלישע בן אבויה אומר אֱלִישָׁע בֶּן אֲבוּיָה זָאגְט הלומד ילד דֶער וָואס לֶערִינְט אַז עֶר אִיז אַקִינְד למה הוא דומה צוּ וָואס אִיז עֶר גְלַייךְ לדיו כתובה על ניר חדש צוּא טִינְט וָואס אִיז גֶעשְׁרִיבְּן אוֹיף נַאייֶע פַּאפִּיר וָואס אֲפִילוּ אַיינֶע דִינֶע שְׁטְרִיכְלֶע אוּנ אַקְלֵיין פִּינְטֶעלֶע אִיז אוֹיךְ קֶענְטִיג אוֹיף אִיר אוּנ אַז דֶר כְּתַב טְרִיקְנְט זִיךְ אוֹיס בְּלַייבְּט עֶס אוֹיף לַאנְג · אַזוֹא אִיז אוֹיךְ אַלֶע קְלֵיינִיקַייטְן וָואס אַמֶענְשׁ לֶערִינְט אִין זַיין קִינְדְהַייט וֶוערְט עֶס בַּיי אִים בַּאלְד אַיין גֶעזֶעצְט אִין הֶערְצְן · אוּנ עֶס וֶועט בַּיי אִים בְּלַייבְּן אִין גִידַאנְקֶן בִּיז זַיין הוֹיכְן עֶלְטֶער · והלומד זקן אוּנ דֶר וָואס לֶערִינְט אַלְטֶערְהַייט למה הוא דומה צוּא וָואס אִיז עֶר גְלַייךְ לדיו כתובה על ניר מחוק צוּ טִינְט וָואס אִיז גֶעשְׁרִיבְּן אוֹיף אַפַּאפִּיר וָואס פוּן אִיר אִיז שׁוֹין אַמָּאל אוֹיס גֶעשָׁאבְּן גְוָוארִין · אוּנ דָאס וָואס מֶען שְׁרַייבְּט ווִידֶר אוֹיף אִיר אִיז צוּ גָאסִין אַז עֶס אִיז קַיין תְּמוּנָה פוּן אַיין אוֹת אוֹיף אִיר קֶענְטִיג · אַזוֹ אִיז דָאס וָואס אַמֶענְשׁ לֶערִינְט צוּ דֶר עֶלְטֶער הָאט קַיין קִיוּם אוּנ עֶרְפֶערְגֶעסְט בַּאלְד דָאס וָואס עֶר לֶערִינְט: כו רבי יוסי בר יהודה איש כפר הבבלי אומר רַבִּי יוֹסֵי בְּרַבִּי יְהוּדָה אַיין הֶער פוּן אַדָארְף אִין בָּבֶל זָאגְט הלומד מן הקטנים דֶר וָואס לֶערִינְט תּוֹרָה אוּנ חָכְמָה פוּן יוּנְגֶע מֶענְשְׁן למה הוא דומה צוּא וָואס אִיז דָאס גְלַייךְ לאוכל ענבים קהות צוּ אַיינֶעם וָואס עֶר עֶסְט זוֹיעֶרֶע וַויינְטְרוֹיבְּן · כְּלוֹמַר זֵייא זַיינֶען נָאךְ נִיט רֶעכְט צַייטִיג אוּנ דֶער וָואס עֶסְט זֵייא

וֶוערְן אַיילִיג זַיינֶע צֵיינֶער ושותה יין מגתו אוּנ עֶר טְרִינְקְט פְרִישֶׁען וויין פוּן זַיין קֶעלְטֶער · הָאטְשִׁי עֶר אִיז גְשְׁמַאק אָבֶּר עֶר פֶערְדַארְבְּט זַיין בּוֹיךְ · אַזוֹ אִיז דֶער וָואס לֶערִינְט פוּן יוּנְגֶע לַייט אִיז דִי עֶרְקְלֶערוּנְג נִיט פַארְשְׁטַאנְדְלִיךְ · אוּנ זַייעֶר לֶערְנֶען קֶען אִים אַמָּאל פֶערְפִירְן אִין שְׁלֶעכְטֶע וֶועגֶען · והלומד מן הזקנים אוּנ דֶר וָואס לֶערִינְט תּוֹרָה אוּנ חָכְמָה פוּן אַלְטֶע לַייט למה הוא דומה צוּ וָואס אִיז דָאס גְלַייךְ לאוכל ענבים בשולות צוּ אַיינֶעם וָואס עֶר עֶסְט צַייטִיגֶע וַויינְטְרוֹיבְּן ושותה יין ישן אוּנ עֶר טְרִינְקְט אַלְטְן וויין · אַזוֹ אִיז אַז מֶען לֶערִינְט פוּן אַלְטֶע לַייט אִיז דָאס לֶערְנֶען גֶעשְׁמַאק · אוּנ עֶס הָאט בַּיי אִים אַיין קִיוּם דֶען עֶר אִיז זִיכֶער אַז עֶר וֶועט פוּן זַייעֶר לֶערְנֶען נִיט זַיין פֶערְפִירְט · דֶער הַתּוֹלְדוֹת יְהוֹשֻׁעַ שְׁרַייבְּט אַז מִיט דֶעם מָשָׁל פוּן וַויינְטְרוֹיבִּין מֵיינְט דֶער תַּנָּא דֶעם חֵלֶק הַפְּשַׁט פוּן דֶר תּוֹרָה · אוּנ מִיט דֶעם מָשָׁל פוּן וויין מֵיינְט עֶר אוֹיף דִי סוֹדוֹת פוּן דֶער תּוֹרָה · אִין דֶעם פְּשַׁט פוּן דֶער תּוֹרָה וָואס דָאס אִיז דֶער חֵלֶק הַנִּגְלֶה בֶּעדַארְף מֶען הָאבְּן נוֹיטִיג צְוַויי זַאכְן · עֶרְשְׁטֶען אִיז אַז דִי הֲלָכָה זָאל זַיין רִיכְטִיג אַז דֶר תַּלְמִיד זָאל נִיט הָאבִּין אַיין אוֹפֶן פוּן זַיינֶע רֵייד אִין טָעוּת צוּא זַיין · אוּנ דָאס צְווייטֶע אִיז אַז דֶר רַבִּי וָואס לֶערִינְט אִים מוּז הָאבְּן אַיינֶע גְלֶערְטֶע צוּנְג מִיט אַיין שֵׁיינֶעם הֶסְבֵּר · אָבֶּר דֶער חֵלֶק הַנִּסְתָּר וָואס דָאס זַיינֶען דִיא סוֹדוֹת הַתּוֹרָה · בֶּעדַארְפְן נָאר הָאבְּן אַיין זַאךְ אַז דֶר עִנְיָן זָאל זַיין רִיכְטִיג אָן אַיין טָעוּת · אָבֶּר קַיין דִבּוּר דַארְף מֶען דֶער צוּ נִיט הָאבְּן וַוייל דָאס אִיז נָאר בְּרָמֶז · אוּנ אַזוֹ קֶענֶן מִיר פַר שְׁטֵיין ווִיא שַׁיין אִיז דֶר מָשָׁל פוּן דֶעם תַּנָּא אַז דֶער וָואס לֶערִינְט תּוֹרָה פוּן יוּנְגֶע לַייט אִיז דֶר חֵלֶק הַפְּשַׁט פוּן דֶר תּוֹרָה גְלַייךְ צוּ דֶעם וָואס עֶסְט זוֹיעֶרֶע ווַיין טְרוֹיבְּן מַאכְט עֶר זִיךְ שְׁלֶעכְט אִין צְווַיי זַאכְן עֶר פֶערְדַארְבְּט זַיינֶע צֵיינֶער · אוּנ עֶר מַאכְט שְׁוֶוערֶע קַאלִיקֶן אִין זַיין בּוֹיךְ · אוּנ

דעם

מִן הַזְּקֵנִים לְמָה הוּא דוֹמֶה לְאוֹכֵל עֲנָבִים בְּשׁוּלוֹת וְשׁוֹתֶה יַיִן יָשָׁן: כז רַבִּי מֵאִיר אוֹמֵר אַל תִּסְתַּכֵּל בְּקַנְקַן אֶלָּא בְּמַה שֶׁיֵּשׁ בּוֹ יֵשׁ קַנְקַן חָדָשׁ מָלֵא יָשָׁן וְיָשָׁן שֶׁאֲפִילוּ חָדָשׁ אֵין בּוֹ: כח רַבִּי אֶלְעָזָר הַקַּפָּר אוֹמֵר הַקִּנְאָה וְהַתַּאֲוָה וְהַכָּבוֹד

חסדי אבות

דָעם חֵלֶק הַפְּשַׁט פוּן דֶר תּוֹרָה וָואס עֶר לֶערִינְט פוּן אַלְטֶע לַייט · אִיז דָאס גְלַייךְ צוּ דָעם וָואס עֶסְט צַייטִיגֶע טְרוֹיבְּן אִיז אִים אִין צְוַוייעֶן גוּט · עֶס אִיז זִיס צוּם גוּטֶען אוּנ אַהֵיילוּנְג צוּא דִיא גִדֶערִים · אַזוֹ אִיז דֶער חֵלֶק הַפְּשַׁט וָואס עֶר לֶערִינְט פוּן אַלְטֶע מִיט צְוַוייא מַעֲלוֹת עֶס אִיז לִיבּ צוּ הֶערִן דָעם דִבּוּר · אוּנ דִי הֲלָכָה בְּעֶצֶם אִיז רִיכְטִיג · אוּנ אַז מֶען לֶערִינְט עֶס פוּן יוּנְגֶע לַייט אִיז עֶס פַּרְקֶערְט · אוּנ דֶר מָשָׁל פוּן דָעם וַויין אִיז אֵיינֶע מַיינוּנְג אוֹיף דִי סוֹדוֹת הַתּוֹרָה · אַזוֹ וִוי אַז מֶען טְרִינְקְט מָאסְט · דָאס אִיז פְרִישְׁן ווַייךְ וָואס מֶען הָאט אִים עֶרְשְׁט גִיפְּרָאטְן אִין קֶעלְטֶר · חָאטְשִׁי עֶר אִיז נִיט בִּיטֶר צוּם גוּמֶען · אָבֶּר עֶר מַאכְט שְׁלָאף דִיא גִידֶערִים · אַזוֹ אִיז דֶר וָואס לֶערִינְט דִי סוֹדוֹת הַתּוֹרָה פוּן יוּנְגֶע לַייט · חָאטְשִׁי מֶען בֶּעדַארְף דָא קַיין דִבּוּר הָאבְּן · אָבֶּר דָער עֶצֶם קֶען זַיין פֶערְדָארְבְּן · אָבֶּער אַז עֶר לֶערִינְט עֶס פוּן אַלְטֶע לַייט אִיז דָאס גְלַייךְ וִויא עֶר טְרִינְקְט אַלְטֶען וַויין וָואס עֶר אִיז קְלָאר אָן אֵיין שׁוּם גֶעמִישׁ פוּן הֵיוִון · אַזוֹ זַיינֶען דִי סוֹדוֹת הַתּוֹרָה וָואס מֶען לֶערִינְט פוּן אַלְטֶע לַייט רִיכְטִיג אוּנ רֵיין אָן שׁוּם פַאלְשְׁקַייט ח״ו: כז רבי מאיר אומר רַבִּי מֵאִיר זָאגְט אל תסתכל בקנקן דוּ זָאלְסְט נִיט קוּקְן אוֹיף דָעם קְרוּג אלא במה שיש בו נָאר אוֹיף דָאס וָואס אִין אִים גֶפִינְט זִיךְ זָאלְסְטוּ קוּקְן · כְּלוֹמֶר דוּ זָאלְסְט נִיט קוּקְן אוֹיךְ דָעם מֶענְשְׁן וָואס דוּ לֶערִינְסְט פוּן אִים אוֹיבּ עֶר אִיז יוּנְג אָדֶר אַלְט · נָאר אוֹיף דִי תּוֹרָה וָואס אִין אִים גֶעפִינְט זִיךְ זָאלְסְטוּ זֶעהֶן · יש קנקן חדש מלא ישן עֶס אִיז אָפְט דָא אֵיין נַייעֶר קְרוּג וָואס עֶר אִיז פוּל מִיט אַלְטְן וַויין · כְּלוֹמֶר עֶס אִיז דָא אָפְט אֵיין יוּנְגֶר מֶענְשׁ וָואס עֶר אִיז פוּל מִיט סוֹדוֹת הַתּוֹרָה יוֹאס עֶר הָאט זַיי בְּקַבָּלָה פוּן אוּנְזֶרֶע קַדְמוֹנִים · וישן שאפילו חדש אין בו אוּנ עֶס אִיז אָפְט דָא אֵיין אַלְטֶר קְרוּג וָואס אֲפִילוּ פְרִישֶׁר ווַיין אִיז אִין אִים אוֹיךְ נִיט דָא · אַזוֹ אִיז אָפְט דָא אֵיין אַלְטֶר מַאן וָואס עֶר ווַייס נִיט אֲפִילוּ

אֵיין קְלֵיינֶע אוּנ אַגְרִינְגֶע סְבָרָא וָואס אַיוּנְגֶער מַאן קֶען אוֹיף טָאן אִין דָער תּוֹרָה: כח רבי אלעזר הקפר אומר רַבִּי אֶלְעָזָר הַקַּפָּר זָאגְט הקנאה דִי נַייד וָואס אַמֶענְשׁ אִיז מְקַנֵּא דִי רַייכֶע לַייט אוּנ עֶר גְלוּסְט אוֹיךְ צוּא זַיין רַייךְ אוּנ עֶר שְׁטֶעלְט אֵיין זַיין לֶעבִּין אִין סַכָּנָה פוּן גֶעלְד וֶועגְן · והתאוה אוּנ דִי לַיידֶענְשַׁאפְט וָואס אֵיין מֶענְשׁ וִויל נָאךְ גֶעבְּן דִי פֶערְגֶנִיגֶען פוּן גוּף אוּנ עֶר בְּרֵיינְגְט אוּים דֶערוּיף זַיין גֶעלְד אוּנ זַיין עֶהְרֶע · והכבוד אוּנ דִי גַאֲוָה וָואס אַמֶענְשׁ הָאלְט פוּן זִיךְ אוּנ עֶר פֶערְלַאנְגְט אַז אַלֶע זָאלְן אִים גֶעבְּן כָּבוֹד אוּנ עֶר בְּרֵיינְגְט אוֹיךְ דְרִיבֶּר אוּים זֵייעֶר פִיל גֶעלְט אוּנ גוּטְץ מוציאין את האדם מן העולם דִיזֶע דְרַייא זַאכְן פִירְן דָעם מֶענְשְׁן אַרוּיס פוּן דִי וֶועלְט · כְּלוֹמֶר עֶר פֶערְשְׁפִּילְט דוּרְךְ זֵיי דִיזֶע וֶועלְט אוּנ יֶענֶע וֶועלְט · דֶען אוֹיסֶר דִיא אוּנְגְלִיקְן וָואס עֶר בֶּעקוּמְט דוּרְךְ זֵיי אוֹיף דִיזֶן עוֹלָם · אִיז אוֹיךְ נִיט פֶערְהַאנְדְן אֵיין זִינְד אוֹיף דֶר וֶועלְט · וָואס אֵיינֶע פוּן דִי דְרַייא זַאכְן זָאלְן נִיט זַיין אַסִבָּה צוּ זִינְדִיגְן · דֶער דוּבְּנֶער מַגִּיד זִכְרוֹ לִבְרָכָה שְׁרַייבְּט דָאס דִיזֶע דְרַייא מִדוֹת רָעוֹת קִנְאָה תַּאֲוָה אוּנ כָּבוֹד זַיינֶען דִי וָוארְצְלֶען פוּן דָעם בּוֹים וָואס אוֹיף אִים וַואקְסְן אַלֶע בֵּייזֶע מִדוֹת מִיט זֵייעֶרֶע צְוַוייגֶען · אוּנ דוּרְךְ זֵיי מוּז דֶר מֶענְשׁ אַוֶועק גֵיין פוּן דֶר וֶועלְט אַז עֶר קֶען זִיךְ בְּשׁוּם אוֹפֶן נִיט פֶערְעֶנְטְפֶערְן · אוּנ עֶר זָאגְט דְרוֹיף אֵיין מָשָׁל · אֵיין אַרְאנְדַאר הָאט גֶעהַאלְטִין אֵיינֶע פַּאסֶעסְיֶע פוּן אַשְׂרָרָה · דָער שַׂר אִיז גְוֶועזְן זֵייעֶר אַגוּטֶער מֶענְשׁ אוּנ עֶר הָאט אִים נִיט נוֹגֵשׂ גְוֶועזְן אַז עֶר זָאל אִים דִי רָאטֶע בֶּעצָאלִין דַוְקָא צוּם טֶערְמִן · דֶער צוּא אִיז עֶר עֶטְלִיכֶע יָאר גְוֶועזְן אִין פַּארִיז · אוּנ דֶר אַרֶענְדַר הָאט זִיךְ גְלֶעבְּט אִין דָעם פוּלְוַוארִיס פוּן דָעם שַׂר מִיט אַלֶע פֶערְגֶנִיגֶען · אוּנ הָאט דָעם שַׂר פוּן עֶטְלִיכֶע יָאר נָאךְ אֲפִילוּ אֵיין פְּרוּטָה נִיט אֵיין גְצָאלְט · לְיָמִים אִיז דָער שַׂר גְקוּמֶען צוּא פָארְן אוּנ הָאט גֶעשִׁיקְט נָאךְ דָעם אַרֶענְדַאר אַז עֶר זָאל קוּמֶען פַר אִים אוּנ זָאל אַיינְצָאלְן דָאס גֶעלְט

מוֹצִיאִין אֶת הָאָדָם מִן הָעוֹלָם: כט הוּא הָיָה אוֹמֵר הַיִּלּוֹדִים לָמוּת וְהַמֵּתִים לְחְיוֹת וְהַחַיִּים לְדוֹן לֵידַע וּלְהוֹדִיעַ וּלְהִוָּדַע שֶׁהוּא אֵל הוּא הַיּוֹצֵר הוּא הַבּוֹרֵא הוּא

חסדי

גֶעלְט וָואס עֶר אִיז אִים שׁוּלְדִיג פַאר עֶטְלִיכֶע יָאר וָואס עֶר הַאלְט דִי פַאסֶעסִיֶע ׳ דֶר אַרִינְדַר הָאט פַאר זַיין וַוייבּ אוּנ פַאר זַיין הויזגֶעזִינְט גֶעמַאכְט זַייעֶר אַגְרִינְגִין חֶשְׁבּוֹן עֶר הָאט זַייא גְזָאגְט אַז עֶר וָועט דֶעם שַׂר מֶער נִיט דַארְפֶען אַיין צָאלְן נָאר אַשְׁלִישׁ פוּן דֶעם גַאנְצְן חוֹב וָואס שַׂר בֶּעדַארְף אִים אַיין צָאלֶען דְהַיְינוּ עֶר וֶועט אִים וַוייזְן אַרֶעכְנוּנְג אַז אִין יֶעדֶעם יָאר הָאט אִים גְקָאסְט פַאצִינְקֶע צְוַוייא חֲלָקִים פוּן דֶעם חוֹב וָואס פוּן אִים קוּמְט פַאר אִיטְלִיכֶעס יָאר דָאס הָאט עֶר גֶעמוּזְט צוּא רֶעכְט מַאכֶען דִיא שַׁייֶערְן ׳ אוּנ דָא הָאט עֶר בֶּעדַארְפְט מַאכֶען בְּרִיקְן ׳ דָאס הָאט עֶר אוֹיס גְגֶעבְּן אוֹיף רַיינִיגְן דִי בְּרוּנִימֶר ׳ אוּנ דָא הָאט עֶר גְפְלַאנְצְט בּוֹימֶר אוּנ הָאט גִימַאכְט שַׁיינֶע אַלֵייעֶן צוּם שְׁפַּאצִיר גַאנְג ׳ אוּנ אַזוֹ אִיז עֶר זִיךְ גֶעגַאנְגֶען מִיט זַיין רֶעכֶנוּנְג צוּ דֶעם שַׂר ׳ אַז עֶר אִיז גְקוּמֶען צוּם שַׂר ׳ הָאט עֶר אִים גֶעפוּנֶן דָאס עֶר זִיצְט מִיט זַיינֶע פְרַיינְד בְּכָבוֹד ׳ אוּנ אַלְס עֶר הָאט אִים גְפְרֶעגְט וֶועגְן דֶעם חוֹב הָאט שַׂר אִים גֶעוִויזֶען דִי רֶעכִינוּנְג וָואס עֶר הָאט בַּיי זִיךְ צוּא הויזֶע מִיט זַיין גֶעזִינְד אָפּ גִיקְלֶערְט אוּנ בֶּעשְׁלָאסְן ׳ דֶר שַׂר אָבֶּר הָאט צוּ אִים גְזָאגְט אַז אַלֶע זַיינֶע קָאסְטֶען נֶעמְט עֶר גָאר גִיט אָן ׳ דֶען עֶר אִיז נָאר אַיין שָׁכֵן אִין דֶעם הוֹיף אָבֶּר נִיט אַיין בַּעַל הַבַּיִת ׳ אוּנ פוּן דִיזֶע אַלֶע תִּיקּוּנִים וָואס דוּא הָאסְט דִיר גְמַאכְט צוּ דַיין פֶערְגֶנִיגֶן הָאבּ אִיךְ קַיין שׁוּם נוּצְן פוּן זַיי ׳ אוּנ אַז דוּ קֶענְסְט מִיר נִיט אַיין צָאלְן דֶעם גַאנְצְן חוֹב וָואס מִיר קוּמְט פוּן דִיר פַר עֶטְלִיכֶע יָאר מוּז אִיךְ בַּיי דִיר צוּ נֶעמֶן אַלֶעס וָואס דוּא פֶערְמָאגְסְט אוּנ בַּאלְד אַרוֹיס פוּן מַיין גוּט ׳ דֶער נִמְשָׁל אִיז אַז דֶער מֶענְשׁ אִיז דָא אוֹיף דִיזֶע וֶועלְט נָאר אַיין גֵר דָאס הַייסְט אַיין שָׁכֵן ׳ דֶער בַּעַל הַבַּיִת אִיז הַשֵּׁ״י ׳ פַאר זַיין לֶעבְּן אוּנ פַאר זַיינֶע אוֹיף הַאלְטוּנְג אִין דִיזֶע וֶועלְט מוּז עֶר צוּ הַשֵּׁ״י אַיין צָאלְן מִיט תּוֹרָה לֶערְנֶן אוּנ מִיט מִצְוֹת וּמַעֲשִׂים טוֹבִים ׳ אָבֶּר דֶר מֶענְשׁ מַאכְט זִיךְ דָא פַאלְשֶׁע רֶעכֶנוּנְגֶן ׳ דָאס הָאט עֶר גְטָאן וַוייל עֶר הָאט גֶעזֶעהְן אַז יֶענֶער טוּט אַזוֹ קִנְאָה ׳ אוּנ דָאס הָאט

אבות

אִים זַיין מֶענְשְׁלִיכֶע הֶערְץ גֶעצְוואוּנְגֶן צוּ טָאן תאוה ׳ אוּנ דָאס הָאט עֶר גֶעמוּסְט טָאן אוּם צוּ בֶּעשַׁיינֶן זִיךְ פַר לַייטְן כבוד ׳ אָבֶּר אַז עֶס קוּמְט צוּם יוֹם הַדִּין נֶעמְט עֶס הַשֵּׁ״י דִיא אַלֶע זַאכְן נִיט אָן פַר אַיין סִילוּק ׳ אוּנ עֶר בֶּעווַייזְט דֶעם מֶענְשְׁן אַז עֶר אִיז דָא אִין דֶר וֶועלְט קַיין בַּעַל הַבַּיִת ׳ עֶר נֶעמְט בַּיי אִים אָפּ זַיין פֶערְמֶעגִין אוּנ הַייסְט אִים פוּן דֶר וֶועלְט אוֹיךְ פָארְט גַיין פוּנְקְט וִויא דֶר תַּנָּא הָאט גְזָאגְט הקנאה והתאוה והכבוד מוציאין את האדם מן העולם ׳ דָאס הַייסְט דִיזֶע דְרַיי שְׁלֶעכְטֶע מִדּוֹת קִנְאָה תַּאֲוָה אוּנ כָּבוֹד בְּרֵיינְגֶן אוּם דֶעם מֶענְשְׁן פוּן דֶר וֶועלְט ׳ אַז עֶר מוּז פוּן דֶר דִירָה אָפּ טְרֶעטֶען: כט הוא היה אומר דֶר זֶעלְבִּיגֶר תַּנָּא פְלֶעגְט זָאגְן הילודים למות דִיא גוּפִים וָואס זַיי וֶוערְן גֶעבָּארְן זַיינֶען בֶּעשְׁטִימְט צוּ שְׁטַארְבְּן ׳ והמתים לחיות אוּנ דִיא גוּפִים וָואס שְׁטַארְבְּן אִיז בִּכְדֵי צוּ לָאזְן לֶעבִּין דִי נְשָׁמָה אִין דֶר אַייבִּיגֶר וֶועלְט ׳ והחיים לידון אוּנ אוֹיךְ דִיא נְשָׁמוֹת וָואס זַייא לֶעבְּן אִין דִיא אַייבִּיגֶע וֶועלְט מוּזֶען גֶעמִשְׁפָּט וֶוערֶען ׳ דֶען זַייעֶר לֶעבְּן מוּז אוֹיךְ זַיין וִויא דֶר דִין וָואס בַּיי בֵּית דִין שֶׁל מַעְלָה וֶועט אוֹיס וַוייזְן ׳ זָאגְט דֶר תַּנָּא דְרוּם הָאבּ אִיךְ דִיר דָאס גֶעזָאגְט לידע כְּדֵי דוּ זָאלְסְט וִויסְן ׳ ולהודיע אוּנ אוֹיבּ דוּ הָאסְט פֶערְשְׁטַאנְד זָאלְסְטוּ אוֹיךְ מוֹדִיעַ זַיין צוּ אַנְדֶרֶע לַייטְן ׳ ולהודע אוּנ אוֹיבּ דוּ קֶענְסְט עֶס אַלֵיין אוֹיךְ נִיט פַארְשְׁטֵיין זָאלְסְטוּ תָּאמְשֵׁי מִשְׁתַּדֵּל זַיין זִיךְ צוּ עֶרְפַארְן פוּן אַנְדֶרֶע לַייט אוּנ דוּא זָאלְסְט וִויסְן אוֹיף קְלָאר שהוא אל דָאס הַשֵּׁי״ת אִיז אַיין שְׁטַארְקֶר אוּנ אַגְרוֹיסֶר בַּעַל יְכוֹלֶת ׳ הוא היוצר עֶר הָאט גֶעבִּילְדֶעט דִיא נְשָׁמָה מִיט אַוואוּנְדֶערְלִיכֶע צוּרָה ׳ הוא הבורא עֶר הָאט מִיט זַיין חֶסֶד אוּנ מִיט זַיין רַחֲמִים בֶּעשַׁאפְן דֶעם גוּף אַיין יש מאין ׳ דָאס הַייסְט עֶר הָאט אִים גְמַאכְט צוּ אַיין וֶועזְן וָואס עֶר אִיז פְרִיעֶר גֶעוֶועזְן גָאר נִישְׁט ׳ הוא המבין עֶר בֶּעטְרַאכְט אוּנ אִיז מַשְׁגִּיחַ אוֹיף אַלֶע טְרֶעפוּנְג אוּנ אוֹיף אַלֶע מַעֲשִׂים פוּן דִי מֶענְשְׁן וֶוען זַיי טוּעֶן גוּט אָדֶר בַּייז ׳ הוא הדיין עֶר אִיז דֶער רִיכְטֶער וָואס עֶר פַּסְקֶעט צוּ דֶעם מֶענְשְׁן גִיצָאלְט אָדֶר שְׁטְרָאף ׳

הַמֵּבִין הוּא הַדַּיָּן הוּא הָעֵד הוּא בַּעַל דִּין הוּא עָתִיד לָדוּן בָּרוּךְ הוּא שֶׁאֵין לְפָנָיו לֹא עַוְלָה וְלֹא שִׁכְחָה וְלֹא מַשּׂוֹא פָנִים וְלֹא מִקַּח שֹׁחַד וְדַע שֶׁהַכֹּל לְפִי הַחֶשְׁבּוֹן וְאַל יַבְטִיחֲךָ יִצְרְךָ שֶׁהַשְּׁאוֹל בֵּית מָנוֹס לָךְ שֶׁעַל כָּרְחֲךָ אַתָּה נוֹצָר וְעַל כָּרְחֲךָ

חסדי אבות

הוא העד ער איז אליין דר עדות וום ער אליין האט גזעהן דיינע מעשים · הוא בעל דין ער אליין איז אויך דיין בעל דבר וואס ער מאנט דיך צום דין אז דוא זאלסט מיט אים איין משפט האבן · והוא עתיד לדון אונ חאטשי ער שווייגט דיר יעצט בעת דו טוסט די עבירה · אדר ער באצאלט דיר ניט יעצט בעת דוא טוסט דיא מצוה · דאך איז ער אן גברייט אין די שפעטיגע צייט דיך צו ריכטין אונ צו בעצאלין דיר שכר פר די מצות · אונ צוא בעשטראפן דיך פאר דיינע עבירות · ברוך הוא געלויבט איז ער פאר דעם וואס ער ווארט דיר אזוא לאנג אונ ער האלט אויף זיין צארן · דען איין משפט פון איין בשר ודם קען אמאל זיין פערקרימט איבר איינע פון פיר זאכן · דהיינו צוויי זאכן וואס הייגען אפ פון דעם דיין · אונ צוויא זאכען וואס הייגען אפ פון דעם מענשען וואס ער שטייט צום משפט · ערשטין אויב דער דיין איז ארשע בטבע אונ ער האלט ניט פון איין גזעץ אונ ער משפט דעם מענשן מיט אונגערעכט · צווייטן קען אמאל זיין אז דר דיין האט פערגעסן די געשיכטע פון די לייט וואס שטייען פאר אים צום משפט · אדר ער האט פערגעסן דעם זאקאן אונ ער מיינט אז דר איז גערעכט אונ דער אנדערער איז אונגירעכט · ענדליך איז גאר אום געקערט · אז ער האט דעם גערעכטן בעשולדיגט · דריטן איז ווייל איינער פון די לייט וואס שטייען צום משפט איז איין אן גיזעהנער מאן אונ דער דיין האט אים ליב · דרום איז אים דר דיין נושא פנים אונ ער מאכט אים גרעכט · דאס פירטע איז · דאס איינר פון די בעלי משפט האט גיגעבין דעם דיין שוחד דרום האט אים דר דיין גמאכט גרעכט · אבר ביי דעם דיין אמת ביי השי"ת אין לפניו פר אים איז ניט פערהאנדען לא עולה קיין אונרעכט · ולא שכחה אונ קיין פרגעסנהייט · חאטשי השי"י באצאלט ניט באלד דעם צדיק זיין שכר פר דיא מצות · אונ ער בעשטראפט ניט אזוי גיך דעם רשע פר זיינע עבירות · דאך פערגעסט ער דאס ניט · ולא משוא פנים אונ ער איז ניט נושא פנים · דען אפילו דעם גרעסטן צדיק בשטראפט ער פר זיין קליינסטע עבירה · ולא מקח שוחד אונ ער נעמט קיין שום שוחד · דען אז א מענש זאל אפילו ברייגגן פאר השי"י אלע קרבנות אונ ער זאל אפילו טאן זייער פיל מצות אויב ער וועט קיין תשובה טאן אויף זיינע זינד · זיינען זיינע קרבנות מיט זיינע מצות אונוווירדיג פר גאט שהכל שלו דען אלע זאכן דהיינו די גרעכטיקייט אונ דר זכרון אונ דר כבוד אונ דאס זילבר מיט דאס גאלד איז אלעם זיינע · נון וויא אזו דען וועט הי"ו השי"י פערקרימן דעם משפט דורך איינע פון די פיר סבות · ודע אונ דו מענש מוסט וויסין שהכל דאס אלע זאכן · דהיינו דר עונש אונ דר שכר פון יעדר מעשה איז לפי החשבון נאך דעם חשבון וואס מען רעכינט אויס די סבות כלומר די פריצינגעם וועלכע זיי האבן איהם געבראכט צוא טאן די מצוה אדר דיא עבירה · אונ אויך וויא פיל גראד האט געהאלטען דען מאל דיא שטארקייט פון דר תאוה וואס ער האט גהאט בשעת ער האט גיטאן דיא מצוה אדער די עבירה · אונ אויך וויא שטארק איז גיוועזן די שמחה זיינע בעת ער האט גטאן די עבירה אדר דיא מצוה · דאס ווערט אלס צוא זאכן גירעכינט אונ נאך דעם חשבון באצאלט מען אים זיין שכר אדר זיין עונש · ואל יבטיחך יצרך דאך זאל דיך דיין יצר הרע ניט זיכער מאכן מיט דעם וואס ער וועט דיר זאגן שהשאול בית מנוס לך אז דער קבר איז פר דיר איין הויז וואס דו וועסט דארטין אנטרונן ווערן פון צוא געבן דין אונ חשבון פר השי"י כלומר מיין ניט אז דו וועסט שטארבן וועסטו זיין עפר ואפר אונ וועמן וועט מען דענמאל משפטן · דען דו מוסט וויסען שעל כרחך אתה נוצר דאס איבער דיין נויט ביסטו אין דיין מוטערס לייב גבורימט גווארן · דו קענסט גאר ניט זאגן דאס אזו וויא

אַתָּה נוֹלָד וְעַל כָּרְחֲךָ אַתָּה חַי וְעַל כָּרְחֲךָ אַתָּה מֵת וְעַל כָּרְחֲךָ אַתָּה עָתִיד לִתֵּן דִּין וְחֶשְׁבּוֹן לִפְנֵי מֶלֶךְ מַלְכֵי הַמְּלָכִים הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא: רבי חנניא וכו'

חסדי אבות

דו ביסט געווארין געבארן אזו וועסטו אויך ווערען פערלארן · דען דו ביסט ניט נאטירליך גפארימט גווארן ביי דיין מוטר אין לייב · נאר דורך די קראפט פון גאט ב"ה · דען פון איין טראפען זאפט האט זיך געבילדט אגאנצער קערפער פון פלייש אונ ביינער מיט אשיין געשטאלט מיט שכל אונ מיט פערשטאנד · נון קאנסט דו דען מיינען אז דאס איז געוועזען בדרך הטבע · אם כן וויא איז דאס מיגליך אז דיין נשמה וואס זיא איז גפארימט גווארן מיט נסים זאל זיך צום סוף אויס דונסטן וויא איין רויך ועל כרחך אתה נולד אונ אויך איבער דיין נויט ביסט דו געבארן גווארן · כלומר אז דיין גוף זאל געבארן ווערן ביסט דו אויך געוועזן געצוואונגען · אונ דאס איז אויך ניט אן אצוועק געוועזן · ועל כרחך אתה חי אונ איבר דיין נויט לעבסט דוא · כלומר דיין לעבן איז אויך מיט איין וואונדערליכען אופן · דען דיין שכל קאן עס ניט בענעמן וויא אזו קאנן זיך בינדן דיא נשמה וואס זיא איז איינע רוחנית מיט איין גוף וואס ער איז אשטיק פלייש אונ די ביידע זיינן מיט איינאנדר פערלייבט אזוא וויא איין עצם · ועל כרחך אתה מת דיין שטארבן איז אויך איבר דיין נויט אונ דו קאנסט אויך ניט וויסן אונ ניט פערשטיין וואס דיין טויט איז · אונ דורך וואס בעשטייט די שיידונג פון דיין גוף מיט דיין נשמה · אונ אז דו זעהסט אז דיא אלע זאכן זיינן איבר דיין נויט אונ העכר פון דיין פערשטאנד · איז דיר דר פון גרינג צוא פר שטיין · אז תאמטשי דיין שכל ווייזט דיר אויס אז נאך דיין טויט וועסט דוא ווערן צוא עפר ואפר · קאן דאך אבר זיין אזוא וויא דיין שכל האט דיך גענארט אין די פריערינגע זאכן אזו נארט דיך דיין פערשטאנד אויך אין דער זאך וואס ער ווייזט דיר אז דו וועסט זיין בטל פון צו געבן דין אונ חשבון ועל כרחך אתה עתיד ליתן דין וחשבון לפני מלך מלכי המלכים הקדוש ב"ה אונ איבר דיין נויט וועסטו מוזן געבן ריכט אונ רעכנונג פר דעם מלך מלכי המלכים הקב"ה

דען ער האט יכולת דיך ווידער לעבדיג צוא מאכן אונ דו וועסט מוזן אפ געבן פר אים דין אונ חשבון · דער דובנער מגיד ז"ל האט דא אנגימערקט איינע הארבע קשיא וואס דער עולם פרעגט אלם דער תנא האט גיזאגט זיין ערשטע הנחה אז דיא בעשאפונג פון דעם מענשן אונ זיין גיבארין ווערין איז גיוועזן דעם מענשן איבערדאנק אונ ווידר זיין ווילן · אונ ער איז אויך געצוואונגן צו לעבן אין דיזע וועלט וויא ער האט דעם גרונד גילייגט שעל כרחך אתה נוצר ועל כרחך אתה נולד וכו' אזו האט דאך דר מענש אשטארקע טענה צו הש"י פר וואס שטראפסט דו מיך פר מיינע זינד · איך האב דאך ניט גיוועלט בשאפן ווערן אונ איך האב ניט גיוועלט גיבארן ווערן פר וואס האסט דו מיך גיצוואונגן צו בשאפן אונ צו גיבארן ווערן אונ אז איך בין שוין באשאפן גווארן מיט איין הערץ אונ מיט אויגן · די אויגן זעהן אונ דאס הערץ גילוסט אזו מוז איך דאך זינדיגן אונ פר וואס קומט מיר שטראפן · דערויף האט דער תנא גיזאגט ווייטר דעם תירוץ ועל כרחך אתה מת דיין שטארבין אבער איז אויך דיר איבער דאנק · עס איז אמשל צוא אריכין מאן וואס ער האט גיהאט צווייא טעכטער · איינע איז גיוועזן זייער אמיאוסע אונ דיא אנדערע איז גיוועזן אגרויסע ארורה · איר מויל איז גיוועזן אגאנצין טאג פון פריא ביז נאכט פול מיט קללות · פון אלע שידוכים וואס מען האט גיטראכט מיט זיי צו טאן האט זיך ניט גפונן איינער וואס ער זאל איינוויליגן · עס איז קיין אנדער מיטיל ניט גיוועזן · נאר מען האט גימוכט נעמן פר די מיאוסע טאכטער אמאן איין בלינדן · אונ פאר דיא ארורה איין מאן אטויבין · כך היה · שדכנים האבן שוין אויס גיזוכט פר זיי די חתנים · אונ עס איז גיוועזן מיט מזל חתונה · עטליכע יאר זיינען [illegible]א פערגאנגן אונ דיא מאגען האבין גילעבט מיט זייערע ווייבר אין שלום ישלוה · זייא האבין אגעארט אויף אזוארט ניט פאר ביטן · ליימים

האט

כל ישראל וכו'

א בַּעֲשָׂרָה מַאֲמָרוֹת נִבְרָא הָעוֹלָם וּמַה תַּלְמוּד לוֹמַר וַהֲלֹא בְּמַאֲמָר אֶחָד יָכוֹל לְהִבָּרְאוֹת אֶלָּא לְהִפָּרַע מִן הָרְשָׁעִים שֶׁמְּאַבְּדִין אֶת הָעוֹלָם שֶׁנִּבְרָא

הָאט צוּא דֶעם רַייכִין מַאן אַיין גֶיקֶערְט אַיין דָאקְטָאר אוּנ הָאט בֶּעטְרַאכְט זַיינֶע צְוַויא אֵיידִימְס · דֶעם בְּלִינְדִן אוּנ דֶעם טוֹיבִּן · אוּנ עֶר הָאט גִיזָאגְט דָאס עֶר נֶעמְט זִיךְ אָן זַייא בֵּיידִן אוֹים צוּ הֵיילִן · זַיי הָאבִּן זִיךְ מִיט אִים בֶּעדוּנְגֶן אַז דֶר בְּלִינְדֶר וֶועט דוּרְךְ אִים וֶוערִין זֶעהֶענְדִיג וֶועט מֶען אִים גֶעבִּן טוֹיזְנְד רוּבִּיל · אוּנ אַזוֹא אוֹיךְ אַז דֶער טוֹיבֶּער וֶועט וֶוערִין הֶערֶענְדִיג וֶועט מֶען אִים אוֹיךְ גְעבִּן טוֹיזִינְד רוּבִּיל · אִין אַחֹדֶשׁ אַרוּם אִיז דֶער בְּלִינְדֶער זְעהֶעדִיג גִיוָוארִן אוּנ דֶר טוֹיבֶּר אִיז הֶערִינְדִיג גִיוָוארִן · דֶר בְּלִינְדֶר הָאט דֶר זֶעהֶן הִיא מִיאוּס זַיין וַוייבּ אִיז אוּנ הָאט זִיךְ דֶעם לֶעבִּן נִיט גֶעוואוּנְשִׁן · אוּנ אַזוֹ אוֹיךְ דֶער טוֹיבֶּער הָאט גִיהֶערְט דֶעם גַאנְצִן טָאג דִיא קְלָלוֹת פוּן זַיין וַוייבּ אוּנ עֶר הָאט זִיךְ אוֹיךְ דֶעם לֶעבִּין נִיט גֶעוואוּנְשִׁן · זַיי הָאבִּן דֶעם דָאקְטָר נִיט גְוָועלְט בַּצָאלִן פַר דִי קוּרַאצְיֶע · דֶען זַיי הָאבִּן גִיזָאגְט אַז עֶר הָאט זַיי דֶר מִיט נָאךְ עֶרְגֶר גִימַאכְט · דֶר דָאקְטֶער הָאט זַיי אָנְגֶעקְלָאגְט פַאר דֶעם גֶערִיכְט · זַיי הָאבִּן גִיטַעֲנֶת אַז דָאס אִיז זַייא צוּם וִוידֶר ווילִן דֶר בְּלִינְדֶר זָאגְט פִיל בֶּעסֶער וָואלְט מִיר זַיין אַז אִיךְ וָואלְט נִיט זֶעהְן · אִיךְ הָאבּ דִיר נִיט גִיבֶּעטְן אַז דוּ זָאלְסְט מִיךְ מַאכִן זֶעהֶנְדִיג · אוּנ דֶר טוֹיבֶּר זָאגְט אוֹיךְ אַזוֹ פִיל בֶּעסֶער אִיז מִיר גִיוֶועזִין אַז אִיךְ הָאבּ נִיט גִיהֶערְט · אִיךְ הָאבּ דִיךְ אוֹיךְ נִיט גִיבֶּעטִן אַז דוּ זָאלְסְט מִיךְ הֶערִינְדִיג מַאכִן · אוּנ אַז דוּא הָאסְט גִימַאכְט דָאס וָואס אוּנְז אִיז נִיט צוּם ווילִן פַאר וָואס קוּמְט דִיר גֶעלְד · דֶער שׁוֹפֵט אָבֶּער אִיז גִיוֶועזִין אַגְרוֹיסֶער חָכָם אוּנ הָאט גִיפַּסְקֶנְת דֶעם דִין אַז זַיי בַּדַארְפִן דֶעם דָאקְטָר נִיט בַּצָאלִן · אָבֶּר דֶר דָאקְטָאר מוּז אוֹיךְ מַאכִן דֶעם עֶרְשְׁטִן צוּ רִיק בְּלִינְד · אוּנ דֶעם אַנְדֶערִן צוּ רִיק טוֹיבּ · דָא הָאבִּן זַיי אָנְגֶעהוֹיבִּן בֵּיידֶע לַארְמֶען מִיט וַויינֶן אוּנ קְלָאגְן אוּנ הָאבִּן בְּשׁוּם אוֹפֶן נִיט גִיוָועלְט מֶער צוּ הָאבִּין דִי חֶסְרוֹנוֹת וָואס זַיי הָאבִּן פְרִיעֶר גִיהַאט · אִיר ווִילְט נִיט זַיין מֶער בְּלִינְד אוּנ טוֹיבּ וִויא אִיר זַייט פְרִיעֶר גִיוֶועזִין הָאט דֶער רִיכְטֶער צוּ זַיי גִיזָאגְט · טָא בַּאצָאלְט דֶעם דָאקְטָאר יֶעדֶר צוּ טוֹיזִינְד רוּבִּל פַר זַיינֶע מִיהֶע וָואס עֶר הָאט אַייךְ גִיהֵיילְט · דָאס זֶעלְבִּיגֶע אִיז אוֹיךְ מִיט דֶעם מֶענְשִׁן וָואס עֶר ווִיל זַיין פָּטוּר פוּן דִין אוּנ חֶשְׁבּוֹן צוּ גֶעבִּין וַוייל זַיין טַעֲנָה אִיז דָאס עֶר אִיז צוּא זַיינֶעם ווִידֶר ווִילְן גֶעבָּארִן גִיוָוארִן על כרחך אתה נולד · אוּנ זַיין לֶעבִּין אִיז אִים אוֹיךְ אִיבֶּערְדַאנְק ועל כרחך אתה חי · אוֹיבּ אַזוֹ זָאגְט צוּ אִים ב"ד שֶׁל מַעְלָה טָא ווִיל שְׁטַארְבִּן · זֶעהְט מֶען דָאךְ אָבֶּר אַז שְׁטַארְבִּן ווִילְסְט דוּ נִיט · ועל כרחך אתה מת דוּ שְׁטַארְבְּסְט דָאךְ אִיבֶּרְדַאנְק · נוּן ועל כרחך אתה עתיד ליתן דין וחשבון מוּסְט דוּא אוֹיךְ דִיר אִיבֶּער דַאנְק אוּנ צוּ דַיינֶעם ווִידֶר ווִילִין אָפּ גֶעבִּן דִין אוּנ חֶשְׁבּוֹן לפני מלך מלכי המלכים הקב"ה:

א בעשרה מאמרות נברא העולם מִיט צֶעהְן רֵייד פוּן גָאט ב"ה אִיז בַּשַׁאפִן גִיוָוארִן דִי וָועלְט זָאגְט דֶר תַּנָא ומה תלמוד לומר אוּנ וָואס פַאר אַמוּסָר לֶערִינְסְט דוּ אָפּ דֶר פוּן צוּ זָאגִן · אִיז דָאס דֶר מוּסָר · וַוייל מִיר וֵוייסִן דָאךְ אַז הַשֵׁי"ת הָאט בַּשַׁאפִן דִי וָועלְט פוּן גָאר נִישְׁט דְהַיְינוּ עֶס אִיז פְרִיהֶער קֵיין שׁוּם שְׁטָאף נִיט גִיוֶועזִין אַז פוּן אִים זָאל בֶּעשַׁאפְן וֶוערִן אַוֶועלְט · נָאר גָאט אַלֵיין וָואס זַיין יְכוֹלֶת אִיז אָן אַגְרֶענִיץ · הָאט דִי וָועלְט בַּשַׁאפִן מִיט זַיינֶע צֶעהְן רֵייד אוּנ אִיטְלִיכֶער דִבּוּר פוּן גָאט הָאט גֶעווִירְקְט אִין דֶר בְּרִיאָה · אִיז דָאךְ צוּ בַּוואוּנְדֶערְן והלא במאמר אחד יכול להבראות הָאט דֶען דִיא וָועלְט נִיט גִיקֶענְט אוֹיךְ בַּשַׁאפִן וֶוערִן מִיט אַיין פַר זָאג פוּן גָאט ב"ה וִויא בַּאלְד אַז זַיין יְכוֹלֶת אִיז אָן אַסוֹף קֶען דָאךְ אֲפִילוּ אַיין וָוארְט פוּן אִים אוֹיךְ ווִירְקְן אוֹיף דֶר גַאנְצֶע בְּרִיאָה · אוּנ צוּא וָואס הָאט אוּנְז דִי תוֹרָה מְגַלֶּה גִיוֶועזְן אַז דִי וָועלְט אִיז מִיט זַיינֶע צֶעהְן גִיבָּאט בֶּעשַׁאפִין גִיוָוארִן · אלא נָאר דְרִיבֶּר אִיז דִיא וָועלְט מִיט צֶעהְן רֵייד פוּן גָאט בַּשַׁאפִן גִיוָוארִן להפרע אוּם עֶס זָאל בַּצָאלְט וֶוערִן מן הרשעים פוּן דִי רְשָׁעִים שמאבדין את העולם שנברא בעשרה מאמרות וָואס זַייא פֶערְדַארְבִּן דִיא וָועלְט וָואס זִיא אִיז מִיט

בַּעֲשָׂרָה מַאֲמָרוֹת וְלִתֵּן שָׂכָר טוֹב לַצַּדִּיקִים שֶׁמְּקַיְּמִין אֶת הָעוֹלָם שֶׁנִּבְרָא

חסדי

צעהן רייד פון גאט ב"ה בשאפן גיווארן · ולתן שכר טוב לצדיקים אונ בכדי צו געבן איין גוטן שכר צו דיא צדיקים שמקימין את העולם שנברא בעשרה מאמרות וויל זיי האלטן אויף די וועלט וואס זיא איז מיט צעהען דבורים פון גאט באשאפן גיווארן · דר דובנר מגיד פרעגט דא אקשיא · וויא איז דאס צוא גלויבן אויף דיא מדה טובה פון השי"ת וואס זיא איז פיל מער פר די מדה פון זיינע בשטראפונג כלומר גאט טוט מער טובות אלס ער בעשטראפט זאל ער טאן ח"ו אזו איין אבזריות איינע וועלט וואס זיא איז גיוועזן מעגליך צו בשאפין ווערן מיט איין דבור · האט ער איר בשאפין מיט צעהן דבורים נאר בכדי צוא בעשטראפן די רשעים וואס זיי וועלן פר דארבן זיינע אזאך וואס זיא האט אים גיקאסט צעהן דבורים · אבר באמת אז מען זאל גוט בעטראכטין האט אונז דא דר תנא מגלה גיוועזן דיא מדה טובה פון השי"ת וויא ער האט די וועלט געבויט נאר מיט חסד וויא דער פסוק זאגט כי אמרתי עולם חסד יבנה השי"ת בערימט זיך איך האב גיזאגט אז די וועלט מוז נאר מיט חסד געבויט ווערן · דאס איז ידוע צו אלעמן דאס איינע אינסטרומענט וואס זיא איז איינפאך געארבייט גיווארן וועט עס ניט אזוי גיך פערדארבן ווערן וויא איינע אינסטרומענט וואס איין מעכאניק האט איר געמאכט מיט פיל שרויפן אונ רעדעלאך יענע קען זייער שנעל אונ לייכט פר דארבן ווערין · מען קען זיך לייכט פארשטעלן צום ביישפיל איין פאטער האט פון פאריז גיבראכט איין גאלדענעם זייגער מיט איינע סעקונדע אונ ער שפילט אויך קוראנטען צו יעדען שלאג · ער האלט אין זיך זייער פיל ארגאנען מיט רעדליך די ארבייט פון אים איז זייער איידל אונ קונסטיג · אונ אלס דער פאטער האט בעדארפט גיין אין זין גישעפט האט ער שטרייניג פערזאגט צו זיינע קינדר אז זיי זאלן זייער פארזיכטיג אים אן דרייען · דען מיט איין ריר עטוואס אן אזייט · קען ער באלד פר דארבן ווערין · אונ ער האט זייא מבטיח גיוועזן אז אויב ער וועט בייא זיי גיפינן דעם

אבות

זייגר גאנץ וויא ער איז יעצט · וועט ער זייא געבן טייערע פריזענטן · אבער אז ער וועט קומן אונ ער וועט גיפינן אים פר דארבן וועט ער זיי באשטראפן · נון פר שטייט מען אליין אז אין עטליכע טעג ארום אז דר פאטער איז צו הויז גיקומן אונ ער האט גיפונן דעם זייגער גאנץ · באדארף ער זייא געבין על פי יושר טייערע מתנות · וויל אלע פיר אונ צוואנציג שעה האבן זיי דאך אים גימוסט אנציהן אונ זיי זיינען גיוועזין זייער פארזיכטיג מיט אזוא איין זייגער וואס עס איז זייער שווער מיט אים געהיט צו זיין · אבר אז ער האט גיפונן דעם זייגר פארדארבן בענוייזט דר יושר אז זייער שטראף באדארף ניט זיין זייער גרויס דען ער האט דאך פארט פיל מאשינען וואס עס איז שווער זיך אפ צו היטין מיט אים · אבער חען דער זייגער חאלט גיוועזן איין איינפאכע זייגער · דענמאל בדארף צו זיין די זאך גאר אומגיקערט · אז ער האט אים גיטראפן גאנץ קומט זיי ווייניג גיצאלט · וויל יעדער קאן ארום אים גיין · אבר אז ער געפינט אים פר דארבן בעדארף ער זייטע קינדר דר פאר גוט בעשטראפן דען זיי האבן אים מיט אומיסניע פערדארבן · וויל איין איינפאכע זאך איז גרינג צו היטן אז עס זאל ניט פערדארבן ווערן · אזו איז אויך מיט דיא וועלט אז השי"ת וואלט איר בעשאפן מיט איין מאמר · וואלט עס גיוועזן איין איינפאכע אינסטרומענט · אונ די צדיקים וואלט מען גאר ניט באדארפין אזו פיל שכר צו געבן · אבר די רשעים וואס זיי האבן אזו איין איינפאכע זאך פר דארבן האט בדארפט זייער שטראף זיין זייער גרויס · דרום האט גאט ב"ה בשאפן די וועלט מיט צעהן מאמרים וואס דיא צעהען מאמרים · זיינען דיא עשרת הדברות וואס זיי זיינען כולל די גאנצע תורה מיט אלע אירע סודות וואס זיי זיינען גאר אן איין סוף אונ זיי זיינען די יסודות פון דר וועלט אונ אז מען איז מבטל ח"ו איין זאך פון זייא איז די וועלט אין גאנצן פר דארבן · אונ דאס איז זייער שווער צו היטן · דרום אז די צדיקים ערהאלטן אזוא א וועלט · וואס מיט איין ריר

בעשרה מאמרות: ב עשרה דורות מאדם ועד נח להודיע כמה ארך אפים לפניו שכל הדורות היו מכעיסין ובאין עד שהביא עליהם את מי המבול: ג עשרה דורות מנח ועד אברהם להודיע כמה ארך אפים לפניו שכל הדורות היו מכעיסין ובאין עד שבא אברהם אבינו וקבל שכר כלם: ד עשרה נסיונות נתנסה אברהם אבינו ועמד בכלם להודיע כמה חבתו של אברהם אבינו:

חסדי אבות

קען מען איר מכלה זיין׳ איז זייער שכר גרויס אונ פיל׳ אונ די רשעים וואס זיי זיינן מכלה אזו אוועלט וואס בשטייט פון אזו פיל גלידר איז זייער עונש ניט זייער גרויס וויל עס איז כמעט אונמעגליך זיא צוא ערהאלטין אן אשאדען אין איר צו טאן׳ וויא דר פסוק זאגט כי אדם אין צדיק בארץ אשר יעשה טוב ולא יחטא׳ עס קען ניט זיין אמענטש וואס ער זאל זיין דורכאויס אצדיק אונ ער זאל ניט זינדיגין׳ נמצא אז דר בורא האט גיטאן אגרויסין חסד מיט דעם וואס ער האט די וועלט בשאפן מיט זיינע צעהן דבורים: ב עשרה דורות מאדם ועד נח צעהן דורות האט דיא תורה גיציילט פון אדם ביז נח׳ אונ דרום האט עס דיא תורה גישטעלט להודיע בכדי צו מאכן וויסן אין דער וועלט כמה ארך אפים לפניו וויא וויט די מדה פון דר לייגן דעם צארין איז פאר אים חשוב שכל הדורות היו מכעיסין ובאין דאס אלע דורות פון דור אנוש ביז צו די צייטן פון נח האבן דר צארינט הש״י אונ ער האט אלע מאל אויף גיהאלטן זיין צארן אונ האט גיווארט פיליכט וועלן זייא תשובה טאן עד שהביא עליהם את מי המבול ביז ער האט אויף זייא גיבראכט דאס וואסר פון מבול: ג עשרה דורות מנח ועד אברהם צעהן דורות ציילט די תורה פון נח ביז אברהם להודיע אום צו מאכן וויסן אין דר וועלט כמה ארך אפים לפניו וויא וויט איז פאר אים השוב אויף צו האלטן דעם צארן שכל הדורות היו מכעיסין ובאין דאס אלע יענע דורות פלעגן קומן אונ דר צארינן הש״י עד שבא אברהם אבינו וקבל שכר כלם ביז אברהם אבינו איז גיקומען אויף דער וועלט אונ ער האט מקבל גיוועזן דעם שכר וואס אלע דורות יענע האבן אין אים גיקענט זוכה זיין׳ דהיינו גאט זאל זיי מקרב זיין צו אים׳ אונ באוויזן זיך צו זיי אזו וויא ער האט זיך באוויזן צו אברהם אבינו ע״ה׳ אונ מיט זיי כורת ברית זיין׳ אונ זייערע קינדר זאלין מקבל זיין די תורה אונ צו טאן מיט זיי נסים ונפלאות׳ אונ מאכן פון זייא נביאים׳ וויל בשעת גאט האט באשאפן די וועלט איז אזו גיוועזן זיין רצון אז אלע מענשין זאלין קענען זוכה זיין צו דיזע טייערע זאכן׳ נאר וויל די ערשטע צעהן דורות האבן זיך פר זינדיגט׳ זיינן זייא אלע פון דיזע מתנות אפ גישטויסן גיווארן׳ נאר אברהם אונ דר בעסטע פון זיינע קינדר דאס איז יעקב מיט די צוועלף שבטים׳ זיי האבן זוכה גיוועזן צו דיזע מתנות טובות: ד עשרה נסיונות נתנסה אברהם אבינו צען פרובונגן איז אברהם אבינו גפרובט גווארן ועמד בכלם אונ ביי זיי אלע איז ער געבליבן שטייף פעסט אין זיין גלויבן׳ אונ די צעהן פרובונגן זיינען אויס גרעכינט מיט דעם סדר: א) נמרוד האט אים צו גרעט ער זאל דינן די געטר אונ ווען ניט מוז ער גווארפן ווערן אין קאלך אויבן אונ ווערן פערברענט׳ אונ אברהם אבינו ע״ה האט זיך בעסר גלאזן ווארפין אין קאלך אויבן צוא פערברענט ווערין אויף קדוש השם׳ ב) ער איז אוועק גגאנגן פון זיין לאנד אונ פון זיין פאטרס הויז דורך דעם פאר זאג פון הש״י׳ ג) באלד וויא ער איז גיקומען אין לאנד כנען וואס גאט האט אים געהייסן אהין גיין איז גיווארין אין לאנד גרויס הונגר׳ אונ ער האט פון דארטען געמוזט ווידר אפ רייזען אין מצרים׳ אונ ער האט ניט נאך גקלערט אויף די מדה פון גאט ב״ה פאר וואס האט ער אים געהייסן גיין אין כנען אז ער בדארף באלד ווידר אוועק גיין׳ ד) אז ער איז גקומן אין מצרים האט פרעה פון אים צו גנומן זיין ווייב שרה צו זיך פר אווייב׳ ה) אין דיא צייט פון מלחמה האט מען גפאנגן לוט זיין ברודערס זון׳ אונ אברהם איז גוועזן

ה עֲשָׂרָה נִסִּים נַעֲשׂוּ לַאֲבוֹתֵינוּ בְּמִצְרַיִם וַעֲשָׂרָה עַל הַיָּם: עֶשֶׂר מַכּוֹת הֵבִיא

חסדי

געצוואונגן צו גיין ער איינר געגן פינף מלכים מיט זיי האלטן מלחמה אונ ער האט זיך פאר זיכערט אין גאט אז ער וועט אים העלפין · ו) בעת גאט האט מיט אים כורת ברית געוועזין ברית בין הבתרים האט אים גאט אן געזאגט אז זיינע קינדער װעלן לײדן גלות אונ פיל צרות וועלין איבר זיי איבר גיין נאך חוץ דעם גלות פון מצרים · אונ ער האט בייא השי"י דערויף קיין שום קשיא געפרעגט · ז) גאט ב"ה האט אים געהייסן ארויס יאגין די הגר פון זיין הויז דורך דעם רצון פון גאט האט ער ארויס געטריבען אויך זיין זון ישמעאל · ט) אז ער איז געוועזין אלט ניין אונ ניינציג יאר האט ער זיך מל געוועזין דורך די באפעל פון גאט · י) גאט האט אים געהייסן נעמען זיין איינציגן זון יצחק אונ זאל שעכטין אים אויף דעם בארג מוריה פר אקרבן צו השי"י · אונ צו וואס האט אים השי"י בעדארפט פרובען · ער ווייס דאך אלב וואס ביי אמענשן אין הערצן איז · נאר די פרובונגן אי' גאר געוועזן געגן די וועלט להודיע כמה חבתו של אברהם אבינו עליו השלום אום צו מאכן וויסן אין דר וועלט וויא ווייט איז געוועזן די ליבשאפט וואס אברהם אבינו ע"ה האט ליב געהאט השי"י אונ האט אים מיט ליבשאפט געדינט · אונ ניט אומזיסט האט הקב"ה אויסער וויילט אין אים מער פון אנדרע לייט וואס אין זיין דור:

ה עשרה נסים נעשו לאבותינו במצרים צעהן נסים זיינן גיטאן געווארן צו אונזרע עלטערן אין מצרים פיר נסים ביי דר מכה פון דם וויא דר מדרש זאגט · רבי לוי האט גזאגט פון דר מכה דם וואס גאט האט געפלאגט די מצריים זיינען דיא ישראל אין מצרים רייך גיווארן · ערשטין איין מצרי מיט אישראל אז זיי האבן גיוואונט אין איין הויז איז די כלי וואסר פון דעם מצרי אום גקערט גווארן צו בלוט אונ די כלי וואסר פון דעם ישראל איז געוועזן וואסר · צווייטן אויב דער מצרי מיט דעם ישראל האבן געהאלטען וואסער בשותפות אין איין צעבר · איז דאס וואסר ניט אום גיקערט גווארן צו בלוט · נאר אז דר מצרי האט אן גשעפט אקריגיל וואסר

אבות

איז דאס בייא אים אין האנט געווארן בלוט · אונ דר ישראל האט פון דעם זעלביגין צעבר געטרונקען וואסר · דריטן אז דער מצרי האט געבעטן דעם ישראל גיב מיר טרינקען מיט דיר צו זאמן פון דיין קריגיל · האט דר מצרי גטרונקן בלוט · אונ דר ישראל האט גיטרונקן וואסר · פירטן אז דר מצרי האט בעצאלט דעם ישראל געלט פר דאס וואסר וואס ער וועט ביי איהם טרינקען · דענמאל האט ער געטרונקן וואסר · צווייא נסים האט הקב"ה געטאן מיט ישראל בייא דער מכה פון דבר · איינס · אז איינע בהמה איז גיוועזען בשותפות צו איין ישראל מיט איין מצרי · איז יענע בהמה לעבן גבליבן · צווייטן איינע בהמה וואס איין מצרי האט עס געהאלטן פר זיינע · אונ איין ישראל האט אויף איר געהאט תרעומות דאס הייסט איין פריציגע אז זיא איז זיינע · איז יענע בהמה בשעת דבר ניט געפאלן טויט · דר פון האבן די מצרים דר קענט אז דער ישראל איז גירעכט אונ די בהמה גיהערט צו דעם ישראל · צווייא נסים ביי דר מכה פון חשך · אז צו אלע מצרים איז געוועזין דרייא טעג פינצטר איז צו די ישראל געוועזן ליכטיג אויך ווען זיי זיינן אפילו גיזעסין צווישן די מצריים · אונ ישראל האבן דענמאל אויס גזעהן וואו דיא מצרים האבן בעהאלטן זייער גאלד אונ זילבר אונ כלים אונ קליידר אונ דר נאך האבין זיי ביי זייא גיבעטן אז זיי זאלן עס לייען · צווייטר נס · אז צווישן דיא ישראל האבן זיך געפונן רשעים וועלכע האבן פון מצרים ניט געוואלט ארויס גיין זיינן זייא אין דריי טעג וואס צו מצרים איז גיוועזן פינצטר אלע צו שטארבן · אונ זייערע קרובים האבין זייא אויך אין דיא דריי טעג פון פינצטערנים מקבר גוועזן · בכדי די מצריים זאלן ניט זאגין די ישראל ווערן אויך אזו גשטראפט וויא מיר · איין נס איז געוועזן בייא מכות בכורות · איין מצרי וואס ער האט גגלויבט אז די מכה וועט געווים זיין · האט ער גיבראכט זיין בכור צוא איין ישראל אונ האט צו אים גזאגט · איך בעט דיך זאל דיזער בכור ביי דיר היינטיגע נאכט איבער נעכטיגן · אונ אז דער מצרי האט זיך

ניליינגט

הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא עַל הַמִּצְרִים בְּמִצְרַיִם וְעֶשֶׂר עַל הַיָּם: ו עֲשָׂרָה נִסְיוֹנוֹת נִסּוּ אֲבוֹתֵינוּ אֶת הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא בַּמִּדְבָּר שֶׁנֶּאֱמַר וַיְנַסּוּ אֹתִי זֶה עֶשֶׂר פְּעָמִים

חסדי אבות

גלייגט צווישן איינינגע לייט פון ישראל · האט השי"ת צו גנומן פון דעם מצרי די נשמה · אונ דיא נשמה פון דיא ישראל האט ער איבער גילאזען · אונ אז דיא ישראל האבין זיך אויף גמאכט צו האלבע נאכט אונ האבן גזעהן אז דער מצרי איז טויט · האבין זייא גלויבט אונ גדאנקט צו השי"ת פר זיינע משפטים וואס זיינן גרעכט · אונ אויף זיי זאגט דר פסוק חצות לילה אקום להודות לך על משפטי צדקך צוא האלבע נאכט בין איך אויף גשטאנען דיך צו לויבן אויף דיינע גירעכטע משפטים · דעם צענטען נס האט גאט מיט זיי גיטאן איידר זיי זיינן אוים גגאנגן פון מצרים האט זייא גאט גגעבן צו חן אין די אויגן פון די מצרים אונ זיי האבן צוא זיי געליען זילבערנע אונ גאלדנע כלים אונ קליידר. אונ זיינן הערוים פון מצרים מיט פיל גוטץ · ועשרה על הים אונ צעהן נסים האט גאט צוא זיי גיטאן אויפן ים · איינס · דער ים איז גווארן געשפאלטין דאס ער איז גווארין אין צוויי טיילן · צוויי · דם וואסר איז גווארן איבר די ישראל וויא אגיוועלב אונ זיי זיינן אין אים ארין גגאנגן · דרייא · אויף דעם ארט וואו די ישראל האבן גטראטן איז די ערד גוועזן רעכט טרוקן · פיר · די ערד וואו דיא מצרים האבן גיטראטין איז געוועזן זומפף אונ ליים · פינף · דאס וואסר וועלכע זיינן גוועזן וויא געפרארין איז ניט געוועזן אין איין שטיק נאר זייא זיינען גוועזן אוים גלייגט וויא ציגיל אונ קוואדראטנע שטיינר איינע לעבן די אנדרע · זעקס · דאס פערגליווערטע וואסר איז גיווארן הארט וויא שטיינר אונ אז די מצרים מיט זייערע פערד האבן זיך נאך די ישראל געיאגט זיינן זיי אן די שטיינר אנגישטויסין גיווארן אונ האבן זיך זייערע קעפ צו בראכען · זיבין · דער ים איז געטיילט געווארין אויף צוועלף טיילין בכדי איטליכער שבט זאל גיין איינע בעזונדערע וועג · אכט · דאס וואסר וואס זיינען גשטאנען וויא די וואנט איז געוועזן קלאר וויא קריסטאל אונ דורך די ווענט האט איטליכר שבט איינר דעם אנדערן גזעהן זיין · פון די פערגליווערטע וואנט האט גרונען אויך וואסר גוטע אונ פרישע וויא פון ארער אז זיי זאלין קענען טרינקען · ווייל דאס וואסר פון ים קען מען ניט טרינקען · צעהן נאך דעם אז יעדער ישראל האט געטרונקען גענוג · איז די וואסר אויך פערפרארן גווארן ·

עשר מכות הביא הקדוש ברוך הוא על המצרים במצרים ועשרה על הים צעהן פלאגן האט הקב"ה געבראכט אויף דיא מצריים אין מצרים · אונ צעהן פלאגן האבין זייא גפלאגט אויפען ים:

ו עשרה נסיונות נסו אבותינו את הקב"ה במדבר צעהן פרובן האבן אונזערע עלטערין גיפרובט השי"ת אין דעם מדבר · כלומר זיי זיינן גיוועזן אין ספק אויב השי"ת האט יכולת אונ אויב דיא נבואה פון משה רבנו ע"ה איז אמת · אונ איבר זייערע ספיקות האבן זייא צעהען מאל גזינדיגט · דיא גמרא אין ערכין (דף טו ע"א) רעכינט אוים זייערע צעהן חטאים א) איידער זייא האבין אראפ גישטיגין אין ים האבן זייא געקריגט מיט משה אונ אהרן אונ האבן צו זיי גיזאגט המבלי אין קברים במצרים וגו' צו ווייל עס איז קיין קברים פערהאנדין אין מצרים האט איר אונז דריבר גינומן אז מיר זאלן שטארבן דא אין דעם מדבר ב) אז זיי האבן אויפגשטיגן פון ים איז ביי זיי גיוועזן אספק פיליכט זיינן אויך דיא מצרים פון איין אנדער זייט ארויף גיקומן ביז גאט האט באפולן דעם שר של ים אז ער זאל זיי ארוים ווארפן אליטן אויפן ברעג דענמאל האבן ישראל ערשט גיזעהן די מצרים ליגין אלע טויטע אויפין ברעג פון ים · ג) אין מרה האבין זיי גיקריגט מיט משה אונ אהרן אונ האבן גזאגט ווס זאלן מיר טרינקן · ד) אין רפידים האבין זיי ווידער גיקריגט מיט משה אונ אהרן אונ האבן גיזאגט ווארום האט איר אונז ארוים גיפירט פון מצרים אום צוא טויטן אונז מיט אונזרע קינדר מיט אונזרע פיה אין דארשט · ה) ביי דעם מן האט זיי משה גזאגט אז זיי זאלן פון פרייטאג אן גרייטן אויך אויף שבת · ווייל שבת באדארף קיינער ניט ארוים

וְלֹא שָׁמְעוּ בְּקוֹלִי׃ י עֲשָׂרָה נִסִּים נַעֲשׂוּ לַאֲבוֹתֵינוּ בְּבֵית הַמִּקְדָּשׁ לֹא הִפִּילָה אִשָּׁה מֵרֵיחַ בְּשַׂר הַקֹּדֶשׁ וְלֹא הִסְרִיחַ בְּשַׂר הַקֹּדֶשׁ מֵעוֹלָם וְלֹא נִרְאָה זְבוּב בְּבֵית הַמִּטְבְּחַיִם וְלֹא אֵירַע קֶרִי לְכֹהֵן גָּדוֹל בְּיוֹם הַכִּפּוּרִים וְלֹא כִבּוּ הַגְּשָׁמִים

חסדי אבות

גיין קלייבן מן דען ער וועט שבת זיך אין פעלד ניט גיפינן · אונ דאך זיינן זיי אום שבת ארויס גינאנגן קלייבן מן אונ זיי האבן ניט גיפונען · ו) משה האט צו זיי גיזאגט אז אין מיטין וואך זאל יעדער קלייבין דעם מן נאר וויא וועדליג ער בדארף צו עסן פר איין טאג אבר מען זאל פון אים ניט איבר לאזן אויף מארגן · אונ דאך האבן זיך פון זיי גיפונן איינינגע מענשן וועלכע האבין דווקא איבער גילאזין פון דעם מן אויף מארגן · אבר אין אים האבן זיך ווערים גיפונן אונ ער איז גיוועזין פאר דארבן · ז) בייא דעם שליו פון דעם ערשטן יאר האבן זיי גישריען וועט ווער אונז געבן פלייש צו עסן · ח) בשעת דעם שליו פון דעם צווייטן יאר האט אויך דר פעבל געשריען אין מצרים איז אונז גיוועזין גוט מיר זיינן גיזעסן איבר בייא אטאפ וואס איז גיוועזין פול מיט פלייש אונ היינט איז אונזר לייב פרוקן אונ פערשמאכט מער אלס דעם מן זעהן מיר ניט אן אין אונזרע אויגין · ט) דיא זינד וואס זייא האבין גימאכט דעם גאלדענעם קאלב · י) די זינד פון די מרגלים וואס זיי האבן גירעט רשעות אויף ארץ ישראל דעמאל איז שוין פול גיווארין דיא מאס פון זייערע זינד אונ זיי זיינן בשטראפט גיווארין שנאמר דען אזוא שטייט אין פסוק וינסו אותי זה עשר פעמים זיי האבן מיך גיפרובט שוין צעהן מאל ולא שמעו בקולי אונ זיי האבן ניט געהערט אין מיין קול׃ ז עשרה נסים נעשו לאבותינו בבית המקדש צעהען נסים זיינען גיטאן גיווארן צוא אונזרע עלטערן אין בית המקדש · דר ערשטר נס איז לא הפילה אשה מריח בשר הקדש איין אשה מעוברת האט קיין מאל ניט מפיל גיוועזין ווען זיא האט גישמעקט דעם ריח פון די היילינגע פלייש פון די קרבנות · דר צווייטר נס · ולא הסריח בשר הקדש מעולם אונ די היילינגע פלייש פון די קרבנות זיינן קיין מאל ניט פרשטונקן גיווארין דהיינו דיא אברים ופדרים פון איין קרבן חטאת ואשם אז עס איז היינ ציים גוועזן זיי צו מקטיר זיין ביי נאכט פלעגט מען זייא ארויף נעמן אויף דעם שפיץ פון מזבח אונ זיי זיינן דארטן גילעגן צוויי אדער דריי טעג ביז מען וועט האבן צייט זיי מקטיר צו זיין · דען אז זיי ליגן אויף דעם שפיץ פון מזבח ווערין זיי ניט פסול דורך די נאכט · דאך איז גיוועזן א נס דאס זיי זיינן ניט פר שטונקן גווארן · אונ אפילו אויך די פלייש פון קרבן שלמים וואס יעדער מענש מאג זייא עסן צווייא טעג נאך אנאנד איז אויך ניט פר שטונקן גיווארן · אונ דאס וואס דר תנא זאגט דא מעולם פון אייביג אן איז די כוונה אז ניט נאר אין בהמ״ק אליין איז גיוועזן דיזר נס · אלא אפילו בשעת דיא במות וויא אין נוב אונ גבעון · אונ אין דעם משכן וואס איז גיוועזין אין דעם מדבר · איז אויך גיוועזן דר זעלבינר נס · דר דריטר נס · ולא נראה זבוב בבית המטבחים עס איז קיין פליג גיזעהען גיווארין אין דעם שעכטהויז פון דיא קרבנות חאטשי דארטן איז דאך גיוועזן זייער פיל בלוט וואס דר שטיינער איז אז דארטין דארפן זיך זאמלען פליגין דאך האבן זיך דא קיין פליגן גיפונן על פי נס · בכדי די כהנים וואס זיי זיינן דארטן מתעסק מיט דעם בלוט פון די קרבנות זאלן זיך ניט מצער זיין · דער פירטר נס · ולא אירע קרי לכהן גדול ביום הכפורים אונ עס האט ניט גיטראפין אז דער כהן גדול זאל זעהן קרי אום יום הכפורים ווייל אז אים וואלט עס טרעפן וואלט ער זיין פסול צו טאן די עבודה אום יום כפור · חאטשי מען גרייט דאך אן פר יום כפור איין אנדער כהן · ווייל אפשר[1] וועט דיזר כהן גדול טמא ווערן · וועט יענר בעטראכטן זיין שטעלע צו טאן די עבודה פון דעסט וועגן האט ניט גיטראפן אז דר כהן זאל טמא ווערן בטומאת קרי אונ דיזן נס האט השי״ת גיטאן בכדי דאס פאלק זאלן אויף אים ניט ריידין אונ ער זאל ניט מבויש ווערין ברבים · דר פינפטער נס · ולא כבו הגשמים אש של עצי המערכה אונ רעגין האט ניט אויס גילאשין

אֵשׁ שֶׁל עֲצֵי הַמַּעֲרָכָה וְלֹא נִצְּחָה הָרוּחַ אֶת עַמּוּד הֶעָשָׁן וְלֹא נִמְצָא פְּסוּל בָּעֹמֶר וּבִשְׁתֵּי הַלֶּחֶם וּבְלֶחֶם הַפָּנִים ׳ עוֹמְדִים צְפוּפִים וּמִשְׁתַּחֲוִים רְוָחִים וְלֹא הִזִּיק נָחָשׁ וְעַקְרָב בִּירוּשָׁלַיִם מֵעוֹלָם וְלֹא אָמַר אָדָם לַחֲבֵרוֹ צַר לִי הַמָּקוֹם שֶׁאָלִין בִּירוּשָׁלָיִם: ח עֲשָׂרָה דְבָרִים נִבְרְאוּ בְּעֶרֶב שַׁבָּת בֵּין הַשְּׁמָשׁוֹת וְאֵלּוּ הֵן פִּי הָאָרֶץ

גִּילָאשְׁן דֶעם פַייעֶר וָואס איז גִיוָועזִן אָן גֶעדִיכְט אויף דֶעם מִזְבֵּחַ׳ וָוארוּם אַזֶדר רֶעגְן וָואלְט אוּים לֶעשִׁין וָואלְטִין דִי כֹּהֲנִים נִיט קֶענֶען מַקְטִיר זַיין דֶעם חֵלֶב פוּן דֶעם קָרְבָּן חַטָּאת אוּנ פוּן דֶעם קָרְבָּן אָשָׁם ׳ אוּנ דֶענְמָאל וָואלְטִין דָאךְ דִיא כֹּהֲנִים נִיט מָאגִין עֶסִין דָאס פְלֵייש ׳ דֶער זֶעקְסְטֶער נֵס ולא נצחה הרוח את עמוד העשן דֶר ווינְד אִיז נִיט גִיוָועזִין אַזוֹ שְׁטַארְק אַז עֶר זָאל אַרָאפּ טְרַייבְּן דֶעם רויךְ פוּן דִי קָרְבָּנוֹת וָואס עֶר אִיז אִימֶער גִיגַאנְגֶן צֻרוּיף גְלַייךְ וִויא אַיין זַייל אוּנ דֶעם נֵס הָאט גָאט גִימַאכְט בִּכְדֵי דִי כֹּהֲנִים וָואס טוּעֶן דִי עֲבוֹדָה זָאלֶן זִיךְ נִיט מְצַעֵר זַיין פוּן דֶעם רויךְ ׳ דֶער זִיבֶּעטֶער נֵס ׳ ולא נמצא פסול בעומר ובשתי הלחם ובלחם הפנים אוּנ עֶס אִיז נִיט גִוָוארְן אַפְּסוּל אִין דֶעם עוֹמֶר וָואס מֶען הָאט גִבְּרַאכְט אוּם פֶּסַח ׳ אוּנ אִין דִי בְּרוֹיט פוּן וַוייץ וָואס מֶען הָאט גִיבְּרַאכְט אוּם שָׁבוּעוֹת אוּנ אִין דֶעם לֶחֶם הַפָּנִים דָשׁ אִיז דָאס בְּרוֹיט וָואס מֶען הָאט אַלֶע עֶרֶב שַׁבָּת גֶעבַּאקְט אוּנ גִילֵייגְט פְרִישֶׁע אוּם שַׁבָּת אויף דֶעם טִישׁ פוּן בהמ״ק ׳ וַוייל דִיזֶע דְרַיי זַאכִין אַז זַיי זָאלִין פָּסוּל וָוערִין ׳ וָואלְט מֶען שׁוֹין אַנְדֶערֶע נִיט גְקֶענְט הָאבְּן ׳ וַוייל דֶעם עוֹמֶר הָאט מֶען גִימוּזְט שְׁנַיידִין מוֹצָאֵי יוֹם טוֹב פוּן דֶעם עֶרְשְׁטִן טָאג פֶּסַח בַּיי נַאכְט בִּכְדֵי מֶען זָאל מָארְגְן אִים מַקְרִיב זַיין׳ אָבֶּר אַז עֶר וֶוערְט פָּסוּל אוּנ מֶען וָועט אִים נִיט קֶענֶן צוּ מָארְגְן מַקְרִיב זַיין ׳ וָועלִין כָּל יִשְׂרָאֵל זַיין אָסוּר צוּא עֶסְן חָדָשׁ דֶעם גַאנְצֶען יָאר ׳ דְרוּם הָאט גָאט ב״ה גִטָאן אַנֵס אַז עֶס הָאט אִין דֶעם עוֹמֶר נִיט גִטְרָאפִן אַפְּסוּל ׳ דִי צְוֵויי וַוייצִינֶע בְּרוֹיט הָאט מֶען גֶעמוּזְט בַּאקְן עֶרֶב יוֹם טוֹב פוּן שָׁבוּעוֹת בִּכְדֵי פוּן דֶענְמָאל אָן זָאל מֶען מָאגֶען מַקְרִיב זַיין מְנָחוֹת פוּן נַייֶע וַוייץ אוּנ וֶוען עֶס זָאל טְרֶעפִין אַפְּסוּל ׳ קֶען מֶען דָאךְ שׁוֹין אַנְדֶערֶע נִיט בְּרֵיינְגֶן (וַוייל אוּם יוֹם טוֹב אִיז אָסוּר צוּא בַּאקְן אִין בֵּית הַמִקְדָשׁ) וָואלְט מֶען דָאךְ אַיין זַיין גַאנְצֶען יָאר נִיט קֶענֶען מַקְרִיב זַיין מְנָחוֹת פוּן נַאייֶע תְבוּאָה ׳ דְרוּם אִיז גִוָועזִן דֶר נֵס אַז אִין דִי צְוֵויא בְּרוֹיט הָאט קֵיין פְּסוּל גְטְרָאפְן ׳ אוּנ דֶעם לֶחֶם הַפָּנִים הָאט מֶען אויךְ גֶעמוּזְט בַּאקְן נָאר אַלֶע עֶרֶב שַׁבָּת (וַוייל אִין בֵּית הַמִקְדָשׁ אִיז אוּם יוֹם טוֹב אוּנ אוּם שַׁבָּת גְוָועזִן אָסוּר צוּ בַּאקְן) אוּנ וָוען עֶס וָואלְט אִין דֶעם לֶחֶם הַפָּנִים טְרֶעפֶען אַפְּסוּל ׳ וָואלְט זַיין דִיא מִצְוָה בָּטֵל אַגַאנְצֶע וָואךְ אוּנ דְרוּם אִיז גִוָועזִן דֶר נֵס אַז עֶס הָאט קֵיין פְּסוּל גֶעטְרָאפִין אוּנ וַוייל דִיזֶע דְרַיי זַאכְן וֶוען זַיי זָאלִין פָּסוּל וָוערִין קֶען מֶען דָאס מֶער נִיט פֶערְבֶּעסְרְן דְרוּם רֶעכִינְט דֶער תַּנָּא פַר אַיין נֵס ׳ אוּנ נִיט פַר דְרַיי נִסִים ׳ דֶר אַכְטֶער נֵס ׳ עומדים צפופים וֶוען כָּל יִשְׂרָאֵל זַיינֶען גְקוּמֶן בְּשַׁעַת דִי רְגָלִים אִין בֵּית הַמִקְדָשׁ זַיינֶען זַיי גְשְׁטַאנֶען אֵיינְג אַזוֹ וִויא זַיי שְׁווִימֶן אִין דִיא לוּפְטִין ומשתחוים רוחים אוּנ אַז זַייא הָאבִין זִיךְ גֶעבּוּקְט אִיז גִיוָועזִין גֶערוּים ׳ עַל פִּי נֵס אִיז גִיוָועזִין אֵיינֶער פוּן דֶעם אַנְדֶערִין וַוייט פִיעֶר אֵיילְן ׳ בִּכְדֵי אֵיינֶר זָאל נִיט הֶערִין וִויא דֶער אַנְדֶערֶער אִיז זִיךְ מִתְוַדֶּה זַיינֶע הַטָּאִים פַאר גָאט ׳ וַוייל אַמֶענְשׁ וִויל נִיט אַז דֶר אַנְדֶערֶער זָאל וִויסְן פוּן זַיינֶע זִינְד ׳ חוּץ הַשׁ״י אַלֵיין ׳ דֶר נַיינְטֶער נֵס ׳ ולא הזיק נחש ועקרב בירושלים מעולם ׳ אוּנ אַשְׁלַאנְג אָדֶר אַעֶגְדִישׁ הָאבְּן אִין יְרוּשָׁלַיִם קֵיין מָאל אַמֶענְשְׁן נִיט מַזִיק גִוָועזִן׳ דֶר צֶענְטֶער נֵס ׳ ולא אמר אדם להברו צר לי המקום שאלין בירושלים קֵיין מָאל הָאט אַיין מֶענְשׁ צוּם אַנְדֶרִן נִיט גְזָאגְט מִיר אִיז אֵיינְג דֶר אָרְט צוּא בְּלַייבְּן נֶעכְטִיגְן אִין יְרוּשָׁלַיִם ׳ כְּלוֹמַר קֵיינֶער הָאט זִיךְ בֶּעקְלָאגְט אַז עֶר קֶען נִיט וואוֹנֶען אִין יְרוּשָׁלַיִם וַוייל אִים אִיז דָארְטְן אֵיינְג אִין פַּרְנָסָה:

ח עשרה דברים נבראו בערב שבת בין השמשות צֶעהְן זַאכְן זַיינֶען בֶּעשַׁאפְן גֶעוָוארְן דֶעם עֶרְשְׁטְן עֶרֶב שַׁבָּת פַאר נַאכְט ׳ אוּנ מִיט זַיי הָאט גָאט ב״ה גְעֶנְדִיגְט אַלֶע זַיינֶע מְלָאכוֹת וָואס עֶר הָאט דַאמָאלְס בֶּעשַׁאפֶען אַז אִין דֶער וֶועלְט וָועט

פי הבאר פי האתון הקשת והמן והמטה והשמיר הכתב והמכתב והלחת · ויש אומרים אף המזיקין וקבורתו של משה ואילו של אברהם אבינו ויש אומרים

חסדי אבות

עטוואס נאייעס געשעהען · ואלו הן אונ דאס זיינן זיי: פי הארץ דר מויל פון דר ערד · כלומר די עפינונג פון דער ערד וואס זיא האט זיך געפינט אין דעם מדבר צוא איינשלינגן קרח מיט דתן ואבירם ווייל זיי האבן געקריגט אויף משה אונ אהרן אונ האבין געלייקינט אין דר תורה אונ אין דער נבואה פון משה · האט הש"י דעם ערשטן ערב שבת פאר נאכט גוזר גיוועזן אז צוא דיא ערד פון יענעם ארט זאל בעשאפן ווערן איינע עפונג אונ זאל די רשעים איין שלינגן · פי הבאר דאס לאך פון דעם פעלז וואס משה האט דעם ערשטן מאל געשלאגין אין רפידים האט ער זיך אין אלע מסעות מיט די ישראל גקייקילט אין דעם מדבר אונ האט געפלאסן וואסר האט גאט ב"ה אויף די עפינונג פון דיזעם פעלז גוזר גוועזן דעם ערשטן ערב שבת בין השמשות · פי האתון דעם ערשטן ערב שבת בין השמשות האט גאט ב"ה גגעבן איין כח צוא דיא ערשטע אייזעל וואס גאט האט בעשאפן אז פון אירע קינדר זאל גבארן ווערן דיא איזיל פון בלעם הרשע אז זיא זאל אין יענער צייט עפינן איר מויל אונ אים מבייש זיין אנקעגן די הערין פון מדין אונ מואב וואס זיינן מיט אים גיגאנגן צו פלוכן די ישראל פר בלק דעם קיניג פון מואב · והקשת אונ דער רעגין בויגין דעם ערשטען ערב שבת בין השמשות · האט הש"י גוזר גוועזן אז אין דיא צייט פון נח זאלן דורך שפאלטן די שטראלין פון דר זון אין דעם וואלקין צו דעם לופט פון דער אטמאספערע אונ עס זאל פר אים גזעהן ווערן דער רעגן בויגן צום צייכען אז די לייט זיינען זינדיג אונ זיינן ווערט בעשטראפט צוא ווערן מיט איין מבול פון וואסר · נאר גאט דר מאכט זיין חסד פאר דר וועלט דאס זיי זאלן אלע זעהן דעם כבוד פון גאט אז ער איז איין משגיח אויף דער וועלט אונ זיי זאלן מער ניט זינדיגין · והמן דעם ערשטין ערב שבת בין השמשות האט גאט ב"ה גגעבן איין כח אין די לופט פון הימל אז אין דער צייט ווען דיא ישראל וועלן גיין אין דר מדבר זאל זיי רעגנען דער מן · והמטה אונ דער שטעקען פון משה רבינו ע"ה וואס אויף אים איז גוועזן גיצייכינט דער שם המפורש · אונ משה האט מיט אים געטאן אלע צייכן אונ מופתים אין מצרים אונ אויפן ים אונ אויף דיא פעלזין וואס אין דעם מדבר · והשמיר אונ אזו אמין ווארים וואס ער האט געהייסען שמיר ער איז געוועזן גרוים וויא אגערשט אונ האט גהאט אשטאבעל וואס מיט אים האט מען געקריצט די נעמן פון דיא שבטים אויף דיא שטיינר פון דעם אפוד וואס די אותיות זיינן גוועזן אן געצייכינט מיט טינט · הכתב דאס שרייבן די צורות אותיות וועלכע זיינן גיוועזן געשריבן אויף דיא לוחות והמכתב אונ די שריפט וואס מען האט גקענט אויף די לוחות לייענען פון אלע זייטן זיינן דאס אלס בשאפן גווארן דעם ערשטן שבת בין השמשות והלוחות אונ די שטיינערנע טאפלן האבן זיך אויך געבילדעט אונטר דעם כסא הכבוד דעם ערשטן ערב שבת פאר נאכט · ויש אומרים אונ אטייל לייט זאגין אף קברו של משה רבינו · אז אויך די מערה וואס אויף דעם בארג נבו אין ערבות מואב וואס דארטן איז געווארין מקבר משה רבינו אונ באלד איז דיא מערה נעלם גווארן · איז דאס דעם ערשטין ערב שבת בין השמשות בעשאפן געווארין · ואילו של אברהם אבינו אונ דר באראן וואס אברהם אבינו האט אים מקריב גוועזן בשעת די עקדה אנשטאט זיין זון יצחק · כלומר דעם ערשטן ערב שבת פארנאכט האט הש"י גוזר גוועזן אויף איין איל וואס ער איז בעשאפן גווארן פון פריטיג אין דער פריא · אז איין איל פון זיינע קינדר זאל זיין ווילד אונ זאל בלייבן הפקר בכדי אברהם זאל ניט מקריב זיין אקרבן פון גזל · אונ אויך איז אויף אים דענמאל נגזר גווארן אז בשעת די עקדה זאל ער לויפין נאהינט פון אברהמן אונ ער זאל זיך פערהאלטין אן אקוקט מיט זיינע הערנר · ויש אומרים אונ אטייל זאגין אף המזיקין דאס איז מלאכי חבלה וואס בעשטראפן

דיא

אַף צְבַת בִּצְבַת עֲשׂוּיָה: ט שִׁבְעָה דְבָרִים בְּגֹלֶם וְשִׁבְעָה בְּחָכָם׃ חָכָם אֵינוֹ מְדַבֵּר לִפְנֵי מִי שֶׁגָּדוֹל מִמֶּנּוּ בְּחָכְמָה וּבְמִנְיָן וְאֵינוֹ נִכְנָס לְתוֹךְ דִּבְרֵי חֲבֵירוֹ וְאֵינוֹ נִבְהָל

די רְשָׁעִים פון גֵיהִנָּם אונ פִיל מָאל וֶוערִין זַיי דורך זַיי גֶעפְּלָאגְט אויך אין דיזֶע וֶועלְט זַיינֶן אויך דֶעם עֶרְשְׁטְן פְרַייטָאג פַר נַאכְט בַּשַׁאפִין גְוָוארִן · ויש אומרים אונ נָאך אַטֵייל זָאגִן אף צבת בצבת עשויה דָאס אויך אַיין צְוַואנְג וָואס מִיט אִים גְלִיט מֶען אַייזִין · אִיז אויך מִיט אַיין פַארְטִיגְן צְוַואנְג גְמַאכְט גְוָוארִן · דֶען אַצְוַואנְג אִיז דָאך פון אַייזִין וָואס עֶר מוז גְמַאכְט וֶוערִין דורך פַייעֶר אוּנ וִויא הָאט מֶען גֶהַאלְטְן הֵייסֶע גְלִיהֶענְדֶע אַייזֶען הָאט מֶען דָאך צוּא דִיזֶעם צְוַואנְג אויך גֶעמוּזְט הָאבִּן אַצְוַואנְג · נון וֶוער הָאט אָבֶּר דֶעם עֶרְשְׁטִין צְוַואנְג גִימַאכְט · מוז מֶען דָאך זָאגִן אַז הש״י הָאט עֶס גְמַאכְט · אונ דָאס אִיז גְמַאכְט גְוָוארִן דֶעם עֶרְשְׁטְן פְרַייטִיג פַאר נַאכְט · אונ דִיא כַּוָּנָה פון דֶעם תַּנָּא אִיז נִיט נָאר אויף דִי עֶרְשְׁטֶע צְוַואנְג וָואס זִיא אִיז דִי סִבָּה פון דֶר אַנְדֶרֶע צְוַואנְג אונ דִי אַנְדֶרֶע צְוַואנְג אִיז וִוידֶר אַסִבָּה צוּ דִי וִוירְקוּנְג פון נָאך אַנְדֶערֶע צְוַואנְגֶען · נָאר דָאס אִיז אויך אַיין מָשָׁל צוּא דִי עֶרְשְׁטֶע סִבָּה וָואס זִיא גֶעוִוינְט נָאך אַסִבָּה צוּ פִיל סִבּוֹת אִיז בֶּעשַׁאפִן גְוָוארִן פְרַייטָאג פַאר נַאכְט בִּכְדֵי אַז דֶער נָאך זָאל זִיך שׁוין אַלֶּס פון זִיך אַלֵיין מַאכְן פונְקְט וִויא אַיין זֵייגֶר וָואס מֶען צִיט אִים אָן פְרַייטִיג פַאר נַאכְט אונ פְרַייטִיג פַאר נַאכְט בֶּערִירְט מֶען דִי טְרַייבּ פֶעדֶר · אונ אוּם שַׁבָּת טְרַייבְּט זִיך דָאס אַלֵיין · אונ אַזוֹ זָאגְט אויך דֶער פָּסוּק אשר ברא אלהים לעשות דָאס גָאט ב״ה הָאט בַּשַׁאפִן פְרַייטָאג דָאס עֶס זָאל זִיך פון דֶענְמָאל אָן מַאכְן אַלֵיין · אונ דָאס אִיז גִירֶעט גְוָוארִן נָאר פון פְרַייטָאג פַאר נַאכְט וַוייל דֶער פָּסוּק זָאגְט פְרִיעֶר · ויכל אלהים ביום השביעי מלאכתו אשר עשה פְרֶעגְט דִיא גְמָרָא וִויא אִיז דָאס מֶעגְלִיך אַז גָאט ב״ה זָאל אוּם דֶעם זִיבֶּעטְן טָאג (שַׁבָּת) עֶנְדִיגְן זַיין מְלָאכָה · אַז דֶר פָּסוּק הָאט אַלֵיין עֵדוּת גְזָאגְט (וישבות ביום השביעי) אַז גָאט הָאט דֶעם זִיבֶּעטְטֶען טָאג גְרוּט · דֶערוֹיף הָאט דִיא גְמָרָא גֶעעֶנְטְפֶערְט · אַז אַיין מֶענְשׁ וָואס עֶר ווייס נִיט וֶוען דֶר טָאג לָאזְט זִיך אוֹיס אונ דִי

נַאכְט פַאנְגְט אָן · דֶר מוּז אָן נֶעמֶן שַׁבָּת פַאר פְרִיא אַז עֶס אִיז נָאך טָאג (מוסיף מחול על הקדש) · אָבֶּר הקב״ה וָואס עֶר ווייס רִיכְטִיג זַיינֶע צַייטִן אונ זַיינֶע סֶעקוּנְדִין אִיז אַרַיין אִין דֶעם שַׁבָּת וִויא אַיין הָאר כְּלוֹמַר גְלַייךְ מִיט דֶעם אוֹיסְלָאז פון טָאג אונ דֶעם אָנְפַאנְג פון נַאכְט וִויא אַיין הָאר הָאט גֶקֶענְט מַאכְן צְוִוישְׁן דֶעם טָאג מִיט דִי נַאכְט אַיין צְוִוישְׁן שֵׁייד דֶענְמָאל הָאט גָאט גִיעֶנְדִיגְט זַיין אַרְבַּייט · נָאר וַוייל בַּייא אוּנְז מֶענְשִׁין אִיז דָאך דֶענְמָאל שׁוין שַׁבָּת דְרוּם זָאגְט דֶר פָּסוּק ויכל אלהים ביום השביעי אַז גְלַייך וִויא אוּנְז זֶעהְט אוֹיס אַז עֶר הָאט אִין דֶעם זִיבֶּעטְטִין טָאג זַיין אַרְבַּייט גִיעֶנְדִיגְט: ט שבעה דברים בגולם זִיבֶּען זַאכִין גֶעפִינֶען זִיך בַּייא דֶעם מֶענְשְׁן וָואס עֶר אִיז אַיין גוֹלֶם · דָס הֵייסְט נִיט אַפַּרְטִיגֶער מֶענְשׁ · דֶען עֶר אִיז נִיט אוֹיס גֶעבִּילְדֶעט אִין מִדּוֹת אִין מוּסָר אונ אִין דֶרֶךְ אֶרֶץ · ושבעה בחכם אונ זִיבֶּען זַאכִין זַיינֶען דָא בַּייא אַיין חָכָם · חכם אינו מדבר לפני מי שגדול ממנו בחכמה ובמנין דֶר חָכָם פַאנְגְט נִיט אָן צוּ רֵיידְן פְרִיהֶער פַר אֵיינֶעם וָואס עֶר אִיז גְרֶעסֶער פון אִיהְם סַיי עֶר אִיז פון אִיהְם גְרֶעסֶער אִין חָכְמָה · אונ סַיי עֶר אִיז פון אִיהְם עֶלְטֶער אִין דֶעם צָאל פון יָאהְרִין · אונ אַז עֶס הַאלְט אִין מִיטֶען רֵיידִין ואינו נכנס לתוך דברי חברו גֵייט עֶר נִיט אַרַיין אִין מִיטֶען דִי רֵייד פון זַיין חָבֵר · נָאר עֶר וַוארְט אָפּ בִּיז זַיין חָבֵר וֶועט עֶנְדִיגֶען וָואס עֶר וִויל רֵיידִין · אונ נָאכְדֶעם פַאנְגְט עֶר אָן צוּ רֵיידְן · אונ אויך וֶוען זַיין חָבֵר הָאט שׁוין זַיינֶע רֵייד גִיעֶנְדִיגְט ואינו נבהל להשיב אִיז עֶר דָאך נִיט גֶעהַייְלְט צוּ עֶנְטְפֶערִין חָאטְשֵׁי עֶס וַוייזְט אִיהְם אוֹיס אַז אויף זַיינֶע רֵייד אִיז דָא וָואס צוּ עֶנְטְפֶערִין דָאך אִיז עֶר זִיך פְרִיהֶער מְיַישֵּׁב אוֹיבּ זַיין עֶנְטְפֶר וֶועט זַיין רִיכְטִיג אָדֶר נִיט · אוּן עֶר בֶּעטְרַאכְט זִיך נָאך אויך וִויא אונ מִיט וֶועלְכֶע פַאקְטִין זָאל עֶר אִיהְם זַיין זַאך בֶּעוַוייזִין · אונ אַז עֶר פַאנְגְט אָן צוּ רֵיידְן שואל כענין פְרֶעגְט עֶר נָאך דֶער זַאך וָואס מֶען רֶעט וֶועגִין דֶעם כְּלוֹמַר עֶר מִישְׁט נִיט אַרַיין אַיין

אנדר

להשיב שואל כענין ומשיב כהלכה ואומר על ראשון ראשון ועל אחרון אחרון ועל מה שלא שמע אומר לא שמעתי ומודה על האמת וחלופיהן בגלם: · שבעה מיני פורעניות באין לעולם על שבעה גופי עברה מקצתן מעשרין ומקצתן אינן מעשרין רעב של בצרת בא מקצתן רעבים ומקצתן שבעים גמרו שלא לעשר רעב של מהומה ושל בצורת בא · ושלא לטול את החלה רעב

חסדי אבות

אנדער זאך וואס עס איז ניט שייך צו דעם ענין · ומשיב כהלכה אונ ער ענטפערט וויא די ריכטיגקייט איזי כלומר ער נארט ניט אפ מיט זיין תשובה זיינע חברים אדר זיינע תלמידים בכדי צו ווייזן זיי אז ער איז איין חריף · נאר ער ענטפערט איין ריכטיגע תשובה וואס זאל זיין גלאט אונ מתקבל אל הלב · עס זאל זיין אלימען גיפעלין · אונ צום הערצין · אונ ווען מען האט אים גיפרעגט צווייא זאכין · ואומר על ראשון ראשון ועל אחרון אחרון ענטפערט ער אויף די ערשטע שאלה פריער · אונ אויף די לעצטע שאלה שפעטער · דען יעדר מענש וואס זיינע ענינים · אדער זיינע פראגען אונ אנטווארטען זיינן מיט אסדר · איז אסימן אז ער איז אחכם · ועל מה שלא שמע אונ אויף איינע שאלה וואס ער איז אין ספק אין איר תשובה אונ ער ווייס ניט וואס צו ענטפערן אומר לא שמעתי זאגט ער איך ווייס דאס ניט · אונ האב ניט גיהערט וועגן דעם וויא אזו דאס איזי אבר ער האט ניט די טבע פון פאלשקייט זיך דר פון אוועק צו מאכן אונ צו ענטפערן יוא איך האב דערויף צו ריידין נאר איך האב יעצט קיין צייט · איך וועל אייך אין אנדראמע צייט דערויף ענטפערן וועט איר זעהן אז עס איז נפלאות · אונ אזו וועט עס אוועק גיין צייט פיר צייט אונ ער וועט קיין מאל האבין צייט · ווייל די תשובה איז פון אים גאנץ ווייט · ומודה על האמת אונ אז ער האט שוין זיינע רייד גיענדיגט · אונ זיינע חברים שטימען ניט איין מיט אים אונ זייא בעווייזן אים לאגיש אדער פאקטיש אז דיא זאכע האלט ניט אזוא וויא ער זאגט · איז ער מודה אויפן אמת אונ ער שעמט זיך ניט צוא זאגן אז ער איז אין טעות גיוועזן והלופיהן בגולם אבר ביי דעם גולם זיינן די אלע זיבין זאכין פר קערט: · שבעה מיני פורעניות באין לעולם זיבן מינים שטראף באצאלונג קומן אויף דר וועלט על שבעה גופי עברה פר זיבן באזונדרע עברות מקצתן מעשרין ומקצתן אינן מעשרין ווען אטייל לייט גיבן מעשר פון זייערע תבואות אונ אטייל לייט גיבן ניט מעשר רעב של בצורת בא קומט איין הונגר דורך די מינערונג פון רעגן אויף אנדרע פעלדר גייט יוא רעגן · אונ אויף אנדרע פעלדער רעגינט גאר ניט · אונ דרום מקצתן רעבים ומקצתן שבעים זיינען אטייל לייט הונגעריג אונ אטייל לייט זיינן זאט · גמרו שלא לעשר אז אלע לייט האבן צווישן זיך בשלאסן ניט צו געבן מעשר רעב של מהומה ושל בצורת בא קומט איין הונגר דורך פר טומלונג אונ דורך די מינערונג פון רעגן דהיינו אויף די פעלדר וואס אויף זיי האט גירעגינט אונ תבואה איז גיראטן וועלן אנקומן פיל חיל מיט טומל אונ מיט רעש אונ וועלן ניט לאזן די בעלי בתים שניידן אונ פערזאמלן זייערע תבואה אין די שייערן · אונ אין פיל פעלדער וועט גאר ניט רעגנען אונ דורך דיזע צווייא סבות וועט אן שפיין אגרויס הונגר פר אלימן בכלל · ושלא לטול את החלה אונ ווען זייא האבין בעשלאסן פון זייערע טייג קיין חלה צו נעמען וואס מען דארף עס געבן צום כהן רעב של כלית בא קומט רחמנא ליצלן · איין הונגער פון פר לענדונג · כלומר די תבואות וואס זיינן אפילו פר זאמלט אין די שפייכלערן ווערן פאר לענדט אונ צוא פוילט · וויא דיא גמרא זאגט אין שבת פרק במה מדליקין (דף לב ע"ב) רבי יהודה זאגט איבר דיא זינד וואס מען שיידט ניט אפ קיין חלה פון די טייג צו געבן דעם כהן שיקט גאט קיין ברכה אריין אין דיא תבואה וואס מען האט איין גיזאמילט אונ איינע פלוכונג ווערט אנגעשיקט אין די מאכן · מען פר זייט תבואה אין די פעלדער אונ אנדערע לייט עסן אויף דען עס שטייט אין פסוק אף אני אעשה זאת לכם והפקדתי עליכם בהלה וגו' מכלות עינים ומדיבות נפש

וזרעתם

שלכליה באה: יא דבר בא לעולם על מיתות האמורות בתורה שלא נמסרו לבית

חרעתם לריק ורעכם ואכלוהו אויביכם איך וועל אויך דאס טאן צו אייך איך וועל אייך בשטראפן פר דעם זינד פון חלה (ווייל בהלה זאגט די גמרא זאלסט ניט לייגען בהלה נאר בחלה) דאס אייערע תבואות וועט אויס גירארט אונ פר ברענגט ווערן · אונ איר וועט זייען אייערע זריעה צו לער דען אייערע פיינד ווערן עס אויף עסן · אונ פר די זינד וואס מען גיט ניט תרומות אונ מעשרות ווערין דיא הימלן פאר האלטין אונ גיבין ניט קיין טויא אונ רעגן אונ עס שטייט אן גרויס יקרות · די לייט פר דינן גאר נישט · די מענשן לויפין אונ זוכן פרנסה אבר זיי געפינן ניט · אונ אז מען גיט תרומה אונ מעשר שיקט הש"י אריין איין ברכה אונ זיי ווערן גיבענשט · רבי אליעזר אונ רבי יהושע זיינן אמאל גיגאנגן ארום דיא געגענדן פון אנטוכיא צוא קלייבן צדקה געלד פון די לייט וואס האבן זיך פר שריבן צו געבן אויף די ישיבה פון דיא חכמים איז דארטן גיוועזן אמענטש וואס ער האט גיהייסן אבא יודן · ער איז גיוועזן אגרויסער נדבן וואס ער פלעגט אימר נעבן צדקה מיט פולער האנד אונ מיט אגוטע אויג · אבר אין יענר צייט איז ער ארום גיווארן אונ האט ניט גיהאט וואס צו געבן אונ אלס ער האט פון ווייטן דר זעהן דיזע צוויא חכמים גייען אויס קלייבן צדקה פר די ישיבה · איז זיין פנים גיווארין געל פון בושה אונ איז גיקומען אהיים זייער קראנק · האט אים זיין ווייב גיפרעגט · וואס איז מיט דיר דער מער וואס דו ביסט אזו געל אין פנים אונ דו ביסט אזו קראנק · האט ער צו איר גיזאגט מיינע רבותי זיינען גיקומן אהער צו מאנען צדקה אונ איך ווייס ניט וואס איך זאל טאן דען איך האב זיי ניט וואס צוא געבין · האט זיין ווייב צוא אים גזאגט ביי אונז האט זיך נאך אפגשטעלט איין פעלד זאלין מיר איין העלפט פון איר פר קויפן אונ אפ געבן אין דיא צדקה · איז ער גיגאנגן אונ האט אהעלפט פון זיין פעלד פר קויפט אונ האט דאס געלד אפ גיגעבן צוא די חכמים · רבי אליעזר אונ רבי יהושע האבן פון דיינעט וועגן מתפלל גיוועזן זיי האבן איר

גיבענשט אונ האבן צו אים גיזאגט גאט זאל דיר אפ געבין אלס וואס דיר פעלט · אין אצייט ארום איז דר אבא יודן גיגאנגן אקערן זיין שטיקל פעלד וואס אים האט זיך נאך אפ גישטעלט · איז פלוצלונג זיין קוה אריין גפאלן אין אגרוב אונ האט צו בראכן איר פוס · אלס ער איז אראפ גיגאנגן אין דיא גרוב אויף צוא ברענגן זיין קוה · האט אים גאט גיעפינט זיינע אויגן אונ ער האט דארטן גיפונען איין אוצר · האט ער גיזאגט איך גיב איין שבת צוא גאט ב"ה דאס צוא מיין גליק האט מיין בהמה איר פוס צוא בראכין אין אקורצע צייט נאך דעם זיינען ווידער דיא · זעלבינגע תנאים גיקומען אין יענעם געגענד · אונ האבען גיפרעגט ביי דיא לייט פון יענעם געגינד וואס מאכט דר אבא יודן · האבין דיא לייט צו זיי גיזאגט דיזער אבא יודן איז יעצט איין הער פון קנעכט · איין הער פון פיל שאף פון פיל קעמלן · אונ איין הער פון פיל רינדר · ווער פון אונז קען זיך יעצט פערגלייכען צוא דיזין אבא יודן · ווי דער אבא יודן האט פון זיי דר הערט איז ער גגאנגען אנקעגן זיי מקבל פנים זיין · האבין זייא אים געפרעגט · וואס מאכסטו אבא יודן · האט אבא יודן צוא זייא גיזאגט אייער תפלה האט מיר אויס גטראגן זייער פיל פרוכט דען איך בין ברוך השם גענוג רייך גווארן · האבן זייא צו אים גזאגט מיר שווערן דיר ביי דיין לעבן דאס חאטשי אנדרע לייט האבן אונז גגעבן אין צדקה מער פאר דיר · דאך האבין מיר דיר דעם ערשטין אין אונזער בוך פערשריבין · אונ בעת זייא האבן זיך יענעם מאל גזעצט ביי אים אין הויז צו דרשנן אין דר תורה · האבן זייא געטוסען אונ האבן אים גזעצט לעבן זיי אונ האבן אויף אים גידרשת דעם פסוק מתן אדם ירחיב לו דאס גאב פון אמענשען חאס ער גיט אין צדקה · מאכט אים גראס כלומר די צדקה מאכט אים רייך אונ אים איז שוין ניט מער איינג · אונ אזו האבן דיא חכמים גזאגט אויך ווען מען גיט מעשר עשר תעשר אז דוא וועסט געבין מעשר וועסטו זיין רייך אונ דו וועסט געבען

דִּין וְעַל פֵּרוֹת שְׁבִיעִית · חֶרֶב בָּאָה לָעוֹלָם עַל עִנּוּי הַדִּין וְעַל עִוּוּת הַדִּין וְעַל הַמּוֹרִים בַּתּוֹרָה שֶׁלֹּא כַהֲלָכָה · חַיָּה רָעָה בָּאָה לָעוֹלָם עַל שְׁבוּעַת שָׁוְא וְעַל חִלּוּל הַשֵּׁם · גָּלוּת בָּאָה לָעוֹלָם עַל עֲבוֹדַת כּוֹכָבִים וְעַל גִּלּוּי עֲרָיוֹת וְעַל שְׁפִיכוּת

חסדי אבות

אַלֶע מָאל מַעֲשֵׂר: יא דבר בא לעולם אַפֶּעסְט · רַחֲמָנָא לִיצְלַן · קוּמְט אוֹיף דִיא וֶועלְט דָאס מֶענְשְׁן שְׁטַארְבְּן אַיין מִיתָה חֲטוּפָה פְּלוּצְלוּנְג אָן אַיין שׁוּם קְרַאנְקַייט · על מיתות האמורות בתורה שלא נמסרו לבית דין פַר דִיא זִינְד וָואס דִי תּוֹרָה הָאט מְחַיֵּיב גְוָועזְן מִיתָה בִּידֵי שָׁמַיִם אָדֶר כָּרֵת וָואס דָאס אִיז נִיט אִיבָּר גִיגֶעבְּן גְוָוארְן צוּ בֵּית דִין אַז דִיא סַנְהֶדְרִין זָאלְן זֵיי בֶּעשְׁטְרָאפְן ועל פרות שביעית אוּנ פַר דִי פֵּירוֹת פוּן דֶעם זִיבֶּעטְן יָאר (פוּן שְׁמִיטָּה) וָואס זֵיי זַייֶנְן נִיט מַפְקִיר צוּ אָרִימֶע לַייט נָאר זֵיי נֶעמֶן צוּ דִי פֵּירוֹת פַר זִיךְ צוּ עֶסְן אוּנ צוּ פַר קוֹיפְן · אוּנ וַוייל דִי תּוֹרָה הָאט גֶעהֵייסְן אַז דִיא פֵּרוֹת פוּן שְׁמִיטָּה זָאל מֶען מַאכְן פְרַיי פַר אָרִימֶע לַייט אוּנ וָוער עֶס וִויל זָאל זֵיי מָאגְן עֶסְן · אוּנ זֵיי הָאבְּן עֶס נִיט גְמַאכְט פְרַייא · דְרוּם שִׁיקְט אָן גָאט ב״ה אַיין דֶבֶר אוּנ עֶר גִיט פְרַייהַייט צוּ דֶעם מַשְׁחִית אַז עֶר זָאל פֶערְדַארְבְּן אַלִימֶן וָועמֶען עֶר וָועט ָאן טְרֶעפְן סַאי אַצַדִיק אוּנ סַאי אַרָשָׁע · חרב באה לעולם אַיין שְׁוֶוערְד קוּמְט אוֹיף דִי וָועלְט כְּלוֹמַר מִלְחָמוֹת אִיז הַשֵּׁ״י גוֹזֵר אוֹיף דִי וָועלְט על ענוי הדין פַר דֶעם וָואס דִי דַיָּינִים מוּטְשִׁין דֶעם דִין כְּלוֹמַר זֵיי וֵוייסְן רִיכְטִיג דֶעם דִין · נָאר זַייא מֶעדְלִיוֶוען אוּנ פַּסְקִינֶן אִים נִיט · ועל עוות הדין אוּנ פַאר דֶעם וָואס מֶען פֶערְקְרִימְט דֶעם דִין אוּנ מֶען פַּסְקֶנְת אִים פֶערְקֶערְט · מֶען מַאכְט שׁוּלְדִיג דֶעם אוּנְשׁוּלְדִיגֶען · אוּנ מֶען מַאכְט גֶרֶעכְט דֶעם שׁוּלְדִיגֶן · ועל המורים בתורה שלא כהלכה אוּנ פַר דֶעם וָואס מֶען פַּסְקֶנְת אִין דֶער תּוֹרָה נִיט רִיכְטִיג וִויא דֶער דִין אִיז · דְהַיְינוּ מֶען זָאגְט אוֹיף אַיין זַאךְ וָואס עֶס אִיז טָהוֹר טָמֵא · אוּנ אוֹיף טָמֵא פַּסְקֶנְעֶן זֵיי טָהוֹר · אוֹיף דָאס וָואס עֶס אִיז מוּתָּר פַּסְקֶנֶן זֵיי אָסוּר · אוּנ אוֹיף אָסוּר מוּתָּר · חיה רעה באה לעולם חַיּוֹת רָעוֹת קוּמֶן אוֹיף דִי וָועלְט כְּלוֹמֶר הַשֵּׁ״י שִׁיקְט אָן בֵּייזֶע חַיּוֹת אִין דִיא דֶערְפֶער אוּנ אִין דִיא שְׁטֶעט זֵיי זָאלְן צוּא רַייסְן מֶענְשִׁין · על שבועת שוא פַאר דֶעם וָואס מֶען שְׁוֶוערְט אוּמְזִיסְט · חָאטְשִׁי עֶר שְׁוֶוערְט אוֹיף אֶמֶת · נָאר קֵיינֶער צְווִינְגְט אִים צוּ שְׁוֶוערְן · אָדֶר עֶר שְׁוֶוערְט אוֹיף אַזַאךְ וָואס אַלֶע וֵוייסְן עֶס אוֹיךְ אָן זַיין שְׁבוּעָה · אוּנ אַז עֶר שְׁוֶוערְט דֶערְוֹיף מִיט דֶעם נָאמֶען פוּן גָאט אָדֶער מִיט אַהֵיילִיגְן חֵפֶץ דְהַיְינוּ מִיט אַיין סֵפֶר אָדֶר מִיט תְּפִילִין וָואס דָאס אִיז אוֹיךְ גְלַייךְ צוּ דֶעם נָאמֶען פוּן הַשֵּׁ״י · פַר דִיזֶע זִינְד שִׁיקְט גָאט אָן חַיּוֹת רָעוֹת · אוּנ דֶר זֶעלְבִּיגֶר עוֹנֶשׁ קוּמְט אוֹיךְ פַר דִי זִינְד פוּן שְׁבוּעוֹת שֶׁקֶר אַז מֶען שְׁוֶוערְט פַאלְשׁ · ועל חלול השם אוּנ אוֹיךְ פַר דֶעם וָואס מֶען פֶערְשְׁוֶועכְט דֶעם נָאמֶן פוּן גָאט · דְהַיְינוּ וֶוען דִיא לַייט טוּעֶן עֲבֵירוֹת בְּפַרְהֶסְיָא עֶפֶענְטְלִיךְ אוּנ אַלֶע זֶעהֶען · אָדֶער אֲפִילוּ וֶוען מֶען טוּט אַזַאךְ וָואס מֶען מָאג עֶס טָאן · נָאר דֶער וָואס עֶר זֶעהֶט עֶס מֵיינְט אַז דָאס אִיז אָסוּר צוּ טָאן · אוּנ עֶר וָועט דֶער פוּן זִיךְ נֶעמֶען אַוֶועג צוּא טָאן אַלֶס וָואס עֶס אִיז בֶּאֱמֶת אָסוּר צוּא טָאן · גלות באה לעולם גֶעפַאנְגֶנְשַׁאפְט קוּמְט אוֹיף דִי וָועלְט על עבודת אלילים אִיבֶּר דִי עֲבֵירָה וָואס מֶען דִינְט אַבְגָטֶר · ועל גלוי עריות אוּנ פַר דִי עֲבֵירָה פוּן זְנוּת ועל שפיכות דמים אוּנ פַאר דִי עֲבֵירָה וָואס מֶען פַאר גִיסְט אוּמְזִיסְט בְּלוּט כְּלוֹמַר פַאר רְצִיחָה וָואס מֶען הַרְגֶת מֶענְשְׁן אוּמְזִיסְט · ועל שמיטת הארץ אוּנ פַר דֶעם וָואס מֶען הַאלְט נִיט דִי שְׁמִיטָּה וָואס גִיהֶער אָן דִי עֶרְד · כְּלוֹמַר עֶר לָאזְט נִיט דִי עֶרְד רוּהֶן אִין דֶעם זִיבֶּעטְן יָאר פוּן שְׁמִיטָּה · אוּנ דִיזֶע פִיר זַאכְין זַייֶנְן מְרוּמָּז אִין דֶעם דְרִיטְן פָּסוּק פוּן דֶעם עֶרְשְׁטְן אֵיכָה גלתה יהודה יְהוּדָה הָאט גֶעלִיטְן גָלוּת מעני · וַוייל זַייא הָאבֶּען גֶעפַּיינִיגְט פְרֶעמְדֶע וַוייבֶּער · ומרב עבודה אוּנ וַוייל זֵיי הָאבְּן פִיל גֶעטָּר גֶעדִינְט · היא ישבה בגוים דְרוּם אִיז זִיא גֶעבְּלִיבְּן זִיצְן צְווִישְׁן דִיא פֶעלְקֶר · כְּלוֹמַר דְרִיבֶּר אִיז זִיא גְפַאנְגֶן צְווִישְׁן דִיא פֶעלְקֶער · לא מצאה מנוח · וַוייל זִיא הָאט נִיט גִיפוּנֶן רוּהֶע · כְּלוֹמַר וַוייל אִיר עֶרְד הָאט נִיט גְרוּט אִין דֶעם יָאר פוּן שְׁמִיטָּה · כל רודפיה השיגוה בין המצרים אַלֶע אִירֶע נָאכְיָאגֶער הָאבְּן

איר

דָּמִים וְעַל שְׁמִטַּת הָאָרֶץ: יב בְּאַרְבָּעָה פְּרָקִים הַדֶּבֶר מִתְרַבֶּה בָּרְבִיעִית וּבַשְּׁבִיעִית
וּבְמוֹצָאֵי שְׁבִיעִית וּבְמוֹצָאֵי הֶחָג שֶׁבְּכָל שָׁנָה וְשָׁנָה׃ בָּרְבִיעִית מִפְּנֵי מַעְשַׂר עָנִי
שֶׁבַּשְּׁלִישִׁית בַּשְּׁבִיעִית מִפְּנֵי מַעְשַׂר עָנִי שֶׁבַּשִּׁשִּׁית בְּמוֹצָאֵי שְׁבִיעִית מִפְּנֵי
פֵּרוֹת שְׁבִיעִית בְּמוֹצָאֵי הֶחָג שֶׁבְּכָל שָׁנָה וְשָׁנָה מִפְּנֵי גֵּזֶל מַתְּנוֹת עֲנִיִּים: יג אַרְבַּע
מִדּוֹת בָּאָדָם הָאוֹמֵר שֶׁלִּי שֶׁלִּי וְשֶׁלְּךָ שֶׁלָּךְ זוֹ מִדָּה בֵּינוֹנִית וְיֵשׁ אוֹמְרִים זוֹ מִדַּת
סְדוֹם׃ שֶׁלִּי שֶׁלָּךְ וְשֶׁלְּךָ שֶׁלִּי עַם הָאָרֶץ׃ שֶׁלִּי שֶׁלָּךְ וְשֶׁלְּךָ שֶׁלָּךְ חָסִיד׃ שֶׁלְּךָ

אִיר גְגְרֵייכְט צְווִישְׁן דִי אֵיינְגְשַׁאפְּטְן׃ כְּלוֹמַר
אִיבֶּר דֶעם וָואס אִירֶע אֵייגֶענֶע נָאכְיָגֶר הָאבְּן
אִיר גְגְרֵייכְט אוּנ הָאבְּן פַרְגָאסְן אִין אִיר בְּלוּט׃
דְרִיבֶּר זִיצְט זִיא גְפַאנְגֶן אִין אֵיינְגְשַׁאפְּט צְווִישְׁן
דִי פֶעלְקֶר: יב בארבעה פרקים הדבר מתרבה אִין
פִיעֶר צֵייטֶען וֶוערְט (רַחֲמָנָא לִיצְלַן) דֶער דֶבֶר
גְמֶערְט אִין דִי וֶועלְט׃ ברביעית אִין דֶעם פִירְטְן
יָאר פוּן שְׁמִיטָה׃ ובשביעית אוּנ אִין דֶעם זִיבֶּטְן
יָאר׃ דָאס אִיז אִין שְׁמִיטָה׃ ובמוצאי שביעית אוּנ
דֶעם יָאר וָואס נָאךְ שְׁמִיטָה ובמוצאי החג אוּנ
נָאךְ סוּכּוֹת שבכל שנה ושנה וָואס אִין אִיטְלִיכֶם
יָאר׃ אִיז דִי מִשְׁנָה מְפוֹרָשׁ פַר וָואס קוּמְט דֶר
דֶבֶר נָאר אִין דִי פִיר צַייטְן׃ ברביעית אִין דֶעם
פִירְטֶען יָאר פוּן שְׁמִיטָה קוּמְט דֶער דֶבֶר מפני
מעשר עני שבשלישית אִיבֶּר דֶעם וָואס מֶען הָאט
נִיט גֶעגֶעבְּן מַעֲשֵׂר צוּא אָרִימֶע לַייט אִין דֶעם
דְרִיטְן יָאר פוּן שְׁמִיטָה׃ (וַוייל אַנְשְׁטָאט דֶעם
וָואס מֶען בֶּעדַארְף אַלֶע יָאר אָבְּשֵׁיידְן מַעֲשֵׂר
שֵׁנִי׃ שֵׁיידֶעט מֶען אָפּ דֶעם דְרִיטֶען אוּנ דֶעם
זֶעקְסְטִין יָאר פוּן שְׁמִיטָה מַעֲשֵׂר פַאר אָרִימֶע
לַייט)׃ ובשביעית אוּנ אִין שְׁמִיטָה אִיז זִיךְ מִתְרַבֶּה
דֶער דֶבֶר מפני מעשר עני שבששית אִיבֶּער דֶעם
וָואס מֶען הָאט נִיט גִיגֶעבִּין מַעֲשֵׂר צוּ אָרִימֶע
לַייט אִין דֶעם זֶעקְסְטְן יָאר דָאס אִיז דָאס יָאר
וָואס פַר שְׁמִיטָה׃ ובמוצאי שביעית אוּנ אִין דֶעם
יָאר וָואס נָאךְ שְׁמִיטָה קוּמְט אַיין דֶבֶר מפני
פרות שביעית אִיבֶּער דֶעם וָואס מֶען הָאט דִיא
פְרוּכְט אִין דֶעם יָאר פוּן שְׁמִיטָה נִיט גְמַאכְט
פְרַייא פַאר אָרִימֶע לַייט אַז זֵייא זָאלְן מָאגִין
פוּן זֵיי עֶסִין׃ ובמוצאי החג שבכל שנה ושנה אוּנ
דֶעם נָאךְ סוּכּוֹת פוּן אִיטְלִיכֶם יָאר מפני גזל
מתנות עניים וַוייל מֶען הָאט גְגַזְלְתְ דִיא גָאבּ
וָואס מֶען הָאט בֶּעדַארְפְט צוּ גֶעבְּן דִי אָרִימֶע
לַייט׃ וַוייל אִין דִיא צַייט פוּן סוּכּוֹת זַאמִילְט

מֶען אַיין דִיא תְּבוּאוֹת וָואס אִין פֶעלְד אִין
שַׁייעֶרְן אוּנ אִין דִיא שְׁפַּייכְלֶער אוּנ דֶער בַּעַל
הַבַּיִת פוּן פֶעלְד הָאט בֶּעדַארְפְט גֶעבִּין צוּ דִי
אָרִימֶע לַייט לֶקֶט שִׁכְחָה וּפֵאָה אוּנ פוּן אַוויין
גָארְטְן הָאט עֶר בֶּעדַארְפְט לָאזִין פַאר אָרִימֶע
לַייט פֶּרֶט דָאס אִיז אֵיינְצִיגֶע וַויינְטְרוֹיבֶּען אוּנ
עוֹלְלוֹת דִי וַויינְטְרוֹיבְּן וָואס זֵיי וֶוערְן שְׁפֶּעט
צֵייטִיג אוּנ פַר וָואס זֵיי הָאבְּן דָאס נִיט גְגֶעבְּן
קוּמְט פַאר דֶעם אַלֶע נָאךְ סוּכּוֹת אַיין דֶבֶר׃
רַחֲמָנָא לִיצְלַן: יג ארבע מדות באדם עֶס אִיז דָא
פִיר עֶרְלֵייא חַרַאקְטֶערְן צְווִישְׁין מֶענְשְׁן׃ האומר
דֶר וָואס עֶר אִיז גֶעווּאוֹנְט צוּ זָאגְן שלי שלי ושלך
שלך וָואס מַיינֶע אִיז מַיינְס׃ אוּנ וָואס דַיינֶע
אִיז דַיינְס׃ אִיךְ וִויל פוּן דַיינֶע קַיין הֲנָאָה
הָאבֶּען׃ אוּנ וִויל אוֹיךְ נִיט אַז דוּא זָאלְסְט פוּן
מַיינֶע הָאבֶּען הֲנָאָה׃ זו מדה בינונית דָאס אִיז
אַיין מִיטֶעלְמֶעסִיגֶר חַאראַקְטֶר כְּלוֹמַר אַזוֹ אַיין
מֶענְשׁ אִיז נִיט אַיין צַדִיק אוּנ נִיט אַיין רָשָׁע׃
ויש אומרים זו מדת סדום אוּנ אַטֵייל לַייט זָאגְן אַז
דָאס אִיז אַיין חַאראַקְטֶער וָואס דִיא לַייט פוּן
סְדוֹם הָאבְּן גְהַאט׃ זֵיי הָאבְּן פוּן אַנְדֶרֶע לַייט
נִיט גֶעוָואלְט הֲנָאָה הָאבְּן׃ אוּנ הָאבְּן אֵיינֶעם
אַנְדֶערְן פוּן זֵייעֶרֶע אוֹיךְ נִיט אִיבֶּר גְלָאזִין דֶען
זֵיי הָאבְּן זִיךְ גְרוֹיס גֶעהַאלְטִין מִיט זֵייעֶרֶע פִיל
אוֹצְרוֹת פוּן תְּבוּאָה אוּנ הָאבְּן אַיין אָרוּמַאן נִיט
גֶעשְׁטִיצְט זַיין לֶעבְּן צוּא עֶרְהַאלְטְן׃ שלי שלך
ושלך שלי דֶער וָואס אִיז גֶעווּאוֹנְט צוּ זָאגְן וָואס
מַיינְס אִיז דַיינֶע׃ אוּנ וָואס דַיינֶע אִיז מַיינֶע׃
כְּלוֹמַר דוּ מָאגְסְט ווּאוֹל נֶעמֶן מַיינֶע׃ אוּנ אִיךְ
מָאג מִיר אוֹיךְ נֶעמֶען פוּן דַיינֶע עם הארץ אִיז
דָאס מַסְכִּים מִיט דֶעם חַאראַקְטֶער פוּן דֶעם
אַלְגֶעמֵיינֶעם פָאלְק׃ כְּלוֹמַר דָאס אִיז דֶר דֶרֶךְ
אֶרֶץ פוּן דֶער וֶועלְט וָואס דָאס רוֹב מֶענְשֶׁען
פִירִין זִיךְ אַזוֹ׃ שלי שלך ושלך שלך וָואס מַיינְס

אִיז

שֶׁלִּי וְשֶׁלִּי שֶׁלִּי רָשָׁע: יד אַרְבַּע מִדּוֹת בְּדֵעוֹת נוֹחַ לִכְעוֹס וְנוֹחַ לִרְצוֹת יָצָא הֶפְסֵדוֹ בִּשְׂכָרוֹ· קָשֶׁה לִכְעוֹס וְקָשֶׁה לִרְצוֹת יָצָא שְׂכָרוֹ בְּהֶפְסֵדוֹ· קָשֶׁה לִכְעוֹס וְנוֹחַ לִרְצוֹת חָסִיד· נוֹחַ לִכְעוֹס וְקָשֶׁה לִרְצוֹת רָשָׁע: טו אַרְבַּע מִדּוֹת בְּתַלְמִידִים מָהִיר לִשְׁמוֹעַ וּמָהִיר לְאַבֵּד יָצָא שְׂכָרוֹ בְּהֶפְסֵדוֹ· קָשֶׁה לִשְׁמוֹעַ וְקָשֶׁה לְאַבֵּד יָצָא הֶפְסֵדוֹ בִּשְׂכָרוֹ

חסדי

אִיז דַיינֶע· אוּנ וָואס דַיינְס אִיז דַיינֶע כְּלוֹמַר וָוען צְווייא מֶענְשְׁן שְׁטֵייעֶן אוּם אֵיינֶע רֶעכֶענוּנְג אִין גֶעלְט אוּנ אֵיינֶר פוּן זֵיי אִיז אִין סָפֵק אוּנ הָאט טוֹרָא פִילַייכְט פַאר גֶענוּמְט עֶר אַיין פְּרוּטָה פוּן יֶענֶעמְס גֶעלְד· אוּנ יֶענֶר זָאגְט צוּ אִים דָאס וָואס דוּא מֵיינְסְט אַז דָאס אִיז מַיינְס אִיז דָאס דַיינֶע· אוּנ דַיינֶע אִיז נָאר דַיינְס אוּנ אִיךְ פֶערְלַאנְג עֶס פוּן דִיר נִיט· חסיד אִיז דָאס אַיין חַארַאקְטֶר פוּן אַיין אֵיידִיל מַאן וָואס עֶר לָאזְט אִיבֶער זַיינֶע אִיבֶּער גֵיין אוּנ עֶר טוּט לִפְנִים מִשּׁוּרַת הַדִּין· דָאס הַייסְט נָאךְ פְרִימֶער וִויא דֶר דִין אִיז· שלי שלי ושלך שלי אוֹיבּ עֶר הַאלְט אִין דֶער מֵיינוּנְג מַה שֶּׁנַּפְשְׁךָ אוֹיבּ דָאס אִיז מַיינְס אִיז דָאךְ דָאס מַיינֶע· אוּנ אֲפִילוּ וֶוען דָאס אִיז דַיינְס קֶען אִיךְ דָאס עֶרְקְלֶערְן אוֹיךְ פַאר מַיינְס· אוּנ אַזוֹ אִיז עֶר זִיךְ מוֹרֶה הֶיתֵּר אוֹיף זַיין חַבֵרְס גֶעלְד רשע הָאט עֶר דֶעם חַארַאקְטֶר פוּן אַיין רָשָׁע: יד ארבע מדות בדעות פִיר עֶרְלֵייא חַארַאקְטֶערִין גֶעפִינְן זִיךְ אִין דִיא נַאטוּרְן וָואס בַּייא ווְאוּנֶען אִין דִי מֶענְשְׁן· נוח לכעוס ונוח לרצות דֶר וָואס עֶר וֶוערְט גְרִינְג אִין כַּעַס· כְּלוֹמַר אוֹיף יֶעדֶע קְלֵיינִיקַייט קוּמְט עֶר גִיךְ אַרַיין אִין כַּעַס· אוּנ עֶר אִיז אוֹיךְ גְרִינְג בַּאוּוילִיגְט צוּ וֶוערְן· דָאס הַייסְט אוּנ אוֹיךְ גִיךְ גֵייט עֶר אָפּ פוּן כַּעַס· יצא שכרו בהפסדו גֵייט פֶערְלָארְן זַיין שְׂכַר· אִיבֶּר זַיין שָׁאדְן· כְּלוֹמַר עֶר הָאט מֶער שָׁאדֶען פוּן דֶעם וָואס עֶר אִיז גְרִינְג אִין כַּעַס אַרַיין צוּ קוּמֶען מֶעהְר וִויא עֶר פֶערְדִינְט דוּרְךְ דֶעם וָואס עֶר אִיז גְרִינְג אָפּ צוּ גֵיין פוּן זַיין כַּעַס· קשה לכעוס וקשה לרצות דֶר וָואס אִים אִיז שְׁוֶוער אִין כַּעַס צוּ וֶוערְן· כְּלוֹמַר נִיט גִיךְ קוּמְט עֶר אַרַיין אִין כַּעַס· אוּנ וֶוען עֶר קוּמְט שׁוֹין יוֹא אִין כַּעַס אַרַיין· אִיז עֶר אוֹיךְ שְׁוֶוער בַּאוּוילִיגְט צוּ וֶוערְן· יצא הפסדו בשכרו· גֵייט פֶערְלָארִין זַיין שָׁאדֶען דוּרְךְ זַיינֶעם פַאר דִינְסְט· כְּלוֹמַר מֶער פֶערְדִינְט עֶר דוּרְךְ זַיין גְדוּלְד וָואס נִיט גִיךְ אִיז אִים אִין כַּעַס צוּ קוּמֶן·

אבות

אַלְס זַיין שָׁאדְן וָואס עֶר וֶוערְט נִיט גִיךְ אִיבֶּר גֶעבֶּעטְן· קשה לכעוס ונוח לרצות דֶר וָואס אִים אִיז שְׁוֶוער בִּיז עֶר קוּמְט אַרַיין אִין כַּעַס· אוּנ וֶוען עֶר קוּמְט שׁוֹין אַרַיין אִין כַּעַס· אִיז אִים דָאךְ גְרִינְג אַיין גֶעוּוילִיגְט צוּ וֶוערְן· כְּלוֹמַר עֶר גֵייט גִיךְ אָפּ פוּן כַּעַס חסיד· דֶער אִיז גֶעוִויס פְרוּם אוֹיךְ אִין אַנְדֶרֶע מִצְוֹת· אָדֶר דֶער תַּנָא רוּפְט אִים אָן חָסִיד וַוייל אַזוֹ אַמֶענְשׁ הֶערְשְׁט אִיבֶּר זַיין יֵצֶר הָרָע אוּנ עֶר וֶועט נִיט גִיךְ אִיבֶּר גִירֶעגְט וֶוערְן צוּ זִינְדִיגִין· וִויא דִי גְמָרָא זָאגְט (ברכות כ״ט ע״ב) לא תרתח ולא תחטי אַז דוּא וֶועסְט נִיט אִין כַּעַס זַיין וֶועסְטוּ נִיט זִינְדִיגֶען· נוח לכעוס וקשה לרצות דֶר וָואס אִים אִיז גְרִינְג אִין כַּעַס צוּ וֶוערִין· אוּנ אִיז שְׁוֶוער בֶּעוּוילִיגְט צוּ וֶוערְן· כְּלוֹמַר עֶר לָאזְט זִיךְ נִיט אִיבֶּר בֶּעטְן· רשע· דִיזֶער אִיז אַיין רָשָׁע· וַוייל דֶער וָואס הַאלְט אִין זִיךְ כַּעַס אִיז גְלַייךְ וִויא עֶר דִינְט אָבְגֶעטֶער· אוּנ עֶר אִיז עוֹבֵר אוֹיף דֶעם לַאו לא יהיה בך אל זר· אִין דִיר זָאל זִיךְ נִיט גֶפִינֶען אַיין פְרֶעמְדֶר גָאט· דָאס מֵיינְט מֶען אִין דַיין הֶערְצִין זָאל זִיךְ קַיין כַּעַס גֶפִינֶען: טו ארבע מדות בתלמידים פִיר עֶרְלֵייא חַארַאקְטֶערְן גֶעפִינֶען זִיךְ צְווִישְׁן דִי תַּלְמִידִים וָואס לֶערְנֶען מהיר לשמוע עֶס אִיז דָא אֵיינֶער וָואס עֶר אִיז גְרִינְג צוּ פַארְנֶעמֶען כְּלוֹמַר עֶר אִיז גִיךְ מְקַבֵּל וָואס עֶר הֶערְט פוּן זַיין רַבִּי ומהיר לאבד· אָבֶּר עֶר אִיז אוֹיךְ גַאיילְט צוּ פֶערְלִירְן· כְּלוֹמַר אוּנ גִיךְ פֶערְגֶעסְט עֶר וָואס עֶר הָאט גֶהֶערְט· יצא שכרו בהפסדו קוּמְט אַרוֹיס פֶערְלָארְן זַיין פַרְדִינְסְט אִיבֶּר זַיין שָׁאדְן כְּלוֹמַר זַיין שָׁאדִין וָואס עֶר פֶערְגֶעסְט גֶשְׁווִינְד אִיז גְרֶעסֶר פַר זַיין פַרְדִינְסְט פוּן דֶעם וָואס עֶר הָאט גִיךְ מְקַבֵּל גִיוֶועזִין קשה לשמוע וקשה לאבד דֶר וָואס אִים אִיז שְׁוֶוער צוּ פֶערְנֶעמֶען אוּנ צוּ פַארְשְׁטֵיין אוּנ אִים אִיז אָבֶער אוֹיךְ שְׁוֶוער צוּ פֶרְגֶעסְן יצא הפסדו בשכרו גֵייט אַוֶועק זַיין שָׁאדְן אִיבֶּער זַיין פַאר דִינְסְט כְּלוֹמַר זַיין מַעְלָה וָואס עֶר קָען נִיט אַזוֹ גִיךְ פֶערְגֶעסְן גֵייט אִיבֶּר זַיין

מָהִיר לִשְׁמוֹעַ וְקָשֶׁה לְאַבֵּד זֶה חֵלֶק טוֹב ׃ קָשֶׁה לִשְׁמוֹעַ וּמָהִיר לְאַבֵּד זֶה חֵלֶק רָע: טו אַרְבַּע מִדּוֹת בְּנוֹתְנֵי צְדָקָה הָרוֹצֶה שֶׁיִּתֵּן וְלֹא יִתְּנוּ אֲחֵרִים עֵינוֹ רָעָה בְּשֶׁל אֲחֵרִים ׃ יִתְּנוּ אֲחֵרִים וְהוּא לֹא יִתֵּן עֵינוֹ רָעָה בְּשֶׁלּוֹ ׃ יִתֵּן וְיִתְּנוּ אֲחֵרִים חָסִיד ׃ לֹא יִתֵּן וְלֹא יִתְּנוּ אֲחֵרִים רָשָׁע: יז אַרְבַּע מִדּוֹת בְּהוֹלְכֵי בֵית הַמִּדְרָשׁ ׃ הוֹלֵךְ

חסדי

חִסָּרוֹן וָואס אִים אִיז שְׁווֶער גִיוָועזִין בִּיז עֶר הָאט עֶס מְקַבֵּל גְוָועזִין ׃ מהיר לשמוע וקשה לאבד דֶער וָואס פֶערְגֶעסְט אַזַאךְ גִיךְ ׃ אוּנ אִים אִיז דָאס שְׁווֶער צוּ פֶערְגֶעסְן כְּלוֹמַר עֶר הָאט אַיין גְשְׁווִינְדֶע תְּפִיסָה ׃ אוּנ אַגוּטְן זִכָּרוֹן זה חלק טוב אִיז דָאס אַיין חֵלֶק וָואס גָאט הָאט אַיין גְעטֵיילְט צוּ אַגוּטְן מֶענְשְׁן וָואס עֶר אִיז גְפֶעלְן אִין דִי אוֹיגְן פוּן גָאט ב"ה ׃ קשה לשמוע ומהיר לאבד דֶר וָואס אִים אִיז אַזַאךְ שְׁווֶער צוּ פַאר נֶעמֶן ׃ אוּנ אַז עֶר פֶערְגֶעסְט אִיז דָאס אִים גְרִינְג צוּ פֶערְגֶעסְן ׃ כְּלוֹמַר עֶר הָאט אַשְׁוָועֶרֶע תְּפִיסָה ׃ אוּנ הָט קֵיין זִכָּרוֹן דֶר בַּיי זה חלק רע אַזוֹ אַיין טֵייל הָאט הש"י גֶגֶעבְּן צוּ אַשְׁלֶעכְטְן מֶענְשְׁן ׃ דֶען אַז עֶר וָואלְט גְהַאט אַגוּטֶע תְּפִיסָה מִיט אַגוּטְן זִכָּרוֹן ׃ וָואלְט עֶר פִיל מֶענְשְׁן שָׁאדְן טָאן : טז ארבע מדות בנותני צדקה פִיר עֶרְלֵייא תַאראַקְטֶערְן גֶעפִינֶן זִיךְ אוּנְטֶר דִי לַייט וָואס דַארְפְן גָעבִּין צְדָקָה ׃ הרוצה שיתן דֶר וָואס וִויל אַז עֶר אַלֵיין זָאל נָאר גֶעבְּן צְדָקָה ולא יתנו אחרים אוּנ אַנְדֶרֶע זָאלְן נִיט גֶעבְּן צְדָקָה עינו רעה בשל אחרים הָאט עֶר אַבֵּייזֶע אוֹיג אוּנ עֶר פֶערְגִינְט נִיט אַנְדֶרֶע לַייט דִיא מִצְוָה וָואס זֵייא טוּעֶן ׃ יתנו אחרים והוא לא יתן וָוען עֶר וִויל אַז אַנְדֶערֶע לַייט זָאלְן גֶעבְּן צְדָקָה אוּנ עֶר זָאל נִיט גֶעבִּין עינו רעה בשלו אִיז זַיין אוֹיג פֶערְדְרִיסְלִיךְ אוֹיף זַיינֶע אֵייגֶנֶע גֶעלְט כְּלוֹמַר עֶר אִיז קַארְג אוֹיף זַיין גְרָאשְׁן ׃ יתן ויתנו אחרים חסיד דֶר וָואס עֶר וִויל אַלֵיין גֶעבְּן צְדָקָה אוּנ עֶר וִויל אוֹיךְ דָאס אַנְדֶרֶע לַייט זָאלְן אוֹיךְ גֶעבְּען צְדָקָה ׃ דִיזֶער אִיז אַיין פְרוּמֶר אוּנ אַיין גְנֶעדִיגֶר מַאן ׃ לא יתן ולא יתנו אחרים רשע דֶר וָואס וִויל אַלֵיין נִיט גֶעבִּן צְדָקָה ׃ אוּנ עֶר וִויל אוֹיךְ אַז אַנְדֶרֶע לַייט זָאלְן נִיט גֶעבְּן ׃ דֶר אִיז אַיין רָשָׁע ׃ דֶר דוּבְּנֶר מַגִּיד שְׁרַייבְּט אִין אֹהֶל יַעֲקֹב פַּרְשָׁה רְאֵה אַז דָאס אִיז זֵייעֶר וַוייט לוֹיפִיג צוּא גְלוֹיבֶּען אַז אַיין מֶענְשׁ וָואס עֶר זָאל זַיין אֲפִילוּ אַגְרוֹיסֶר רָשָׁע ׃ זָאל עֶר נָאךְ פֶערְזָאגְן צוּ אַנְדֶרֶע לַייט אַז זֵייא

אבות

זָאלְן צוּ אַיין אָרוּמַאן אַגְרָאשְׁן צְדָקָה נִיט גֶעבְּן אוּנ וִויא זָאגְט דֶער תַּנָּא לא יתן ולא יתנו אחרים רשע ׃ עֶר גִיט אַלֵיין נִיט אוּנ עֶר פֶערְלַאנְגְט אַז אַנְדֶערֶע זָאלְן אוֹיךְ נִיט גֶעבִּין ׃ אוּנ וָוען אֲפִילוּ דֶר רָשָׁע פֶערְלַאנְגְט אַז אַנְדֶרֶע זָאלְן צוּ אַיין אָרוּמַאן נִישְׁט גֶעבִּין ׃ וָוער וָועט עֶס אִים צוּ הֶערְן ׃ נָאר אַיין פָּסוּק אִין דֶר תּוֹרָה דֶער קְלֶערְט אוּנְז דִי זַאךְ וִויא אַזוֹא דָאס קֶען זַיין ׃ דֶר פָּסוּק זָאגְט ורעה עינך באחיך האביון ולא תתן לו וקרא עליך אל ה׳ והיה בך חטא ׃ דֶר פָּסוּק הָאט דָא גִיזָאגְט צְווַיי פַאלְן אַיין פַאל ורעה עינך באחיך האביון דַיין אוֹיג וָועט זַיין בֵּייז אוֹיף דַיינֶעם בְּרוּדֶער דֶעם אָרוּמַאן אוּנ דֶעם צְווֵייטְן פַאל זָאגְט עֶר ולא תתן אוּנ דוּ וֶועסְט אִים נָאךְ אוֹיךְ נִישְׁט גֶעבִּין דֶענְטָאל אַז עֶר וָועט אוֹיף דִיר אָן רוּפְן צוּ גָאט ׃ וָועט אִין דִיר זַיין אַפֶּעלֶער ׃ דִי תּוֹרָה זָאגְט אוּנְז דָאס עֶס אִיז דָא אַקַארְגֶער מֶענְשׁ וָואס עֶר וִויל מִיט אַיין אָרוּמַן נִיט גוֹמֵל חֶסֶד זַיין אוּנ זָאגְט דֶעם אֶמֶת אַז עֶר הַאלְט דֶעם גְרָאשְׁן טֵייעֶרֶער פַאר דֶעם אָרוּמַאן ׃ אוּנ דָאס אִיז גָאר קֵיין וואוּנְדֶר ׃ דֶען עֶס זַיינֶען דָא אַזֶעלְכֶע מֶענְשְׁן וָואס זֵיי הָאבְּן זִיךְ אַלֵיין נִיט אַזוֹ לִיבּ וִויא דָאס גֶעלְד וִויא דִיא גְמָרָא זָאגְט יש אדם שממונו חביב עליו מגופו עֶס אִיז דָא אָפְּט אַזוֹ אַמֶענְשׁ וָואס זַיין גֶעלְד אִיז אִים מֶער לִיבּ פַר זַיין אֵייגֶענֶעם גוּף ׃ אָבֶּער עֶס אִיז דָא נָאךְ אַרָשָׁע וָואס עֶר אִיז פִיל עֶרְגֶר פַר דִיזֶען קַמְצָן עֶר הָאט דָאס גֶעלְד נִיט אַזוֹא לִיבּ ׃ עֶר הָאט בְּטֶבַע נָאר פַיינְד אַיין אָרוּמַאן ׃ אוּנ אַז אַיין אָרוּמַאן קוּמְט צוּא אִים בֶּעטְן אַנְדָבָה אוּנ עֶר טְרֶעפְט נָאךְ אָן דָאס אַנְדֶרֶע לַייט גֶעפִינֶען זִיךְ אוֹיךְ בַּיי דִיזֶן עָשִׁיר ׃ אוּנ עֶר גִיט אִים נִישְׁט אוּנ זָאגְט צוּ אִים גֵייט אַייךְ גֶעזוּנְדֶר הַייד אִיר וָועט בַּייא מִיר נִישְׁט קְרִיגְן ׃ אַז דֶר אָרוּמַאן גֵייט פוּן אִים אַוֶועק ׃ מֵחֲמַת בּוּשָׁה פַאר עֶנְטְפֶערְט זִיךְ דֶר עָשִׁיר פַר דִי אִיבֶּרִיגֶע לַייט וָואס בַּיי אִים אוּנ זָאגְט צוּ זֵיי אַז דֶעם אָרוּמַאן

איז

איז ניט קיין מצוה דאס מען זאל אים געבן · דען ווען מען גיט אים גיט ער אוועק גלייך אין שינק אונ פאר שיכרות דאס געלד אונ עס בלייבט אלס ביי דעם שיינקר · דורך אזעלכע רייד איז ער גורם אז אנדערע לייט גיבן אים אויך נישט אונ דאס מיינט דר פסוק צו זאגן ורעה עינך דיין אויג וועט זיין בייז באחיך האביון אויף דיין ברודר דעם אביון כלומר דו וועסט אויף אים אויף טראגין בייזע רייד ולא תתן לו אונ דו ווילסט אים דריבער נישט געבן · אונ דאס איז די כוונה פון דעם תנא וואס ער זאגט לא יתן ולא יתנו אחרים · לא די נאך ניט גינוג וואס ער גיט ניט איז ער נאך גורם אז אנדרע זאלן אויך ניט געבן · רשע · דיזער איז געווים איין רשע וואס זיין זינד איז פאר בונדן בייא אים אין הערצן · וויא דר פסוק זאגט דא אויס פירליך והיה בך חטא אין דיר וועט בלייבין די זינד · כלומר דוא וועסט בלייבין איין רשע · נאך שרייבט דר דובנר מגיד אז דיזער פסוק איז צו בעוואונדערין וואס ער זאגט מיט דעם לשון וקרא עליך אל ה' ער וועט רופן פון דיינט וועגין צו גאט · וואס דער לשון וקרא ער וועט רופין בעוויזט אז ער וועט פון דיינט וועגין בעטן צו גאט פריינדליך · אונ דר לשון ווייזט ניט אויס אויף אנקלאגין וויל דר פסוק זאגט דא ניט מיט דעם לשון והיה כי יצעק אלי אז ער וועט שרייען צו מיר · אבר דר פשט פון פסוק קען זיין רעכט אזו וויא דר לשון ווייזט וקרא ער וועט רופן צו גאט מיט פריינדליכקייט וויל מיר ווייסין דאס גאט ב"ה נעמט אן דיא גיבעט פון די רייכע לייט נאר צוא ליב דיא ארימע · וויא הש"י האט אונז גיזאגט דורך ישעיה הנביא מרום וקדוש אשכון ואת דכא ושפל רוח · מיין וואנונג איז אין הימיל אונ בין אפ גישייד פון מענשין · נאר דער וואס וויל מיך געפינן געפינט ער מיך לעבן דעם צובראכנעם אונ דעם נידערגישלאגענעם ארומאן ווייל ביי זיי מאך איך אלע מאל מיין אכסניא · אונ דרום זעהען מיר ווען בייא איין רייכין מאן טרעפט רחמנא ליצלן · איין עת צרה שיקט ער צוא זיך רופין ארימע לייט אז זייא זאלין פון זיינט וועגין מתפלל זיין אונ ער איז אויך מתפלל צווישן זיי דענמאל איז ער זיכר אז הש"י וועט

זיין תפלה צו הערן · אבר דאס איז אלס גרעט ווען דר רייכר איז אלע מאל מקרב דעם ארימאן נאך איידער עס קומט איין עת צרה · אבער ווען דר רייכר בעט אים איז גוט פר שטויסט ער דעם ארומאן · אונ אז עס קומט איין עת צרה שיקט ער דעם ארומאן אז ער זאל גיין אין שול אונ מתפלל זיין פון זיינט וועגן צוא הש"י דענכמאל באגייט מען זיך מיט אים פונקט וויא דר משל וואס מען דר ציילט אגרויסר עשיר האט גינומן איין איידים איין בחור וואס ער איז גיוועזן איין מופלג בתורה אונ פון אשיינע משפחה · דר עשיר האט אים זייער שלעכט בעהאנדילט ער האט אים זייער קארג עסין גיגעבן אונ האט אים געפירט זייער גימיין אין בגדים וואס איינס דעם אנדערן זיינען גיוועזן צוויי גילדן ווערט · אונ דר צו האט ער בייא יעדן מאל עסן פון זיין שווער געהערט זידלעריי אונ קללות גאר אן אשיעור · אונ דיזר יונגר מאן האט פיל געליטן אונ האט אלס פרטראגן אין שטילקייט אונ ער האט אים נאך איין ווארט ניט גיענטפערט · לימים האט גטראפן אז זיין שווער האט גיהאט איין משפט מיט דעם גראף פון שטאט · דער גראף האט אים גיוועלט אין גאנצן צוא מאלין אונ מאכן אים אונגליקליך · דער עשיר האט גיזוכט איין מענשין וואס ער זאל זיין בעקאנט מיט דעם גראף · אז ער זאל פון זיינט וועגין ממליץ זיין אבער ער האט קיין אנדרן ניט גיפונן אויסר זיין איידימס אפעטר וואס ער איז גיוועזן ביי דעם גראף זייער חשוב אונ צו אים האט ער גידארפט אין אזו איין עת צרה אן קומן · על כן האט ער צו אים גישיקט זיין איידים אז ער זאל אים בעטן דאס ער זאל גיין צום גראף אונ ממליץ זיין פר אים · דר יונגר מאן האט זיך ניט פיל גילאזן בעטן אונ איז באלד גיגאנגן צו זיין פעטר צו בעטן אים וועגין זיין שווער אז ער זאל מאכן איין שלום צווישן אים אונ צווישן דעם גראף אונ ער זאל דעם שררה מאכן אז זיין הערץ זאל ווייכר ווערן אנקעגן אים · אבר אלס דר יונגר מאן איז גיקומן צום פעטער אונ ער האט פר אים פארגעלייגט די משפטים וואס זיין שווער האט מיט דעם גראף אונ האט פר אים אויס דער ציילט דיא אלע

וְאֵינוֹ עוֹשֶׂה שְׂכַר הֲלִיכָה בְּיָדוֹ · עוֹשֶׂה וְאֵינוֹ הוֹלֵךְ שְׂכַר מַעֲשֶׂה בְּיָדוֹ · הוֹלֵךְ

חסדי

פענות פון זיין שווער קעגן דעם גראף · האט
דר פעטר אלס צו גיהערט די גאנצע צייט וואס
ער האט פר אים גירעט · אונ האט אים אלס
געקוקט אין זיין געזיכט אונ האט נאך איינע
ווילע פון אים זיינע אויגן ניט אפגיקערט
ביז ער האט גיענדיגט זיינע רייד · אלס ער
האט גיענדיגט צו רידן · האט אים דר פעטר
גיפרעגט וואס איז מיט דיר דר מער וואס דו
זעהסט אויס אזו שלעכט אין פנים דו ביסט
אזו בלאס · אונ דיא קנאכין פון דיינע באקן
טארצען ארויס אז עס איז גאר אשרעק אויף
דיר צו בליקן וואס ביסטו אזו אפ גיצערט
אונ אויס גימאגערט · אונ פר וואס גייסטו
אזו אפ געריסן · אונ דיינע שטיפל זיינן אויך
ניט גאנץ · דיין שווער איז דאך אגרויסר עשיר
וויא קען ער דאס פון דיר אזו צו זעהן · דער
יונגר מאן האט געשוויגן גלייך וויא ער האט
ניט גיהאט וואס דערויף צוא ענטפערין · נאר
איניגע לייט וואס זיי זיינן דר ביא גישטאנען
האבין גיענטפערט דאס איז נאר דריבר וויל
זיין שווער איז אגרויסער אכזר אונ ער
בעהאנדילט אים זייער שלעכט · אלס דער
פעטר האט עס דר הערט · אונ דא הערט ער
נאך אויך פון זיין איידים אז ער האט אים
געשיקט צו אים בעטן אז ער זאל פון זיינעט
וועגן זיין אשתדלן ביא דעם שררה וואס ער
וויל זיך אן אים נוקם זיין · איז ער דרויף זייער
אין כעס גיווארין אונ האט גיזאגט · נוא דא
וועט איר אלע זעהן וואס איך וועל אים טאן ·
ערשט וועל איך אים מאכן צוא אש אונ וועל
אים אויס קערן פון ווארצל · דר נמשל איז דר
קלערט אין דעם זעלביגין פסוק וואס ער
זאגט השמר לך פן יהיה דבר עם לבבך בליעל זאיי
דו עשיר געהיט אז דיין הערץ זאל ניט אויף
טראגן בייז געגן דעם ארומאן ורעה עינך באחיך
האביון ולא תתן לו אז דו וועסט בליקן מיט איין
בייזע אויג אויף דיין ברודער דעם אביון אונ
דו וועסט אים ניט געבין צום לעבין וקרא עליך
אל ה׳ · אז עס וועט אבר טרעפין דיר איין עת
צרה אונ דו וועסט אים בעטין אז ער זאל פון
דיינט וועגן מתפלל זיין · אונ ער וועט אנרופן

אבות

מיט ניין גיבעט צוא גאט ב״ה פון דיינט וועגן
אז ער זאל דיר העלפין והיה בך חטא וועט אין
דיר ווערין נאך אפעלער · דען אז גאט ב״ה
וועט זיך דער מאנן אויף דיא ליידין פון דעם
ארומאן מיט זיין שווערליכין לעבין · אונ דוא
האסט אנקעגין אים גימאכט דיין הערץ וויא
אשטיין אונ דוא ווילסט אים קיין שום טובה
ניט טאן · וועט זיך אויף דיר מערער שמאר[illegible]
דר מדת הדין · אונ וועט אין דיר אפעלר מאכן:

יז ארבע מדות בהולכי בית המדרש פיר ערלייא
נאטורן איז דא אונטר די לייט וואס דארפן
גיין אין בית המדרש צו הערן די דרשות פון
די חכמים · הולך דר וואס גייט אין בית המדרש
אונ ער הערט מוסר ואינו עושה אונ ער איז ניט
מקיים דאס וואס ער האט גיהערט · ניט מחמת
רשעות ח״ו · נאר וויל ער האט ניט בכח צו
מקיים זיין דען ער קען ניט בעצווינגען זיין יצר
הרע וואס ער שטערט אים צו לערנען תורה אונ
צו טאן אמצוה · שכר הליכה בידו דאך האט ער
שכר פר דעם וואס ער גייט אין בית המדרש
דען ער האט דאך לוסט צו הערען תורה אונ
מוסר · קען דאך זיין מיט דר צייט אז זיין צו
הערן וועט אמאל פארט מאכן איין רושם אין
זיין הערצן אונ ער וועט צווינגען דעם יצר הרע
אונ וועט מקיים זיין די מצות וויל דאס הערן
אונ דאס לערנען פון דר תורה ברייניגט דעם
מענשן צו מקיים זיין די מצות · עושה ואינו הולך
ער איז מקיים די מצות אונ ער לערינט תורה
ביא זיך אין דר היים · אונ ער גייט ניט אין
בית המדרש ער מיינט אז אים איז ניט נויטיג
צוא הערן דיא רייד פון די חכמים מיט זייער
מוסר · שכר מעשה בידו האט ער שכר פר דעם
וואס ער טוט די מצוה אונ פר דעם וואס ער
לערינט תורה · אבר ער פערלירט דאך דעם
שכר פון גיין אין ביהמ״ד · דען אז ער וואלט
גיגאנגן הערן פון די חכמים וואלט ער מעהר
גיקענט מקיים זיין מצוות אונ מעשים טובים
וויא דר פסוק זאגט הולך את חכמים יחכם דער
וואס גייט אום מיט חכמים ווערט ער נאך
מער קלוג · הולך ועושה אבר אזו אמענש וואס
ער גייט אין בית המדרש צו הערן תורה את

ועושה חסיד · לא הולך ולא עושה רשע: יח ארבע מדות ביושבים לפני חכמים ספוג ומשפך משמרת ונפה· ספוג שהוא סופג את הכל · ומשפך שמכניס בזו ומוציא בזו · משמרת שמוציאה את היין וקולטת את השמרים · ונפה

חסדי

מוסר פון דיא חכמים אונ ער איז אויך מקיים די תורה אונ מצות ביי זיך צו הויז חסיד דיזער איז באמת איין פרומר מאן · דען ער האלט זיך פאר קליין אונ ווייזט זיך אויס גלייך וויא ער דארף דיא מוסר אונ ער ווייס אליין גאר נישט נאר ער בעדארף אן קומן צו דיא חכמים וואס זיצן אין בית המדרש אונ צוא הערן פון זיי תורה אונ מוסר · לא הולך ולא עושה דר וואס גייט ניט אין בית המדרש צו הערין תורה אונ מוסר פון דיא חכמים · תאמשי ער זיים ביי זיך אז אים פעלט פערשטאנד אין דר תורה · אונ בייא זיך צו הויז לערינט ער אויך ניט אונ איז ניט מקים די מצות רשע דר איז איין רשע · דער מנורת המאור סימן רי"ד ברייננט פון מדרש תנחומא אמעשה פון איין חסיד וואס ער פלעגט שטענדיג זיצן נאר פר זיך איינר אליין אונ ער האט ביי זיך קיין שום ספר ניט גהאט אין וואס צו לערנן · נאר איין גמרא חגיגה אונ דיזע מסכתא הט ער גלערינט כל ימיו · ער האט איר פיל טויזענד מאל גחזרת ביז ער האט איר גוט גקענט אויסווייניג· בעת ער איז גשטארבן האט פון אים קיינער ניט גיוואוסט ווייל ער איז שטענדיג געזעסין ביי זיך אין חדר איינר אליין אונ הט גלערינט אין יענע נאכט וואס ער איז גישטארבען אונ קיין מענש האט עס גיוואוסט איז ארייין גיקומען אפרויא צו אים אין זיין חדר וואס ער האט גילערינט אונ האט אן גיהויבן איבר אים צו שרייען אונ צו וויינען · אונ האט אויף אים גיקלאגט אביטערע קלאג מיט אהויכן קול אונ מיט יאמערליכע זיפצען · ביז אלע פרויען פון יענער שכונה האבן דר הערט אונ האבין זיך אלע צו זאמן געקליבן אונ האבן געוויינט אלאנגע צייט ביז אלע לייט פון שטאט פון קליין ביז גרויס זיינן אלע גקומען אונ האבן מיט איר גקלאגט אונ גוויינט · אונ אלע האבן זיך מתעסק געוועזן אים צוא ברייטען זיינע קריבים אונ מען האט אים מיט גרויס כבוד

אבות

מקבר גיוועזן · אונ יענע פרויא האט נאך אלם גוויינט אונ גשריען מיט אגרויסן קול אונ זיא האט געזאגט צוא דעם עולם קלאגט אונ וויינט אויף דיזין חסיד · איר זאלט אים מספיד זיין אונ באשיינען זיין ארון וועט איר דר פר זוכה זיין צוא עולם הבא · ווייל דיזער מאן האט מיר אלע מאל גרויס כבוד גגעבן · דיא גאנצע צייט וואס ער האט געלעבט האט ער מיך ניט פערגעסין · האבן די ווייבר ביי איר גפרעגט ווער איז זיא דאס אזו אונ וויא הייסט איר נאמן · האט די פרויא געענטפערט איך הייס מיט מיין נאמן חגיגה · באלד נאך דיא קבורה פון דעם חסיד איז די פרויא פלוצלונג נעלם געווארן אונ מען האט איר מער ניט גזעהען · דענמאל האבן ערשט דאס גאנצע פאלק פאר שטאנען אז דאס איז גיוועזן איין מלאך דר שר פון דער מסכתא חגיגה איז געקומן אין דעם גישטאלט פון איינע אשה אים צוא בעוויינען אונ צו בעקלאגן : יח ארבע מדות ביושבים לפני חכמים פיר ערלייא נאטורן געפינען זיך צווישין די תלמידים וואס זיצן אין דר ישיבה פאר די חכמים וועלכע לערנען מיט זייא תורה · ספוג אשוואם · ומשפך אונ אטריכטר · משמרת אזייער ונפה אונ אזיפ · איז די משנה מפורש ספוג עס איז דא איין תלמיד וואס ער האט די נאטור פון אשוואם אגאמקע · שהוא סופג את הכל ער שוואמט אין זיך איין אלעס · כלומר וויא איין גאמקע נעמט אין איר איין אלערלייא משקים ריינע אונ מוטנע וואסר · ביטערע אונ זיסע · אונ ארויס געבין פון זיך קען זיא ניט אליין · נאר מען מוז דיא משקה פון איר גוט אויס קוועטשן · אונ ווען אפילו מען קוועטשט איר גיט זיא נאך אויך ניט ארויס אין גאנצן · אונ אפילו דאס וואס מען קוועטשט אויס פון איר האט אויך איין ווידער טעם דען עס שמעקט די משקה מיט גאמקע · אזו איז אויך דא איין תלמיד וואס ער איז אלם מקבל וואס ער הערט פון זיין רבי · אונ ער האט קיין שכל צו פאר

שטיין

שֶׁמּוֹצִיאָה אֶת הַקֶּמַח וְקוֹלֶטֶת אֶת הַסֹּלֶת: יט כָּל אַהֲבָה שֶׁהִיא תְלוּיָה בְדָבָר · בָּטֵל דָּבָר בְּטֵלָה אַהֲבָה · וְשֶׁאֵינָהּ תְּלוּיָה בְדָבָר · אֵינָהּ בְּטֵלָה לְעוֹלָם · אֵיזוֹ הִיא אַהֲבָה שֶׁהִיא תְלוּיָה בְדָבָר זוֹ אַהֲבַת אַמְנוֹן וְתָמָר · וְשֶׁאֵינָהּ תְּלוּיָה בְדָבָר

ח״ס די

שְׁטֵיין אוּנְטֶער שֵׁיידְן דִיא זַאכְן וָואס עֶר הָאט גִיהֶערְט וָועלְכֶע קֶענֶן זַיין רִיכְטִיג אוּנ וָועלְכֶע זַיינֶן נִיט רִיכְטִיג · אוּנ דֶער צוּ פֶעלְט אִים נָאךְ אוֹיךְ אַיין לְשׁוֹן לִמוּדִים · עֶר הָאט נִיט בְּכֹּחַ אַרוֹיס צוּ גֶעבְּן אַיין זַאךְ פַר אַיין אַנְדֶערִין · דֶען עֶר קֶען עֶס נִיט גֶעבְּן צוּא פַארְשְׁטֵיין דֶען עֶר הָאט קַיין דִבּוּר נִיט · נָאר אַז מֶען פְרֶעגְט אִים אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ אוּנ מֶען מַאטֶערְט אִים דֶען מָאל קְוֶועטְשְׁט מֶען פוּן אִים אוֹיס עֶטְוָוס פוּן דִי זַאכְן וָואס עֶר הָאט פוּן זַיין רַבִּי גִיהֶערְט · אוּנ דִי זַיינֶן אוֹיךְ זֵייעֶר מְבוּלְבָּל אוּנ אָן אַיין טַעַם · ומשפך אוּנ עֶס אִיז דָא אַיין תַּלְמִיד וָואס עֶר אִיז וִויא אַיין לֵייקֶע שמכנים בזו ומוציא בזו וָואס זִיא נֶעמְט אִין זִיךְ אַרַיין דִיא מַשְׁקֶה פוּן אַיין זַייט אוּנ גִיסְט עֶס אוֹיס פוּן דֶר אַנְדֶרֶע זַייט · אַזוֹא הָאט אוֹיךְ דִיזֶער תַּלְמִיד בְּכֹּחַ צוּא אִיבֶּר זָאגִין פַאר אַנְדֶרֶע לַייט דָאס וָואס עֶר הָאט פוּן זַיין רַבִּי מְקַבֵּל גִיוֶועזְן · אוּנ דָאס אִיז אַיין בֶּעוַוייז אַז עֶר הָאט עֶס רֶעכְט פֶערְשְׁטַאנֶן אוּנ עֶר הָאט אוֹיךְ אַיין כֹּחַ הַדִּבּוּר אַרוֹיס צוּ גֶעבְּן דִי זַאךְ פַר אַנְדֶרֶע לַייטְן · אָבֶּר זַיין שֵׂכֶל בֶּענֶעמְט נִיט צוּ אוּנְטֶערְשֵׁיידְן דִי עִנְיָנִים אוֹיבּ זֵיי זַיינֶן רִיכְטִיג אָדֶער נִיט · משמרת עֶס אִיז דָא אַיין תַּלְמִיד וָואס עֶר אִיז גְלַייךְ צוּא אַיין זַאיֶיער פוּן וַויין שמוציאה את היין וקולטת את השמרים עֶר זַייט פוּן זִיךְ אוֹיס דֶעם רֵיינֶעם וַויין · אוּנ דִי הֵוִיבְן דֶר הַאלְט עֶר אִין זִיךְ · אַזוֹ אוֹיךְ דֶר זֶעלְבִּיגֶר תַּלְמִיד אִיז מְקַבֵּל פוּן זַיין רַבִּי אַלֶע עִנְיָנִים דִי רִיכְטִיגֶע אוּנ דִיא פַאלְשֶׁע · נָאר זַיין שֵׂכֶל קֶען אוּנְטֶער זוּכְן אוּנ אוּנְטֶר שֵׁיידְן צְוִוישְׁן דִי וָואס זַיינֶען רֵיין אוּנ רִיכְטִיג אוּנ צְוִוישְׁן דִי וָואס זַיינֶען נִיט רִיכְטִיג אוּנ דְרוּם לֶערִינְט עֶר צוּ אַנְדֶרֶע לַייטְן נָאר דִי רֵיינֶע אוּנ רִיכְטִיגֶע זַאכְין · אָבֶּר דִיא פַאלְשֶׁע הַאלְט עֶר אַיין בַּיי זִיךְ אִין הֶערְצְן אוּנ עֶר גִיט עֶס נִיט אַרוֹיס פַר אַנְדֶרֶע לַייטְן · ונפה אוּנ עֶס אִיז דָא אַזוֹ אַיין תַּלְמִיד וָואס עֶר אִיז גְלַייךְ צוּ אַיין בַּייטִיל זִיפּ · שמוציאה את הקמח וקולטת את הסולת דֶר פִיטִיֶעל אָדֶער דֶר בַּייטִיל הָאט צְוַויי

אבות

עֶקִין דֶען עֶר אִיז וִויא אַיין אַרְבִּיל פוּן אַהֶעמְד דָאס אַיין זַייט וָואס צוּם מִיל שְׁטֵייט אִיז שִׁיטֶר גִיט עֶס אַרוֹיס דִי גְרָאבֶּע מֶעהְל אוּנ דִי אַנְדֶרֶע זַייט אִיז גֶעדִיכְט פוּן דֶעם אַנְדֶר עֶק דֶר הַאלְט זִיךְ דִיא פַיינֶע גֶעבֵּייטִילְטֶע מֶעהְל · אַזוֹא אִיז דֶער תַּלְמִיד וָואס עֶר הָאט אַיין קְרוּמֶן שֵׂכֶל · אוּנ גִיט אַרוֹיס פַר לַייטְן דִי מַעֲשִׂיוֹת מִיט דִיא מְשָׁלִים · אָבֶּר דִי אֵיידֶעלֶע עִנְיָנִים אוּנ דֶעם מוּסָר וָואס פוּן דִי מַעֲשִׂיוֹת מִיט דִיא מְשָׁלִים קוּמֶן אַרוֹיס · דָאס לָאזְט עֶר אִיבֶּער אוּנ זָאגְט עֶס נִיט אוֹיס פַאר לַייטְן: יט כל אהבה שהיא תלויה בדבר יֶעדֶע לִיבְּשַׁאפְט וָואס זִיא הֵיינְגְט אָפּ פוּן אַסִבָּה · בטל דבר בטלה אהבה אַז דִי סִבָּה הֶערְט אוֹיף דֶענְמָאל הֶערְט אוֹיךְ אוֹיף דִיא לִיבְּשַׁאפְט · ושאינה תלויה בדבר אוּנ דִי לִיבְּשַׁאפְט וָואס זִיא הֵיינְגְט נִיט אָפּ פוּן אַסִבָּה דֶען זִיא אִיז אַזוֹ אַלִיבְּשַׁאפְט וִויא עֶס טְרֶעפְט דֶם צְוַויי מֶענְשְׁן הָאבְּן לִיבּ אֵיינֶר דֶעם אַנְדֶערִין אוּנ זֵיי וֵויסְן נִיט וָוארוּם זֵיי הָאבִּין זִיךְ לִיבּ אינה בטלה לעולם אַזוֹ אַלִיבְּשַׁאפְט וָועט קַיין מָאל נִיט אוֹיף הֶערְן · אִיז דִי מִשְׁנָה מְפוֹרָשׁ איזו היא אהבת שהיא תלויה בדבר וָועלְכֶע אִיז דָאס אַזוֹ אַיין לִיבְּשַׁאפְט וָואס זִיא הֵיינְגְט אָפּ פוּן אַסִבָּה זו אהבת אמנון ותמר צוּם בַּיי שְׁפִּיל אַזוֹ אַלִיבְּשַׁאפְט וָואס אַמְנוֹן הָאט גֶעלִיבְּט דֶער תָּמָר זַיינֶע שְׁוֶועסְטֶער אוּם אִיר שֵׁיינְהַייט אוּנ וַוייל זִיא אִיז גִיוֶועזִין אַבְּתוּלָה · אוּנ בַּאלְד וִויא עֶר הָאט מִיט אִיר אוֹיסְגֶעפִיהְרְט זַיין תַּאֲוָה אִיז דִיא לִיבְּשַׁאפְט בָּטֵל גִיוָוארִין וִויא דֶר פָּסוּק זָאגְט נָאכְדֶעם וישנאה אמנון דָאס אַמְנוֹן הָאט אִיר פַיינְד גֶעקְרָאגְן · ושאינה תלויה בדבר אוּנ וָועלְכֶע לִיבְּשַׁאפְט אִיז דָאס וָואס הֵיינְגְט נִיט אָפּ פוּן אַסִבָּה צוּם בַּיי שְׁפִּיל זו אהבת דוד ויהונתן אַזוֹא אַלִיבְּשַׁאפְט וָואס אִיז גִיוֶועזִין צְוִוישֶׁען דָוִד מִיט יְהוֹנָתָן חָאטְשׁי יְהוֹנָתָן הָאט דָאךְ גִיוואוּסְט אַז זַיין מְלוּכָה וָועט בְּלַייבְּן בַּיי דָוִד דָאךְ הָאט יְהוֹנָתָן גֶעלִיבְּט דֶעם דָוִד אוּנ עֶר הָאט פִיל מָאל אַיינְגִישְׁטֶעלְט פַר אִים זַיין לֶעבִּין: כ כל

מחלוקת

זו אהבת דוד ויהונתן : כ כל מחלוקת שהיא לשם שמים סופה להתקים ושאינה לשם שמים אין סופה להתקים · איזו היא מחלוקת שהיא לשם שמים זו מחלוקת הלל ושמאי ושאינה לשם שמים זו מחלוקת קרח וכל עדתו : כא כל המזכה את הרבים אין חטא בא על ידו וכל המחטיא את הרבים אין מספיקין בידו לעשות

חסדי אבות

מחלוקת שהיא לשם שמים יעדע קריג וואס זיא איז פון וועגין דעם כבוד פון גאט ב"ה סופה להתקים מוז זיא ענדליך האבין אקיום אונ די מחלוקת בלייבט אויף אלע מאלי ווייל דא איז קיין שום משוא פנים פערהאנדן · ושאינה לשם שמים אונ די קריג וואס זיא איז ניט וועגן דעם כבוד פון גאט אין סופה להתקים וועט זיא ענדליך ניט האבן אקיום דען צו ליב אקליינע סבה מוז די מחלוקת אויפהערן · אדער ווען איניגע לייט פון דר מחלוקת וועלין דר קענן אז די לייט וואש האבין זיי גערייצט צו דער מחלוקת האבין איין פניה · וועלין זייא באלד אפשטיין פון דער קריג אונ וועלין זיך שעמן אונ חרטה האבן דערויף וואס זייא האבן זיך געמישט אין דעם קריג · איז די משנה מפרש צום ביי שפיל איזו היא מחלוקת שהיא לשם שמים וועלכע איז דאס איין מחלוקת וואס זיא איז פון וועגן דעם כבוד פון גאט זו מחלוקת הלל ושמאי דאס איז דיא מחלוקת וואס צווישין הלל אונ שמאי · דען זיי האבן געקריגט מיט איינאנדר נאר אין די דינים פון דר תורה בעת זיי האבן גילערינט אין בית המדרש אונ אז זיי זיינען צו זאמן גיוועזן ניט בשעת לערנן איז צווישין זייא גיוועזן שלום האבין זיך מיט איינאנדער בעהאנדילט מיט גרויס ליבשאפט אונ האבין איינר דעם אנדערן גרויס כבוד גיגעבן · דער פון זעהט מען אז זייער מחלוקת איז גיוועזין לשם שמים · ושאינה לשם שמים אונ די מחלוקת וואס זיא איז ניט וועגין דעם כבוד פון גאט דהיינו וועלכע איז דאס אזו · זו מחלוקת ק"ה וכל עדתו דאס איז דיא קריג וואס קרח מיט זיינע גאנצע קאמפאניע האבן געקריגט מיט משה ואהרן איבער דיא כהונה · הרב החכם ר' נפתלי פרעגט דא אקשיא פר וואס האט דא דר תנא ניט גיזאגט זו מחלוקת קרח ועדתו עם משה דאס איז די קריג וואס קרח אונ זיין קאמפאניע האבן געקריגט מיט משה · אזו וויא ער האט גזאגט פריהער ביי דיא מחלוקת וואס זיא איז לשם שמים דאס איז די קריג וואס הלל האט גקריגט מיט שמאי · אונ דעם תירוץ דרויף זאגט רבי נפתלי דאס דר תנא קומט אונז צוא זאגן איין סימן אויף איינע מחלוקת וואס זיא איז ניט לשם שמים דאס די לייט וואס קריגין זיך מיט דעם צד שכנגדו האט זיך יעדר מענש פון זיי אבעזונדערין טעם ווייל יעדערער מיינט זיין איינענע פניה · אונ אזו איז אויך די לייט פון דעם אנדערן צד האט זיך יעדערער פון זייא אבאזונדערן טעם מיט אבעזונדערע פניה נמצא קומט דאך אויס אז די לייט פון איין צד זיינען אויך איינער מיט דעם אנדערין ניט גאנץ אונ זיי זיינען מיט איינאנדר מחולק דרום זאגט דר תנא זו מחלוקת קרח וכל עדתו צו ווייזן אז ניט נאר מיט משה האט קרח געקריגט · דען אויך מיט זיינע אייגינע קאמפאניע וואס זיי האבן גיהאלטן פר אים איז ער אויך גיוועזן מחולק ווייל יעדער פון זיינע לייט האט זיך גיהאט זיין אייגינעם טעם מיט זיין אייגינע פניה פאר וואס ער קריגט אויף משה · דען יעדערער פון זיי האט זיך גהאלטין באזונדר פר איין הייליגן מאן · וויא זייא האבין גיזאגט כי כל העדה כלם קדושים די גאנצע עדה זיינען אלע הייליגע דרום זאגט ער זו מחלוקת קרח וכל עדתו · כלומר קרח מיט זיין גאנצע געמיינדע זיינען אויך גוועזן צו קריגט מיט איינאנדר יעדערער פר זיין מעלה אין די הייליגקייט : כא כל המזכה את הרבים דר וואס ער מאכט ריין פיל מענשין פון זייערע עברות דהיינו ער דער וועקט זיי אז זיי זאלין טאן תשובה אונ זיי זאלן מקים זיין די מצות פון דר תורה אין חטא בא על ידו וועט קיין שום זינד ניט ארויס קומן דורך אים · וכל המחטיא את הרבים אונ דר וואס ברייננגט פיל מענשן צו זינד · איז נאך ניט גענוג וואס מען וועט אים פון הימיל ניט אפ האלטין פון זינדיגין מערער · דען אפילו אין מספיקין בידו לעשות תשובה

תשובה׃ משה זכה וזכה את הרבים זכות הרבים תלוי בו שנאמר צדקת יי עשה ומשפטיו עם ישראל׃ ירבעם בן נבט חטא והחטיא את הרבים חטא הרבים תלוי בו שנאמר על חטאות ירבעם אשר חטא ואשר החטיא את ישראל׃ כב כל מי שיש בו שלשה דברים הללו הוא מתלמידיו של אברהם אבינו ושלשה דברים אחרים הוא מתלמידיו של בלעם הרשע׃ עין טובה ורוח נמוכה ונפש שפלה תלמידיו של אברהם אבינו׃ עין רעה ורוח גבוהה ונפש

חסדי אבות

מען האלט אים ניט אויס אין זיין האנד צוא טאן תשובה׃ כלומר מען העלפט אים ניט פון הימיל אז ער זאל טאן תשובה אויף דיא עבירות וואס ער האט ביז אהער גיטאן׃ נאר אז ער וויל אליין מיט זיין אייגנעם ווילן טאן תשובה גייט זיין תשובה אן׃ אבר פון הימל שטיצט מען אים ניט אז ער זאל קענן תשובה טאן׃ משה זכה וזכה את הרבים משה איז גיוועזן אליין אצדיק אונ ער האט אויך מזכה גיוועזן פיל לייט אז זיי זאלן טאן מצות זכות הרבים תלוי בו היינגט די גירעכטיקייט פון די פיל מענשן אויף אים שנאמר דען אזוא שטייט אין פסוק צדקת ה׳ עשה די גרעכטיקייט פון גאט האט ער גיטאן ומשפטיו עם ישראל וויל ער האט גלערנט זיינע משפטים פון דר תורה מיט דיא ישראל ירבעם בן נבט חטא ירבעם בן נבט האט אליין גיזינדיגט והחטיא את הרבים אונ ער האט אויך פיל לייט גימאכט זינדיגן חטא הרבים תלוי בו היינגט די זינד פון די פיל מענשן אויף אים׃ שנאמר דען אזוא שטייט אין פסוק על חטאת ירבעם אשר חטא ואשר החטיא את ישראל איבר די זינד פון ירבעם וואס ער האט אליין גזינדיגט אונ גימאכט די ישראל זינדיגן׃ כב כל מי שיש בו שלשה דברים הללו דר וואס ביי אים גיפינען זיך דיזע דרייא מדות הוא מתלמידיו של אברהם אבינו איז ער פון דיא תלמידים פון אברהם אבינו׃ ושלשה דברים אחרים אונ אויב ער האט אין זיך אנדרע דריי מדות וואס די משנה וועט עם חייטר מפרש זיין׃ הוא מתלמידיו של בלעם הרשע איז ער פון די תלמידים פון בלעם הרשע עין טובה דער וואס האט אגוטע אויג׃ כלומר איין גוטן בליק פון שכל צו פאר שטיין אז עס איז דא איין גאט׃ אונ צו גלויבן אין זיין שכר אונ עונש וואס ער באצאלט דעם מענשן נאך

זיין טויט תאטשי זיין שכל באנעמט עס ניט ורוח נמוכה אונ איין נידעריגין געמיט׃ כלומר די מדה פון ענוה וואס אמענש האלט זיך פר גישט׃ ונפש שפלה אונ איינע קליינע גלוסטיקייט כלומר ער גילוסט ניט צו גרויסע תענוגים פון עולם הזה תלמידיו של אברהם אבינו דיזע מדות האבין די תלמידים פון אברהם אבינו׃ דען אברהם אבינו ע״ה האט גיהאט אגוטע אויג מיט אריינעם שכל ער האט דער קלערט אז דיא וועלט האט אבורא וואס ער האט איר בעשאפן׃ אונ ער האט אויך מקים גיוועזן די מצות וועלכע זיין שכל האט אפילו ניט פאר שטאנען דעם טעם פון זיי׃ דאך האט ער זיי מקים גיוועזן מצד האמונה וייל ער האט גיגלויבט אין גאט׃ וויא דר פסוק האט אויף אים עדות גיזאגט והאמין בה׳ אברהם האט גיגלויבט אין גאט׃ אונ ער האט גיהאט איין נידריגן גימיט דען ער האט זיך גיהאלטן קליין וויא ער האט גיזאגט פאר הש״י ואנכי עפר ואפר איך בין נאר שטויב אונ אש׃ אונ אויך האט ער גיהאט איינע נפש שפלה׃ כלומר זיין תאוה איז גיוועזן קליין דען ער האט ניט גילוסט צו רייכקייט וויא ער האט גיזאגט צוא דעם מלך פון סדום הרמותי ידי אל ה׳ אם מחוט ועד שרוך נעל ואם אקח מכל אשר לך׃ איך האב אויף גיהויבן מיין האנד צו שווערן ביי גאט אויב איך וועל פון דיר נעמען פון אפדים ביז דעם באנד פון איין שוך אדער עטוואס וואס דיינע איז׃ עין רעה דר וואס האט איין בייזע אויג דהיינו ער וויל בליקן מיט זיין שכל צוא וייט וואס אונמיגליך איז צו גרייכין׃ אונ דאס וואס זיין שכל באנעמט ניט וויל ער ניט גלויבין׃ ורוח גבוהה אונ אהויכין געמיט כלומר גרויס גאוה ונפש רחבה אונ אברייטן ווילן׃ כלומר אגרויסע

רְחָבָה תַּלְמִידָיו שֶׁל בִּלְעָם הָרָשָׁע׳ מַה בֵּין תַּלְמִידָיו שֶׁל אַבְרָהָם אָבִינוּ לְתַלְמִידָיו שֶׁל בִּלְעָם הָרָשָׁע׳ תַּלְמִידָיו שֶׁל אַבְרָהָם אָבִינוּ אוֹכְלִין בָּעוֹלָם הַזֶּה וְנוֹחֲלִין הָעוֹלָם הַבָּא שֶׁנֶּאֱמַר לְהַנְחִיל אֹהֲבַי יֵשׁ וְאוֹצְרוֹתֵיהֶם אֲמַלֵּא׳ אֲבָל תַּלְמִידָיו שֶׁל בִּלְעָם הָרָשָׁע יוֹרְשִׁין גֵּיהִנֹּם וְיוֹרְדִין לִבְאֵר שַׁחַת שֶׁנֶּאֱמַר וְאַתָּה אֱלֹהִים תּוֹרִדֵם לִבְאֵר שַׁחַת אַנְשֵׁי דָמִים וּמִרְמָה לֹא יֶחֱצוּ יְמֵיהֶם וַאֲנִי אֶבְטַח בָּךְ׃ כג יְהוּדָה בֶּן תֵּימָא אוֹמֵר הֱוֵי עַז כַּנָּמֵר וְקַל כַּנֶּשֶׁר רָץ כַּצְּבִי וְגִבּוֹר כָּאֲרִי לַעֲשׂוֹת רְצוֹן אָבִיךָ שֶׁבַּשָּׁמָיִם׃ הוּא הָיָה אוֹמֵר עַז פָּנִים לְגֵיהִנֹּם וּבוֹשֶׁת פָּנִים לְגַן עֵדֶן׃ יְהִי רָצוֹן מִלְּפָנֶיךָ יְיָ אֱלֹהֵינוּ וֵאלֹהֵי אֲבוֹתֵינוּ שֶׁיִּבָּנֶה בֵּית הַמִּקְדָּשׁ

תַּאֲוָה צוּ דִי תַּעֲנוּגִים פוּן עוֹלָם הַזֶּה אוּנ צוּא רַייכְקַייט תלמידיו של בלעם הרשע דִיזֶע מִדּוֹת הָאבִּין דִיא תַּלְמִידִים פוּן בִּלְעָם הָרָשָׁע׳ דֶען בִּלְעָם הָאט גִיהַאט אַבֵּייזֶע אוֹיג׳ אוּנ הָאט גִיגֶעבִּן אַיין עֵצָה דֶעם בָּלָק אַז עֶר זָאל צוּ רַיידִן דִי טֶעכְטֶר פוּן מוֹאָב זַיי זָאלִין מִיט דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶר כַּוָּנָה זַיין אוּנ הָאט מִיט זַיין קְרוּמֶן שֵׂכֶל נִיט גִיזֶעהֶען אַז עֶר וֶועט פַאר דֶעם מֶער בֶּאשְׁטְרָאפְט וֶוערִן פַאר זַייא מֵחֲמַת זַיין בֵּייזֶע עֵצָה׳ אוּנ עֶר הָאט אוֹיךְ גִיהַאט אַרוּחַ גְבוֹהָה׳ דָאס הֵייסְט אַבַּעַל גַאֲוָה׳ דֶען עֶר הָאט גְזָאגְט צוּ דִי שָׂרִים פוּן מוֹאָב וָואס בָּלָק הָאט צוּ אִים גִשִׁיקְט מאן ה׳ לתתי להלוך עמכם׳ גָאט ווִיל מִיךְ נִיט לָאזִן צוּ גֵיין מִיט אַייךְ׳ כְּלוֹמַר מִיט אַזֶעלְכֶע נִידְרִיגֶע לַייט ווִיא אִיר זַייט׳ אוּנ עֶר הָאט פַּר זַיי נִיט גִיזָאגְט ווִיא דֶר אֱמֶת אִיז אַז גָאט ווִיל נִיט אִיךְ זָאל גֵיין פְלוּכִין דִיא יִשְׂרָאֵל׳ אוּנ עֶר הָאט אוֹיךְ גֶעהַאט אַיין נֶפֶשׁ רְחָבָה עֶר אִיז גֶעוועזִן אַגְרוֹיסֶר בַּעַל תַּאֲוָה דֶען עֶר הָאט גְהַאט לוּסְט צוּ רַייכְקַייט דֶען עֶר הָאט גְזָאגְט אם יתן לי בלק מלא ביתו כסף וזהב אִיז אִים אִין גְדַאנְקֶען גְלֶעגִן נָאר גֶעלְט אוּנ רַייכְקַייט׳ מה בין תלמידיו של אברהם אבינו וָואס אִיז דֶער אוּנְטֶערְשֵׁייד צְווִישִׁן דִי תַּלְמִידִים פוּן אַבְרָהָם אָבִינוּ לתלמידיו של בלעם הרשע צוּ דִי תַּלְמִידִים פוּן בִּלְעָם הָרָשָׁע תלמידיו של אברהם אבינו אוכלין בעולם הזה דִיא תַּלְמִידִים פוּן אַבְרָהָם אָבִינוּ ווַייל זַיי הָאבִּן אִין זִיךְ דִי דְרַייא גוּטֶע מִדּוֹת גֶעגִיבִן זַיי גוּץ אוֹיף דִיזֶע וֶועלְט ווַייל מִיט זַייעֶר גוּטֶע אוֹיג פַאר טְרוֹיעֶן זַיי אִין גָאט אוּנ זַיינֶן קֵיינֶעם נִיט מְקַנֵּא אוּנ ווַייל זַיי זַיינֶן בַּייא זִיךְ קְלֵיין יָאגְן זַיי זִיךְ נִיט נָאךְ כָּבוֹד אוּנ קְרִיגְן זִיךְ מִיט קֵיינֶעם נִיט

אוּנ ווַייל זַיי הָאבִּן נִיט קֵיין תַּאֲוָה יָאגְן זַיי זִיךְ נִיט נָאךְ מוֹתָרוֹת אוּנ זַיי זָארְגְן נִיט וֶועגְין דִי תַּעֲנוּגִים פוּן עוֹלָם הַזֶּה דֶען זַיי זַיינֶען צוּ פְרִידְן מִיט דֶעם וָואס זַיי הָאבִּן׳ אוּנ דָאס אִיז זַייעֶר גֶעזוּנְט פַר אַמֶענְשִׁין ונוחלין העולם הבא אוּנ זַיי אַרְבִּן נָאךְ דֶר פַר אוֹיךְ יֶענֶע וֶועלְט שנאמר דֶען עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק להנחיל אוהבי יש צוּ מַאכִן אַרְבִּן מַיינֶע לִיבּ הָאבֶּר דִי אֵייבִּיקַייט ואוצרותיהם אמלא אוּנ זַייעֶרֶע אוֹצְרוֹת וָואס זַיי הָאבִּן אוֹיף דֶער וֶועלְט פֶערְזַאמִילְט מִיט זַייעֶרֶע מַעֲשִׂים טוֹבִים וֶועל אִיךְ דֶער פִילְן בָּעוֹלָם הַבָּא׳ אבל תלמידיו של בלעם הרשע אָבֶּער דִי תַּלְמִידִים פוּן בִּלְעָם הָרָשָׁע יורשין גיהנם יַרְשֶׁנֶן דֶעם גֵיהִנָּם פַר זַייעֶרֶע רִשְׁעוֹת ויורדין לבאר שחת אוּנ אִיבֶּער זַייעֶרֶע פַרְדָארְבִּינֶע מִדּוֹת נִידֶערִן זַיי אִין קֶבֶר פַר דֶר צַייט שנאמר ווִיא אִין פָּסוּק שְׁטֵייט ואתה אלהים תורידם לבאר שחת דוּ גָאט וֶועסְט זַיי מַאכִן נִידֶערִן אִין דֶר גְרוּבּ פוּן דֶר פֶערְדַארְבּוּנְג אנשי דמים ומרמה לא יחצו ימיהם דִיא לַייט פוּן בְּלוּט שׁוּלְד אוּנ פוּן פַאלְשְׁקַייט וֶועלְן נִיט אוֹיס לֶעבִּן דִי הֶעלְפְט פוּן זַייעֶרֶע יָארִן ואני אבטח בך אָבֶּר אִיךְ פֶערְזִיכֶער מִיךְ אִין דִיר הַשׁ״י אַז דוּ וֶועסְט מִיר הֶעלְפִין׃ כג יהודה בן תימא אומר יְהוּדָה בֶּן תֵּימָא זָאגְט הוי עז כנמר דוּ זָאלְסְט זַיין שְׁטַארְק ווִיא אַיין טִיגֶער וקל כנשר אוּנ גֶעשְׁווִינְד ווִיא אַיין אָדְלֶער רץ כצבי דוּ זָאלְסְט לוֹיפִן ווִיא אַיין הִירְשׁ וגבור כארי אוּנ דוּ זָאלְסְט זַיין אַיין הֶעלְד ווִיא אַיין לֵייבּ לעשות רצון אביך שבשמים צוּ טָאן דֶעם ווִילְן פוּן דַיין פָאטֶער וָואס אִין הִימִיל׳ הוא היה אומר דֶער זֶעלְבִּיגֶר תַּנָּא אִיז גֶעוואוֹנְט גִיוֶועזִן צוּ זָאגִן עז פנים לגיהנם ובוש פנים לגן עדן עֶס אִיז גְווִיס דָאס אַיין עַז פָּנִים אִיז אַן גְבַּרַייט

צו

בִּמְהֵרָה בְיָמֵינוּ וְתֵן חֶלְקֵנוּ בְּתוֹרָתֶךָ: כד הוּא הָיָה אוֹמֵר בֶּן חָמֵשׁ שָׁנִים לַמִּקְרָא בֶּן עֶשֶׂר שָׁנִים לַמִּשְׁנָה בֶּן שְׁלֹשׁ עֶשְׂרֵה לַמִּצְוֹת בֶּן חֲמֵשׁ עֶשְׂרֵה לַגְּמָרָא בֶּן שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה לַחֻפָּה בֶּן עֶשְׂרִים לִרְדּוֹף בֶּן שְׁלֹשִׁים לַכֹּחַ בֶּן אַרְבָּעִים לַבִּינָה בֶּן חֲמִשִּׁים לָעֵצָה בֶּן שִׁשִּׁים לְזִקְנָה בֶּן שִׁבְעִים לְשֵׂיבָה בֶּן שְׁמוֹנִים לִגְבוּרָה בֶּן תִּשְׁעִים לָשׁוּחַ בֶּן מֵאָה כְּאִלּוּ מֵת וְעָבַר וּבָטֵל מִן הָעוֹלָם: כה בֶּן בַּג בַּג אוֹמֵר הֲפָךְ:

צו האבן גיהנם אונ איין שעמעדיגער פנים איז אן גיברייט צוא האבן גן עדן דרום בעטן מיר יהי רצון מלפניך ה' אלהינו ואלהי אבותינו דאס עס זאל זיין דר ווילן פון דיר גאט אונזער הער אונ דר הער פון אונזרע עלטערין שיבנה בית המקדש במהרה בימינו אז דער בית המקדש זאל געבויט ווערן באלד אין אונזרע צייטן ותן חלקנו בתורתך אונ דו זאלסט געבן דאס אונזער חלק פון דיא שלעכטע מדות זאלן מיר בנוצן אין דיין תורה דען וויא די מדה פון עזות פנים איז דאך איין מדה רעה אבער צו דר תורה איז דווקא גוט צו האבן עזות · וויא דער תנא האט געזאגט ולא הבישן למד אז דער וואס האט אין זיך די מדה פון בושה דר קען ניט לערנן · ווייל ער שעמט זיך צו פרעגין דא וואו ער ווייס ניט : כד הוא היה אומר ער פלעגט זאגין בן חמש שנים למקרא אז אקינד וואס ער איז פינף יאר אלט זאל מען אים גוואונען צו לייענן עברית דהיינו מען זאל אים לערנן די אותיות מיט די נקודות אונ וויא זיי ווערן ריכטיג אויס גשפראכן · בן עשר שנים למשנה אז ער ווערט אלט צעהען יאר זאל מען מיט אים לערנען משניות · בן שלש עשרה למצות אז ער איז דרייצן יאר אלט זאל מען אים לערנען צוא טאן מצות דהיינו ער זאל לייגען תפילין · ער זאל זיין עולה לתורה · מען זאל אים מצטרף זיין צו בענשן נאך דעם עסן מיט איין מזומן · אונ מצטרף זיין אים. צו אמנין פון צעהן מענשין אום צו זאגין קדיש · ברכו אונ קדושה · בן חמש עשרה אז ער ווערט אלט פופצן יאר לגמרא איז ער ראוי אז מען זאל מיט איהם לערנן גמרא · בן שמונה עשרה לחפה אז ער ווערט אלט אכצן יאר איז דער פאטער מחויב אריין ברייננגען זיין זון לחפה אונ ער מוז אים מאכין התונה · בן עשרים לרדוף אז ער ווערט אלט צוואנציג יאר דענמאל יאגט ער זיך צוא זוכין פרנסה · אונ מען קען אויך זאגין דעם פשט אז

דענמאל איז רעכט ער זאל זיך יאגין צוא טאן מצות · בן שלשים לכח אז ער איז דרייסיג יאר אלט דענמאל איז ער פאלקאמן אין קראפט אונ ער מוז זיך שטארקן צו אויף האלטן זיינע תאוות אונ איין נעמן דעם יצר הרע · בן ארבעים לבינה אז ער איז אלט פערציג יאר איז ער פאלקאמן אין פערשטאנד אונ ער בעדארף זיך מתבונן זיין אז ער האט אפ געלעבט מער וויא די העלפט פון זיינע יארן אונ זאל זעהן שטארקן זיך צו דינען השי"ת · בן חמשים לעצה אז ער איז אלט פופציג יאר איז ער ראוי צו געבן לייטין עצות דרום איז רעכט אז ער זאל דענמאל זיך משתדל זיין צו בעקערן די לייט צו דר דינסט פון גאט ב"ה אונ צו לערנן זיי דעם דרך התורה והמצוה · בן ששים לזקנה אז ער איז אלט זעכציג יאר ווערט ער שוין אן גירופן מיט דעם נאמען זקן אונ ער בעדארף שוין האבן די חכמה זאל ביי אים זיין לאנג איין געקויפט אונ ער זאל לערנן די תורה מיט מער ישוב הדעת וויא די גמרא זאגט זקני תלמידי חכמים דעתן מתישבת עליהם · תלמידי חכמים אז זייא ווערען זקנים ווערט זייער דעת ביי זיי מעהר איין געזעצט אין הערצן · בן שבעים לשיבה אז ער איז אלט זיבעציג יאר דענמאל איז ער גרייז אונ ער בעדארף דאנקען השי"ת וואס ער האט זוכה געוועזן אז דיא לייט זאלן אים געבן כבוד אונ אופשטיין פאר אים · בן שמונים לגבורה אז ער איז געווארין אלט אכציג יאר האט ער זוכה געוועזן צו גבורה ווייל די כוחות הנפש האבן זיך געשטארקט איבער די כחות הגוף אונ דער יצר הרע איז שוין ביי אים גפאנגן געווארן · איז אים שוין גרינג צו מקיים זיין די מצות פון דר תורה · בן תשעים לשוח אז ער איז אלט נייצניג יאר דענמאל איז ער ראוי צו ריידן תפלות אונ תחנונים צו השי"י ווייל צו טאן מצות איז ער צו שוואך · בן מאה כאלו מת ועבר ובטל מן העולם

בָּהּ וַהֲפָךְ בָּהּ דְּכֹלָּא בָהּ וּבָהּ תֶּחֱזֵי וְסִיב וּבְלֵה בָהּ וּמִנָּהּ לָא תָזוּעַ שֶׁאֵין לְךָ מִדָּה טוֹבָה הֵימֶנָּה: ט בֶּן הֵא הֵא אוֹמֵר לְפוּם צַעֲרָא אַגְרָא: רבי חנניא וכו׳

חסדי

אז ער איז הונדערט יאר אלט דענמאל איז ער גליך וויא געשטארבן אונ איבער געגאנגן דעם גרויסן ים פון דר וועלט · אונ ער איז שוין פון די וועלטליכע תענוגים בטל · דרום בעדארף זיך דער מענש משתדל זיין צו טאן תשובה איידר ער גרייכט צוא אהוכע עלטער · בעת זיינע קרעפטן זיינן נאך שטארק וויא דר פסוק זאגט אשרי איש ירא ה׳ וואול איז צוא דיזן וואס ער האט פארכט פר גאט אונ ער טוט תשובה בעת ער איז נאך אמענש אונ ער איז נאך שטארק מיט אלע זיינע קרעפטן:

בה בן בג בג אומר בן בג בג זאגט הפך בה והפך בה בעשעפטיג זיך אין איר אונ בעשעפטיג זיך ווידר אין איר · כלומר דו זאלסט זיך אימער בעשעפטיגן אין דער תורה דכלא בה ווייל אין איר איז אלעס דא · וסיב ובלה בה אונ דו זאלסט ווערן גרייז אונ עלטערין זיך מיט איר · מיט דער תורה · ומנה לא תזוע אונ פון איר זאלסט דו ניט וויכן שאין לך מדה טובה הימנה דען דוא בעקומסט ניט אבעסערע מאס פאר איר צוא מעסטין די טובות אונ די גליקן פון עוה״ז אונ פון עוה״ב: כו בן הא הא אומר בן הא הא זאגט לפום צערא נאך דעם צער וואס אמענש ליידט מקיים צו זיין די תורה מיט די מצות אגרא אזו פיל שכר נעמט ער פון גאט ב״ה בעוה״ב · דהיינו אמענטש וואס ער איז אגרויסער בעל תאוה אונ ער איז זיך מתגבר אונ ער האלט איין זיין תאוה אונ ער בעצווינגט זיין יצר הרע דעם גיט הש״י מער שכר אלס דעם צדיק וואס ער איז איין קדוש מבטן · וואס ער איז אצדיק פון דר צייט אן וואס ער איז גיבארין גיווארין אונ ער האט קיין מאל ניט געפרובט האלטין מלחמה מיט דער יצר הרע · דר דובנער מגיד שרייבט אז מען זאל דאך ניט מיינען פון דעסט וועגן אז דר צדיק וואס ער דינט הש״י אונ איז מקיים די מצות מיט· גרויס שמחה בעקומט חלילה ווייניג שכר · ווייל אים קומט אן דיא מעשה המצות אן צער נאך אדרבה ער פרייט זיך מיט דר מצוה דס איז אזאך וואס דר שכל

אבות

איז ניט מחייב על פי משל · אגרויסער שררה האט אמאל געזוכט איין איש נאמן צוא זעצין אים פר אפקיד אויף זיינע פיל גיטער ער זאל זיין אמשגיח אויף אלס וואס ער האט אין זיינע פולווארקעס אונ איבער זיינע פעלדער איבר די מענשן אונ איבר די תבואות אויך אויף זיינע בהמות מיט דיא עופות · דער שר איז אליין ארום גיפארין איבר די דערפער צו זוכין אזוי אמענשין · ער איז גיקומען צו איינעם דארפס מאן אונ האט אים גיהייסין גרייטין אטיש מיט אלערליי מאכלים אונ מיט אלערליי משקאות וויא גיהעריג איז · דער דארפסמאן האט אלס ערפילט וויא דר שר האט אים באפולן אונ דר שר האט גיגעסן אונ גיטרונקן אונ ער איז גיוועזן זייער צו פרידן · צו מארגן האט דר שר גיפרעגט דעם דארפסמאן וויפל אים קומט · האט אים דר דארפסמאן גימאכט ארעכנונג פון איטליכען מין באזונדער · פאר עופות קומט אים אזו פיל · פר רינדער פלייש אזו פיל · פר פוטער פר מילך · פר ווין אונ פר ביער פר שנאפס אונ פר אייער · אונ האט אים יעדע זאך גירעכינט טייער · דען ער האט גיזאגט אז די אלע זאכן האט ער ניט אייגענע נאר ער מוז דאס אלעס אליין קויפן פון מארק אונ דאס קאסט אים גוט געלד · דר שר האט אים באצאלט נאך דעם חשבון וויא ער האט אים געוויזן אונ איז זיך אוועק גיפארין · צו נאכט האט ער איינגיקערט צו איין אנדערין ישובניק נאכט לאגער צו האלטין אונ האט אים אויך גיהייסין מאכין פר אים אטיש מיט אלערליי מאכלים ומשקאות · דר ישובניק האט פר אים גימאכט אטיש אונ דר שררה מיט זיינע מענשן האבן גיגעסן אונ געטרונקן מיט גרוס פערגעניגען צו מארגן פרעגט אים דר שררה ער זאל אים געבן ארעכנונג וויפיל אים קומט · האט דר ישובניק גיענטפערט וואס קען איך ביא דיר מיין הער בעטין · אז איך וויים אליין ניט וויא איך זאל עס רעכענען · דען איך האב קיין געלד דרויף ניט אויס גגעבן

גזוגל

שָׁנוּ חֲכָמִים בִּלְשׁוֹן הַמִּשְׁנָה בָּרוּךְ שֶׁבָּחַר בָּהֶם וּבְמִשְׁנָתָם: א רַבִּי מֵאִיר אוֹמֵר

חסדי אבות

זַייל אִיךְ הָאבּ דָאס אַלְץ אֵייגֶענֶע אוּנ פוּן מַארְק גַדאַרְף אִיךְ קֵיין זַאךְ נִישְׁט קוֹיפְן · אַלְס דֶר שְׂרָרָה הָאט עֶס גֶהֶערְט הָאט עֶר זִיךְ זֵייעֶר גִיפְרַייט אוּנ הָאט צוּא אִים גִיזָאגְט זַאיי וִויסִין אַז דוּא בִּיסְט מִיר גִיפֶעלְן אוּנ אִיךְ וִויל דִיךְ אוֹיפְנֶעמֶען פַר אַפָּקִיד אִיבֶּר אַלֶע מַיינֶע גִיטֶער אוּנ אִיבֶּר אַלֶע מַיינֶע פֶערְמֶעגְן · דֶען דוּ וַוייזְט מִיר אוֹיס פַר אֵיין פְלַייסִיגֶען מֶענְשְׁן אוּנ דוּא זַוייכְט גוּט דִי תַהֲלוּכוֹת פוּן לַאנְדְגִישֶׁעפְט אוּנ אַזוֹ אַמֶענְשׁ וִויא דוּ הָאבּ אִיךְ גִיזוּכְט · דֶר נָאךְ הָאט זִיךְ דָר שַׂר מְיַשֵּׁב גִיוֶועזְן אוּנ טְרַאכְט בַּיי זִיךְ זֶעלְבְּסְט · צִי בַּאשֶׁר דִיזֶער מַאן הָאט מִיךְ גִיטְרַאקְטִירְט מִיט זַיינֶע אֵייגִינֶע גוּטְץ וָואס עֶר הָאט נִיט גִיקוֹפְט · דְרִיבֶּער זָאל אִיךְ אִים פַּר דֶעם נִיט בַּאצָאלִין · אִין גֶעגֶענְטְהֵייל אִיךְ בִּין דָאךְ פוּן דֶעם מֶער צוּא פְרִידֶעגֶער וִויא פוּן דֶעם עֶרְשְׁטִין · דֶען עֶר הָאט דָאךְ דָאס אַלְץ אַלֵיין פֶערְשַׁאפְט מִיט זַיין יְגִיעָה אוּנ אַזוֹא אַמֶענְשׁ אִיז דָאךְ מִיר צוּם הֶערְצְן אוּנ הָאטְשִׁי אִיךְ קֶען נִיט מְשַׁעֵר זַיין דֶעם חֶשְׁבּוֹן וִויפִיל אִים קוּמְט וַוייל אִים קָאסְט עֶס קֵיין גֶעלְד נִיט · אָבֶּער דָאךְ דַארְף אִיךְ אִיהְם נִיט וֵוינִיגֶער בַּאצָאלְן וִויא אִיךְ הָאבּ בַּצָאלְט דֶעם עֶרְשְׁטְן · דָעדְלִיג נָאךְ יֶענֶעמְס הוֹצָאוֹת וִויא אִים הָאט גִיקָאסְט · דֶר שַׂר הָאט גִיטְרַאכְט גִירֶעט אוּנ הָאט אִים אוֹיךְ בַּאצָאלְט פוּנְקְט וִויא דֶעם עֶרְשְׁטְן · דֶר נִמְשָׁל אִיז חָאטְשִׁי דֶער מֶענְטְשׁ וָואס עֶר בַּאצְווִינְגְט דֶעם יֵצֶר הָרָע אִיז וֶוערְט אַז מֶען זָאל אִים גֶעבִּין אַגְרוֹיסִין שָׂכָר וַוייל יֶעדֶע מִצְוָה קָאסְט אִים זֵייעֶר פִיל גִיזוּנְד וָואס עֶר מוּז זִיךְ אַלֶע מָאל רַאנְגְלֶען מִיט דֶעם יֵצֶר הָרָע אוּנ גוֹבֵר זַיין דִי תַּאֲוֹת וָואס דָאס קוּמְט אִים אָן מִיט פִיל צַעַר אוּנ יְסוּרִים · בַּאדַארְף דְרִיבֶּר זַיין זַיין שְׂכַר זֵייעֶר פִיל וִויא דֶער תַּנָּא זָאגְט · לפום צערא אגרא אָבֶּר דֶער חָסִיד וָואס עֶר אִיז אַיין קָדוֹשׁ כְּבֶטֶן וָואס פוּן זַיין גִיבָּארֶענְהַייט אָן הָאט עֶר לוּסְט אוּנ פְרֵייד צוּ טָאן דִיא מִצְוֹת פוּן גָאט ב"ה וִויא בַּאלְד אַז דָאס אִיז בַּיי אִים כִּמְעַט אַיין נַאטִירְלִיכֶע זַאךְ בֶּעוַוייזְט דָאךְ דִי רֶעכְט אַז אִים זָאל מֶען גֶעבִּן וֵוינִיגֶער שָׂכָר · אָבֶער אַז מִיר זָאלִין גוּט בַּאטְרַאכְטְן אִיז דָאךְ פָארְט בַּייא הַשּׁ"י מֶער אָנְגִינוּמֶען דִיא מַעֲשֵׂה הַמִּצְוֹת פוּן דֶעם חָסִיד וָואס זַיין נֶפֶשׁ אִיז גוּט בְּעֶצֶם · אַלְס דִי מַעֲשֵׂה הַמִּצְוֹת וָואס דֶער מֶענְשׁ טוּט מִיט נוֹיט אוּנ מִיט גְרוֹיס יְגִיעָה וָואס עֶר בֶּעדַארְף הַאלְטִין מִלְחָמָה מִיט זַיינֶע תַּאֲוֹת דְרוּם שַׁאצְט הַשּׁ"י דֶעם שְׂכַר פוּן דֶעם חָסִיד לְכָל הַפָּחוֹת גְלַייךְ מִיט דֶעם שְׂכַר פוּן דֶעם וָואס בַּאצְווִינְגְט זַיין יצה"ר · דֶען חָאטְשִׁי עֶר הָאט קֵיין יְגִיעָה גִיהַאט בַּייא דִיא עֲבוֹדָה פוּן גָאט ב"ה דָאךְ בַּאדַארְף מֶען אִים נִיט גֶעבִּין וֵוינִיגֶער שְׂכַר פַאר דֶעם וָואס דִינְט גָאט מִיט יְגִיעָה אוּנ מִיט גְרוֹיס צַעַר:

שנו חכמים בלשון המשנה **דִי חֲכָמִים רַבִּי חִיָא אוּנ רַבִּי אוֹשִׁיעָא** וָואס זֵיי הָאבְּן מְסַדֵר גִיוֶועזְן דִי בָּרַייתוֹת הָאבְּן דִיזֶע בָּרַייתָא גִילֶערְנְט מִיט דֶעם לְשׁוֹן פוּן מִשְׁנַיוֹת אוּנ נִיט מִיט דֶעם לְשׁוֹן פוּן תַּלְמוּד בַּבְלִי · נָאר מִיט דֶעם לְשׁוֹן פוּן מִשְׁנֶה וָואס דָאס אִיז רַיין לְשׁוֹן קֹדֶשׁ וַוייל דִיזֶע בָּרַייתָא רֶעט וֶועגְן דִיא מַעֲלוֹת פוּן דֶער תּוֹרָה אוּנ דִי מַעֲלוֹת פוּן דִי לַייט וָואס לֶערְנֶען דִי תּוֹרָה · ברוך שבחר בהם ובמשנתם גִילוֹיבְּט אִיז הַשּׁ"י וָואס עֶר הָאט אוֹיס דֶר וַוייְלְט אִין דִיא חֲכָמִים אוּנ אִין זֵייעֶר לֶערְנוּנְג · וַוייל דִי חֲכָמִים וָואס הָאבִּין גִימַאכְט דִיא בָּרַייתָא הָאבִּין גִירֶעט זֵייעֶרֶע רֵייד מִיט רוּחַ הַקֹּדֶשׁ וָואס דָס אִיז נָאהֶענְט צוּא דֶער מַעֲלָה פוּן נְבוּאָה דְרוּם זָאגְט עֶר דָא אֵיידֶר דֶר פֶּרֶק פַאנְגְט זִיךְ אָן צוּ לֶערְנֶען אַקוּרְצֶע בְּרָכָה · אַזוֹא וִויא מֶען זָאגְט אַבְּרָכָה אֵיידֶער מֶען לֵייעֶנְט דִיא הַפְטָרָה פוּן נְבִיאִים אשר בחר בנביאים טובים ורצה בדבריהם דְהַיְינוּ מֶען גִיט אַיין לוֹיבּ צוּ גָאט ב"ה וָואס עֶר הָאט אוֹיס עֶרְוֵוייְלְט אִין דִי גוּטֶע נְבִיאִים אוּנ עֶר הָאט אַיינְגֶעווילִיגְט אִין זֵייעֶרֶע רֵייד · אַזוֹא בֶּעדַארְף אוֹיךְ דֶער וָואס לֶערִינְט דִיזֶע בָּרַייתָא גֶעבִּין צוּא גָאט אַיין שֶׁבַח אוּנ זָאגִין ברוך שבחר בהם ובמשנתם גְלוֹיבְּט אִיז גָאט וָואס עֶר הָאט אוֹיס עֶרְוֵוייְלְט אִין זֵיי אוּנ אִין זֵייעֶר לֶערְנוּנְג: א רבי מאיר אומר רַבִּי מֵאִיר זָאגְט כל העוסק בתורה לשמה דֶער מֶענְטְשׁ וָואס בַּאשֶׁעפְטִיגְט זִיךְ מִיט דֶר תּוֹרָה פוּן גָאטְס וֶועגְן

כלומר

כָּל הָעוֹסֵק בַּתּוֹרָה לִשְׁמָהּ זוֹכֶה לִדְבָרִים הַרְבֵּה · וְלֹא עוֹד אֶלָּא שֶׁכָּל הָעוֹלָם כֻּלּוֹ כְּדַאי הוּא לוֹ נִקְרָא רֵעַ אָהוּב אוֹהֵב אֶת הַמָּקוֹם אוֹהֵב אֶת הַבְּרִיּוֹת מְשַׂמֵּחַ אֶת הַמָּקוֹם מְשַׂמֵּחַ אֶת הַבְּרִיּוֹת וּמַלְבַּשְׁתּוֹ עֲנָוָה וְיִרְאָה וּמַכְשַׁרְתּוֹ

חסדי

כְּלוֹמַר עֶר הָאט קֵיין אַנְדֶערֶע פְּנִיָּה · נָאר זַיין מֵיין אִיז צוּ טָאן דָעם רָצוֹן פוּן גָאט ב״ה וָואס עֶר הָאט גִיהֵייסְן אַז מֶען זָאל עוֹסֵק זַיין אִין דֶר תּוֹרָה · זוכה לדברים הרבה אִיז עֶר זוֹכֶה צוּ פִיל זַאכְן · וַוייל אַלֶע זַאכְן וָואס אוֹיפְן הִימִיל אוּנ אוֹיף דֶר עֶרְד הָאבְּן אַיין הִתְקַשְּׁרוּת מִיט דֶער תּוֹרָה · וְויא דִי חֲכָמִים הָאבְּן גִיזָאגְט אוֹיף דֶעם פָּסוּק בראשית ברא אלהים את השמים ואת הארץ בשביל התורה שנקראת ראשית צוּ לִיבּ דֶער תּוֹרָה וָואס זִיא הֵייסְט רֵאשִׁית הָאט הש״י בַּאשַׁאפְן דִי הִימְל מִיט דֶר עֶרְד אוּנ בְּעֵת קַבָּלַת הַתּוֹרָה הָאבְּן דִי יִשְׂרָאֵל גִיזָאגְט נעשה ונשמע מִיר וֶועלְן טָאן אוּנ מִיר וֶועלְן צוּ הֶערְן הָאבְּן זַיי גְמֵיינְט נעשה מִיר וֶועלְן טָאן דִי מִצְוֹת וָואס מִיר פַאר שְׁטֵייעֶן מִיט אוּנְזֶר שֵׂכֶל דְהַיְינוּ צוּ גֶעבְּן צְדָקָה אוּנ שְׁטִיצְן אַיין גִיפַאלֶענֶעם בַּעַל הַבַּיִת וָואס מֶען פַאר שְׁטֵייט מִיט דֶעם שֵׂכֶל אַז דָאס אִיז נוֹיטְהִיג צוּ דֶעם קִיוּם פוּן דֶר וֶועלְט ונשמע אוּנ מִיר וֶועלְן אוֹיךְ צוּ הֶערְן אוּנ פָאלְגִין דִי מִצְוֹת וָואס מִיר וֵוייסִין נִיט זַייעֶר טַעַם · נָאר אַיין גָאט אִין הִימִיל וַוייס דֶעם טַעַם פוּן זַייא וְויא דִי מִצְוָה פוּן פָּרָה אֲדוּמָה · בִּזְכוּת דִיא מִצְוֹת פוּן נעשה זַיינֶען זַיי זוֹכֶה צוּ דִי זַאכְן וָואס גְהֶערְן צוּ דִי עֶרְד אוּנ בִּזְכוּת נשמע זַיינֶען זַיי זוֹכֶה צוּ דִי זַאכְן וָואס גִיהֶערְן צוּם הִימִיל אוּנ דָאס אִיז בִּכְלַל מטל השמים ומשמני הארץ דִיא שֶׁפַע פוּן הִימְל אוּנ דִי טוֹבוֹת פוּן דֶר עֶרְד אוּנ דָאס קֶען דֶר מֶענְשׁ אַנְדֶערְשׁ נִיט גִינִיסִין נָאר דוּרְךְ זַיין עֵסֶק הַתּוֹרָה וַוייל דִי תּוֹרָה בִּינְט דֶעם מֶענְשְׁן צוּ דִי טוֹבוֹת פוּן הִימִיל אוּנ צוּ דִי טוֹבוֹת פוּן דֶר עֶרְד דְרוּם זָאגְט ר׳ מֵאִיר אַז דֶר וָואס לֶערְנְט דִי תּוֹרָה לְשֵׁם שָׁמַיִם אִיז עֶר זוֹכֶה צוּ דִי פִיל זַאכְן פוּן בֵּיידֶע וֶועלְטְן · ולא עוד אוּנ נָאךְ נִיט דָאס אַלֵיין אֶלָּא נָאךְ מֶער שכל העולם כלו כדאי הוא לו דָאס דִיא וֶועלְט אִין גַאנְצְן אִיז ווירְדִיג אַז זִיא זָאל אָנְקוּמֶען צוּא אִים אוּנ נִיט עֶר בַּאדַארְף אָנְקוּמֶען צוּא דֶער וֶועלְט נקרא רע אהוב עֶר וֶוערְט גְרוּפְן אַיין זָעלְן אַיין גִילִיבְּטֶער

אבות

צוּ גָאט ב״ה אוהב את המקום עֶר לִיבְּט הַשֵׁי״ת אוהב את הבריות עֶר הָאט לִיבּ לַייטְן משמח את המקום עֶר דֶר פְרֵייט גָאט ב״ה משמח את הבריות עֶר דֶר פְרֵייט לַייטְן ומלבשתו ענוה ויראה אוּנ דִי תּוֹרָה בֶּעקְלֵיידֶט אִים מִיט דֶר מִדָּה פוּן עֲנָוָה אוּנ מִיט דֶר מִדָּה פוּן יִרְאָה׳ כְּלוֹמַר זִיא בְּרֵיינְגְט אִים אַז עֶר זָאל זִיךְ הַאלְטְן פַר נִידֶרִיג אוּנ עֶר זָאל זַיין אַיין יְרֵא שָׁמַיִם · וְויא מִיר גֶעפִינֶען אַמַעֲשֶׂה מִיט אַגְרוֹיסֶען תַּלְמִיד חָכָם וָואס עֶר אִיז גִיוֶועזְן אַגְרוֹיסֶער עָשִׁיר אוּנ קֵיינֶער הָאט נִיט גִיוואוּסְט פוּן זַיין רַייכְקַייט וַוייל עֶר הָאט זִיךְ גֶעוִויזְן אַלֶע מָאל וְויא אַיין אָרוֹמַן · אוּנ עֶר פְלֶעגְט גֵיין שְׁטֶענְדִיג זַייעֶר אָרִים גֶעקְלֵיידֶט · אוּנ עֶר אִיז בַּיי זִיךְ גְוֶועזְן זַייעֶר נִידֶרִיג · אַז עֶר פְלֶעגְט קוּמֶן אִין שׁוּל דַאבְנְן פְלֶעגְט עֶר תָּמִיד זִיצְן צְווִישְׁן דִיא אָרִימֶע לַייט · אֵיינְמָאל הָאט רַבִּי עֲקִיבָא דֶר תַּנָּא אַרוֹיס גְטְרָאגְן אַבִּינְטִיל פֶעְרִיל אוֹיפְן מַארְק צוּא פַאר קוֹיפְן · דֶען רַבִּי עֲקִיבָא הָאט גֶעהַאנְדִילְט מִיט פֶּעְרִיל · אַלְס דִיזֶער עָשִׁיר הָאט גִיזֶעהֶן אַז רַבִּי עֲקִיבָא הָאט פֶּעְרִיל צוּא פַארְקוֹיפְן · הָאט עֶר גִיבֶּעטְן דֶעם רַבִּי עֲקִיבָא אַז עֶר זָאל מִיט אִים גֵיין נָאךְ הוֹיז אוּנ עֶר וֶועט אִים בַּיי זִיךְ צוּ הוֹיז בַּצָאלְן זַייעֶר פְּרַייז וִויפִיל זַיי וֶועלְן זַיין וֶוערְט · רַבִּי עֲקִיבָא אִיז נִיט ווִילִינְדִיג נָאךְ אִים גִיגַאנְגֶען דֶען עֶר הָט גֶעמֵיינְט אַז עֶר שְׁפָּאט פוּן אִים · וְויא זַיי זַיינֶען גֶעקוּמֶן צוּ זַיין הוֹיז זַיינֶען דִי קְנֶעכְט פוּן דִיזֶען עָשִׁיר אִים אַרוֹיס גְגַאנְגֶען מְקַבֵּל פָּנִים זַיין אוּנ זַייא הָאבְּן דֶעם רַבִּי עֲקִיבָא גְזֶעצְט אוֹיף אַיין גָאלְדֶענֶעם שְׁטוּל אוּנ הָאבְּן אִים גְוַואשְׁן דִי פִיס· נָאךְ דֶעם הָאט דֶר עָשִׁיר בֶּעפוֹילִין זַיינֶע קְנֶעכְט אַז זַיי זָאלְן בַּיי רַבִּי עֲקִיבָא צוּא נֶעמְעֶן דֶעם בִּינְטִיל פֶּעְרִיל אוּנ בַּצָאלְן אִים זַייעֶר וֶוערְדֶע · אוּנ עֶר הָאט גִיהֵייסִין אַז זַיי זָאלְן זֶעקְס פֶּעְרִיל פוּן זַיי נֶעמֶען אוּנ צוּ רַייבְּין אוֹיף פְּרָאשְׁקֶעס אוּנ זָאלְן עָס אַרַיין שִׁיטְן אִין רְפוּאוֹת · רַבִּי עֲקִיבָא הָאט עָס גִיזֶעהֶן אוּנ הָאט זִיךְ דֶרִיבֶּער זַייעֶר גְוואוּנְדֶערְט · דֶר נָאךְ הָאט דֶר עָשִׁיר גְהֵייסְן

לִהְיוֹת צַדִּיק חָסִיד יָשָׁר וְנֶאֱמָן וּמְרַחַקְתּוֹ מִן הַחֵטְא וּמְקָרַבְתּוֹ לִידֵי זְכוּת וְנֶהֱנִין מִמֶּנּוּ עֵצָה וְתוּשִׁיָּה בִּינָה וּגְבוּרָה שֶׁנֶּאֱמַר לִי עֵצָה וְתוּשִׁיָּה אֲנִי בִינָה לִי גְבוּרָה׃

חסדי אבות

אַז מען זאל גרייטן צום טיש · אונ רבי עקיבא מיט זיינע תלמידים האבן בייא אים גיגעסין · נאך דעם עסן האט אים רבי עקיבא גפרעגט · זאג מיר אז דוא ביסט יוא אזו רייך · פר וואס האלסטו דיך אזו נידריג · וויא פאסט עס פר דיר צו זיצין אין שול צווישן די ארימע לייט · האט אים גענטפערט דר עשיר · וייל איך האב געלערינט תורה אונ וייס אז דר מענש איז געגליכין צו הבל · זיין לעבן גייט איבער וויא איין שאטען · אונ זיין רייכקייט בלייבט גיט אימר ביי אים · אונ דרום איז מיר ליבער גיפעלן גיווארן צוא זיצען צווישין ארימע לייט בכדי איך זאל אלע מאל דיינקען אן דיא ארימקייט · אונ איך זאל מיך ניט גרויס האלטן מיט מיינע עשירות וואס הש״י האט מיר געגעבן · אונ דאס איז אויך פר מיר א טובה דען אז איך היט מיר מיין ארט צו זיצן מיט ארימע לייט · אויב איך וועל ארים ווערן וועט מען מיך שוין מער ניט נידריג מאכן אונ מען וועט מיך ניט אראפ זעצין פון מיין ארט צוא ליב דעם וואס איך בין ארים · אונ איך טראכט מיר אימר דאס איך האב ניט מער מעלה פר דעם ארומאן · וייל איין גאט האט אונז בעשאפין מיר האבן אלע איין פאטר אונ מיר זיינן גלייכע ברידר · אונ ביי אונזר גאט גייט קיין גאוה ניט אן דען ער האט פיינט די בעלי גאוה אונ די לייט וואס זיי נעמען זיך איבער מיט זייערע רייכקייט · וויא רבי עקיבא האט אויס גהערט די רייד פון דעם מאן מיט זיין קלוגן ענטפער · איז דאס אים זייער גפעלן גוועזן אונ ער האט אים גיבענשט אונ האט פון אים אפשייד גינומן · ומכשרתו אונ די תורה בערייט צו להיות צדיק חסיד ער זאל זיין אין זיינע מעשים איין צדיק צו טאן וויא דר דין ווייזט · אונ ער זאל זיין א חסיד אז מיט לייטן זאל ער זיך בעגיין לפנים משורת הדין · דאס איז פרימער וויא דר דין איז · אונ אין דעות · כלומר אין ווייסין שאפטן · זאל ער זיין ישר איין מאן מיט איין גלייכן שכל ונאמן אונ געוויסענהאפט ער זאל האבן אגוטן סאוויעסט · כלומר גאט זאל אים העלפן אז ער זאל זיך ניט טועה זיין אונ זיין סאוויעסט ניט פערלירן · ומרחקתו מן החטא אונ זיא דער ווייטערט אים פון זינד · ומקרבתו לידי זכות אונ זיא מאכט אים גנעהן צו טאן מצות · ונהנין ממנו אונ לייט גניסן פון אים עצה ותושיה בינה וגבורה גוטע עצות · נוצן · פערשטאנד אונ העלדשאפט · שנאמר וויא דר פסוק זאגט די תורה בערימט זיך אונ זאגט לי עצה ותושיה אני בינה לי גבורה ביי מיר איז עצות אונ נוצן · איך בין פערשטאנד · בייא מיר געפינט סען העלד שאפט · אין דר שטאט וואו רבי בנאה האט גוואונט איז גוועזן איינע אשה וואס זיא האט גיהאט אמאן · אונ האט מזנה גוועזן מיט אנדרע לייט אונ קיינר האט דר פון ניט גוואוסט אלאנגע צייט · זיא האט גהאט א טאכטר וואס זיא איז אויך גוועזן אזונה גלייך וויא איר מוטר איין מאל האט גטראפן אז קיינר איז צו הויז ניט גוועזן נאר די מוטר מיט איר טאכטר זיי ביידע זיינען געבליבין אין שטוב · האט דיא מוטער אן גהויבן צו שטראפן איר טאכטר פר דעם וואס לייט ברעדין איר אונ זאגין אויף איר אז זיא איז ניט ערליך אונ פר וואס היט זיא זיך ניט פון דיא אויגן פון מענשין אז מען זאל איר ניט זעהן אומגיין מיט פרעמדע מאנס לייטן · זעה נעם דאך אפרימר פון מיר · האט די מוטר צו איר טאכטער גיזאגט · איך האב דאך צעהן זין אונ פון דיין פאטער האב איך נאר איינעם · אונ פון דעסט וועגין איז דאס שטיל אונ קיינער וייס פון מיר ניט · דיין פאטר אונ נאך פיל לייט האלטן מיך פר ערליך עד היום הזה · אונ דו פערשווארצט אונז די אויגן · איר מאן איז דענמאל גראד געשטאנען אונטערן וואנט פון זיין הויז אונ האט עס אלס גהערט וואס דיא מוטער האט גרעט מיט איר טאכטער · אים האט די זאך זייער פערדראסן ער האט עס ניט גקענט פר לייטן ארויס זאגן אונ האט עס אלאנגע צייט גיטראגן בייא זיך אין הערצן ביז ער איז קראנק גיווארן · אונ אית

נישטארביז

וְנוֹתֶנֶת לוֹ מַלְכוּת וּמֶמְשָׁלָה וְחִקּוּר דִּין וּמְגַלִּין לוֹ רָזֵי תוֹרָה וְנַעֲשֶׂה כְּמַעְיָן הַמִּתְגַּבֵּר וּכְנָהָר שֶׁאֵינוֹ פוֹסֵק וְהֹוֶה צָנוּעַ וְאֶרֶךְ רוּחַ וּמוֹחֵל עַל עֶלְבּוֹנוֹ וּמְגַדַּלְתּוֹ

חסדי אבות

גשטארבן · פר זיין טויט האט ער גלאזן בצואה אונ האט גזאגט פר עדות · אלע מיינע גיטער אונ מיין גאנצן פערמעגן זאל ירשנן מיין איין זון · אונ אין דעם איז ער באלד גשטארבן נאך זיין טויט האבן זיך די זין אן גפאנגן אלע מיט אנאנדר צוא קריגין · איטליכער פון זייא האט גזאגט · איך בין דר יורש · אונ מיך האט דער פאטער געמיינט צוא לאזין אים ירשנן · זייא זיינן גגאנגן צום משפט · אבר די ריכטער פון יענער שטאט האבן ניט גיקענט דעם משפט בעשיידין ריכטיג ווער דר יורש איז · זיינן זיי גקומן האבן איין משפט פר רבי בנאה · דעם רבי בנאה איז איין גיפאלין איינע חכמה אזו צוא ענטפערן · ליבע קינדער · וויא עס ווייזט אויס איז אייער פאטער גיוועזין אהארטער מענש אונ אשלעכטר יונג · אז ער האט גיקענט פון אלע ויינע זין מעביר נחלה זיין · אונ אפ געבן זיין גאנצן פערמעגן נאר צו איין זון · אונ דעם איינעם האט ער אויך ניט אויס געזאגט ווער דר יורש איז · דרום האט ער געוויס געמיינט אז קיין איינציגער פון אייך זאל אים ירשנן · איבריגעם ווער קען וויסן וואס מענשין דענקן ביי זיך אין הערצן · דער דיין איז דאך נישט מער וויא אמענש · ער בשיידט דעם משפט נאר נאך דיא בליקן פון זיינע אויגן · אונ נאך די טענות אונ די עדות וואס ער הערט אויס מיט זיינע אויערן · דרום קען איך אייער משפט ניט בעשיידן · אונ קיין לבדיגער מענש איז אין שטאנד אזו איין דונקעלן משפט צוא ערקלערן · נאר אויב איר ווילט פאלגען מיין עצה וועל איך אייך זאגען אז איר זאלט זיין בענטין שעמט זיך ניט אונ איר אלע אייערע ברידר זאלט נעמן שטעקינס אין די הענט אונ גייט אלע אויף דעם קבר פון אייער פאטער · אונ מיט דיא שטעקינס זאלט איר שטארק שלאגן אים אויפן קבר ביז ער זאל אייך זאגן ווער איז דר זון וואס ער האט אים בוחר גוועזן צו זיין דר יורש פון זיין נחלה · (רבי בנאה האט עס גיזאגט מיט איין איינפאל דען ער האט געוואוסט דאס זייערע מוטער איז גוועזן ניט איינע ערליכע אונ אירע קינדר · אויסער איינער פון זיי · זיינען פרעמד פון איר מאן) · די ברידר האבן אזו גיטאן וויא רבי בנאה האט זיי גהייסין · זיי האבן אלע גנומען שטעקינס אין זייערע הענט אונ זיינן געקומען אויפן קבר פון דיזען מאן אונ מיט גרויס כעס אונ רעש האבן זיי דעם קבר צו האקט אונ צוא בראכין ביז עס איז ניט גיבליבן איין זכר פון אקבר · נאר איין זון האט זיך אפגישבעלט אין דר היים אונ האט ניט גוועלט גיין מבזה צוא זיין דעם קבר פון זיין פאטר · דען ער האט גזאגט זאלן זיי אלע זיך צו נעמען דאס גאנצע פערמעגן · אונ איך וויל דעם כבוד פון מיין פאטר ניט פר שוועכן · אונ מכל שכן נאך זיין טויט וויל איך אים געוויס ניט מבזה זיין · וויא דר דיין רבי בנאה האט גיזעהן דעם איידעלן תאראקטער פון דיזען קינד · האט ער גלייך דעם משפט בעשיידט אונ האט געהייסן אז מען זאל אים אפ געבן די נחלהדען ער איז זיין איינציגר זון · כל ישראל האבען גיהערט דעם משפט וואס רבי בנאה האט בעשיידט אונ האבן גזעהן אז ער האט אין זיך גרויס חכמה · וויל ער האט גיקענט אזו איין דונקעלע זאך ארויס ברייננן צוא שיין · אונ גרונדליך צו ערקלערן · ונותנת לו מלכות וממשלה אונ דיא תורה גיט אים אויך קיניגשאפט אונ הערשאפט · וויל יעדר קיניג אונ בהערשר איז איין גילערטר אונ האט פיל קענטניס אונ וויסענשאפטן · וואס דר נאמען תורה איז דאס אלעם כולל · וחקור דין אונ חכמה וויא ער זאל אויס פארשטען איין דין ריכטיג צו פסקנען · ומגלין לו רזי תורה אונ מען איז אים מגלה פון הימל דיא סודות פון דער תורה · ונעשה כמעין המתגבר אונ ער ווערט גלייך וויא איינע קוועלע וואס זיא שטארקט זיך אונ קוועלט אלע מאל אן פרישע וואסער אזוא בעקומט דר תלמיד חכם אלע מאל נאיים אין דר תורה · וכנהר שאינו פוסק אונ אזו וויא איין טייך וואס זיינע וואסר נעמן זיך ניט אויס והוה

ומרוממתו על כל המעשים: ב אמר רבי יהושע בן לוי בכל יום ויום בת קול יוצאת
מהר חורב ומכרזת ואומרת אוי להם לבריות מעלבונה של תורה · שכל מי

צנוע און ער איז בהאלטן מיט זיינע פרומקייט
כלומר ער ווייזט זיך ניט אויס אז ער איז פרום
וארך רוח און אלאנגע צייט האלט ער אויף זיין
צארן · כלומר ער איילט זיך ניט פון זיין פיינד
נקמה צו נעמן · ומוחל על עלבונו און וויל ער
איז איין עניו דרום איז ער ענדליך מוחל אויף
זיינער בליידיגונג ומגדלתו און די תורה מאכט
אים גרויס ומרוממתו על כל המעשים און זיא
מאכט אים דר הויבן איבר אלע בשעפינס וויא
מיר גיפינן אמעשה אין דער גמרא חולין פון
רבי פינחס בן יאיר · ער איז אמאל גגאנגן אויס
לייזן יודישע קינדר וועלכע זיינן גוועזן גפאנגן
ביי די ישמעאלים אין תפיסה · איז ער גקומן
צו איין גרויסן טייך · וואס מען האט אים אן
גירופען גנאי · און וויל זיינע וואסער האבן
שטארק גישטראמט האט ער ניט געקענט דעם
טייך איבער גיין · דען עס איז ניט גוועזן איין
פאראם אדר אבריק · אויך קיין שום שיף דר
ביי · רבי פינחס איז גיוועזן דדיבר זייער צו
טראגן און טרויעריג וואס דר שטראם וואסר
איז אים גשטאנען אין וועג און הט אים גשטערט
צו דר מצוה פון פדיון שבוים · דער רוח הקדש
וואס האט גרוט אויף דעם צדיק רבי פינחס בן
יאיר האט אים בעלייכט זיינע אויגען און ער
האט דר זעהן דעם מלאך וואס ער איז גוועזן
דער שר פון דיזן שטראם וועלכער האט אויך
געהייסן מיט דעם זעלביגין נאמן גנאי · האט
רבי פינחס אויס גרופן צו אים מיט אגשרייא :
גנאי · צו טייל מיר דיינע וואסר און מאך דא
פר מיר אטרוקענע וועג איך זאל קענן איבער
גיין און זאל טאן דעם רצון פון מיין בשעפר ·
איך וויים אז דו ווילסט גיין צו טאן דעם רצון
פון דיין בשעפער · האט דער שר הנהר אים
גיענטפערט · אבער איך טוא דאך אויך דעם
רצון פון מיין בשעפער וואס ער האט מששת
ימי בראשית אויף מיר גוזר גוועזן צוא לאזין
שטראמן דאס וואסר פון דעם טייך וויא טאג
וויא נאכט · דיא רייד פון דעם שר הנהר האט
דעם רבי פינחס גמאכט זויער אויפן הערצן ·
אויב דו ווילסט מיט גוטן ווילן ניט צוא הערן
וואס איך הייס דיר · האט רבי פינחס אויס
גערופן מיט כעס · אזו בעשווער איך דיך מיט
דעם נאמן פון גאט דר בשעפר פון הימל און
ערד אז דאס וואסער פון טייך זאל אויף אלע
מאל טרוקן ווערן · איין מאל האט גאט גמאכט
דעם מענשן צו איין הער איבר אלע זאכן וואס
זיין ווילען האט בעשאפין · אזו בין איך אויך
דיין הער · און דוא ביסט מיין קנעכט · און
וויא איך זאג אזו מוז עס באלד גשעהן · און
וויא רבי פנחס האט דיזע ווערטר אויס גרעט
איז דאס וואסר באלד געשפאלטן גווארין און
ער איז צוא פוס טרוקין אריבער גגאנגען :

ב אמר רבי יהושע בן לוי רבי יהושע בן לוי האט
גזאגט בכל יום בת קול יוצאת מהר חורב אלע טאג
אין טאג גייט ארויס איין בת קול פון דעם
בארג חורב דאס מיינט מען דעם בארג סיני
ומכרזת ואומרת און רופט אויס און זאגט אוי
להם לבריות מעלבונה של תורה וויא איז צו דיא
לייט איבר די בעליידיגונג פון דר תורה · דר
תפארת ישראל שרייבט וויא מיר ווייסין אז
גאט האט אונז גיגעבן דיא תורה אויפן בארג
סיני מיט קולות דאס איז מיט דונערן און בליצן
און שווערע וואלקן זיינען גיהאנגן אויפן בארג ·
און די נאטור פארשער שרייבן אז נאך היינט
צו טאג הערט מען אויפין בארג סיני דונערין
און מען זעהט שטענדיג בליצין מיט דיקע
וואלקן אויפן בארג · און די דונערן הערט מען
אלע טאג פונקט וויא איינר וואלט ריידן מיט
ווערטר נאר קיינר קען עס ניט פרשטיין · און
דאס איז צו בעוואונדערן · און עס קען דיכט
זיין אז אויף די קולות וואס מען הערט יעצט
אויפן בארג סיני אלע טאג האט מרמז גוועזן
דיזער תנא יהושע בן לוי אז אלע טאג גייט
ארויס אבת קול פון בארג סיני ווייל דר ווידר
קלאנג וואס עס שלאגט אפ פון אהויכין קול
(עכא) · רופט מען אין לשון הקדש בת קול ·
און דיזע קולות דער מאנען אונז אויף יענע
קולות וואס מיר האבן גיהערט בשעת מתן

שֶׁאֵינוֹ עוֹסֵק בַּתּוֹרָה נִקְרָא נָזוּף שֶׁנֶּאֱמַר נֶזֶם זָהָב בְּאַף חֲזִיר אִשָּׁה יָפָה וְסָרַת

תּוֹרָה׳ דְרוּם זָאגְט אוּנְז דֶר תַּנָּא אַז דִיזֶער בַּת קוֹל רוּפְט אוֹיס אוּנ זָאגְט אוי להם לבריות אַז דְרִיבֶּר אִיז דִי לַייטִין שְׁלֶעכְט אוּנ זַייא שְׁרַייעֶן וַויי אִיז אוּנְז · וַוייל זֵיי בַּאלַיידִיגִין דִיא תּוֹרָה אוּנ ווִילְן אִיר נִיט לֶערְנֶען · דֶער דוּבְּנֶער מַגִּיד בְּרֵיינְגְט אוֹיף דִיזֶען מַאֲמַר אַשֵׁיינֶעם מָשָׁל אַשְׁטָאט וָואס זִיא אִיז גִיוֶועזִן זֵייעֶר רַייךְ אוּנ דִי מְשָׁרְתִים פוּן דֶער קְהִלָּה פְלֶעגְט זִיא אוֹיס הַאלְטִן מִיט לֶעבִּינְס מִיטֶל אוּנ מִיט מַלְבּוּשִׁים אִין אַצַייט אַרוּם אִיז דִי שְׁטָאט אָרוּם גִיוָוארִן זַייעֶן גְקוּמֶן דִי מְשָׁרְתִים אוּנ הָאבִּן זִיךְ גְקְלָאגְט פַאר דִיא פַּרְנְסֵי הַקְהִלָּה אַז זֵייא לֶעבִּין זַייעֶר בְּדוֹחַק · זֵיי הָאבִּן קוֹים בְּרוֹיט צוּ עֶסֶן אוּנ זֵיי מִיט זַייעֶרֶע וַוייבֶּר אוּנ קִינְדֶר זַיינֶען בָּארְפִיס אוּנ נַאקִיט · הָאבִּן דִי פַּרְנָסִים צוּ זֵיי גִיזָאגְט אִיר מָאגְט גְלוֹיבִּן אַז אוּנְז אִיז נִיט בֶּעסֶער ווִיא אַייךְ אוּנ מִיר לָאזִין זִיךְ אוּנְז נָאר מִיט ווֵינִיג בֶּענוּגִינֶען · אוּנ דֶעם גַאנְצִן כְּלַל פוּן שְׁטָאט גֵייט אוֹיךְ זֵייעֶר שְׁלֶעכְט׳ וַיְהִי הַיּוֹם אִיז גִיקוּמֶן דֶר שְׁתַּדְלָן (וָואס עֶר אִיז פַר זֵיי אַמֵלִיץ בַּייא דֶעם שַׂר) אוּנ הָאט זִיךְ אוֹיךְ גִיקְלָאגְט פַר דִי פַּרְנָסִים פוּן שְׁטָאט אַז דִי צַייט גֵייט אִים זֵייעֶר שְׁלֶע״ט אוּנ הָאט גְבֶּעטִן פוּן זֵייא הִילְף · דִיא פַּרְנָסִים הָאבִּן זִיךְ צְווִישִׁן זֵיי עֵצוֹת גִהַאלְטִן אוּנ הָאבִּין כִּמְעַט מַסְכִּים גִיוֶועזִן אַז מֶען זָאל אִים עֶנְטְפֶערִן דָאס זֶעלְבִּיגֶע וָואס זֵיי הָאבִּן גֶענְפֶרְט דִי מְשָׁרְתִים · הָאט זִיךְ אַוֶועק גִישְׁטֶעלְט אַיין אַלְטָער מַאן פוּן דִיא קָהָ״ם לַייט אוּנ הָאט צוּ זֵיי גִיזָאגְט : אִיר מוּסְט ווִיסִן · לִיבֶּע בְּרִידֶער · אַז דֶעם שְׁתַּדְלָן זַייעֶן מִיר מְחוּיָּב צוּא שְׁפַּייזִין אוּנ צוּ קְלַיידִן בְּכָבוֹד מֶער ווִיא אוּנְז זֶעלְבְּסְט וַוייל עֶר אִיז דָאךְ אוּנְזֶער שְׁתַּדְלָן אוּנ עֶר אִיז פַר אוּנְז אַמֵלִיץ יוֹשֶׁר בַּייא דֶעם שַׂר · דְרוּם אַז עֶר וֶועט זַיין גִיקְלֵיידֶעט אִין מַלְבּוּשֵׁי כָבוֹד וֶועט עֶר זַיין דֶעם שַׂר גִיפֶעלִין אוּנ עֶר וִיעט אִים טָאן צוּא לִיבּ אוּנ עֶר וֶועט עֶרְפִילִין וָואס מִיר פַר לַאנְגִן פוּן אִים · אָבֶּר ווֵיי וֶועט אוּנְז זַיין אוֹיבּ מִיר וֶועלִן דֶעם שְׁתַּדְלָן אָפּ זָאגִן אוּנ פַר דִי שָׂרִים וֶועט עֶר זִיךְ נִיט קֶענֶען בַּאווַייזִן אוּנ ווִיא וֶועט עֶר זַיין אַמֵלִיץ פוּן אוּנְזֶערְט וֶועגִן · דֶר נִמְשָׁל אִיז · צוּ אִין הַיינְטִיגֶע צַייטִין זַיינֶען מִיר זֵייעֶר אָרוּם אִין מִצְוֹת · דְהַיְינוּ הַיינְט פֶעלְט אוּנְז דִיא עֲבוֹדַת הַקָּרְבָּנוֹת · טוּמְאָה וְטַהֲרָה · תְּרוּמוֹת אוּנ מַעַשְׂרוֹת · אָבֶּער דִיא תּוֹרָה פוּן דִיזֶע מִצְוֹת הָאבִּן מִיר דָאךְ · עַל כֵּן בַּאדַארְפִן מִיר דָאךְ לְכָל הַפָּחוֹת צוּא לֶערְנֶען פוּן זֵיי דִי הֲלָכוֹת אוּנ דִי דִינִים · אוּנ הַאלְטִין דִי תּוֹרָה בְּכָבוֹד · וַוייל אַלֶע מָאל וֶוען דֶר מִדַּת הַדִּין רַחֲמָנָא לִיצְלַן · פְלֶעגְט זִיךְ אוֹיף אוּנְז גוֹבֵר זַיין · אִיז אִימֶער גִיוֶועזִין דִיא תּוֹרָה אֵיינֶע פִירְשְׁפְּרֶעכֶערִין פַאר אוּנְז · אוּנ קֵיין אַנְדֶערִן שְׁתַּדְלָן חוּץ דִי תּוֹרָה הָאבִּן מִיר נִיט · עַל כֵּן מוּזְן מִיר דָאךְ זַיין גִיוָוארִינְט אִין אִיר כָּבוֹד בִּכְדֵי זִיא זָאל אִימֶר פוּן אוּנְזֶערְט וֶועגְן מַמְלִיץ טוֹב זַיין פַר הַשי״ת אָבֶּר ווֵייא אִיז אוּנְז אַז מִיר בֶּעלַיידִיגִן אִיר אוּנ מִיר זַייֶען נִיט גֶעהִיט אִין אִיר כָּבוֹד · דָאס מֵיינְט דֶער תַּנָּא אוי להם לבריות מעלבונה של תורה · שכל מי שאינו עוסק בתורת נקרא נזוף וַוייל יֶעדֶר מֶענְשׁ וָואס עֶר אִיז זִיךְ נִיט מִתְעַסֵק אִין דֶר תּוֹרָה דֶר וֶוערְט אָן גִירוּפְן פוּן גָאט אָן גֶעשְׁרִיעֶן · כְּלוֹמַר גָאט ב״ה הָאט אִים אָנְגִישְׁרִיעֶן מִיט נְזִיפָה אוּנ דֶענְמָאל אִיז עֶר ווִיא אוֹיס גִימַייד פוּן מֶענְשִׁין אוּנ מֶען שַׁיידְט אִים אָפּ בְּעוֹלָם הַבָּא פוּן דִי צַדִּיקִים אוֹיבּ עֶר הָאט פַאר זַיין לֶעבִּן דֶערוֹיף קֵיין תְּשׁוּבָה נִיט גִיטָאן · שנאמר דֶען אַזוֹא שְׁטֵייט אִין פָּסוּק נזם זהב באף חזיר ווִיא אַיין גָאלְדֶענֶר נָאז רִינְג אוֹיף אַשְׁוַויין פַּאסְט עֶס נִיט צוּ אִים וַוייל עֶר וֶועט עֶס פַאר שְׁמוּצְן אִין בְּלָאטֶע אַזוֹ אִיז אשה יפה וסרת טעם אַשֵׁיינֶע פְרוֹיא וָואס זִיא וַוייכְט אָפּ פוּן גוּטִין גִישְׁמַאק · כְּלוֹמַר זִיא וַוייכְט אָפּ פוּן עֶרְלִיכְקַייט · דָאס אִיז אַמָשָׁל אוֹיף אַיין יִשְׂרָאֵל וָואס גָאט ב״ה הָאט אִין אִים אוֹיס דֶר וֵוילְט בְּשַׁעַת מַתַּן תּוֹרָה אוּנ עֶר אִיז צוּ אִים מְקוּדָשׁ גְוָוארִן ווִיא אֵיינֶע אִשָּׁה וָואס זִיא אִיז מְקוּדֶשֶׁת צוּ אִיר מַאן בִּתְנַאי אַז עֶר זָאל עוֹסֵק זַיין אִין דֶר תּוֹרָה אוּנ עֶר קֶערְט זִיךְ אָפּ פוּן דִי טַעֲמֵי הַתּוֹרָה אוּנ דְרוּם וֶוערְט עֶר אָן גְרוּפְן נזוף וָואס דָאס אִיז אַיין נוֹטָרִיקִין נֶזֶם אַף · ואומר אוּנ ווִידֶער שְׁטֵייט אִין פָּסוּק והלחת מעשה אלהים המה אוּנ דִי לוּחוֹת זַיינֶען דִי וֶוערְק פוּן גָאט · והמכתב מכתב אלהים הוא חרות על הלחת אוּנ דִי שְׁרִיפְט

אין

טָעַם: וְאוֹמֵר וְהַלֻּחֹת מַעֲשֵׂה אֱלֹהִים הֵמָּה וְהַמִּכְתָּב מִכְתַּב אֱלֹהִים הוּא חָרוּת עַל הַלֻּחֹת׳ אַל תִּקְרָא חָרוּת אֶלָּא חֵרוּת שֶׁאֵין לְךָ בֶּן חוֹרִין אֶלָּא מִי שֶׁעוֹסֵק בְּתַלְמוּד תּוֹרָה וְכָל מִי שֶׁעוֹסֵק בְּתַלְמוּד תּוֹרָה הֲרֵי זֶה מִתְעַלֶּה שֶׁנֶּאֱמַר וּמִמַּתָּנָה נַחֲלִיאֵל וּמִנַּחֲלִיאֵל בָּמוֹת: ג הַלּוֹמֵד מֵחֲבֵרוֹ פֶּרֶק אֶחָד אוֹ הֲלָכָה אֶחָת אוֹ פָּסוּק אֶחָד אוֹ דִבּוּר אֶחָד אוֹ אֲפִילוּ אוֹת אֶחָת צָרִיךְ לִנְהָג בּוֹ כָּבוֹד שֶׁכֵּן מָצִינוּ בְּדָוִד מֶלֶךְ יִשְׂרָאֵל שֶׁלֹּא לָמַד מֵאֲחִיתֹפֶל אֶלָּא שְׁנֵי דְבָרִים בִּלְבָד קְרָאוֹ רַבּוֹ אַלּוּפוֹ וּמְיֻדָּעוֹ שֶׁנֶּאֱמַר וְאַתָּה אֱנוֹשׁ כְּעֶרְכִּי אַלּוּפִי וּמְיֻדָּעִי׳ וַהֲלֹא דְבָרִים קַל וָחֹמֶר וּמַה דָּוִד מֶלֶךְ יִשְׂרָאֵל שֶׁלֹּא לָמַד מֵאֲחִיתֹפֶל אֶלָּא שְׁנֵי דְבָרִים בִּלְבָד קְרָאוֹ רַבּוֹ אַלּוּפוֹ וּמְיֻדָּעוֹ הַלּוֹמֵד מֵחֲבֵרוֹ פֶּרֶק אֶחָד אוֹ הֲלָכָה אֶחָת אוֹ

חסדי אבות

איז דיא שריפט פון גאט אויס געקריצט אויף די לוחות׳ אל תקרא חרות אלא הרות דו זאלסט דו זאלסט עס ניט פר שטיין וויא דו לייענסט חרות געקריצט׳ נאר חרות איידעלקייט שאין ד בן חורין אלא מי שעוסק בתלמוד תורה דען עס גיט ניט איין גרעסערר איידל מאן וויא דער וואס איז זיך עוסק מיט תורה לערנען׳ וכל מי שעוסק בתלמוד תורה הרי זה מתעלה אונ דר וואס איז עוסק מיט תורה לערנען׳ דיזער ווערט דר הויכט שנאמר וויל דר פסוק זאגט וממתנה נחליאל דורך דעם וואס איין ישראל האט די תורה פר איין מתנה איז ער זוכה צו זיין די נחלה פון גאט׳ ומנחליאל במות אונ דורך דעם וואס ער האט זוכה גיוועזין צו זיין די נחלה פון גאט שטייט ער העכער פון אנדערע לייט: ג הלומד מחברו פרק אחד דר וואס לערינט פון זיין חבר איין פרק משניות וואס אין אים געפינען זיך פיל דינים או הלכה אחת אדער איין איינציגען דין וואס אין אים געפינען זיך פיל דבורים׳ או פסוק אחד או דבור אחד אדער איין פסוק אדער איינע אויס ריידונג אין דעם פשט פון דעם פסוק או אפילו אות אחת אדר ער דרשנת פון זיין חבר אפילו וועגין איין בוכשטאב אין דער תורה דהיינו׳ ער האט גיהערט פון זיין חבר וויא ער האט אים דר קלערט צו וואס בדארף שטיין איין ואו אין דעם ווארט פון ואלה המשפטים אדער פר וואס שטייט אין תורה בככות איין מאל מיט איין ואו׳ צריך לנהג בו כבוד מוז ער איהם נוהג כבוד זיין׳ כלומר ניט נאר ער בדארף אבר עס איז אחיוב דען ער איז מחויב

איהם צו אפגעבין כבוד׳ שכן מצינו בדוד מלך ישראל וויל אזו גפינען מיר ביי דוד מלך ישראל שלא למד מאחיתפל אלא שני דברים בלבד וואס ער האט פון אחיתופל נישט מעהר וויא צוויא זאכן גילערינט דען אחיתופל האט אים גיזאגט אז אמענש דארף ניט לערנען איינער אליין נאר מיט איין חבר׳ אונ עס איז אסור צו אריינגיין אין בית המדרש בקומה זקופה מיט אויף ריכטיגען קאפ׳ כלומר מיט גאוה׳ קראו רבו אלופו ומידעו האט ער אים בעטיטעלט אז ער איז זיין רבי זיין לעהרער אונ זיין ליבסטער פריינד שנאמר וויא דר פסוק זאגט ואתה אנוש כערכי אלופי ומידעי האטשי דו ביסט אמענש וויא מיין גלייכן׳ דאך ביסט דו מיין רבי אונ מיין ליבסטער פריינד׳ והלא דברים קל וחומר דיזע רייד זיינען איין קל וחומר ומה דוד מלך ישראל שלא למד מאחיתפל אלא שני דברים בלבד קראו רבו אלופו ומידעו ומה דאך דוד וואס ער איז גיוועזין איין מלך איבר די ישראל אונ ער איז גיוועזין איין גדול בתורה אונ אמופלא פון דיא סנהדרין וואס דיא הלכה איז אלע מאל געבליבען וויא ער האט גיזאגט׳ וויל דער פסוק זאגט ביי אים וה׳ עמו מיט אים איז גאט מיט זיין בית דין כלומר די הלכה בלייבט אימער וויא ער זאגט׳ וואס ער האט פון אחיתופל מער ניט גילערינט וויא נאר דיזע צוויא זאכן אליין׳ דאך האט ער אים אנגירופין זיין רבי אונ זיין ליבסטר פריינד׳ זעהט מען דאך דר אויס אז אפילו אגרויסער מאן וואס ער לערינט זיך פון אקליינערן איז איין חיוב אוב

פָּסוּק אֶחָד אוֹ דִבּוּר אֶחָד אוֹ אֲפִילוּ אוֹת אֶחָת עַל אַחַת כַּמָּה וְכַמָּה שֶׁצָּרִיךְ לִנְהָג בּוֹ כָּבוֹד וְאֵין כָּבוֹד אֶלָּא תוֹרָה שֶׁנֶּאֱמַר כָּבוֹד חֲכָמִים יִנְחָלוּ וּתְמִימִים יִנְחֲלוּ טוֹב וְאֵין טוֹב אֶלָּא תוֹרָה שֶׁנֶּאֱמַר כִּי לֶקַח טוֹב נָתַתִּי לָכֶם תּוֹרָתִי אַל תַּעֲזֹבוּ: ד כַּךְ הִיא דַרְכָּהּ שֶׁל תּוֹרָה פַּת בַּמֶּלַח תֹּאכֵל וּמַיִם בַּמְּשׂוּרָה תִּשְׁתֶּה וְעַל הָאָרֶץ תִּישָׁן וְחַיֵּי צַעַר תִּחְיֶה וּבַתּוֹרָה אַתָּה עָמֵל אִם אַתָּה עֹשֶׂה כֵּן אַשְׁרֶיךָ

חסדי אבות

ניט אמרות חסידות צו רופן אים רבי · דען אז דאס וואלט געוועזן נאר אמרת חסידות וואלט עס דוד ניט געטאן · ווייל ער איז דאך איין מלך וואס אים איז אסור צו מוחל זיין אויף זיין כבוד · הלומד מחברו פרק אחד או הלכה אחת או פסוק אחד או דבור אחד או אפילו אות אחת על אחת כמה וכמה שצריך לנהג בו כבוד מכל שכן ווען אפראסטער מענטש לערינט פון זיין חבר איין פרק אדר איינע הלכה אדר איין פסוק אדער אוועלכע אויסריידונג אדר אפילו אדרש איבר איין אות פון דער תורה · מוז ער אים געוויס נוהג כבוד זיין ואין כבוד אלא תורה אונ אמענשן קומט אנדערס ניט קיין כבוד נאר ווען ער איז גילערינט אין דר תורה שנאמר דען עס שטייט אין פסוק כבוד חכמים ינחלו דיא חכמים ארבין כבוד · דאס מיינט מען די וואס זיינן קלוג אין דר חכמה פון דר תורה · זיי האבן כבוד · אונ ווידר שטייט אפסוק ותמימים ינחלו טוב אונ די גאנצע לייט · כלומר די תלמידים וואס זייערע הערצין איז גאנץ מיט גאט · זייא ארבין פון זייערע מלמדים גוטץ ואין טוב אלא תורה אונ דאס גוטץ וואס זיי ארבן פון זייערע מלמדים איז ניט אנדרס געמיינט נאר די תורה · שנאמר וויא דר פסוק זאגט כי לקח טוב נתתי לכם דען איינע גוטע לערע האב איך צוא אייך גיגעבן תורתי אל תעזובו דאס איז מיין תורה · איר זאלט איר ניט פר לאזן אונ דריבר ווייל די תלמידים ארבן דיא תורה וואס זיא איז דאס העכסטע גוטץ פון זייערע מלמדים · איז דאך זייער חיוב אן צוא טאן כבוד צוא זייערע מלמדים : ד כך היא דרכה של תורה אזו איז די וועג וואס פירט דעם מענשן צו לערנן תורה · כלומר די התחלה פון תורה לערנען קומט אן אמענשן מיט גרוים צער · חאטשי צום סוף וועט ער דורך דעם האבין · אלע גרעכסטע גליקן · פת במלח תאכל ביי דיר זאל רעכט זיין חאטשי דו זאלסט עסן ברויט מיט זאלץ ומים במשורה תשתה אונ צו טרינקן וואסער מיט די מאס · כלומר צו לעבן בדוחק · ועל הארץ תישן אונ דו זאלסט שלאפן אויף די ערדי · וחיי צער החיה אונ זאלסט לעבן מיט צער אין זארג אונ אין קומר · אונ מיט אלעם דיזען ובתורה אתה עמל זאלסט דוא זיך דאך אין דר תורה בעמיהן ואם אתה עושה כן אונ ווען דו טוסט עס אזו אשריך וטוב לך וועט דיר זיין וואול אונ גוט · אשריך בעולם הזה וואול וועט דיר זיין אויף דיזן עולם דען אז דו ביסט געוואונט גיווארן צו לעבן בדוחק · וועסט דו מער ניט זיין פר קויפט צו די חמדה פון עולם הזה · וטוב לך לעולם הבא אונ גוט וועט דיר זיין אויף יענעם עולם · נאך בעסער וועט מען פר שטיין דעם מאמר מיט איין משל · צווי בחורים האבן גילערינט אין איין ישיבה אונ זיי זיינן ביידע חברים גיוועזין · ענדליך איז איינער גענומן גיווארן פאר איין איידים אין אקליינע שטעטלי · זיין שווער האט אים גיגעבן פון דריי ביז פיר הונדערט רובל אונ ער האט זיך גמאכט אשפייז קרעמל אונ האט דר פון זיך געצויגין זיין פרנסה · זיין חבר אבר איז אן גיקומן פר איין איידים ביי איין גרויסן עשיר אין אגרויסע שטאט · אונ האט דארטין גיהאלטין אגרויסין מאגאזין מיט אגולנע האנדיל · אונ ער האט אין זיין מסחור זייער מצליח גיוועזין · אין אצייט ארום האט דער קליין שטעטילדיגער קרעמר גיהאט איין עסק וואס ער האט דריבר בעדארפט פארן אין דער גרויסע שטאט · אונ ער האט זיך דר מאנט אז ער האט דארטן איין חבר אז ער איז גקומן אין שטאט איז ער באלד גיגאנגן צוא זיין חבר · ער האט זיך מיט אים גיוועלט זעהן אונ ריידין · אבער ער האט ניט גיקענט צו טרעטן צו אים ווייל דער מאגאזין איז גיוועזין פול מיט סוחרים וואס זייערע גישעפטן איז פון פערשידענע סחורה · ער איז דארטין

וְטוֹב לָךְ אַשְׁרֶיךָ בָּעוֹלָם הַזֶּה וְטוֹב לָךְ לָעוֹלָם הַבָּא: ה אַל תְּבַקֵּשׁ גְּדֻלָּה לְעַצְמְךָ וְאַל תַּחְמוֹד כָּבוֹד יוֹתֵר מִלִּמּוּדֶךָ עֲשֵׂה וְאַל תִּתְאַוֶּה לְשֻׁלְחָנָם שֶׁל שָׂרִים שֶׁשֻּׁלְחָנְךָ גָּדוֹל מִשֻּׁלְחָנָם וְכִתְרְךָ גָּדוֹל מִכִּתְרָם וְנֶאֱמָן הוּא בַּעַל מְלַאכְתְּךָ שֶׁיְּשַׁלֶּם לְךָ שְׂכַר פְּעֻלָּתֶךָ: ו גְּדוֹלָה תוֹרָה יוֹתֵר מִן הַכְּהֻנָּה וּמִן הַמַּלְכוּת שֶׁהַמַּלְכוּת נִקְנֵית בִּשְׁלֹשִׁים מַעֲלוֹת וְהַכְּהֻנָּה נִקְנֵית בְּעֶשְׂרִים וְאַרְבָּעָה וְהַתּוֹרָה נִקְנֵית

דארטן גישטאנען ביז מיטאג צייט דען ער האט געמיינט אז צוא מיטאג וועט ער גיין נאך הויז אונ ער וועט מיט איהם קענען ריידין · אבער וויל ער איז גיוועזין טרוד מיט דיא סוחרים אין האנדיל · איז ער גיט גגאנגן נאך הויז צו עסן מיטאג · אונ האט זיך פערזאמט אין האנדיל ביז צוא נאכט אז דער מאגאזין איז צו גשלאסן גווארן ערשט דען מאל איז ער גגאנגן מיט אים נאך הויז אונ האבן זיך צו זאמן גרעט · דר אגולנע סוחר האט גפרעגט דעם קרעמער וויא אים גייט · האט ער אים גזאגט · איך וואון מיר אין אקליינע שטעטיל מיין פרנסה איז אפילו קארגליך אבר דאך איז מיר פיל בעסר פון דיר · דען איך וייס פון מיין לעבן איך עס מיר אונ טרינק מיר אין דר צייט אונ עס גייט מיר מיין לעבין זייער גוט איין · אבר דו פרעג איך דיך · וואס קומט דיר ארויס פון דיינע פיל רייכקייט אונ פון דיין פיל פאר מעגן אז דו קענסט דיר ניט אפרייסן א צייט צו גיין נאך הויז עסן אונ צו מחיה זיין דיין נפש האט דר אגולניק צו אים גזאגט · דר פערגניגן פון דיין מיטאג וואס דוא האסט איז מיר גוט בעקאנט · אבער אין מיין פערגניגען וואס איך האב פון מיינע טרדות וואס איך בין ארײן גטאן אין מסחור האסטו גאר קיין געפיל ניט · אונ דו קענסט עס גאר ניט פארשטיין זאנדרן אז גאט וועט דיך בענשן מיט הצלחה אונ דו וועסט אויך זוכה זיין צוא אזו איינע עשירות וויא איך אונ דו וועסט זיין אויך אגרויסר סוחר דענמאל וועסטו ערשט פארשטיין וויא גרויס איז מיין פערגניגין אין געשעפט מער אן אערך וויא דר פערגניגן פון עסן אונ פון טרינקן · דר נמשל פון דעם איז · ווען מען זאל צו איינעם זאגן ווילסטו האבן פערגניגען פון דיין לעבען זאלסטו עסין ברויט מיט זאלץ · טרינקן וואסר במצום אונ זאלסט שלאפין אויף הייליגע ערד אן אקיסין · וועט יענר געוויס ענטפערן · וויא אזו קען איך האבין הנאה פון אזו אלעבען · דאך זאגט דר תנא אם אתה עושה כן אויב דוא טוסט עס אבר אזו אונ דו וועסט אלע פרגניגן פון עולם הזה בעזייטיגען ובתורה אתה עמל אונ דו וועסט נאר אין דער תורה זיך בעמיען אונ זיין טרוד אין איר עסק אשריך וטוב לך אשריך בעולם הזה וויא וואול וועט דיר זיין אויף דיזער וועלט · אז דוא וועסט פערשטיין דאס קיין גרעסערר פערגניגין פר דעם עסק התורה איז גאר ניט פערהאנדן : ה אל תבקש גדולה לעצמך דו זאלסט ניט פערלאנגן פר זיך קיין גרויסקייט ואל תחמוד כבוד יותר מלמודך אונ דו זאלסט ניט גילוסטן צו פיל כבוד פון דיין לערנען תורה · ואל תתאוה לשלחנם של שרים אונ דיר זאל זיך ניט גלוסטן צו עסן גוטע שפייזן וויא די גרויסע לייט ששלחנך גדול משלחנם דען דו טוסט וויסן אז דיין טיש איז גרויס נאר דורך זייער טיש · כלומר די מלכים זארגן פר דיא גלערטע לייט אז זייער טיש זאל ניט פעלן · ונאמן הוא בעל מלאכתך אונ דיין בעל הבית וואס דוא טוסט זיין מלאכה איז בגלויבט שישלם לך שכר פעלתך דאס ער וועט דיר בצאלן דעם פערדינסט פון דיינע ווערק : ו גדולה תורה יותר מן הכהנה ומן המלכות די מעלות פון דער תורה זיינען פר דיא מעלות פון כהונה אונ פר די מעלות פון איין מלך ישראל וואס איז געוועזן פאר צייטען שהמלכות נקנית בשלשים מעלות דען איין מלך ישראל פלעגט קונה זיין די מלוכה מיט דרייסיג מעלות וואס די גמרא רעכינט זיי אויס אין דר מסכתא סנהדרין · והכהנה בעשרים וארבע את די מעלות מיט וואס אכהן איז גרעכר זיינען פיר אונ צוואנציג · דאס זיינען די פיר אונ צוואנציג מתנות כהנה וואס דער כהן נעמט פון קדשי מזבח אונ פון קדשי הגבול וואס דאס פאלק היילינגט צו גאט · זיי זיינען אויס גרעכינט אלע

אין

בְּאַרְבָּעִים וּשְׁמוֹנָה דְּבָרִים· וְאֵלּוּ הֵן בְּתַלְמוּד בִּשְׁמִיעַת הָאֹזֶן בַּעֲרִיכַת שְׂפָתָיִם בְּבִינַת הַלֵּב בְּאֵימָה בְּיִרְאָה בַּעֲנָוָה בְּשִׂמְחָה בְּטָהֳרָה בְּשִׁמּוּשׁ חֲכָמִים בְּדִקְדּוּק חֲבֵרִים בְּפִלְפּוּל הַתַּלְמִידִים בְּיִשּׁוּב בְּמִקְרָא בְּמִשְׁנָה בְּמִעוּט סְחוֹרָה בְּמִעוּט דֶּרֶךְ אֶרֶץ בְּמִעוּט תַּעֲנוּג בְּמִעוּט שֵׁנָה בְּמִעוּט שִׂיחָה בְּמִעוּט שְׂחוֹק בְּאֶרֶךְ אַפַּיִם בְּלֵב טוֹב בֶּאֱמוּנַת חֲכָמִים בְּקַבָּלַת הַיִּסּוּרִין הַמַּכִּיר אֶת מְקוֹמוֹ וְהַשָּׂמֵחַ בְּחֶלְקוֹ וְהָעוֹשֶׂה סְיָג לִדְבָרָיו וְאֵינוֹ מַחֲזִיק טוֹבָה לְעַצְמוֹ אָהוּב אוֹהֵב אֶת הַמָּקוֹם

חסדי אבות

אין תומש סוף סדר קרח· והתורה נקנית אבער דיא תורה ווערט איין געלייבט אין א מענשען בארבעים ושמונה דברים מיט אכט אונ פערציג זאכען· כלומר מיט אכט אונ פערציג מעלות ואלו הן אונ דאס זיינען זיי בתלמוד דורך לערנען· כלומר דאס מען מוז לערנען פון א רבי· אונ מען קען עס ניט משיג זיין פון אייגענעם שכל וויא אנדרע חכמות· בשמיעת האזן דורך איין הערין זיך מיט דעם אויער צו די רייד פון די חכמים בעריכת שפתים דורך דיא אנברייטונג פון זיינע ליפן· כלומר דורך די פיל חזרן דאס וואס ער האט געלערנט· בבינת הלב דורך דעם פארשטאנד פון הערצן· כלומר דורך בעטראכטונג· באימה דורך די פארכט וואס ער האט מורא פאר זיין רבי· ביראה דורך יראת שמים· בענוה דורך האלטן זיך קליין· בשמחה דורך די פרייד וואס ער הט בשעת לערנען· בטהרה דורך ריינליכקייט אז בשעת לערנען זיינען זיינע גידאנקען ריין פון דיא מיאוסע תאות אונ ממילא איז זיין גוף אויך ריין· בשמוש חכמים דורך די בעדינונג די חכמים· דען אז ער וועט די חכמים בעדינען וועלן זיי אים ליב האבן אונ וועלן אים איבער געבן פיל חכמות פון דער תורה· בדקדוק חברים דורך די פונקטליכקייט וואס די חברים זיינען מדקדק צוא פרעגן דעם רבי אפילו אויף איין נקודה וואס זיי געפינען איבריג אין דר תורה· אונ די מדה פון אזעלכע חברים זאל ער אויך האבען· בפלפול התלמידים דורך דיא שארפע קלערונגן וואס די תלמידים קלערן איבר די הלכות וואס זיי האבן געהערט פון זייער רבי· בישוב דורך וועלטליכע בעזיצונג· כלומר דורך וויסנשאפט אין מילי דעלמא· וויל דאס איז אויך זייער נייטיג צו דער תורה· במקרא דורך דעם וואס ער איז קלאר אין אלע פיער

און צוואנציג ספרים פון תורה נביאים וכתובים במשנה דורך דעם וואס ער איז קלאר אין משניות במעוט סחורה דורך ווייניג האנדיל· במעוט דרך ארץ דורך ווייניג געזעלשאפט צו האבין מיט זיין ווייב· במעוט תענוג דורך ווייניג פערגניגן במעוט שנה דורך ווייניג שלאפן· במעוט שיחה דורך ווייניג ריידן אין די זאכן וואס ניט נויטיג זיינען· במעוט שחוק דורך ווייניג פריילכקייט בארך אפים מיט לאנג מיטיגקייט· כלומר ער האלט אויף זיין כעס אום ניט באלד נקמה צו נעמן בלב טוב דורך איין גוטעס הערץ· כלומר ער פרייט זיך ווען ער קען מיט לייטן גוטס צו טאן· באמונת חכמים דורך דעם וואס ער גלויבט צו די רייד פון די חכמים אפילו ווען זיין שכל פערשטייט זייא ניט בקבלת היסורין דורך דעם וואס ער איז אויף זיך מקבל צו ליידין יסורים נאר צו לערנען תורה המכיר את מקומו דורך דעם וואס ער דר קענט זיין אייגענעם שטאט· כלומר ער קען זיך זעלבסט אונ ער ווייס זיין לאגע· והשמח בחלקו אונ דורך דעם וואס ער איז צוא פרידן מיט זיין טייל וואס גאט ב"ה האט אים איין גיטיילט אונ ער פערלאנגט ניט איבעריגע זאכין· והעושה סיג לדבריו אונ דורך דעם וואס ער מאכט איין צוים צוא זיינע ענינים בכדי ער זאל ח"ו ניט געשטרויכילט ווערן אין א דבר עבירה· ואינו מחזיק טובה לעצמו אונ דורך דעם וואס ער איז זיך זעלבסט ניט מחזיק טובה אויף דעם וואס ער לערינט תורה· כלומר ער פאר לאנגט ניט אז לייט זאלן אים לויבן אונ רימען פר זיין תורה לערנען· דען ער וייס אז דר צוא איז ער בעשאפן געווארן· אהוב ער איז געליבט צו אלימן דורך זיינע מעשים טובים· אוהב את המקום ער האט ליב דעם בורא אונ ער [illegible] זיך פערגלייבן צו אים אונ גיין אין זיינע וועגן

אוֹהֵב אֶת הַבְּרִיּוֹת אוֹהֵב אֶת הַצְּדָקוֹת אוֹהֵב אֶת הַמֵּישָׁרִים אוֹהֵב אֶת הַתּוֹכָחוֹת וּמִתְרַחֵק מִן הַכָּבוֹד וְלֹא מֵגִיס לִבּוֹ בְּתַלְמוּדוֹ וְאֵינוֹ שָׂמֵחַ בְּהוֹרָאָה נוֹשֵׂא בְעוֹל עִם חֲבֵרוֹ וּמַכְרִיעוֹ לְכַף זְכוּת וּמַעֲמִידוֹ עַל הָאֱמֶת וּמַעֲמִידוֹ עַל הַשָּׁלוֹם וּמִתְיַשֵּׁב לִבּוֹ בְּתַלְמוּדוֹ שׁוֹאֵל וּמֵשִׁיב שׁוֹמֵעַ וּמוֹסִיף הַלּוֹמֵד עַל מְנָת לְלַמֵּד וְהַלּוֹמֵד עַל מְנָת לַעֲשׂוֹת הַמַּחְכִּים אֶת רַבּוֹ וְהַמְכַוֵּן אֶת שְׁמוּעָתוֹ וְהָאוֹמֵר דָּבָר בְּשֵׁם אוֹמְרוֹ הָא לָמַדְתָּ כָּל הָאוֹמֵר דָּבָר בְּשֵׁם אוֹמְרוֹ מֵבִיא גְאֻלָּה לָעוֹלָם שֶׁנֶּאֱמַר וַתֹּאמֶר

חסדי אבות

אוהב את הבריות ער האט ליב די לייטן ער פר שטייט דעם אונגליק פון זיין חבר אונ ער פר גלייכט זיך צו אים צו זארגן אין זיין זארג אונ צו זוכן פר אים הילף · אוהב את הצדקות ער האט ליב די גרעכטיקייט צו טאן אלס וואס עס געהער צו גאט אונ צו מענשן אוהב את המישרים ער האט ליב דיא מדות היושר · אדר די לייט וועלכע האבין אגלייכן פערשטאנד · אוהב את התוכחות ער האט ליב צו הערין שטראף רייד · ומתרחק מן הכבוד אונ ווען לייט ווילן אים געבן עהר"ע · דר ווייטערט ער זיך אונ אנטלויפט פון כבוד · ולא מגים לבו בתלמודו אונ ער ווייזט זיך ניט וויא זיין הערץ איז איין גיוואונט כלומר גוט בעקאנט מיט די ענינים וואס ער האט גלערינט אונ וועלען עס שטעלין אויף זיין שכל · ואינו שמח בהוראה אונ ער פרייט זיך ניט מיט דעם וואס ער האט גרייכט צו פסקנן שאלות · נאר פר קערט ער האט מורא פיליכט האט ער ניט גוט גיפסקת · נושא בעול עם חברו ער טראגט אין דעם יאך פון זיין חבר אונ ער אינטריסירט זיך וועגן אים אונ שטיצט אים מיט הילף אונ מיט עצות אים גוטעס צוא טאן בעולם הזה ובעולם הבא · ומכריעו לכף זכות ווען ער זעהט אז דיא דעה פון זיין חבר וועגן איין מענשין · קערט אמאל צו גוטן אונ אמאל צו בייזן · זעט ער צו נייגן די דעה פון זיין חבר צו דר גוטע זייט ומעמידו על האמת ומעמידו על השלום אונ ער בעווייזט אים געוויכע ראיות ביז ער שטעלט אים אויף דע פונקט פון אמת · אונ ער בעווייזט אים אויך אז זיין חבר איז גוט מיט אים · אונ פאר וואס זאל ער אים קלערין צוא בייזן · אונ אזו שטעלט ער אים אויך אויף דר גוטע מדה פוי שלום ומתישב לבו בתלמודו אונ ער זעט דאס לערנן וואס ער וויל עס לערנען

די לייטן · פריער צוא איין זעצן עס בייא זיך אין הערצן · אונ מסדר זיין די ענינים וואס ער בעדארף עס צו זאגן פר לייטן · שואל ומשיב ער פרעגט וויא דיא זאך איז וואס ער רעט וועגין איר · אונ אז ער ענטפערט איז אויך נאך דיא הלכה וואס מען האט אים גפרעגט אונ מיינט ניט צו בווייזן חריפות · שומע ומוסיף ער הערט אוים די רייד פון זיינע תלמידים אונ ער שלאגט זיי ניט אפ · אונ אז ער האט ערפארן דאס ער האט זיי דעם ערשטען מאל ווייניג דר קלערט פערמערט ער נאך רייד אויף זיינע ערשטע רייד ביז זיי זאלן דאס גוט פערשטיין · הלומד על מנת ללמד ער לערינט אויף דעם תנאי צוא באלעהרין אויך דעם אנדרין · והלומד על מנת לעשות אונ אויב אין זיין לערנן איז דא אזו איין מצוה וואס מען קען איר מקיים זיין · לערינט ער איר אויך בבדי זיא מקיים צו זיין אונ אויך צוא בעלעהרין דעם אנדערן · המחכים את רבו ווען ער האט געהערט פון זיין רבי אזאך וואס ער אליין ווייס דאס אויך דאך פערגלייכט ער ניט דעם רבי צו זיך · נאר ער האלט אים פיר קלוג · כלומר קליגר פון זיך · והמכון את שמועתו אונ ער מאכט צו רעכט זיין פשט וואס איינס איז סותר דאס אנדערם · והאומר דבר בשם אומרו אונ ער גיט נאך אפ אויך כבוד צו זיין רבי · דען ער זאגט ניט סתם אזו האב איך גיהערט נאר ער זאגט עס אין דעם נאמען פון זיין רבי וואס ער האט עס פון זיין מויל גיהערט · הא למדת דר אוים לערינסטו אפ כל האומר דבר בשם אומרו מביא גאולה לעולם אז דר וואס זאגט איינע זאך אין דעם נאמען פון דעם וואס ער האט געהערט · דיזער ברייננגט איין גליק אויף דער וועלט · דען אז איינער טוט גוץ וויל הש"י אז אלע זאלן וויסן דעם נאמן פון דעם וואס טוט

די

אֶסְתֵּר לַמֶּלֶךְ בְּשֵׁם מָרְדְּכָי: ז גְּדוֹלָה תוֹרָה שֶׁהִיא נוֹתֶנֶת חַיִּים לְעֹשֶׂיהָ בָּעוֹלָם הַזֶּה וּבָעוֹלָם הַבָּא שֶׁנֶּאֱמַר כִּי חַיִּים הֵם לְמֹצְאֵיהֶם וּלְכָל בְּשָׂרוֹ מַרְפֵּא: וְאוֹמֵר רִפְאוּת

חסדי אבות

די טובות׳ שנאמר וויא אין פסוק שטייט והאמר אסתר למלך בשם מרדכי אסתר האט גיזאגט צום דעם מלך אין דעם נאמן פון מרדכי · וייל ער האט נעמאן אגרויסען קדוש השם האט אים אסתר מפרסם גוועזן בכדי מען זאל וויסען אז דר יהודי איז אלע מאל טרייא דעם פאטר פון לאנד · כלומר ער איז טרייא אונ האט באמת ליב דעם בהערשר פון זיין לאנד · וייל מרדכי האט איין געשטעלט זיין לעבין אונ האט זיך פארצעפעט מיט גרויסע שרים צוא ראטירין זיין בהערשר · אונ ווען דער קיניג וואלט זייא מוחל גוועזן וואלט דאס לעבן פון מרדכי הייגגן אויף איין האר · אבר דורך דעם זכות וואס אסתר האט דער ציילט דעם אחשורוש אז מרדכי האט עם אוים גזאגט זייער סוד וואס זיי האבן גיוועלט אום ברייגגן זייער קעניג · האט דורך דעם ארוים געוואקסין איין ישועה ניט נאר צו די גופים · נאר אויך צו די נפשות פון ישראל׳ דען זיי האבן תשובה גמאן אונ האבן פון דאס נייא מקיים גיוועזן די תורה וועלכע זיי האבן פון לאנג אן מקבל גיוועזן: ז גדולה תורה שהיא נותנת חיים לעושיה בעולם הזה ובעולם הבא דיא תורה איז אזו גרוים דאס זיא גיט לעבין צוא דיא לייט וועלכע זיינען איהר מקיים · הן בעולם הזה הן בעולם הבא · דען אנדרע מעלות · וויא רייכקייט · גבורה אונ כבוד בעקומט דר מענש אויך דורך אנדערע חכמות אונ וויסענשאפטן · אבר די מעלות פון לעבען · אין ביידע וועלטען בעוה״ז ובעוה״ב דאס בעקומט דר מענש ניט · נאר דוקא דורך דיא חכמות פון דער תורה · שנאמר וויא עס שטייט אין פסוק כי חיים הם למוצאיהם דען זייא זיינן לעבן צו די לייט וועלכע געפינן זיי (דיא מעלות התורה) ולכל בשרו מרפא אונ צוא זיין גאנצין לייב איז דאס אהיילונג · דער דובנער מגיד שרייבט אז די כונה פון דעם תנא וואס ער זאגט שהיא נותנת חיים לעושיה די תורה גיט לעבן נאר צוא די לייט וואס טוען פונקט וויא חא הייסט · אונ זייא ווילען אין איר גאר ניט

אבות

משנה זיין · כלומר זיי מיינן אין דר תורה קיין זאך ניט צו בעסערן · אונ ניט מאכן קיין שום בעסערונג אין דעם דת פון גאט ב״ה · על דרך משל איין זייגער מאכר האט איבר גלאזן אויפען טיש זיינע געציינג מיט פיל זייגערליך וואס לייט האבן אים געגעבן צו רעכט מאכין · אונ ער איז זיך אוועק גיגאנגין אין גאס · זיין קינד איז גיקומן פון חדר אונ האט גזעהן אז דר פאטר איז ניט צוא הויז · איז ער גיגאנגין צום ווערקשטאט אונ האט גינומן זיין פאטרס געציינג · אונ האט גמייסטערט די זייגערס וואס זיינן אויפן טיש גילעגין · אלס דער פאטר איז גקומן פון גאס אונ האט דר וויסט זיין קליינעם זון מייסטערט מיט זיינע איידעלע געציינג דיא זייגערס · איז ער אויף אים זייער אין כעס גיווארן אונ האט אים געפרעגט וויא קומסטו צוא מייסטערן דיא זייגערס · האט אים דאס קינד גיענטפערט איך מיין די זייגערס צו אויס בעסערען · דו דארפסט פערשטיין זאגט דער פאטער אז דוא האסט נאך קיין שום בעגריף אין די ארבייט אונ דו ווייסט גאר ניט וויא די געציינג צו בענוצן · וויא ווייסט דו ניט אז דו וועסט זיי נאך מער פערדארבן אנשטאט דעם וואס דו ווילסט זייא פערבעסערין · דיא זעלבינע זאך איז אויך מיט דר תורה אונ מיט דעם דת פון גאט ב״ה · ביי דר תורה שטייט אלהים הבין דרכה גאט האט אונז געגעבן די מצות וועלכע מיר פאר שטייען ניט זייערע טעמים נאר גאט וואס ער איז דר בעל מלאכה פון זיי ער אליין ווייס זייערע טעמים · אונ די חכמים פון דער משנה אונ פון דער גמרא זיי האבען געוואוסט די היילגע אונ דיא איידעלע געציינג פון דר מלאכה וויא אזו מען זאל עס בענוצן · אונ זייא האבין מתקן גיוועזין פיל תקנות אוןנ דינים נאך דיא כללים פון דר תורה וויא דיא י״ג מדות דרבי ישמעאל אונ די ל״ב נתיבות דרבי אליעזר בנו של רבי יוסי הגלילי וואס דאס זייגען די איידעלע געציינג פון דער היילגע מלאכה אין דעם עסק התורה · אבער מיר זיינן נאך

תְּהִי לְשָׁרֶךָ וְשִׁקּוּי לְעַצְמוֹתֶיךָ : וְאוֹמֵר עֵץ חַיִּים הִיא לַמַּחֲזִיקִים בָּהּ וְתוֹמְכֶיהָ מְאֻשָּׁר: וְאוֹמֵר כִּי לִוְיַת חֵן הֵם לְרֹאשֶׁךָ וַעֲנָקִים לְגַרְגְּרֹתֶיךָ:וְאוֹמֵר תִּתֵּן לְרֹאשְׁךָ לִוְיַת חֵן עֲטֶרֶת תִּפְאֶרֶת תְּמַגְּנֶךָּ:וְאוֹמֵר כִּי בִי יִרְבּוּ יָמֶיךָ וְיוֹסִיפוּ לְךָ שְׁנוֹת חַיִּים: וְאוֹמֵר אֹרֶךְ יָמִים בִּימִינָהּ בִּשְׂמֹאולָהּ עֹשֶׁר וְכָבוֹד: וְאוֹמֵר כִּי אֹרֶךְ יָמִים וּשְׁנוֹת חַיִּים וְשָׁלוֹם יוֹסִיפוּ לָךְ: וְאוֹמֵר דְּרָכֶיהָ דַרְכֵי נֹעַם וְכָל נְתִיבוֹתֶיהָ שָׁלוֹם: ח רַבִּי

חסדי

זיי נאר ניט אין שטאנד מתקן צו זיין עטוואס אונ ווען מיר זאלן ווען חלילה עטוואס משנה זיין אדין אדר איין גיזעץ פון דר תורה קענען מיר חלילה מער מקלקל זיין אנשטאט צוא פערבעסערין · אונ דענמאל פערשפילען מיר אונזער לעבן בעוה"ז אונ בעוה"ב · דרום האט אונז הש"י גיזאגט ראה נתתי לפניך היום את החיים ואת הטוב איך גיב פר דיר היינט דאס לעבען אונ דעם טוב · אבר אז אמענש וועט וועלין זאגן איך וועל דעם טוב פיל בעסער מאכין דהיינו עס זאל זיין טוב מאד דערויף האט די גמרא גיזאגט מאד זה המות · כלומר דיא תורה וואס זיא הייסט טוב אז דר מענש וויל איהר אויס בעסערן איז דאס ניט לעבן נאר טויט · אונ דאס האט געמיינט דער תנא פון דיזער ברייתא וואס ער האט גיזאגט גדולה תורה דיא תורה איז אזו גרויס שהיא נותנת חיים לעושיה דאס זיא גיט לעבן נאר צו דיזע לייט וועלכע טוען זיא כלומר זיי פאלגן איר פונקט וויא זיא איז · אונ מען וויל אין איר נישט משנה זיין אום עטוואס אויס צו בעסערן · ואומר אונ נאך זאגט דר פסוק רפאות תהי לשרך איינע היילונג וועט זיא זיין די תורה צו דיין נאפיל · ושקוי אונ איין מארך לעצמותיך צו דיינע ביינר · ואומר אונ נאך אפסוק זאגט עץ חיים היא למחזיקים בה איין בוים פון לעבן איז זיא (די תורה) צו די לייט וועלכע האלטן פעסט אין איר · כלומר אזו וויא דער עץ החיים וואס גאט האט גפלאנצט אין גן עדן אז דער מענש וואלט פון אים עסן וואלט ער דאך לעבן אייביג · אזו איז דר מענש וואס ער האלט זיך פעסט אין דר תורה קויפט ער זיך איין אייביגן לעבן בעולם הבא ותומכיה מאושר אונ אירע שטיצר · כלומר דר וואס שטיצט די לייט וואס לערנן די תורה · איז ער גליקליך ואומר אויך זאגט דר פסוק כי לוית חן הם לראשך דאס איינע טייערע צירונג וועלן זיי זיין פר דיא

אבות

דברי תורה) צו דיין קאפ וענקים לגרגרותיך אונ האלדז בענדר צו דיינעם האלז · כלומר דאס איז דיין שכר פאר צוויא זאכן · ערשטן וייל דו האסט גלערינט די תורה מיט אקלארן קאפ דרום וועלן זיין די רייד פון דר תורה אטייערע קרוין צו דיין קאפ בעולם הבא · וויא רב האט גיזאגט אז בעולם הבא צדיקים יושבים ועטרותיהם בראשיהם וועלן די צדיקים זיצן אונ פון זייערע דברי תורה וועט מען מאכן קרוינן צו זייערע קעפ · אונ וייל דו האסט גלערינט די תורה בקול רם אונ דו האסט גארבייט אין איר מיט דיין האלז דרום איז דיין שכר וענקים לגרגרותיך וועט מען דיר אן טאן טייערע בענדער אויף דיין האלז · ואומר וויא נאך אפסוק זאגט תתן לראשך לוית חן עטרת תפארת תמגנך די תורה וועט זעצן אויף דיין קאפ אטייערע צירונג · אונ די שיינע קרוין פון דר תורה וועט דיך שיצן פון אלע אונגליקן · ואומר אויך זאגט דר פסוק די תורה רעט צום מענשן אונ זאגט צו אים כי בי ירבו ימיך דורך מיר וועלן זיך פערמערן דיינע טעג בעולם הבא · ויוסיפו לך שנות חיים אונ מען וועט דיר אויך פערמערן יארן פון לעבן בעולם הזה · ואומר אונ ווידר זאגט דר פסוק ארך ימים בימינה לאנגע טעג איז אין אירע רעכטע האנט · כלומר ווער עס לערינט די תורה לשמה פון גאטס וועגין דער וועט האבן עולם הבא וואס דאס ווערט אן גרופן אורך ימים · בשמאלה עושר וכבוד אין אירע לינקע האנט · כלומר די וואס לערנן די תורה שלא לשמה וואס דאס רופט מען לינקס וועט ער אויך האבן רייכקייט אונ עהרע דאס איז עולם הזה · ואומר אונ נאך איין פסוק זאגט כי ארך ימים ושנות חיים ושלום יוסיפו לך דען לאנגע טעג · כלומר דאס לעבען פון עולם הבא · אונ צייטליכעס לעבן פון עוה"ז אונ פריד וועלן די דברי תורה פרמערן צו דיר :

ח רבי שמע[ון] [ב]ן יהודה משום רבי שמעון בן יוחאי

אומר

שִׁמְעוֹן בֶּן יְהוּדָה מִשּׁוּם רַבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחָאי אוֹמֵר הַנּוֹי וְהַכֹּחַ וְהָעֹשֶׁר וְהַכָּבוֹד וְהַחָכְמָה וְהַזִּקְנָה וְהַשֵּׂיבָה וְהַבָּנִים נָאֶה לַצַּדִּיקִים וְנָאֶה לָעוֹלָם שֶׁנֶּאֱמַר עֲטֶרֶת

אומר רבי שמעון בן יהודה זאגט פון וועגין רבי שמעון בן יוחאי הנוי אלס וואס שיין איז דהיינו הכח די שטארקייט · והעושר אונ רייכקייט **והכבוד** אונ עהרע · והחכמה אונ גילערנזאמקייט · **והזקנה** דיא אלטקייט · והשיבה אונ גרייז גראע **האר** והבנים אונ קינדר · כלומר אז די זין זאלן זיין תלמידי חכמים · נאה להם דאס איז ווירדיג פר זיי ונאה לעולם אונ עס איז ווירדיג פר די וועלט · וויא מיר געפינען אמעשה (כתובות דף ס"ב ע"ב) רבי חמא בר ביסא האט געהאט גרויס חשק צו לערנן תורה · האט ער גילאזן צווא הויז זיינע פרויא מיט אקליינעם זון · אונ איז גיפארן אין אישיבה אונ האט דארטן גלערנט צוועלף יאר · נאך דעם איז ער גיפארן צוריק נאך הויז · אלס ער איז גיקומען אין שטאט האט ער ביי זיך גיטראכט · איך וועל ניט קומן אהיים פלוצלונג צו מיין ווייב · דען איר קען טרעפן אזו וויא עס האט גיטראפין מיט דער ווייב פון רבי חנינא בן חכינאי וועלכר האט אויך גזאמט אין אישיבה צוועלף יאר · אונ נאך דעם איז ער פלוצלונג אהיים גיקומן אונ וויא זיין ווייב האט אים דר זעהן פלוצלינג איז זיא פון פרייד אין חלשות גיבליבן · דרום איז רבי חמא אריין גיגאנגען פריער אין בית המדרש אונ האט גישיקט צו זיין ווייב אנזאגן אז ער איז גיקומען צו פארן פון דער ישיבה אונ ער זיצט דא אין בית המדרש · האט זיין ווייב צו אים געשיקט זיינעם זון רבי הושעיה · וואס אונטער דר צייט פון די צוועלף יאר וואס זיין פאטער האט גיזאמט אין דער ישיבה איז ער אויס געוואקסן גיווארן אונ איז גוועזן אגרויסר תלמיד חכם · די מוטר האט אים פאר זאגט אז ער זאל זיך דעם פאטר ניט לאזן דר קענן אז ער איז זיין זון · אונ ער זאל מיט אים מפלפל זיין אין דברי תורה · רבי הושעיה איז גיקומן אין בית המדרש אונ האט זיך גשטעלט פר זיין פאטער רבי חמא · אונ רבי חמא האט ניט גיוואוסט אז דאס איז זיין זון · רבי הושעיה האט ביי זיין פאטר גיפרעגט זייער

פיל שאלות אין דיא חכמות התורה · מיט זייער פיל וויכטיגע קשיות · ביז רבי חמא איז פון אים זייער נתפעל גיווארין אונ האט זיך געוואונדערט אויף זיין גרויסע חכמה מיט זיינע פיל חריפות · אז רבי חמא האט זיך זייער מצער גוועזן אונ האט ביא זיך גיטראכט · ווען איך וואלט אונטער דער צייט זיין דער היים וואלט פיליכט מיין זון אויך גיוועזן אזוא איין תלמיד חכם וויא דיזר יונגער מאן · אלס רבי חמא איז גיקומען נאך הויז וויא ער האט נאר די שוועל איבר גיטראטן האט ער גיזעהן אז דר זעלביגר יונגר מאן איז אויך באלד אריין גיקומן אין זיין הויז רבי חמא האט זיך פר אים גישטעלט אונ איז אים אנקעגן געקומען · דען ער האט גימיינט אז ער איז צווא אים ווידער גיקומען מיט אים מפלפל זיין אין הלכות · האט זיינע פרויא צו אים גיזאגט · ערשט פרייט מיר מיין הערץ · דען יעצט ווייס איך אז מיין זון איז אתלמיד חכם אונ ער האט זיך ניט צו שעמען פאר זיין פאטר אין לערנן · זאיי וויסין אז דאס איז דיין קינד וואס דו האסט אים גלאזן אז ער איז נאך גיוועזן אקליינער יונגיל · אונ איך האב אים מגדל גיוועזן אין תורה אונ אין חכמה גאר אן דיין הילף · אבר דאס האב איך מיך פון דיר ניט געריכט · איך האב גאר ניט גירעכינט דס איין פאטר זאל געבן כבוד צו זיין זון אונ זאל אויף שטיין פר אים · רבי חמא איז איבר די רייד פון זיינע פרויא דר שראקין גיווארן פון גרויס שמחה ער איז גיפאלין דעם זון אויפין האלדז אונ האט אים גיקוסט · אונ אויף אים האט רמי בר חמא גילייענט דעם פסוק והחוט המשולש לא במהרה ינתק איין פאדעם וועלכער איז אין דריי סטאלקעם געדרייט וועט זיך ניט געשווינד איבר רייסן · דאס מיינט ער דעם רבי הושעיה בר חמא בר ביסא · שנאמר וויא דר פסוק זאגט עטרת תפארת שיבה די שיינע קרוין פון גרייזקייט בדרך צדקה תמצא געפינט זיך נאר אין דעם וועג פון גירעכטיגקייט כלומר ביא

דיא

תִּפְאֶרֶת שֵׂיבָה בְּדֶרֶךְ צְדָקָה תִּמָּצֵא: וְאוֹמֵר עֲטֶרֶת זְקֵנִים בְּנֵי בָנִים וְתִפְאֶרֶת בָּנִים אֲבוֹתָם: וְאוֹמֵר תִּפְאֶרֶת בַּחוּרִים כֹּחָם וַהֲדַר זְקֵנִים שֵׂיבָה: וְאוֹמֵר וְחָפְרָה הַלְּבָנָה וּבוֹשָׁה הַחַמָּה כִּי מָלַךְ יְיָ צְבָאוֹת בְּהַר צִיּוֹן וּבִירוּשָׁלַיִם וְנֶגֶד זְקֵנָיו כָּבוֹד: רַבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן מְנַסְיָא אוֹמֵר אֵלּוּ שֶׁבַע מִדּוֹת שֶׁמָּנוּ חֲכָמִים לַצַּדִּיקִים כֻּלָּם נִתְקַיְּמוּ בְּרַבִּי וּבְבָנָיו: ט אָמַר רַבִּי יוֹסֵי בֶּן קִסְמָא פַּעַם אַחַת הָיִיתִי מְהַלֵּךְ בַּדֶּרֶךְ וּפָגַע בִּי אָדָם אֶחָד וְנָתַן לִי שָׁלוֹם וְהֶחֱזַרְתִּי לוֹ שָׁלוֹם · אָמַר לִי רַבִּי מֵאֵיזֶה מָקוֹם אַתָּה · אָמַרְתִּי לוֹ מֵעִיר גְּדוֹלָה שֶׁל חֲכָמִים וְשֶׁל סוֹפְרִים אָנִי · אָמַר לִי רַבִּי רְצוֹנְךָ שֶׁתָּדוּר

חסדי אבות

דִּי צַדִּיקִים · ואומר אויך זָאגְט דֶר פָּסוּק תפארת בחורים כחם דִּי שֵׁיינְהַייט פוּן דִּי יוּנְגֶע לַייט אִיז זַייעֶר שְׁטַארְקַייט · כְּלוֹמַר דִּי יוּנְגֶע לַייט מוּז מֶען גֶעבְּן כָּבוֹד פַר זַייעֶרֶע שְׁטַארְקַייט וָועלְכֶע זַייא בַּאנוּטְצִין זִיא לְטוֹבַת הַכְּלָל · וִויא מֶען פָאדֶערְט פוּן זַיי צוּ גֵיין אוּנ צוּ פָארִין אִין דִיא קְהִלּוֹת אוּם זוּמֶער אִין הִיטְץ אוּנ אוּם ווִינְטֶער אִין דִיא גְרוֹיסֶע קֶעלְטִין צוּ מְאַסֵף זַיין גֶעלְד לְצָרְכֵי הַיְשִׁיבוֹת · וָואס מֶען בְּרוֹיכְט דֶער צוּ הָאבִּין פִיל כֹּחַ אוּנ זְרִיזוּת · והדר זקנים שיבה אוּנ דִי אַלְטֶע לַייט גִיט מֶען כָּבוֹד · וַוייל זַיי טוּעֶן אַטוֹבָה דָעם כְּלַל דוּרְךְ זַייעֶרֶע גְרַייזְקַייט · ווייל מֶען בֶּענוּצְט זַיי צוּ פְרֶעגְן בַּייא זַיי עֵצוֹת דֶען זַייא הָאבִּין אִין זַייעֶר לֶעבִּין זַייעֶר פִיל פְּרַאקְטִיצִירְט · אוּנ זַיי ווייסְן פוּן אַלֶעם · ואומר אוּנ נָאךְ אַפָּסוּק זָאגְט עטרת זקנים בני בנים דִיא קְרוֹין פוּן דִי אַלְטֶע לַייט זַיינֶען קִינְדְּס קִינְדֶער· כְּלוֹמַר מֶען גִיט צוּ דִי אַלְטֶע לַייט כָּבוֹד צוּ לִיבּ זַייעֶרֶע אֵיינִיקְלִיךְ וָועלְכֶע זַיינֶען אוֹיס גֶעבִּילְדֶעט אִין חָכְמַת הַתּוֹרָה אוּנ אִין מַעֲשֶׂה הַמִּצְוֹת · וַוייל מֶען זָאגְט אַז דָאס הָאט גִימַאכְט דִי גוּטֶע עֶרְצִיהוּנְג פוּן זַייעֶר גְרוֹיס פָאטֶער · ותפארת בנים אבותם אוּנ מֶען גִיט אוֹיךְ כָּבוֹד צוּ דִי קִינְדֶער · אוֹיךְ הָאטְשִׁי זַיי זַיינֶען יוּנְג · צוּ לִיבּ זַייעֶרֶע עֶלְטֶערְן וָועלְכֶע זַיינֶען צַדִּיקִים · ואומר אוּנ דָאס זָאגְט אוֹיךְ דֶר פָּסוּק · אַז מֶען זָאל נִיט מֵיינֶן דָאס דִיזֶע אַלֶע זִיבְּן זַאכְן וִויא כח כבוד· עשירות · חכמה · אַלְטְקַייט· גְרַייזְקַייט אוּנ קִינְדֶר· אִיז דָס דֶר גַאנְצֶער שְׂכַר פוּן דִי צַדִּיקִים. כְּלוֹמַר נָאר בעוה"ז דָרוּם זָאגְט עֶר וחפרה הלבנה ובושה החמה אֲפִילוּ וֶוען דִיזֶע וֶועלְט וֶועט חָרוּב וֶוערְן דָאס דִי לְבָנָה וֶועט זִיךְ שֶׁעמֶען · אוּנ דִי זוּן וֶועט פֶערְבְּלַייכֶען כי מלך ה' צבאות בהר ציון

ובירושלים בְּעֵת אַלֶע וֶועלִין דֶר קֶענֶען אַז גָאט הָאט גִירֶעגִירְט אִיבֶּר דָעם בַּארְג צִיוֹן אוּנ אִין יְרוּשָׁלַיִם · דָאס מֵיינְט מֶען בְּעוֹלָם הַבָּא אוֹיךְ דֶענְמָאל ונגד זקניו כבוד וֶועט דֶער כָּבוֹד זַיין אָנְקֶענְגִין זַיינֶע חֲכָמִים וָואס הָאבִּין זִיךְ עוֹסֵק גִיוֶועזְן אִין דֶער חָכְמָה פוּן דֶער תּוֹרָה · וַוייל אַיין חָכָם הָאטְשִׁי עֶר אִיז יוּנְג רוּפְט אִים אָן דִי תּוֹרָה זָקֵן · רבי שמעון בן מנסיא אומר רַבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן מְנַסְיָא זָאגְט אלו שבע מדות שמנו הכמים דִיזֶע זִיבְּן מַעֲלוֹת וָואס דִי חֲכָמִים הָאבְּן דָא אוֹיס גִירֶעכְבִּינְט הכח · והעושר · והכבוד · והחכמה · והזקנה · והשיבה · והבנים כולם נתקימו ברבי ובבניו זַיינֶען זַיי אַלֶע מְקוּיָם גִיוָוארְן בַּיי רַבִּי (דָאס אִיז רַבִּי יְהוּדָה הַנָשִׂיא וָואס מֶען רוּפְט אִים אָן רַבֵּינוּ הַקָּדוֹשׁ) מִיט זַיינֶע קִינְדֶר וַוייל זַיי הָאבְּן זַייעֶרֶע מִדּוֹת בֶּענוּצְט צוּ דֶער טוֹבָה פוּן כְּלַל מֶענְטְשִׁין · אִין טוֹבוֹת הַגּוּף וְהַנֶּפֶשׁ · אִיז אוֹיךְ זַיי מְקוּיָם גִיוָוארְן דֶר פָּסוּק כי היא חייך ואורך ימיך דִי תּוֹרָה אִיז דַיין לֶעבִּין בעוה"ז אוּנ צוּ לַאנְגֶע טֶעג בעוה"ב: ט אמר רבי יוסי בן קסמא רַבִּי יוֹסֵי בֶּן קִסְמָא הָאט גִיזָאגְט פעם אחת הייתי מהלך בדרך אַמָאל בִּין אִיךְ גִיגַאנְגֶען אִין וֶועג ופגע בי אדם אחד הָאט מִיךְ בַּאגֶעגִינְט אַיין מֶענְטְשׁ ונתן לי שלום והחזרתי לו שלום עֶר הָאט מִיר גִיגֶעבִּין שָׁלוֹם אוּנ אִיךְ הָאבּ אִים גִיעֶנְפֶערְט שָׁלוֹם · אמר לי רבי מאיזה מקום אתה הָאט עֶר צוּא מִיר גִיזָאגְט רַבִּי פוּן וָועלְכְן אָרְט בִּיסְט דוּ · כְּלוֹמַר וַוייל אִיךְ זֶעה דִיךְ אוּנְטֶער וֶוענִיגְס דוּא גֵייסְט זוּכִין פַּרְנָסָה · עַל כֵּן פְרֶעג אִיךְ דִיר פוּן וֶועלְכִין אָרְט בִּיסְט דוּ אַזוֹ וָואס דִי לַייט שְׁטִיצְן נִיט דִיא תַּלְמִידֵי חֲכָמִים וָואס גָעפִּינֶען זִיךְ צְוִוישְׁן זַיי · אמרתי לו מעיר גדולה של הכמים ושל סופרים אני אִיךְ בִּין

עִמָּנוּ בִּמְקוֹמֵנוּ וַאֲנִי אֶתֵּן לְךָ אֶלֶף אֲלָפִים דִּינְרֵי זָהָב וַאֲבָנִים טוֹבוֹת וּמַרְגָּלִיּוֹת׃ אָמַרְתִּי לוֹ אִם אַתָּה נוֹתֵן לִי כָּל כֶּסֶף וְזָהָב וַאֲבָנִים טוֹבוֹת וּמַרְגָּלִיּוֹת שֶׁבָּעוֹלָם אֵינִי דָר אֶלָּא בִּמְקוֹם תּוֹרָה וְכֵן כָּתוּב בְּסֵפֶר תְּהִלִּים עַל יְדֵי דָוִד מֶלֶךְ יִשְׂרָאֵל טוֹב לִי תּוֹרַת פִּיךָ מֵאַלְפֵי זָהָב וָכָסֶף׃ וְלֹא עוֹד אֶלָּא שֶׁבִּשְׁעַת פְּטִירָתוֹ שֶׁל

חסדי אבות

פון אַגְרוֹיסֶע שְׁטָאט וָואס אִירֶע לַייט זַיינֶען חֲכָמִים דָאס אִיז בַּעֲלֵי מִשְׁנָה וּגְמָרָא׃ אוּנ סוֹפְרִים׃ כְּלוֹמַר בַּעֲלֵי מִקְרָא׃ זַייא זַיינֶען קְלָאר אִין תּוֹרָה נְבִיאִים וּכְתוּבִים׃ אָבֶּער זַיי זַיינֶען נִיט עֲשִׁירִים אוּנ זַיי הָאבֶּן נִיט בִּיכוֹלֶת מִיךְ צוּא שְׁטִיצִין׃ אמר לי הָאט עֶר צוּא מִיר גִיזָאגְט רבי רצונך שתדור עמנו במקומנו ווילְסְט דוּ וואוֹנֶען מִיט אוּנְז אִין אוּנְזֶער אָרְט ואני אתן לך אלף אלפים דינרי זהב ואבנים טובות ומרגליות אוּנ אִיךְ וָועל דִיר גֶעבִּין אַמִילְיָאן גִילְדֶענְס אוּנ אֲבָנִים טוֹבוֹת אוּנ פֶּערִיל׃ אמרתי לו הָאבּ אִיךְ צוּ אִים גִיזָאגְט אם אתה נותן לי כל כסף וזהב ואבנים טובות ומרגליות שבעולם אֲפִילוּ וָוען דוּא וָועסְט מִיר גֶעבִּין גָאר דָאס זִילְבֶּער אוּנ גָאלְד מִיט אֲבָנִים טוֹבוֹת אוּנ פֶּערְל פוּן דֶר גַאנְצֶער וָועלְט איני דר אלא במקום תורה וָועל אִיךְ אַנְדֶערְס נִיט וואוֹהְנֶען נָאר אוֹיף דֶעם אָרְט פוּן תּוֹרָה׃ וכן כתוב בספר תהלים על ידי דוד מלך ישראל אוּנ אַזוֹ שְׁטֵייט אוֹיךְ גִישְׁרִיבִּין אִין סֵפֶר תְּהִלִּים דוּרְךְ דָוִד מֶלֶךְ יִשְׂרָאֵל טוב לי תורת פיך מִיר אִיז בֶּעסֶער גִיפֶעלִין דִיא תּוֹרָה שֶׁבְּעַל פֶּה׃ מאלפי זהב וכסף מֶער אַלֶעס טוֹיזֶינְדֶער שְׁטִיקֶער גָאלְד אוּנ זִילְבֶּער׃ דֶער זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ שְׁרַייבְּט אִין פַּרְשָׁה לֶךְ לְךָ אִין סִתְרֵי תּוֹרָה פוּן דֶעם עִנְיַן אַשֵׁיינֶע מַעֲשֶׂה׃ אַלְס רַבִּי אַבָּא אִיז אוֹיף גִיגַאנְגֶען פוּן בָּבֶל אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אִיז גִיוָועזִין זַיינֶע עֶרְשְׁטֶע אוּנְטֶער נֶעהְמוּנְג צוּא גְרִינְדֶען דָארְטִין אַיין יְשִׁיבָה פַר יוּדִישֶׁע קִינְדֶער׃ אוּנ הָאט גִילָאזְן אוֹיס רוּפִין אִין דֶער גַאנְצֶע מַחֲנֶה יִשְׂרָאֵל׃ וֶוער עֶס וִויל הָאבִּין לֶעבִּין׃ רַייכְקַייט אוּנ כָּבוֹד אוּנ דֶעם אֵייבִּיגִין לֶעבִּין פוּן עוה"ב דֶער זָאל קוּמֶען אִין דִיזֶען בֵּית הַמִּדְרָשׁ צוּא לֶערְנֶען תּוֹרָה׃ דֶען נָאךְ אוֹיסֶער תּוֹרָה וֶועט מֶען אוֹיךְ דִיא תַּלְמִידִים דָא גֶעבִּין גוּטֶע עֶרְצִיהוּנְג אוּנ מֶען וֶועט זַיי לֶערְנֶן אוֹיךְ דֶרֶךְ

אֶרֶץ אוּנ אַנְדֶערֶע וָועלְטְלִיכֶע וִויסֶענְשַׁאפְטִין וָואס דָאס אִיז אַיין נוּטְצִיגֶער גֶעגֶענְשְׁטַאנְד אַזוֹ וִויא דִיא תּוֹרָה אַלַיין׃ אוּנ דוּרְךְ דֶער קִנְאָה וָואס דִיא תַּלְמִידִים וָועלִין מְקַנֵּא זַיין אֵיינִיגֶע חֲבֵרִים וָואס זַיינֶען דוּרְךְ דֶעם לֶערְנֶען רַייךְ גִוָוארִן וֶועט דִי חָכְמָה פֶערְמֶערְט וָוערִין נָאךְ דֶעם כְּרוּז זַיינֶען נִיקוּמֶען אַלֶע יוּנְגֶע לַייט פוּן יִשְׂרָאֵל צוּא רַבִּי אַבָּא אִין בֵּית הַמִּדְרָשׁ אוּם צוּא לֶערְנֶען פוּן אִים תּוֹרָה אוּנ דֶרֶךְ אֶרֶץ אַיין מָאל אִיז אַרַיינְגִיקוּמֶן צוּ רַבִּי אַבָּא אִין בהמ"ד אַקִינְד) פוּן זַיינֶם אַשְׁכֵן אוּנ עֶר וָואר זַייעֶר אַיוּנְגֶר בָּחוּר׃ אוּנ הָאט צוּ רַבִּי אַבָּא גִיזָאגְט׃ רַבִּי אִיךְ הָאבּ זַייעֶר לוּסְט צוּא רַייכְקַייט׃ אוּנ דֶערִיבָּר בִּין אִיךְ צוּ דִיר גְקוּמֶן פוּן דִיר תּוֹרָה אוּנ דֶרֶךְ אֶרֶץ צוּ לֶערְנֶן׃ הָאט אִים רַבִּי אַבָּא גִיפְרֶעגְט וִויא הֵייסְטוּ מִיט דַיין נָאמֶן׃ הָאט דֶר יוּנְגֶער מֶענְשׁ צוּ אִים גִיזָאגְט מַיין נָאמֶען אִיז יוֹסֵי׃ בַּאלְד הָאט רַבִּי אַבָּא גִיהֵייסִין זַיינֶע צְוַויא גְרֶעסְטֶע תַּלְמִידִים׃ וָואס זַיי זַיינֶען גִיוָועזִן מַשְׁגִּיחִים אִיבֶּער דִי יְשִׁיבָה לַייט אַז מֶען זָאל דִיזֶען בָּחוּר אַרַיין נֶעמֶען אִין דֶר יְשִׁיבָה׃ אַלֶע זָאלִן אִים אָפּ גֶעבִּן כָּבוֹד אוּנ זַיי זָאלִן אִים אָן רוּפִן מִיט דֶעם טִיטִיל׃ רַבִּי יוֹסֵי דֶר וִוירְט פוּן רַייכְקַייט דֶר בָּחוּר אִיז גְוָועזִן אִין דֶער יְשִׁיבָה אוּנ הָאט גִילֶערִינְט תּוֹרָה אוּנ חָכְמָה מִיט גְרוֹיס הַתְמָדָה׃ עֶס אִיז אִיבֶּער גִיגַאנְגֶען אַיין לַאנְגֶע צַייט נָאךְ דֶעם׃ אִיז גְקוּמֶען רַבִּי יוֹסֵי צוּא רַבִּי אַבָּא אוּנ הָאט צוּא אִים גֶעזָאגְט רַבִּי׃ וָואס הָאסְטוּ פוּן מִיר בִּיז אַהֶער גִישְׁפָּאט׃ אִיךְ בִּין נָאךְ יֶעצְט אוֹיךְ דֶר זֶעלְבִּיגֶר אָרוֹמַאן׃ וִויא אִיךְ בִּין פְרִיעֶר גִוָועזִן׃ אִיךְ גַייא נַאקִיט אוּנ הָאבּ נִיט וואוּ אַיין מִיטָאג צוּ עֶסְן׃ אַלֶע מַיינֶע חֲבֵרִים וָואס זַיי קוּמֶן צוּא מִיר נִיט גְלַייךְ אִין לֶערְנֶן אוּנ אִין הַתְמָדָה זַיינֶען גֶעוָוארְן רַייךְ אוּנ הָאבֶּען שְׁטִיקֶער גָאלְד׃ אוּנ וָואס אִיז מִיט מִיר׃ אִיךְ הָאבּ פֶערְבְּרַאכְט

אלע

אלע מיינע צייטען אין תורה אונ אין חכמה · אונ איך האב קיינע נוצן פון דעם · דעם רבי אבא האט דיא זאך אפילו זייער פערדראסן · דען ער האט נאך זיינע רייד פערשטאנען אז אים פעלט נאך זייער פיל צו חכמה · אונ ער האט נאך אין איר קיין געפיל · דען ווער עס פילט דעם גישמאק פון דער חכמה · דער גלוסט ניט צו רייכקייט · דאך האט רבי אבא זיך אפ געהאלטן פון כעס אונ האט אים ניט מבייש גיוועזן · וייל ער האט גזעהן אין דעם יונג גרויסע פייהיקייטין דאס מיט דער צייט וועט ער איבער טרעפין אלע זיינע תלמידים אין חכמה אונ אין דרך ארץ · דרום האט אים רבי אבא קיין שלעכטן ווארט ניט גזאגט נאר ער האט גזאגט ווארט מיין זון אפ די צייט שטארק זיך אין לערנען · אונ דו וועסט אליין זעהן דאס ענדליך וועסטו זיין דר רייכסטער אונ דר גליקליכסטר אין דער וועלט עטליכע טעג זיינען איבער גילאפין פון יענער צייט איז גיקומן צו רבי אבא אגרויסער עשיר אונ האט צו אים גזאגט איך האב פון דיר געהערט אז דו האסט מיסד גיוועזן אגרויסע ישיבה אונ יעצט פרייט מיך צו זעהן מיט מיינע אויגן וויא שיין דער בית המדרש איז געבויט · עס איז איין גיראמעס הויז מיט פיל אפ טיילונגען אין בעזונדרע שיינע קלאסען · אונ וויא דיינע תלמידים זיצען אין ארדנונג · זיי זיינען זייער שיין געקליידט אונ זיי הערן זיך גוט איין דעם שעור פון תורה חכמה אונ מוסר וואס דוא זאגסט פאר פר זיי · דרום האב איך אפ גשייט פון מיין פערמעגן איין נדבה אויף דיין ישיבה אונ האב גבראכט מיט מיר טייערע חפצים · גאלדענע אונ זילבערנע כלים · בריליאנטן אונ קריסטאל · דר עשיר האט געפינט אקאסטען אונ האט פון אים ארויס גנומן די אלע גפעס אונ האט זיי אוועק גשטעלט פר רבי אבא אונ זיי האבען פערשיינט דעם גאנצין הויז · אונ האט גיזאגט דאס איז מיין נדבה וואס איך גיב זיי דיר אפ צו איינע שטיצונג פר די ישיבה לייט וועלכע לערנען דא תורה אונ חכמה · דאס זאל פר זיי זיין איינע קוועלע צום לעבין אונ אוים האלטונג מיט שפייז אונ מיט קליידונג · אונ איך גיב דיזע צדקה בכדי איך

זאל זיין מצליח אין מיינע גשעפטן: דאס מיין רייכקייט זאל זיך מערען בכדי איך זאל מיט מיין רייכקייט נאך מעהר קענן שטיצן די לייט פון דר ישיבה דאס די תורה זאל פערגרעסירט אונ מער גשטארקט ווערן · רבי אבא הט ביי אים דאס אלעס צוא גענומען אונ האט אים גבענשט מיט דעם נאמען פון גאט ב"ה · נאך דעם האט רבי אבא געשיקט רופען צוא אים דעם רבי יוסי אונ האט אים גגעבן איין בעכר פון דעם בעסטען סארט גאלד וואס מען רופט עס אין לשון הקדש פז · אונ ער האט צו אים גזאגט דאס הסטו איינע נאגראדע פר דיינע גרויסע התמדה אין דר תורה · אלם רבי יוסי האט גיזעהן זיין רבי האט אים דיזען בעכער גגעבען אז ער זאל אים זיין צום אן דיינקען · אלס איינע נאגראדע פר זיינע התמדה · האט ער בעקומען נאך מער חשק אונ האט גלערינט מיט אזו איין התמדה דאס צוא אים האט זיך ניט איינר פון יענר ישיבה גקענט פערגלייכין מידי יום ויום טאג פיר טאג האט די תורה אונ די חכמה פון רבי יוסי אלס מער גוואקסן · אונ די חכמה איז אים אריין גקומן טיף אין הערצן ביז ער האט געפילט איר זיסקייט · איר פאר גניגן אונ אירע שיינהייט · איין מאל איז זיך רבי יוסי גזעסן אין זיין צימער איינער אליין · אונ ער איז גיוועזן זייער פערטראכט אין חכמה אונ אין יראת שמים · אונ וויא ער איז גזעסן אונ גיטראכט איז זיין הערץ זייער צוא היצט גווארן אונ ער האט זייער שטארק גוויינט פלוצלונג האט זיך געפינט די טיר פון צימער אונ רבי אבא איז גשטאנען ביי די שוועל · אונ דר רבי יוסי איז נאך גוועזין אזו פערטראכט דאס ער האט גאר ניט געהערט אונ ניט מרגיש גיוועזן וויא זיין רבי איז צו אים אריין גיקומן אין צימר · האט רבי אבא צו אים צו גטראטן אונ האט צוא אים גזאגט דו מוסט מיר זאגין מיין זון · פר וואס ביסטו אזו בעזארגט · אונ פאר וואס וויינסטו אזו · דו דארפסט וויסן אז דו ביסט מיר זייער ליב · דריבר זאלסטו מיר זאגן וואס דיר פעלט · האט רבי יוסי גענטפערט איך ווין יעצט אויף דעם וואס איך האב איין מאל מיך בעקלאגט אויף מיינע אונגליקליכע צייט · איך האב דענמאל קיין מענשען פאר

אָדָם אֵין מְלַוִּין לוֹ לְאָדָם לֹא כֶסֶף וְלֹא זָהָב וְלֹא אֲבָנִים טוֹבוֹת וּמַרְגָּלִיּוֹת אֶלָּא תּוֹרָה וּמַעֲשִׂים טוֹבִים בִּלְבָד ׳ שֶׁנֶּאֱמַר בְּהִתְהַלֶּכְךָ תַּנְחֶה אֹתָךְ בְּשָׁכְבְּךָ תִּשְׁמֹר

חסדי אבות

שטאנד אין מיר גהאט ׳ וויא נאריש בין איך דענמאל גיוועזען אז איך האב פערגליכין די חכמת התורה צוא גאלד און צוא קריסטאל אונ איך האב איר געוועלט אויס בייטען ׳ אויף גינגאלד ׳ אונ יעצט כל זמן דער בעבר פון גין גאלד שטייט מיר פאר מיינע אויגען ׳ נעהם איך מיך צום הערצין אונ וויין אויף מיינע זינד וואס איך האב געזינדיגט צוא דער היילגע תורה וויל דוד המלך האט געזאגט טוב לי תורת פיך מאלפי זהב וכסף דיא תורה פון דיין מויל כלומר דיא חכמת התורה פון דיא חכמים וואס זייא זיינען איר מפרש בעל פה איז בייא מיר טייערער פאר טויזינדער שטיקער גאלד אונ זילבער ׳ וויל גאלד אונ זילבער זיינען גענומען פון דער ערד אונ דיא תורה איז מן השמים ׳ אלעם רבי אבא האט עס דער הערט האט ער זיך זייער געפרייט ער האט אים געקוסט אויף זיין קאפ אונ האט אים גיבענשט אונ פון דענמאל אן האט רבי אבא גערופען זיין נאמען רבי יוסי בן פזי ׳ וויל פז איז דער טייטש גין גאלד וויל די חכמת התורה איז ביי אים גיוועזען טייערער מזהב ומפז ׳ ולא עוד אונ ניט דיזע מעלה אליין האט דיא תורה ׳ אלא שבשעת פטירתו של אדם זאנדערין דאס אין דער צייט ווען דר מענש שיידט זיך פון דיזע וועלט ׳ כלומר אז עס קומט די צייט ווען ער מוז שטארבין אין מלוין לו לאדם לא כסף ולא זהב ולא אבנים טובות ומרגליות דען מאל בעגלייטין ניט דעם מענשען זילבר אונ גאלד אויך ניט ברילאנטין אונ פעריל אלא תורה ומעשים טובים בלבד ׳ נאר תורה אונ גוטע מעשים זייא אליין בעגלייטען דעם מענשען אונ פירען אים פאר הש״י ׳ וויא איין אלטער משל דער ציילט אונז דאס איין געוויסער רייכער מאן האט אמאל גיהאט דרייא גוטע פריינד ׳ צווייא פון זייא האט ער זייער ליב געהאט ׳ דער דריטער אבער איז בייא אים גיוועזען וויא איינע פינפטע ראד צוא איין

וואגען ׳ דאס הייסט ער איז אים גיוועזען גלייך גילטיג ער מאג אים יוא זיין אגוטער פריינד אדער ניט ער האט פון אים וויניג גיהאלטען חאטשי יענער דריטער פריינט איז אים גיוועזען מער טרייא פאר אלע פריינט וואס אין דער גאנצע וועלט ׳ עס איז אבער אמאל גיקומען אצייט וואס מען האט דיזען מאן געפאדערט ער זאל זיך שטעלען פאר דעם קיניג צום משפט ׳ ער איז אפילו ניט שולדיג גיוועזען ׳ אבער מען האט אים דאך זייער שטארק פערמסרת ׳ ווער פון אייך ׳ מיינע פריינד וויל מיט מיר גיין צום קיניג אונ זאגין אויף מיר עדות דאס איך בין איין ערליכער מאן ׳ אונ איין טרייער אונטער טאן צוא דעם קיניג אונ צום לאנד ׳ דען מען האט מיך זייער שטארק מלשין געוועזין אונ דער קיניג איז אויף מיר זייער אין כעס ׳ דער ערשטער פון זיינע גוטע פריינט האט זיך באלד אפ גיזאגט ׳ אונ האט זיך פאר ענטפערט אז וועגען זיינע פיל אנדערע געשעפטען קען ער ניט מיט גיין ׳ דער צווייטער גוטער פריינד האט אים בעגלייט ביז צוא דיא טיר פון ראט הויז ׳ אונ האט זיך באלד אום גיקערט צוא ריק נאך הויז צוא גיין ׳ וויל ער האט גיהאט מורא פאר דעם צארען פון דעם ריכטער ׳ דר דריטער גוטער פריינד וואס ער האט אויף אים וויניג געבויט אונ געטרויט ׳ דיזער איז מיט אים גיגאנגען ׳ אונ האט צוא געטראטען פאר דעם שופט ׳ ער האט פאר אים גערעט אונ האט בעוויזען וויא אונ שולדיג ער איז ׳ ביז דער ריכטער האט אים בעפרייט אונ ער איז פון דעם משפט ארויס גקומען ריין ׳ דרייא פריינט האט דער מענש אין דיזער וועלט ׳ (בעולם הזה) ׳ אונ וויא בעהאנדלען זייא מיט אים אין דער שטונדע פון זיין טויט ׳ בעת גאט פאדערט אים צוא געבען פאר אים דין וחשבון ׳ דאס געלט זיין בעסטער פריינד פערלאזט אים צוא

עליך והקיצות היא תשיחך · בהתהלכך תנחה אתך בעולם הזה · בשכבך תשמור עליך בקבר · והקיצות היא תשיחך לעולם הבא : ואומר לי הכסף ולי הזהב נאם יי צבאות : י חמשה קנינים קנה הקדוש ברוך הוא בעולמו ואלו הן · תורה קנין אחד · שמים וארץ קנין אחד · אברהם קנין אחד · ישראל קנין אחד · בית המקדש קנין אחד : תורה מנין דכתיב יי קנני ראשית דרכו קדם

חסדי אבות

ערשט אונ גייט ניט מיט אים · וויא דער פסוק זאגט כי לא במותו יקח הכל לא ירד אחריו כבודו · אז דער מענש שטארבט נעמט ער ניט מיט זיין גוץ · אונ זיינע עשירות גייהט מיט אים ניט אין קבר · זיינע פאמיליע איין ווייב אונ קינדער אונ קרובים · בגלייטין אים ביז צום קבר · אונ קערין ווידער צו ריק אין זייערע הייזער · דער דריטער פריינד אבער דעם הט ער פיל מאל אין זיין לעבן כמעט פר געסען אויף אים דאס זיינען דיא מעשים טובים אונ דיא תורה וואס ער האט צוא ציטען געלערענט · זייא אליין בעגלייטין אים ביז דעם כסא הכבוד פון דעם וועלט ריכטער שופט כל הארץ · זייא קומען אים פאר · זייא זיינען גוטע מליצים פאר אים · אונ געפינען פאר אים איין זכות מיט גינאד אונ בארימהערציקייט שנאמר וויא דער פסוק זאגט בהתהלכך תנחה אותך בשכבך תשמור עליך · והקיצות היא תשיחך : איז דיא ברייתא מפרש דעם פשט בהתהלכך תנחה אותך בעולם הזה אין דיין אומגאנג מיט מענשען אויף דיזער וועלט וועט דיא תורה דיך פירען · כלומר דיא תורה לערינט וויא מען זאל זיך בעגיין מיט מענשין · בשכבך תשמור עליך בקבר אז דו וועסט ליגען אין קבר וועט דיא תורה וואכען איבער דיר · והקיצות היא תשיחך לעולם הבא אונ אז דוא וועסט זיין וואך אין דעם עולם הנשמות דאס איז אין דעם גן עדן העליון וואו די צדיקים זיינען נהנה מזיו השכינה בהקיץ · וויא דוד המלך ע"ה האט גיזאגט אשבעה בהקיץ תמונתך איך וועל אין וואך זיך זעטיגען מיט דיין גישטאלט · דענמאל וועט אויך דיא תורה מיט דיר ריידן זיא וועט דיר מגלה זיין סודות · ואומר אונ נאך איין פסוק זאגט לי הכסף ולי הזהב אמר ה׳ צבאות · כלומר · דער תנא רבי יוסי בן קסמא האט גיזאגט צום דעם מענשין וועלכער האט אים צוא גירעט ער זאל וואוהנען מיט אים אין זיין שטאט אונ ער וועט אים מאכין רייך מיט זילבער אונ מיט גאלד · אראיה פון דעם פסוק אז הש"י זאגט דאס זילבער אונ דאס גאלד איז מיינע אונ וועמן איך וויל דעם טייל איך זייא איין · אונ ווען גאט וויל אזו קען ער מיר איינטיילין אויך אין מיין שטאט וואו איך בין · אונ אז הש"י וויל מיר קיין עשירות געבין · וועט אויך דיין געבין מיר גאר נישט העלפין : י חמשה קנינים קנה הקב"ה בעולמו פינף איינגינסען האט הש"י איינגעהאנדילט דורך זיין וועלט וואס ער האט בעשאפין · דען אז ער וואלט ניט בעשאפין דיא וועלט · וואלט ער עס ניט גיהאט · ואלו הן אונ דאס זיינען זייא · תורה קנין אחד די תורה איז איין אייגינס פאר זיך · שמים וארץ קנין אחד הימיל אונ ערד איז אויך איין בעזונדער אייגינס · אברהם קנין אחד אברהם איז ווידער איין אייגינס פאר זיך · ישראל קנין אחד דאס פאלק ישראל איז זיך אבעזונדערע אייגינס · בית המקדש קנין אחד דר בית המקדש איז איין איינציגער אייגינעם אונ דרום רעכינט דער תנא דיזע פינף אלס אייגינס פון גאט ב"ה וויל דיזע פינף ווייזען צוא דיא וועלט דעם נאמען פון הש"י וויא גרויס אונ דער הויבען איז ער אין זיינע הייליגקייט · דיא תורה אין גאנצען איז דער הערב פון גאט ב"ה וויא דער ווילנער גאון זכרו לברכה שרייבט אין זיין ספר אדרת אליהו התורה כולה היא שמותיו של הקב"ה דיא תורה איז דורך אויס דיא נעמען פון הש"ית דער הימיל מיט דיא ערד זיינען פול מיט דעם כבוד פון גאט אונ זאגין עדות אויף זיינע גבורות מיט זיין יכולת · אברהם אבינו

ע"ה

מִפְּעָלָיו מֵאָז: שָׁמַיִם וָאָרֶץ מִנַּיִן דִּכְתִיב כֹּה אָמַר יְיָ הַשָּׁמַיִם כִּסְאִי וְהָאָרֶץ הֲדֹם רַגְלָי אֵי זֶה בַיִת אֲשֶׁר תִּבְנוּ לִי וְאֵי זֶה מָקוֹם מְנוּחָתִי: וְאוֹמֵר מָה רַבּוּ מַעֲשֶׂיךָ יְיָ כֻּלָּם בְּחָכְמָה עָשִׂיתָ מָלְאָה הָאָרֶץ קִנְיָנֶךָ: אַבְרָהָם מִנַּיִן דִּכְתִיב וַיְבָרְכֵהוּ וַיֹּאמַר בָּרוּךְ אַבְרָם לְאֵל עֶלְיוֹן קוֹנֵה שָׁמַיִם וָאָרֶץ: יִשְׂרָאֵל מִנַּיִן דִּכְתִיב עַד יַעֲבֹר עַמְּךָ יְיָ עַד יַעֲבֹר עַם זוּ קָנִיתָ: וְאוֹמֵר לִקְדוֹשִׁים אֲשֶׁר בָּאָרֶץ הֵמָּה

חסדי אבות

ע"ה איז גִיוָועזִין דֶער עֶרְשְׁטֶער וְואס עֶר הָאט דֶער קֶענְט אונ עֶר הָאט גִימַאכְט בֶּעקַאנְט דֶעם נָאמֶן פוּן השי"י צוּא אַלֶע לַייטִין עֶר הָאט דוּרְךְ גֶערַייזְט אִין פִיל לֶענְדֶר אונ הָאט אוֹיס גֶערוּפִין דָאס עֶס אִיז דָא אַיין אֵיינְצִיגֶער גָאט וָואס עֶר הָאט דִיא וֶועלְט בֶּעשַׁאפִין פוּן גָאר נִישְׁט · אונ קֵיינֶער הָאט אִים נִיט בֶּעשַׁאפֶען אונ עֶר אִיז אַמַשְׁגִיחַ אוֹיף דֶער וֶועלְט אונ צוּא אִים אונ צוּא זַיין יְכוֹלֶת אִיז קֵיין סוֹף אונ קֵיין עֶנְדֶע אונ עֶר לֶעבְּט אֵייבִּיג (חי וקים לעד) · דָאס פָאלְק יִשְׂרָאֵל דוּרְךְ זַייעֶרֶע גְלִיקֶען אונ דוּרְךְ זַייעֶרֶע אוּנְגְלִיקֶען אִיז בֶּעווּאוּסְט דִיא גְבוּרוֹת פוּן גָאט מִיט זַיין יְכוֹלֶת אונ זַיין הַשְׁגָחָה אוֹיף דֶער וֶועלְט · דֶער בֵּית הַמִקְדָשׁ אִיז דָאס הוֹיז וָואס גָאט ב"ה הָאט מְיַחֵד גִיוָועזִין אוֹיף אִים זַיין הֵיילִיגִין נָאמֶען וִויא דֶער פָּסוּק זָאגְט הבית אשר נקרא שמי עליו השי"י זָאגְט אוֹיף אִים אַז דָאס אִיז דָאס הוֹיז וָועלְכֶם מַיין נָאמֶען וָוערְט גִירוּפִין אוֹיף אִים · אִיז דִיא בָּרַיְיתָא מְפָרֵשׁ: תורה מנין וִויא אַזוֹ אִיז גְדְרוּנְגֶן אַז דִיא תּוֹרָה אִיז זַיין אֵייגְנְס · דכתיב וַוייל בַּייא אִיר שְׁטֵייט גִישְׁרִיבִּין ה׳ קנני ראשית דרכו קדם מפעליו מאז גָאט הָאט מִיךְ גֶעקוֹיפְט וָואס אִיךְ בִּין גָאר דִיא עֶרְשְׁטֶע וֶועג זַיינֶע · נָאךְ אֵיידֶער עֶר הָאט אַלֶס בֶּעשַׁאפִין · שמים וארץ מנין וִויא אַזוֹ אִיז גִידְרוּנְגֶען אוֹיף הִימִיל אונ עֶרְד · דכתיב דֶען בַּייא זֵייא שְׁטֵייט גִישְׁרִיבֶּען כה אמר ה׳ השמים כסאי והארץ הדום רגלי איזה בית אשר תבנו לי ואי זה מקום מנוחתי אַזוֹ הָאט גָאט גִיזָאגְט דֶער הִימִיל אִיז מַיין שְׁטוּל אונ דִיא עֶרְד אִיז דֶער שֶׁעמִיל פוּן מַיינֶע פִיס · וָועלְכֶם הוֹיז קֶענְט אִיר פַאר מִיר בּוֹיעֶן · אונ וואו אִיז דֶער אָרְט וָואס דָארְטִין זָאל זַיין מַיינֶע רוּהוּנְג · ואומר אונ נָאךְ אַיין פָּסוּק זָאגְט דָאס גָאט הָאט גֶעקוֹיפְט דִיא עֶרְד מִיט דֶעם הִימִיל מה רבו מעשיך ה׳ כלם בחכמה עשית מלאה הארץ קנינך וִויא פִיל גָאט זַיינֶען דַיינֶע וֶוערְק דוּ הָאסְט זֵייא אַלֶע מִיט חָכְמָה גִימַאכְט וָואס מִיט דִיא חָכְמָה אִיז פוּל דִיא עֶרְד דָאס זַיינֶען דַיינֶע קִנְיָנִים כְּלוֹמַר דֶער הִימִיל אונ דִיא עֶרְד זַיינֶען דַיינֶע אֵייגְנְסִין וָואס דוּ הָאסְט זֵייא גִיקוֹיפְט אברהם מנין וִויא אַזוֹ אִיז גְדְרוּנְגִין אוֹיף אַבְרָהָם דכתיב וַוייל עֶס שְׁטֵייט גִישְׁרִיבִּין ויברכהו ויאמר ברוך אברם לאל עליון קונה שמים וארץ מַלְכִּי צֶדֶק דֶער מֶלֶךְ פוּן שָׁלֵם הָאט דֶעם אַבְרָם גִיבֶּענְשְׁט אונ הָאט גִיזָאגְט גִיבֶּענְשְׁט אִיז אַבְרָם צוּא גָאט וָואס עֶר אִיז דֶער הֶעכְסְטֶער · וַוייל דוּרְךְ דִיר אַבְרָם הָאט גָאט גֶעקוֹיפְט דִיא הִימִיל אונ עֶרְד · כְּלוֹמַר עֶר הָאט זֵייא בֶּעשַׁאפִין נָאר צוּא לִיבּ דִיר · וִויא אוּנְזֶערֶע חֲכָמִים זָאגִין אוֹיף דֶעם פָּסוּק אלה תולדות השמים והארץ בהבראם באברהם דָאס דֶער הִימִיל מִיט דִיא עֶרְד זַיינֶען בַּשַׁאפִין גִיוָוארִין נָאר צוּא לִיבּ אַבְרָהָם וָואס עֶר הָאט צוּא אַלִימֶען גִימַאכְט וִויסֶען דֶעם נָאמֶען פוּן גָאט ב"ה · דֶען דִיא אוֹתִיוֹת בהבראם זַיינֶען דִיא זֶעלְבִּיגֶע אוֹתִיוֹת באברהם · דָאס הֵייסְט וֶועגִין אברהם · ישראל מנין וִויא אִיז גִידְרוּנְגֶען אַז דִיא יִשְׂרָאֵל זַיינֶען אַיין קִנְיָן בַּייא גָאט · דכתיב דֶען עֶס שְׁטֵייט גִישְׁרִיבִּין עד יעבור עמך ה׳ עד יעבור עם זו קנית מֹשֶׁה רַבֵּינוּ זָאגְט אִין דֶער שִׁירָה פוּן יַם עֶס זָאל פַאלִין אַיין שְׁרֶעק אוֹיף דִיא פֶעלְקֶער בִּיז דַיין פָאלְק וֶועט אִיבֶּער פָארִין דֶעם יַרְדֵן · בִּיז עֶס וֶועט אִיבֶּער פָארִין דַיין פָאלְק וֶועלְכֶע דוּא הָאסְט גֶעקוֹיפְט · אונ בִּכְדֵי מֶען זָאל נִיט מֵיינֶען אַז דָאס וָוארְט קָנִיתָ מֵיינְט מֶען נִיט אֵייגִינְס פוּן לִיבְּשַׁאפְט נָאר פָּשׁוּט עֶר הָאט זֵייא גֶעקוֹיפְט אַלֶס קְנֶעכְט פַאר דִיא טוֹבָה וָואס עֶר הָאט מִיט זֵייא גִיטָאן וָואס עֶר הָאט זֵייא אוֹיס גֶעלֵייזְט פוּן גָלוּת מִצְרַיִם · דְרוּם בְּרֵיינְגְט דער תַּנָא ואומר אַז אַיין

וְאַדִּירֵי כָּל חֶפְצִי בָם: בֵּית הַמִּקְדָּשׁ מִנַּיִן דִּכְתִיב מָכוֹן לְשִׁבְתְּךָ פָּעַלְתָּ יְיָ מִקְּדָשׁ אֲדֹנָי כּוֹנְנוּ יָדֶיךָ: וְאוֹמֵר וַיְבִיאֵם אֶל גְּבוּל קָדְשׁוֹ הַר זֶה קָנְתָה יְמִינוֹ: יא כָּל מַה

חסדי אבות

פָּסוּק זָאגְט לקדושים אשר בארץ המה ואדירי כל חפצי בם דָאס רֵייד אִיךְ וֶועגְן דִי הֵיילִיגֶע לַייט וָואס זַיינֶען דָא אוֹיף דָער עֶרְד · נִיט וֶועגְן דִיא הֵיילִיגֶע וָואס אִין הִימִיל · כְּלוֹמֶר וֶועגִין דָאס הֵיילִיגֶע פָאלְק יִשְׂרָאֵל אוּנ נִיט וֶועגִין דִי הֵיילִיגֶע מַלְאָכִים · נָאר דָאס זַיינֶען דִיא שְׁטַארְקֶע לַייט וָואס זַיינֶען גּוֹבֵר דֶעם יצה"ר אוּנ מַיין גַאנְצֶע בַּאגֶער אִיז אִין זֵייא דֶער פוּן זֶעהְט מֶען דָאס קנית הֵייסְט נָאר קוֹיפִין צוּם אֵייגִינְם פוּן לִיבְשַׁאפְט · וַוייל עֶר זָאגְט אַז מַיין גַאנְצֶער בַּאגֶער זַיינֶען זֵיי · דֶער דוּבְּנֶער מַגִּיד שְׁרַייבְּט אַיין בֶּעוַוייז דָאס דִיא יִשְׂרָאֵל זַיינֶען בַּייא הַשי"ת אַיין קִנְיָן פוּן לִיבְשַׁאפְט וַוייל בְּעֵת הַשי"ת הָאט זֵייא אוֹיס גִיצוֹיגִין פוּן מִצְרַיִם זַיינֶען זֵייא גִיוֶועזִין גָאר נַאקֶעט פוּן מִצְוֹת וְוִיא עֶר זָאגְט ואת ערום ועריה דוּא בִּיסְט נָאךְ גָאר נַאקִיט אוּנ לֶער · אוּנ הַשי"ת פֶערְלַאנְגְט אָבֶער פוּן אוּנְז יֶעצְט אַז מִיר זָאלִין זַיין אִין אוּנְזֶער פֶערְצַייטִיגֶען מַעֲמַד וָואס מִיר זַיינֶען גִיוֶועזִין בְּעֵת מִיר זַיינֶען גִישְׁטַאנֶען בַּייא דֶעם בַּארְג סִינַי וָואס מִיר הָאבִּין אוֹיף אוּנְז מְקַבֵּל גִיוֶועזִין נעשה ונשמע אוּנ מִיר זַיינֶען דֶענְמָאל גִיוָוארִין רַייךְ מִיט תּוֹרָה אוּנ מִצְוֹת · דֶערוֹיף הָאט אָבֶער דָוִד הַמֶּלֶךְ ע"ה גִיזָאגְט (תהלים עד) · זכור עדתך קנית קדם דֶער מָאן אוֹיף דַיינֶע גִימֵיינְדֶע וֶועלְכֶע דוּא הָאסְט דִיר פַאר אַיין קִנְיָן פוּן לִיבְשַׁאפְט גִיהַאנְדִילְט גָאר אַמָאל אִין דֶער עֶרְשְׁטֶע צַייט אַז מִיר זַיינֶען נָאךְ גִיוֶועזִין אָרוּם פוּן מִצְוֹת · עַל דֶרֶךְ מָשָׁל אַיין רַייכֶער מַאן הָאט מְשַׁדֵּךְ גִיוֶועזִין זַיינֶע טָאכְטֶער מִיט אַיין אָרוּם קִינְד אוּנ הָאבִּין בֶּעשְׁטִימְט דֶעם זְמַן הַחֲתוּנָּה נָאךְ צְוֶועלְף חֳדָשִׁים · אוּנְטֶער דֶער צַייט הָאט גִיטְרָאפִין אַז דֶער פָאטֶער פוּן חָתָן הָאט גֶעוואוּנֶען דִיא גְרוֹיסֶע גֶעווִינְס אוּנ עֶר אִיז גִיוָוארְן אַיין עָשִׁיר אוּנ עֶר הָאט מַבְטִיחַ גִיוֶועזִין צוּא זַיין מְחוּתָּן דָאס עֶר וֶועט אוֹיךְ גֶעבִּין אַיין סוּמָא נַדַן · דָען עֶר אִיז דָאךְ יֶעצְט רַייךְ · עֶס אִיז גִיקוּמֶען דִיא צַייט פַאר דֶער חֲתוּנָּה וָואס מֶען הָאט גִידַארְפְט מַשְׁלִישׁ זַיין דֶעם נַדַן בַּייא אַיין שָׁלִישׁ · הָאט דֶער פָאטֶער פוּן חָתָן חֲרָטָה גִיהַאט פוּן זַיין הַבְטָחָה · אוּנ הָאט נִיט גִיוֶועלְט גֶעבִּין דֶעם נַדַן · הָאט זַיין מְחוּתָּן אִים גֶעלָאדִין צוּם דִין תּוֹרָה · אַלְס דֶער מְחוּתָּן הָאט פַאר דֶעם דַיָּין אָפּ גִירֶעט זַיינֶע טַעֲנוֹת הָאט דֶעם חָתָנְס פָאטֶער גִיזָאגְט מִיךְ וואוּנְדֶערְט זֵייעֶר אוֹיף מַיין מְחוּתָּן וְוִיא אַזוֹ הָאט עֶר רֶעכְט בַּיי מִיר צוּא מָאנֶען נַדַן · הָאט עֶר דֶען גִיטָאן אַשִׁידוּךְ מִיט אַיין עָשִׁיר · בְּעֵת מִיר הָאבְּן זִיךְ פֶערְבּוּנְדִין מִיט דֶעם שִׁידוּךְ בִּין אִיךְ דָאךְ דֶענְמָאל גִיוֶועזִין אַיין אָרוּמַאן · אוּנ וָואס אִיז אִים דֶער הֶיזֵּק אַז אִיךְ בִּין אִיצוּנְד רַייךְ · דָאס זֶעלְבִּיגֶע הָאט גִיטַעֲנֶת דָוִד הַמֶּלֶךְ ע"ה מִיט הַשי"ת דוּא פֶערְלַאנְגְסְט פוּן אוּנְז מִיר זָאלִין הַאלְטִין אוּנְזֶער וָוארְט נעשה ונשמע וָואס מִיר הָאבִּין דִיר צוּא גִיזָאגְט אַז מִיר זַיינֶען גִיוָוארִין עֲשִׁירִים אִין תּוֹרָה וּמִצְוֹת זכור עדתך קנית קדם דֶער מָאן אוֹיף דַיין פָאלְק וֶועלְכִן דוּא הָאסְט זִיךְ מִיט אִים פֶערְבּוּנְדִין אִין לִיבְשַׁאפְט גָאר צוּם עֶרְשְׁטִין מָאל זַיינֶען מִיר דֶען דֶענְמָאל רַייךְ גִיוֶועזִין · מִיר זַיינֶען דָאךְ יֶענֶע צַייט גִיוֶועזִין דלים ורקים קֶנֶעכְט בַּייא פַּרְעֹה אִין מִצְרַיִם · אוּנ אַז מִיר הָאבִּן נָאכְדֶעם זוֹכֶה גִיוֶועזִין צוּא וֶוערִין עֲשִׁירִים אִין תּוֹרָה אוּנ מִצְוֹת הָאסְט דוּא רבש"ע דֶען אַשָׁאדִין דֶער פוּן ה"ו · גֶעדֵיינְק לִיבֶּער וָואס גָאר צוּם עֶרְשְׁטִין אִיז גִיוֶועזִין אוּנ מָאן נִיט פוּן אוּנְז יֶעצְט נָאךְ דִיא רַייכְקַייט וָואס מִיר זַיינֶען בְּשַׁעַת דֶעם מַעֲמַד פוּן בַּארְג סִינַי רַייךְ גִיוָוארִין · בית המקדש מנין וְוִיא אַזוֹא אִיז גִידְרוּנְגֶען אַז דֶער בהמ"ק אִיז אַגֶעלִיבְּטֶער קִנְיָן צוּא גָאט · דכתיב וַוייל עֶס שְׁטֵייט גֶעשְׁרִיבְּן מכון לשבתך פעלת ה' מקדש ה' כוננו ידיך אֵיינֶע צוּ בְּרֵייטוּנְג צוּא דַיינֶעם זִיטְץ אָרְט הָאסְט דוּא גָאט גִימַאכְט · דָאס אִיז דֶער בֵּית הַמִּקְדָּשׁ וָואס דַיינֶע הֶענְד גָאט · הָאבִּין אִים גֶעגְרִינְדֶעט · ואומר אוּנ נָאךְ אַפָּסוּק

זאגט

שֶׁבָּרָא הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא בְּעוֹלָמוֹ לֹא בְרָאוֹ אֶלָּא לִכְבוֹדוֹ שֶׁנֶּאֱמַר כֹּל הַנִּקְרָא בִשְׁמִי וְלִכְבוֹדִי בְּרָאתִיו יְצַרְתִּיו אַף עֲשִׂיתִיו: וְאוֹמֵר יְיָ יִמְלֹךְ לְעוֹלָם וָעֶד: רַבִּי חֲנַנְיָא בֶּן עֲקַשְׁיָא אוֹמֵר רָצָה הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא לְזַכּוֹת אֶת יִשְׂרָאֵל לְפִיכָךְ הִרְבָּה לָהֶם תּוֹרָה וּמִצְוֹת שֶׁנֶּאֱמַר יְיָ חָפֵץ לְמַעַן צִדְקוֹ יַגְדִּיל תּוֹרָה וְיַאְדִּיר:

חסדי אבות

זָאגְט ויביאם אל גבול קדשו הר זה קנתה ימינו עֶר הָאט זַייא גִיבְּרַאכְט צוּא זַיין הַיילִיגָען גְרֶענִיץ צוּא דָעם בַּארְג (דָער הַר הַבַּיִת) וָואס זַיינֶע רֶעכְטֶע הַאנְד הָאט אִיהְם גָעקוֹיפְט: יא כל מה שברא הקדוש ברוך הוא בעולמו אַלֶעס

וָואס הקב"ה הָאט אִין זַיין וֶועלְט בָּעשַׁאפְן לא בראו אלא לכבודו הָאט עֶר עֶס אַנְדֶערְש נִיט בָּעשַׁאפִין נָאר צוּא לָאזִין דָער קֶענֶען זַיין כָּבוֹד · שנאמר דָען אַזוֹא אִיז גִיזָאגְט אִין פָּסוּק כל הנקרא בשמי ולכבודי בראתיו יצרתיו אף עשיתיו אַלֶע בַּאשֶׁעפְנִים וָואס זַייא זַיינֶען אַהֶער גָערוּפִין גִיוָוארִין אִין מַיין נָאמֶען · כְּלוֹמַר וָואס אִיךְ הָאבּ זַייא בַּאשֶׁפְוָוארִין מִיט מַיין נָאמֶען אַז זַייא זָאלִין וָוערִין · אוּנ דָאס אַלֶעס וָואס אִיךְ הָאבּ אִיהְם בֶּעשַׁאפִין וֶועגִין מַיין כָּבוֹד · הָאבּ אִיךְ גֶעפָּארְמְט אוּנ הָאבּ עֶס אוֹיךְ אוֹיס גֶעבִּילְדֶעט · ואומר אוּנ נָאךְ אַפָּסוּק זָאגְט אַז דָער כָּבוֹד פוּן גָאט ב"ה אִיז דָער תַּכְלִית פוּן דָער גַאנְצֶע בֶּעשַׁאפוּנְג ה' ימלוך לעולם ועד גָאט וָועט קִינִיגֶען אִימֶער אוּנ אַייבִּיג · אָמֵן

רבי חנניא בן עקשיא זָאגְט · גָאט הָאט גִישְׁטֶעלְט אִין דָר תּוֹרָה אַזֶעלְכֶע מִצְוֹת דְהַיינוּ עֶר זָאל נִיט עֶסִין שְׁקָצִים וּרְמָשִׂים חָאטְשֶׁע עֶס וָואלְט נִיט שְׁטַיין אִין דָער תּוֹרָה וָואלְט מֶען אוֹיךְ נִיט גִגֶעסִן הָאט עֶר גִשְׁטֶעלְט עֶר זָאל זַיי גֶעבִּין שְׂכַר דְרוֹיף וִויא אִין פָּסוּק שְׁטֵייט גָאט הָאט גִיוָואלְט מְזַכֶּה זַיין דִיא יִשְׂרָאֵל פוּן וֶועגִין זַיין צִדְקוֹת דְרוּם טוּט גָאט גְרֶעסֶער מַאכִין דִיא תּוֹרָה כְּדֵי יוּדִין זָאלֶען לֶערְנֶן וֶועלִין זַייא נֶעמֶן אַנְטֶען שְׂכַר בְּעוֹלָם הַזֶּה וּבְעוֹלָם הַבָּא אָמֵן:

